STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10390

SHMUESN MIT DER TSAYT

Mordecai Strigler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער פֿאַרלאַג „קיום״ דריקט אויס זיין אָנערקענונג דעם דירעקטאָריום פֿון דער יידישער פֿאָלקסבאַנק („באַנקאָ איזראַעליטאַ דעל ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ״) בראש מיטן פּרעזידענט פּ׳ באָריס קנאָבעל, פֿאַר זיין וואַרעמער באַציִונג צום יידישן בוך בכלל און פֿאַר דעם באַדייטנדיקן בייטראַג, וואָס האָט דער־מעגלעכט עס זאָל דערשיינען דאָס דאָזיקע בוך. אַ האַרציקן יישר־כּוח.

מרדכי שטריגלער

שמועסן מיט דער צייט

17

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

קיום

מרדכי שטרישלער

שמועסן מיט דער צייט

אינטימע קאַפּיטלען
פון
אַ יידישן חשבון

באַנד איינס

בוענאס איירעס
תשי״ט-1959

משה פייגענבלום.

אַ וואָרט צום לייענער

דאָס דאָזיקע בוך הייבט אָן רעאַליזירן מיינס אַ הייסן באַגער: אויפזאַמלען צווישן בוך־טאָוולען אַ צאָל פון מיינע אַרבעטן, וואָס זענען צעוואָרפן איבער אַזויפיל צייטשריפטן. היות ווי במשך פון די לעצטע 15 יאָר האָבן זיי זיך אָנגעזאַמלט אין די הונדערטער, קען מען זיך פאָרשטעלן דעם מחברס נסיון: מיט וואָס הייבט מען אָן פריער?

איך גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אויך די עסייען וועלכע איך האַלט פאַר ראוי לבוא בקהל, דאַרפן פאַרנעמען אַ שפּאָר ביסל בענדער. איז אַ גרויסער ספק, אויב דאָס לאָזט זיך אַמאָל פאַרווירקלעכן. נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָב איך בכן באַשלאָסן צו געבן די בכורה יענע מאמרים, וו די בלאָנדזשענישן פון אונדזער צייט — און אויך די אייגן־אינערלעכע געראַנגלען — קומען צום אויסדרוק. אַפילו די היסטאָרישע און תנכישע מעדיטאַציעס — אויף וויפל זיי ווערן דאָ אַריינגעפלאָכטן — זענען גיכער אַ מעדיום פאַר דער היינטיקער מחשבה, איידער ריין־אַבסטראַקטע מאָטיוון.

כ׳וויל זיך לכתחילה מודה זיין, אַז סיי די אַרבעטן פון ד ע ם בוך — און סיי די, וואָס וועלן אַריינקומ׳ען אין אַ צווייטן בוך מיטן זעלבן נאָמען — זענען אויסן אַ באַשטימטע טענדענץ. ס׳איז איבעריק אויף איר אָנצווייזן, ווייל דער לייענער וועט זי קלאָר אַרויסזען. איך האָב געפילט, אַז כל־זמן איך קום נישט אַרויס מיטן אייגן־אָפּגעשפּאָרטן „אַני מאמין" איז מיר נישט מעגלעך אַרויסצוגעבן להבא קיין ווייטערדיקע ביכער פון ריין־ליטעראַרישן תוכן.

ווייט פון איבערגעטריבענע אילוזיעס — בין איך אָבער זיכער דערביי, אַז עס וועלן זיך אָפּזוכן נאָך אַ צאָל יידן מיט די זעלבע טראַכטענישן. אָן דער דאָזיקער האָפענונג, וואָלט אפשר כדאי געווען צו פאַרברענען די דאָזיקע כתבים — איידער זיי זאָלן אומזיסט און אומנישט זען די ליכטיקע שיין. זיי זענען נישט אויסן קיין מחשבה־שפּיל, נאָר אַרויסצורופן ביי אַ צאָל יידן דעם דראַנג צו געוויסע מעשים.

***

„שמועסן מיט דער צייט" — ווייל דאָ ווילט זיך בעיקר אַ ד ו ר כ־

שמועסן בציבור, איידער צו באַווייזן שרייבערישע גבורות. זיי זענען אַ פּועל־יוצא פון אַ לאַנג־יאָריקן ווען דערגיין צו אַ טאָלק אין אונדזער יידיש־שווערער צייט. די דאָזיקע „שמועסן" באַטראַכט איך ווי אַן התחלה פונעם הויפּט־געדאַנק: צו אַקטואַליזירן אונדזער גייסטיק־יידיש פאַרמעגן. אויב זיי וועלן באַווייזן צו אַקטיוויזירן דעם אינטערעס ביי אַ צאָל גוטע יידן, ביז צום העלפן רעאַליזירן דעם דאָזיקן רעיון פון אויפזאַמלען די יידישע ווערטן, וועט עס זיין איינער פון די גליקלעכסטע מאָמענטן אינעם מחברס לעבן.

***

עס איז אפשר כדאַי אָנצווייזן דעם לייענער אויף די דאַטומס, ווען די אַרבעטן זענען צום ערשטן מאָל אַרויסגעברענגט געוואָרן. דאָס איז פּשוט דערפאַר, וואָס בשעתם זענען אַ טייל פון זיי האַרב אָפּגעפרעגט געוואָרן — און איצט ווערן שוין איינִיקע פון זיי אויפגענומען ווי זעלבסטפאַרשטענדלעכקייטן. דעם מחבר איז אויסגעקומען צו קירצן נישט־ווייניק פון זיינע מחשבות, וואָס אַמאָל האָבן זיי אויסגעזען גאָר ניי און היינט ווערן זיי גאָר אָפּט איבערגעחזרט. לאָמיר האָפן, אַז אויך יענע געדאַנקען וועלכע זענען עד־היום אומפּאָפּולער — וועלן לכל הפחות גוט איבערגעטראַכט ווערן אויך פון די קעגנער.

***

און לבסוף: איך בין אויפריכטיק דאַנקבאַר סיי דעם פאַרלאַג „קיום" און סיי דער „יידישער פאָלקס־באַנק" אין בוענאָס איירעס פאַרן דערמעגלעכן די דאָזיקע באַשיידענע התחלה. הלוואַי זאָל אונדז נאָך באַשערט זיין צו מאַכן ווייטערדיקע שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג. אויב אַ צאָל יידישע הערצער זאָלן זיך באמת צעעפענען פאַרן געדאַנק פון סיסטעמאַטישן אָפּפרישן די יידישע ווערטן פון דורות — וועלן מיר עס זיכער מעגן האַלטן פאַר אַ בשותפותדיקן און נישט־קליינעם זכות.

ניו־יאָרק, 22 יוני 1959.

דאָס היסטאָרישע יידנטום ערב אַ נייעם נוסח

א.

...און זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, אַז דער רוח־הקודש רעדט
ביי דער כנסת־ישראל אין אַלע באַוועגונגען פון איר גייסט;
און דער סוף פון אַלע איז צו תשובה, וואָס ברענגט היילונג
און גאולה צו דער וועלט...

[הרב א. י. הכהן קוק, „אורות התשובה", פרק יז]

אונדזער וועלטלעך־יידישער דור וועט נאָך לאַנגע יאָרן זיין פאַרנומען מיטן זוכן אַ תיקון פאַר דער אייגענער יידישקייט. ביי וואָס הייבט מען אָן? אין אַ צאָל פובליציסטישע אַרבעטן האָב איך געפּרוווט אָנווייזן: ביי די קוואַלן פונעם היסטאָרישן יידנטום. דאָס מיינט אייגנטלעך: ביי דער רעוויזיע פון אַ סך באַגריפן, וואָס האָבן זיך ביי אונדז איינגעבירגערט. לאָמיר אָנהייבן ביי די וויכטיקסטע.

טייל יידישע קרייזן באַנוצן זיך עד־היום מיט אַ פּאָפּולערער פראַזע: „מיר לעבן אין אַ נייער תקופה". דאָס איז זיכער אַן עלעמענטאַרער אמת. אָבער ביי זיי דרינגט אַרויס דערפון, אַז אַלץ וואָס טראָגט אויף זיך „אַלטן" שטויב — זאָל גאָר נישט געדאַכט ווערן. אַזאַ צוגאַנג פאַרענטפערט אַ צאָל פלאַכקייטן אין אונדזער לעבן. מען פאַרגעסט אַ סך יידישע התחייבותן — נישט חלילה ווייל מען וויל זיך גרינגער מאַכן דעם עול, נאָר ווייל די צייט פאָדערט עס. די נייע תקופה... און בכדי די „נייקייט" זאָל האָבן איר אַנטי־פאָד — ווערט צוגעגעבן אַ פירוש: „מיר לעבן מער נישט אין איישישאָק". דאָס דאַרף זאָגן: אַ סך יידישע ווערטן זענען נאָר גילטיק געווען פאַרן קליינעם שטעטל. זיי טויגן אָבער מער נישט פאַר יידן, וואָס אָטעמען די לופט פון וועלט־שטעט. אויך דער סך־הכל איז קורץ און שאַרף: „מיר ווילן זיך נישט אומקערן אין געטאָ".

פאַר אַזעלכע קרייזן איז קודם־כל נייטיק אַ גענויער איבערבליק איבער אַלע יידישע ווערטן און דערביי זאָל מען זיך אָפּן פרעגן: צי זענען זיי נאָר גילטיק פאַר די אַמאָליקע בלאָטעס? קען טאַקע די „נייע תקופה" נישט פאַר־טראָגן אַזאַ מאָראַל און קולטור?

וואָס שייך עקסטרעמע ציוניסטן פון אַ געוויסן נוסח — האָבן זיי אַן

אַנדער פּירוש אויף דער נייער תּקופה: נאָך מדינת ישראל זענען מיר צעטיילט געוואָרן אויף צוויי מינים יידן. די עלטערע יידישקייט איז גלותדיק און מען קען זי מיט קיין קינסטלעכע מיטלען מער נישט ראַטעווען. דערפאַר איז די נייע יידישקייט אַ לעבעדיק־נאַציאָנאַלע — אין הסכם מיט דער מאָדערנער באַפרייאונג. זיי האָבן אַפילו דערויף אַ פּאָפּולער־תּנכישן פּאַרגלייך: פון איין זייט האָבן מיר פאַר זיך אַ פּאַראַלעלעם דור המדבר, בעת פון דער צווייטער זייט טויכט אויף דער זיגערישער דור פון יהושע בן נון. דער ערשטער האָט נישט קיין עצה און מוז אויסשטאַרבן — בעת דער צווייטער וואָרצלט אין דער געזונטער רעאַליטעט פון יידישן נצחון. ביידע קענען אין איין וועלט נישט גדייען.

טייל מעסיקע ציוניסטן באַמיען זיך צו מילדערן דעם דאָזיקן פּסק־דין. זיי זענען גרייט אָפּצוגעבן דעם פאַרמשפּטן דור וואָס אים קומט: דער דור המדבר האָט זיך נישט ווייניק דערהויבן. דאָס האָט ער מקבל געווען די תּורה און אונדז געלערנט האָסן קנעכטשאַפט; דאָס האָט ער אַרויסגעגעבן פון זיך אַ משה; און אַפילו דער באַפרייערישער יהושע מיט זיינע חברים האָבן דאָך געשטאַמט פון זיינע לענדן. ס'איז טאַקע געווען אַ גרויסער דור — אָבער טראַגיש און סטעריל. ער האָט זיך אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן אין די זאַמדן. פאַרקערט ווידער: דער יהושע־דור האָט זיך מ'ט קיין גרויסע געשטאַלטן נישט אויסגעצייכנט. אַפילו זיינע אייגענע מנהיגים האָט ער געמוזט באַרגן ביים פריערדיקן. די קאַפּיטלען פון „יהושע" און „שופטים" ווייזן אונדז אַ סך באַוואָפנטע גבורה, אָבער אויך געגנוג אָרעמקייט אויפן גייסטיקן שטח. מיר זעען דאָרט אַ לעבן אָן חלומות, פול מיט גרויער פּראַקטישקייט און אַ מעסטן דאָס ברעקל ערד אַפילו צווישן אייגענע שבטים. אָבער דווקא יענער דור האָט באַוויזן דאָס העכסטע און פּראַקטישסטע וווּנדער. דער פּאַראַלעל צו אונדזער צייט איז דאָ געגנוג בולט.

סיי־ווי־סיי אָבער בלייבט די דעפיניציע: דור־המדבר... און דאָס מיינט — אָפּשטאַרבן אָן אַ ציל, אָן אַ יורש.

צי איז אָבער דער פאַרגלייך אָן אמתער? בכדי די דאָזיקע חלוקה זאָל זיין רעאַל, וואָלט מען ראשית־כל געדאַרפט, אַז גאַנץ מדינת ישראל זאָל שוין האָבן איין גייסטיקן קאָליר — און אַנטקעגן איר זאָל שטיין איין גייסטיקגעאייניקטער גלות־דור. ווייסן מיר אָבער, אַז אין מדינת ישראל גופא זענען דאָ צענדליקער באַזונדערע שפּליטערן און אויך דער יידישער גלות איז היפּש צעברעקלט. קען מען נאָך היינט נישט ריידן וועגן צוויי פּאַראַלעלע וועלטן, ווייל אַזאַ צעטיילונג איז פּריציייטיק. דערפאַר אָבער ווערט אין אונדזער דור גאַר־קאָנטיק די דראָענדיקע וואַנט צווישן דער היסטאָרישער

יידישקייט און דער הינטציטיקער. אויב די פריערדיקע צווי טענדענצן טיילן בעיקר אדורך דאָס פאָלק געאָגראַפיש — צווישן אַלטן שטעטל און דעם נייעם כרך, אָדער צווישן דער מדינה און גלות — איז אונדזער חילוק מער עמאָציאָנעל ווי פיזיש.

וואָס מיינען מיר מיט „היסטאָרישער" יידישקייט? כמעט ביז צום לעצטן חורבן איז דאָס לייכט געווען צו דערקלערן: דער היסטאָרישער ייד שעפּט זיין לעבנס־חכמה פון אַלע טראַדיציאָנעלע עבר־קוואַלן. פאַר אים זענען נישטאָ קיין פאַרגליווערט־יידישע „פאַרגאַנגענהייטן". קיין שום געשטאַלט פון דער יידישער געשיכטע איז פאַר אים נישט אָפּגעשטאָרבן. ביי אים זענען הייליק אַלע געבאָטן — פון מתן־תורה ביז צום לעצטן פּוסק. ער זעט זיי נישט ווי „קולטור־געשיכטע" נאָר ווי דאָס אַקטועלע לעבן. ער איז זיך גרייט מוסר־נפש צו זיין — לויט אַ באַקאַנט גמרא־ווערטל — אַפילו פאַר אַ טראַדיציאָנעל שוך־בענדל. אין אַמאָליקע צייטן איז אַנטקעגן אים געשטאַנען דער מאָדערן־וועלטלעכער ייד, וואָס האָט אין פּראַקטישן לעבן איבערגעריסן מיט אַלע טראַדיציעס. ער האָט זיך מער נישט געלאָזט בינדן מיט די „רצועות פון תפילין" — ווי עס זינגט שאול טשערניכאָווסקי. דער דאָזיקער ייד האָט אָפן שטאָלצירט מיט זיין איינשטעל. ער האָט געוואָלט אָנהייבן אַ ניי לעבן דורכן פאַרגעסן די „קייטן פון עבר" און פריי ווערן פון די היסטאָרישע פּענטעס.

אָבער נאָכן יידישן חורבן אייראָפּע האָט זיך די דאָזיקע ליניע כמעט ווי אויפגעלייזט. עס איז מער נישטאָ קיין עכט־יידישע באַוועגונג, וואָס זאָל לכל־הפחות פּרינציפּיעל נישט אַדאַפּטירן אַ טייל פונעם יידישן טראַדיציאָנאַליזם. בעיקר זעט מען עס ביי די יורשים פון מזרח־אייראָפּעאישע באַוועגונגען. די פּאַרטייען און ריכטונגען פון אונדזער נישט־וויטן אַמאָלריידן גאָר אַ סך פון „היסטאָרישקייט" און לעבן זיך אויס אין דער נאָסטאַלגיע צום עבר: דערפאַר מעגן זיי אויך להבא בלייבן נישט־רעליגיעז און דאַך מוזן זיי אַרונטערפאַלן דער היסטאָריש־יידישער קאַטעגאָריע. דאָס איז אויך כולל סיי די קעגנער פון „איישישאָק" און סיי די אַנטי־גלותיסטן.

דערפון מוז זיך שאַפן אַ פּלאָנטער אין די עלעמענטאַרסטע באַגריפן: די אַלטע גרענעץ צווישן היסטאָרישן און מאָדערנעם יידנטום איז פאַרשוווּנדן, אָבער אויף קיין נייער זענען מיר נישט בכוח אָנצווייזן. אויך דער מאָדערנער ייד פון „אַמאָל" איז געוואָרן „היסטאָריש" — נאָר ער ווייסט נישט צו וואָס אַזאַ טראַנספאָרמאַציע איז אים מחייב. אמת: אויך דאָס היסטאָרישע יידנטום פאַרן חורבן האָט זיך געטיילט אין פאַרשיידענע נוסחאות. אָבער די עלעמענטאַרסטע באַזע פון יידישע — און פּראַקטישע — עיקרים איז פאַר אַלעמען

געווען גלייך. די חילוקים צווישן זיי האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן נאָך די תרי״ג מצוות, ביי שטייגערס און מינהגים. דערפאַר איז אָבער די „היסטאָרישע״ שיכט פון אונדזער דור נאָר אייניק צווישן זיך בנוגע בענקשאַפטן און געוויסע מנהגים, וואָס שטייען מחוץ אַלע עיקרים — אָבער ווען עס קומט צו די טעגלעך־יידישע מעשׂים, בלייבן זיי ווייטער צעשפּליטערט. עס איז פּשוט נישט מעגלעך אָנצווייזן אויף דעם נייעם „תרי״ג־פּראָגראַם״ פאַר אַלע אונדזערע ריכטונגען — און זיי זענען נאָר געבונדן צווישן זיך דורך אַ סענטימענטאַלער שייכות. זיי אַלע ווערן ווידער אָפּגעטיילט פונעם „בייצייטיקן״ ייד דערמיט, וואָס יענער האָט נישט מער קיין שום אינטים־פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט זייער פאַרשווונדענער וועלט.

ב.

בכדי מיר זאָלן זען נאָך בולטער דעם חילוק צווישן ניי־היסטאָרישן און הייגטצייטיקן ייד, מוזן מיר זיך אומקערן צום פאַרגלייך צווישן „דור המדבר״ און דעם „דור הכיבוש״ פון יהושעס צייטן. דאָ פאַסט ער זיך גיכער, ווי ביים אָפּטיילן דעם גלות־ייד פונעם ישׂראלדיקן. ווען די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור האָט אַמאָל פאַרגליכן דעם גלות־ייד צום דור המדבר — האָט זי נאָר געוואָלט אַרויסברענגען דאָס נעגאַטיווע: אַ דור, וואָס גייט פאַרלוירן צוליב זיינע קרומע חטאים. צי איז דאָס אָבער די פולע כאַראַקטעריסטיק פון יענעם תּנכישן דור?

אין אונדזער מאָדערנער צייט האָט זיך געשאַפן אַ ברוטאַלער כלל: די געשיכטע שטייט אויף דער זייט פונעם זיגער. ביי די, וואָס האָבן געהאַט גרויסע נצחונות, האָט מען אויך זייערע שווערע עוולות אויפגענומען מיט פאַרשטענדעניש. דערפאַר אָבער ווערן פאַרקלענערט אַפילו די פיינסטע מעלות פון אַדורכגעפאַלענע. אַזאַ מין געזעץ הערשט נאָך עד־היום אויף באַשטימטע שטחים — ובפרט אין דער ספּאָרט־וועלט: צוויי מענטשן פאַרמעסטן זיך און ווייזן אַרויס די זעלבע מאָס בריהשאַפט. אָבער וויבאַלד איינעם דינט אַ מינוט מער ווי דעם אַנדערן — בלייבט ער דער געקרוינטער העלד און דער צווייטער ווערט באַלד פאַרגעסן. צי מעג מען אָבער אָנווענדן אַזאַ מאָס בנוגע יידיש־געשיכטלעכע דורות?

דער היסטאָרישער נצחון — אויף וויפל מען מעסט אים מיט שווערד און ערד — האָט זיך כמעט נישט געשטעלט אויף דער זייט פונעם דור המדבר. דאָס איז נישט געווען בלויז זיין שולד. ווייטערדיקע דורות האָבן געזינדיקט מער פאַר אים — און דאָך געהאַט נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענדיקייט. דעם דור המדברס געשיכטלעכע מפּלה האָט געהאַט אַ ריי סיבות: קודם־כל

איז ער געשטאַנען פאַרן אור־אָנהייב. ער האָט קיין טראַדיציע נישט פאַר־מאָגט — אויסער דער הבטחה פון אומקערן זיך אין צוגעזאָגטן לאַנד פון די אָבות. מיט אים האָט זיך געעפנט דער טאָג, ווען פון דער יידישער משפחה איז געוואָרן פאָלק („היום הזה נהיית לעם"). מוז ביי יעדן אָנהייב קומען צו אַ ריי אומקלאָרקייטן און טעותים. דער דור־המדבר האָט אָנגעהויבן שפּרייזן אויף אומבאַטראָטענע וועגן („לכתך אחרי במדבר, בארץ לא זרועה") — און דאָס מוז טיילמאָל פירן צו קראַנקע רעוואָלטן און רייצונגען. דאָס לעבן פון יענעם דור איז ממש איבערגעבראָכן געוואָרן. אויך דאָס אַרויסגיין מיטאַמאָל „מעבדות לחירות" — פון דער „פינצטערניש צום גרויסן ליכט" — רופט אַרויס שווערע שטערונגען. דערצו איז יענער דור באַגלייט געוואָרן פונעם געפיל, אַז יעדער שריט זיינער איז צייטווייליק. דער דור המדבר האָט כסדר געשפּרייזט צו אַן אויסגעחלומטן „מאָרגן". דערווייל האָט ער גע־שטורעמט וועגן פלייש, קנאָבל און וואַסער. אָבער „מאָרגן" וועלן זיינע קנעכל זיך באָדן אין פרישע קוואַלן און זיינע לאָנקעס וועלן פול זיין מיט שאָף און רינדער. אַלע סיבות פון פּראַ׳דיקן רעוואָלט וועלן במילא פאַרשווונדן. אַ היפּ־שע צאָל געזעצן, וואָס משה האָט זיי איינגעקריצט אין זיין דורס זכרון, זענען באַגלייט געוואָרן מיט איין רעפריין: „וכי תבואו אל הארץ"... ווען זיי וועלן שוין אַריינקומען אינעם אויסגעטרוימטן לאַנד און דאָס בילד פון אַ זודיקן טאָפּ וועט זיי מער נישט נאָכלויפן ווי אַ בייז־אויסגעבענקטע וויזיע.

הי זעלבע שטריכן זענען אויך אייגן געווען דעם דור, וואָס האָט געשאַפן אונדזערע מאָדערנע באַוועגונגען. דער גאַנצער עבר האָט פאַר אים אויסגעזען ווי שקלאַפעריי פון מצרים און אַלע זיינע געדאַנקלעכע פאַרמעגנס האָט ער אַריינגעלייגט אין דער קאַסע פונעם ליכטיקן „שפּעטער". אויף אַלע סאָציאַלע פּלאָגן און נאַציאָנאַלע חסרונות — אמתע און צוגעשפּיצטע — איז געווען איין קלאַסישער תירוץ: דערויף לעבט מען דאָך אין אַ מדבר! זאָל מען זיך נאָר צושלאָגן צום אויסגעטרוימטן לאַנד — און אַלץ וועט זיך פירן ווי גאָט און געוויסן האָבן געבאָטן.

דערביי — אַ באַמערקונג: די אַנטי־ציוניסטישע ריכטונגען האָבן אָפּט פאַרגעוואָרפן דעם ציוניזם, אַז דאָס האָט ער באַשאַפן די נעגאַטיווע באַציי־כענונג פון „דור המדבר" פאַרן גלות. דאָס איז אָבער בפירוש נישט ריכטיק. פאַקטיש האָבן אַלע מאָדערנע באַוועגונגען געלעבט מיט אַזאַ תוך־אידיי: דער ציוניסט האָט טאַקע געזען דעם „מדבר" אינעם גלות און דאָס צוקונפט־ליכט אינעם אייגענעם לאַנד. אָבער דער יידישער סאָציאַליסט האָט נישט ווייניקער געזען דעם דור־המדבר אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, בעת די ליכטיקע

גאולה־וויזיע האָט אים געפירט צו דער אידעאַלער אַרבעטער־מלוכה. כמעט אַלץ פונעם אַקטועלן לעבן איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן „דערווייל" — שוין נאָך אַלע אַמפּערנישן וועגן „קעגנוואַרטס־אַרבעט". עס איז בכן שווער געווען צו שמידן אַ קלאָרן לעבנס־וועג פאַרן המשך פון נייע דורות: יענע וועלן דאָך שוין לעבן אינעם אויסגעטרוימטן „שפּעטער"! מען האָט שוין דער־ביי אויך געמוזט זיין קאָנסעקווענט אויף נאָך אַ שטח: אויב אַלע וועלט־איבלען זענען נאָר אַ ירושה פונעם עבר — מוז טראַדיציע בכלל זיין אַ נעגאַטיווער ענין. דאָס האָט זי דערפירט צום שלעכטן סיסטעם; און אויב מען וויל ענ־דערן די וועלט צום גוטן — מוז מען אָפּשניידן די מוטער־שנור צו דער איי־גענער פאַרגאַנגענהייט.

אין אַזאַ אַטמאָספערע איז אויך געווען נאַטירלעך, וואָס כמעט אַלע אונ־דזערע באַוועגונגען זענען באַגאַנגען דעם געפערלעכסטן טעות. זיי האָבן גע־דענקט אין כ ל ל ־ טערמינען: ביי אַ ז אַ סיסטעם איז „די וועלט" אַ שלעכטע — בעת אין אַן אַנדער סיסטעם וועט ממש די גאַנצע וועלט זיין אַ גוטע. האָט קיין זין נישט צו פאַרנעמען זיך אין דער איבערגאַנגס־צייט מיטן י ח י ד און זיינע אינערלעכע פּלאָנטערן. ע ר וועט זיך שוין אויס־גלייכן דורך דער וועלט. אויב טראַדיציע בכלל איז אַ צוריקגעשטאַנענער ענין — קען מ'ען אויך נישט הערן איר אַלטע וואָרענונג, אַז אַ פ י ל ו א י ן ג ן ־ ע ד ן א י ז ד ע ר ב ן ־ אָ ד ם מ ס ו ג ל ז י ך צ ו ח ב ר ן מ י ט אַ ש ל אַ נ ג. אויך דער פּיאָנערישער ציוניזם האָט אַזוי געזען אונדזער געשיכטע: דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז קראַנק — ווייל עס איז אַ גלות־פאָלק. אָבער דאָס גאַנצע פאָלק וועט ווערן געזונט און דערהויבן, ווי נאָר זיינע פיס וועלן זיך אָוועקשטעלן אויף אייגענער ערד. נישט דער יחיד און זיין טיפערע פּסיכיק דאָמינירט אין אונדזערע קלאַסישע ווערק — נאָר דער כלל, די מאַסע און די אַלגעמיינע אידיי וואָס הילט זי אַרום.

און בכדי דער פאַרגלייך מיטן דור המדבר זאָל אַרויסקומען נאָך בולטער: וועלכע פון אונדזערע באַוועגונגען אין די לעצטע 70 יאָר האָט זיך נישט גע־ריסן פון עפּעס אַ מצרים? וועלכע פון זיי איז דען נישט געשטאַנען פאַר אַ נייעם אָנהייב, נישט געמוזט שפּרייזן אויף זאַמדיק־אומבאַטראָטענע וועגן? וועלכע פון זיי האָט זיך נישט פאַרזיסט די פּראַקטישע יסורים מיטן געדאַנק, אַז דער מדבר פון אַקטואַליטעטן איז נאָר אַ דערווייליקער? וועלכע פון זיי האָט נישט געטראָגן אין דער וויזיע דאָס בילד פון אַן אויסגעחלומט „לאַנד" — פאַר וועלכן אַלע טעאָריעס זענען פאַרטראַכט און אַלע אידעאַלן זענען פאַרשריבן געוואָרן? און וועלכע פון זיי האָט צוליבן דאָזיקן ציל נישט געהאָט אויסצושטיין כל־המינים אינערלעכע רעוואָלט־קאָנוולסיעס, עטישע זיגזאַגן,

שוימיקע אויפברויזן און אַנטוישונגען? אַפילו דער פינאַל איז טיילמאָל ענלעך געווען: אַ סך זענען געבליבן ביי די בלויזע חלומות; נאָך מער זענען אויסגעשטאָרבן אין אַלערליי מדבריות, איידער זיי האָבן געזען וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט פון זייער טרוים: נישט ווייניק האָבן זיך שפּעטער געוואָרפן צום גאָלדענעם קאַלב — און אים געמאַכט פאַר זייער גאָט; און אַ ריזיקע צאָל האָט זיך גאָר באַהעפט צום גרויזאַמען אָפּגאָט מולך און פאַרשיכורט געשריגן, אַז טאַקע צו דעם האָבן זיי געבענקט... בלויז אַ קליינע מחנה האָט זיך דערשלאָגן צום חלום־לאַנד — און אויך ביי זיי צאַפּלט שטיל דאָס האַרץ: דער חלום שפּראָצט שוין פון דער ערד — אָבער וווּ איז משה?

כמעט אַלע יידישע באַוועגונגען האָבן נישט אויסגעמיטן די פּיבערדיקע דערוואַרטונג פונעם דור־המדבר. זיי האָבן אַפילו אַדאַפּטירט די משיחישע טרייסט פון זייערע זיידעס — הגם אייגערס אַנטי־טראַדיציאָנאַליזם האָט זיי טיילמאָל געהייסן שרייען אַז „משיח איז שוין געשטאָרבן״. אויסגעפּוצט אין מאָדערנע מלבושים, איז דער פרומער „כאָטש ער זוימט זיך״ געוואָרן אַ טייל אויך פון זייער פּאַרטייאישער אמונה. אונדזערע היסטאָרישע זיידעס האָבן אין די אַקטועלע יסורים געזען „חבלי משיח״ און זייערע אומגלויביקע אייניקלעך האָבן אויך געטענהט דאָס זעלבע: דאָס זענען נאָר די לעצטע קאָנווולסיעס פון דער פינצטערניש, ערב דעם גרויסן ליכט. ביידע האָבן באַטראַכט דעם רעאַלן צער פאַר אַ פּאַטאַלן הויכפּונקט, וואָס מען קען „ביז דער קרעטשמע״ נישט אויסהיילן מיט קיין האַלבע מיטלען.

דאָס שאַפן איין טעאָריע פאַר אַלעמענס צוקונפט האָט אויך נישט געלאָזט צופיל טראַכטן וועגן דער מאָראַלישער זייט פונעם מענטשלעכן יחיד: אַז ער קען אַדורכגיין גייסטיקע קריזיסן אומעטום און ביי יעדער סיסטעם; אַז אַלע גוזלשאַפטלעכע חולאתן זענען נישט דווקא געבוירן געוואָרן אינעם וויגל פון דער בעקעריי. דאָס איז דער וואָרצל פון גאָר אַ סך מפּלות, וואָס אונדזער היסטאָריש־יידישע מאָזאַאיק האָט געליטן. גראָד די אַלט־יידישע טראַדיציע האָט דאָס נישט פאַרזען און גענומען אין באַטראַכט די ספּעציפיש־יחידישע אימפּולסן ביים באַשטימען די תורה פאַרן כלל. אָבער איר השפּעה אויף אונדזערע באַוועגונגס־פּראָגראַמען איז געווען אַ נישטיקע.

דאָס זענען אַלץ חסרונות, וואָס מיר קענען זיי ערשט אָפּשאַצן ביים בליק אויף צוריק. בשעת־מעשה זענען זיי אָבער אויפגעקומען צוליב די בעסטע כוונות. האָבן דען די אַלע כלל־טענדענצן נישט געוואָלט אויסלייזן די וועלט? האָבן זיי דען נישט פאַרזען די יחידישע פּראָבלעמען נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבן געגלויבט, אַז אינעם גרויסן וועלט־תיקון וועט שוין יעדער מענטש במילא געפינען זיין באַזונדערע „לייזונג״? אפשר האָט זיך דאָ איבערגעחזרט דער

אַלטער זאָג פון ר׳ יהודה הלוי: די כוונה איז געווען אַ גוטע, אָבער די מעשים זענען אַרויסגעקומען אומגעוווּנטשן. די אַלע פעלערן זענען באַגלייט געוואָרן פון אַ גרויסער טראַגיק, פון אומגעדולדיקער בענקשאַפט — וואָס האָט נישט געהאַט קיין צייט אויסצוּוואַרטן יעדן יחיד באַזונדער, נאָר געוואָלט אויפ־טרייסלען אַלע פונדאַמענטן פון דער וועלט מיטאַמאָל... און דאָרט ווו עס איז פאַראַן העכערע טראַגיק און אידעאַלע בענקשאַפט — דאָרט איז אויך פאַראַן מענטשלעכע גרויסקייט. דאָס האָבן פאַרשטאַנען די חכמים פון דער יידישער אגדה: זיי האָבן די חטאים פונעם דור־המדבר נישט פאַרקלענערט — נאָר זיי גאָר באַטראַכט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז. טייל זינד פון תנ״ך זענען ביי זיי נאָך גרעסער געוואָרן — און דער דור איז דערפון געוואָרן נאָך שולדיקער. געווען פסיכאָלאָגישע סיבות פאַר אַזאַ קוק, וואָס מיר וועלן נאָך אַמאָל פּרוּוון באַ־לויכטן. אָבער נאָך אַלעמען האָבן די יידישע חכמים באַטראַכט דעם דור־המדבר פאַרן גרעסטן דור אין דער יידישער געשיכטע. קען געמאָלט זיין אַן עדה זינדיקע, וואָס איז גלייכצייטיק גרויס? ביי דער יידישער מסורה איז עס נישט קיין סתירה, נאָר אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַרן מענטשלעכן חלום. איז נישט כדאַי צו לערנען ביי איר, וויאַזוי צו באַטראַכטן אויך אונדזער „זינדיקע״ תקופה? בפרט נאָך, ווען זי האָט דווקא דורך אירע חטאים אַ סך דערגרייכט!

לאָמיר צוגעבן, אַז דער דור באַוועגונגען פון אונדזער נאָענטן עבר איז אַ דור־המדבר — אָבער מיט אַלע זיינע שטריכן. אַנטקעגן אים שטייט דער גייצייטיקער און נישט־היסטאָרישער דור. ער איז לגמרי אומשולדיק און ריין פון די אַמאָליקע חטאים. ער טראָגט נישט די אחריות פאַר די פעלערן פון זיינע אָבות. ער איז נישט נכשל געוואָרן מיט אַלע מפלות און רייצן, וואָס האָבן פאַרמשפּט דעם דור פון די היינטיקע „יוצאי־מצרים״. אָבער ער איז אויך נישט צעוויגט געוואָרן פונעם זיס־צעפלאַקערטן שווידער. דאָס איז אַ דור, וואָס אַלע כישוף־באַפאַרבטע „צוקונפטן״ פון זיינע עלטערן זענען פאַר אים געוואָרן נאָקעטער „איצט״. ער ווייסט, אַז יענע דורות האָבן נאָר נביאות געזאָגט אויף זיין צייט, בעת ער קען זי מער נישט זען דורך דער צעפּי־בערט־ליטעראַרישער פאַנטאַזיע. ער איז זי שוין בכוח אַנצוטאַפּן מיט דער האַנט און במילא קענען אים יענע איבערגעהיצטע וויזיעס נישט מיטרייסן.

ווען עס קומט צום ניי־יידישן דור אין אַמעריקע — איז ער שוין געבוירן געוואָרן אויף מילדער ערד. די ערשטע שריט זענען ביי אים נישט געווען אַזוי הונגעריק ווי ביי זיינע אָבות און במילא מוזן זיינע חלומות וועגן „מאָרגן״ אויסזען אַנדערש. אונדזער חזון־ליטעראַטור האָט ביי אים געמוזט פאַרלירן די פליגל פון לשון און דעם אַמאָליקן רייץ. אויב עס מאַטערן אויך אים שאלות — פון סאָציאַלן אָדער נאַציאָנאַלן קוק־ווינקל — שפּיגלען זיי זיך

אָפּ אין זיין פֿערזענלעכן גורל. דער זוכערישער ייד פֿון דער נייער צייט האָט וווייניקער דאגות מיט דער „גאַנצער וועלט“, בעת אים גייט שוין שטאַרק אָן זיין אייגענע, גייסטיקע מאַטערניש. אויב ער זוכט אַ „יידישע לייזונג“ — וויל ער זי קודם־כּל געפֿינען פֿאַרן ייד אין זיך.

דער נייצייטיקער ייד האָט ווייניק געפֿיל פֿאַר יענע אידייען — ובפֿרט פֿאַר זייער פֿאָרם — וועלכע דער מאָדערן־היסטאָרישער ייד האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצן כּוח. ער זוכט שוין זיין וועג מיט ביאַליקס אויסגעשריי: „און אויב גאָט איז דאָ — זאָל ער דערשיינען באַלד!“. אים איז פֿרעמד געוואָרן דעם היסטאָרישן יידס געדולדיקע וואַרטן אין נאָמען פֿון העלע ווייטקייטן. דאָס איז, דוכט זיך, די אמתע גרענעץ און דער טיפֿער שפּאַלט צווישן ביידע טיילן פֿון הײַנטיקן יידנטום. דערפֿאַר קענען מיר ביים נייצייטיקן ייד הערן דעם עכאָ פֿונעם אומעטיק־ניכטערנעם עפּילאָג אין ספֿר יהושע:

> און ישראל האָט געדינט גאָט אַלע טעג פֿון יהושע׳ן און אַלע טעג פֿון די זקנים, וואָס האָבן מאריך־ימים געווען נאָך יהושע׳ן און וואָס האָבן געוווּסט אַלע טואונגען פֿון גאָט... [יהושע כד]

יאָ, כּל־זמן די זקנים האָבן נאָך געלעבט און געהאַט אַן אינטים וויסן וועגן צעשטורעמטן גאָט פֿון ישראל — האָט אַלץ געשמעקט מיט מענטשלעכן אויפֿברויז און ליידנשאַפֿט. אָבער מיט איין דור שפּעטער האָט מען שוין גע־זינדיקט קעגן „אַלטן“ גאָט פֿון ישראל אָן להכעיסן. די וויטערדיקע קאַפּיטלען פֿון תּנ״ך גיבן אונדז שוין בילדער פֿון זינד אָן רעוואָלט. זיי שטאַמען שוין פֿון פּשוטן נישט־וויסן און נישט־קענען. אדרבא: טיילמאָל ווילן די שפּעטערדיקע תּנ״ך־יידן האָבן אַ גאָט, זיי בענקען צו אים — אָבער זיי האָבן נישט דעם וועג און גיסן אים צונויף מיט זילבער־שטיקער. זיי זוכן דעם יידישן גאָט — און מאַכן זיך געצן, ווי ביים פּסל מיכה.

שוין ביים סוף פֿון יהושעס טעג זעען מיר, וויאַזוי דער „היסטאָרישער“ דור פֿון יענער צייט געזעגנט זיך מעלאַנכאָליש מיטן „נייצייטיקן“. די תּנ״ך־לופֿט איז דאָרט פֿול מיט מידער אויסניכטערונג. אַלע ניסים ליגן שוין נאַ־קעטע אויף דער האַנט, אָן דערוואַרטונגס־צאַפּל און אָן פֿאָרשטעלונגס־אָרנאַ־מענטן. מיט אַביסל פֿאַנטאַזיע קענען מיר זיך נאָך איצט אויסמאָלן, וויאַזוי די לעצטע זקנים פֿון יהושע־דור שמועסן צווישן זיך וועגן זייער שטורמיש־ייִנגן אַמאָל: טרערן קומען זיי אין די אויגן, אַפֿילו ביים דערמאָנען זיך די אַמאָליקע מרגלים, אָדער אין קורחן מיט זיין עדה. זיי האָבן זיך טאַקע געבונטעוועט, געהעצט דאָס פֿאָלק און אָנגעמאַכט אַ קראַנקן רעש. זיי האָבן טאַקע אַוועקגעפֿירט די עדה אויף שלעכטע דרכים — ס׳איז אָבער פֿאָרט געווען אַ דור מיט גאָט־אומרו אין האַרץ. ער האָט נישט געוואָלט איינשלאָפֿן

אויף די גאָלדענע זאַמדן און דווקא געוואָלט וויסן מה למעלה ומה למטה. אַפילו זיין רייסן זיך פון דער אייגענער הויט איז נאָר געווען דערפאַר, וואָס ער האָט געפילט דעם ווייטיקלעכן יאָך פון בלאָנדזשען; ווייל ער האָט גע־דענקט דעם חרפהדיקן צער פון אַ בייטש, געקורטשעט זיךביים הונגעריקן זכרון פון קאָך־ריחות און געפיבערט פונעם שוידער־דורשט ביי די דאַרע קוס־טעס פון סטעפּ — — — דערפאַר אָבער זענען די נייע גיבורים פאַרשווינט געוואָרן פון גאָטס גרויסע קלעפּ. אויב דער שונא האָט זיי געשלאָגן ביי דער שטאָט ע י, האָבן זיי אים באַצאָלט כפל־כפליים ביי ג ב ע ו ן אָדער י ר י ח ו. זיי האָבן שוין געקענט אַוועקשטעלן וואָפן קעגן וואָפן אין אַ גלייכער מאָס. אָבער טאַקע דערפאַר האָט זיך די וויזיע ביי זיי נישט געקענט צעשפּילן מיט גרויסער קראַפט און די ליכטיקסטע דראַנגען ביי גאָטס פייערדיקע ניסים האָבן זיי נישט געקענט אומרואיק מאַכן.

דאָס איז נישט בלויז א ו נ ד ז ע ר פאַנטאַסטישער פּירוש אויף יענע תנ״ך־קאַפּיטלען. די תלמודישע אגדה־ליטעראַטור — וואָס איז צייטלעך־נענטער געווען צו דער תנכישער עפּאָכע און במילא האָט זי געקענט הערן מער אָפּקלאַנגען פון יענער שטימונג — באַמיט זיך כסדר אַרומצוגלעטן די שטורעמדיקע געמיטער פונעם דור־המדבר. אַפילו פּאַר קורחן און זיין עדה האָבן אונדזערע בעלי־אגדה אויסגעגראָבן, פון זיין אונטערערדישער פאַרזונ־קעניש, כלערליי זכותים: טאַקע מורד געווען — אָבער געמיינט עס לשם שמים... מען דערקענט פּשוט, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט זען אין יענעם דור די נאַקעטע זינד — נאָר אַן אומרואיק־אידעאַליסטישן רעוואָלט. אָבער ווי ווייניק צאַרטקייט די זעלבע אגדה ווייזט אַרויס פאַרן ר יי נ ע ם, פאָלגעוודיק־רעאַליזירנדיקן דור פון יהושע בן נון!

ג.

דורך וויפל ריכטונגען דער „היסטאָרישער" ייד פון היינט זאָל זיך נישט פּרעזענטירן — דערמאָנט ער אין יענעם זקנים־דור. די דאָזיקע וועלט ווערט איצט געטיילט אין פאַרשיידענע רינגען, אָבער זי בלייבט באַהאַפטן צווישן זיך דורך אַ קייט פון בשותפותדיקן פילן און געדענקען. דאָס זענען לאו־דווקא אידיליש־האַרמאָנישע זכרונות — נאָר אַפילו די דערמאָנונג אין אַמאָליקע צוזאַמענשטויסן. דער אַמאָליקער „בונדיסט" למשל האָט אפשר מער אינערלע־כע פאַרבינדונג מיט אַן אַלט־חסידישן ייד, איידער מיט אַ יוגנטלעכן פון אַמע־ריקע, וואָס היט נישט קיין מצוות גלייך מיט אים. די „אַמאָליקע" ווערן זיך היסטאָריש־נענטער אויך דורך זייערע רייסערייען אויפן זעלבן, פּסיכישן פּלאַנעט. יעדער פון זיי קען נאָך היינט בייז ווערן, ביים דערמאָנען זיך אינעם

צוווייטנס מעשׂים פֿון „יענע“ צייטן. אָבער אַ באַהאַלטן האַרץ־שטעגעלע פֿירט צו די זיסע עמאָציעס פֿון אַ וועלט, וואָס מ׳האָט אַדורכגעשפּרייזט צוזאַמען. פֿאַרקערט ווידער: אַפֿילו דער רעליגיעזער ייִד פֿון דער נײַ־צײַט, וואָס איז שוין געבוירן אין אַמעריקע, האָט מער אינערלעכן קאָנטאַקט מיטן אויסגעספּאַרטעוועט־זאַטן און אומרעליגיעזן „באָי“ פֿון דער נײַער וועלט — איידער מיטן אָרטאָדאָקסישן ייִד פֿון אַמאָליקן היים־שטעטל.

די היסטאָריש־קלימאַטישע וואָרצלען שטייען ווי אַ מחיצה אַפֿילו צווישן די, וואָס זענען זיך פּראָגראַמאַטיש נאָענט — און זיי ווערן טיילמאָל גאָר קליין אַפֿילו צווישן יענע, וואָס זייער לעבנס־באַנעם איז פֿאַרשיידן. מהאי טעמא קען מ׳ען קומען צו אַזאַ סך־הכּל: יעדער פֿון אונדז, וואָס האָט אַ באַגאַזש פֿון אַמאָליק־פֿערזענלעכע „זכרונות“ — געהערט בעל־כּרחו צו דער נײַער וואַריאַציע פֿון היסטאָרישער ייִדישקייט. דאַקעגן אין יעדער איינער, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט מחוץ אונדזער אָפּגעמעקטער געאָגראַפֿיע, אַ טייל פֿון דער נײַ־צײַטיקער ייִדישקייט. דאָס איז נישט נוגע בלויז די ייִדן פֿון די תּפֿוצות, ווײַל אַזאַ חלוקה איז נישט ווייניקער רעאַל אויך אין מדינת ישׂראל. פֿאַראַן דאָרט היסטאָרישע ייִדן, אַפֿילו ווען זיי לעבן און אָטעמען מיט באַנײַאונג; דאַקעגן זענען זייערע קינדער נײַצײַטיק, אַפֿילו ווען זיי זענען מחשבֿהדיק געבויגט צום נעלם־ווערנדיקן „נעכטן“.

עטלעכע בײַשפּילן — דווקא פֿון מדינת ישׂראל — לשם אילוסטראַציע: וויפֿל רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס טייל עלטערע ישׂראל־מנהיגים זאָלן נישט אַרויסווײַזן, (און זייער רעוואָלט איז אָפֿט געצילט קעגן די אַלטע גלות־ווערטן), דרימלען אין זיי פּאָרט כּל־המינים פּאַרטייעטע בענקשאַפֿטן. זייער שאַרפֿער קאַמף קעגן אַלערליי אַמאָליקע ירושות אַנטפּלעקט קודם־כּל אַן אינערלעכע באַציאונג צו זיי. דער אַלטער שאָטן מאַטערט זיי מיט לעבעדיקן רייץ, ווײַל ער לעבט נאָך אין זייער גופֿא. זיי זענען טאַקע געוואָרן אויס גלות־ייִדן, אָבער פּסיכיש האָבן זיי נישט אויפֿגעהערט צו זײַן היסטאָרישע ייִדן ביז אין זייער טיפֿער עלטער. טיילמאָל שלאָגן זיי זיך אַרום מיט זייער אינערלעכן געראַנגל מער ווי מיט זייער אויסערלעכן קעגנער. אַפֿילו זייער ביטול צו היסטאָריש־ייִדישע ווערטן איז נישט קיין פֿרעמדער, נאָר אַן אייגן־אויסגעוויטיקטער. עס קומט זיי צו חלום דאָס היימישע וויגל.

לויטן דאָזיקן כּלל קען מען פֿאַרשטיין גאָר אַ סך „סתירות“ בײַם עלטערן ישׂראל־דור. מיר באַנעמען דורך דעם, פֿאַרוואָס אַן אָפֿיציעל־פֿײַערדיקער רעדנער קעגן גלות מכּמה יאָרן ווערט ממש אויפֿגעטרייסלט בײַם הערן אַ גרוס פֿון זײַן אָפּגעמעקט געבורט־שטעטל; פֿאַרוואָס אַ טיפֿער מאמין אינעם ציוניסטישן פּראָגנאָז — קען זיך נאָך אַלץ נישט טרייסטן, פֿאַרוואָס דער חורבן

איז טאַקע געקומען; פאַרוואָס אַ נישט־רעליגיעזער סאָציאַליסט לויפט מיט התלהבותדיקער פרייד טאַנצן ביים חסידישן רבין, צו וועלכן זיין טאַטע איז געפאָרן; און פאַרוואָס אַ הייסער יידיש־באַקעמפער ברומט מיט טרערן אין די אויגן אַ יידיש פאָלקס־ליד...

אַזאַ דור קען זיך בונטעווען קעגן באַשטימטע שטריכן פונעם עבר. אָבער טיף אין זיך בלייבט ער אי קעגנעריש און אי אידענטיפיצירט מיט זייער גורלדיקער אויסווירקונג. נישט איין עקסטרעמ'יסט פון יענעם דור קען זיין שייכות צו היסטאָרישער יידישקייט פ אַ ר ש ר יי ע ן — אָבער ער קען זי נישט אַ ר ו י ס וו אַ ר פ ן פון זיינע באַהאַלטענע זכרון־קעמערלעך. דווקא דערפאַר ווייל ער ווייסט דערפון, רעוואָלטירט ער אַזוי שטאַרק — טיילמאָל ביז אַב־סורד. דעם דאָזיקן אמת קען מען אָפט באַמערקן אינעם אינסטינקטיוו־פריידיקן קבלת פנים, וואָס די מערהייט פון יענעם ישראל־דור מאַכט פאַר זייערס אַ קעגנערישן גאַסט פון „אַמאָליקע צייטן". דאָס איז גיכער אַ סובלימירט אַרומ־כאַפן זיך מיטן אייגענעם „איך", מיט דער פאַרשטויסענער אידענטיפיקאַציע, איידער מיט יענעם קעגנער פערזענלעך. וווּנדערן מיר זיך טיילמאָל אומזיסט: פאַרוואָס פלוצים זאָלן פלוני און אלמוני — פאַרהאַרטעוועט־אידעאָלאָגישע קעגנער מקדמונים — געניסן מער אויפריכטיקע וואַרעמקייט אין מדינת ישראל, ווי טייל אָנהענגער וואָס זענען שוין אויפגעקומען אין די „נייע" קאָנטינענטן?

אַנדערש איז אָבער מיטן נייצייטיקן און רעאַליסטיש־העלדישן ישראל־דור. ער האָט נישט צום אַמאָליקן דור קיין שום ספעציעלע נטיה. אויב ער פאַרטראָגט נישט דעם אַמאָליקן ייד און זיינע ווערטן — איז עס אַ קאַלטער אָפּנויג; אָן דער פייערדיקער קעגנערשאַפט וואָס ברענט אין אַלע גלידער. ער וועט אָבער קיינמאָל נישט דערגיין אויך צו די קאָכיק־צעשפילטע מינוטן פון גרויסער ליבשאַפט אויף אַלע האַרץ־סטרונעס... ער קען איגנאָרירן די היס־טאָריש־יידישע קאַטעגאָריע מיט וויטלעכער דיסטאַנץ, איר אַרויסווייזן אַן אַקטיוון ביטול אָדער זי גלייכגילטיק פאַרבייגיין. ער קען איר אַפילו אַרויס־ווייזן אַ באַשטימטן אינטערעס, ווי צו אַ וויסנשאַפט פון אַ נעלם־געוואָרענער תקופה. אָבער איןביידע פאַלן ווערן כמעט נישט אויפגערודערט זיינע אינ־טימע געוועבן.

דער זעלבער חילוק ווערט נאָך בולטער ביים אָנמעסטן אים אויף דער יידישער סביבה אין די תפוצות. דער עלטערער דור פון דער היסטאָרישער שיכט האָט אַ סך רעוואָלטן היגטער זיך. איך גופא קען הונדערטער יידן, וואָס האָבן געפירט הייסע מלחמות קעגן רבנים, רביים און דער רעליגיעזער וועלט בכלל. אידעאָלאָגיש האָבן זיי זיך עד־היום ווייניק־וואָס געענדערט. אָבער ווען

זיי הערן אַ מעשהלע פון אַ חסידישן הויף — אָדער וויאַזוי דער זיידע איז אויפגעשטאַנען צו סליחות — פאַרלירן זיי דאָס לשון פון גערירטקייט. דערפאַר אָבער זענען פאַראַן אַן אַ שיעור אַמעריקאַניש־געבוירענע, וואָס ווייסן נישט דעם טעם פון אַמאָליקע קאַמפן. אדרבא: די אַמעריקאַנער טאָלעראַנץ האָט זיי אויסגעלערנט האָבן דרך־ארץ פאַר אַ „ראַביי״, מיט אַ באָרד אָדער אָן איר. ווען איינער פון זיי הערט, וויאַזוי זיין אייגענער טאַטע — וואָס איז ביי אים דער סימבאָל פון צו־טיפער יידישקייט — האָט אַמאָל אָפּגעטאָן להכעיס־שטיקלעך אַן אַלטן רב, קען ער דאָס נישט באַנעמען מיטן שכל. זיין רעספּעקט אויף דעם שטח איז גאַנץ און אויסגעגאָסן פון איין שטיק. ער וועט נישט וואַגן אַרויסצוברענגען דאָס מינדסטע וואָרט פון סאַרקאַזם אויף דער שיל, סינאַגאָגע אָדער רב. אָבער דער דרך־ארץ בלייבט אַ טרוקענער, אַן אָפּגעטיילטער — אָן אַ סימן פון אינטימער איבערלעבונג. נישט ער וועט אויפשוידערן ביים הערן שלעכטס און נישט ער וועט גערירט ווערן ביים הויך פון אַ ליכטיקן ניגון. ביידע געפילן קומען ביי אים אַרויס ווי אַ נייער „לכם ולא לו״ פון דער אַלטער הגדה.

דאָס איז אויך נאַטירלעך: דער היסטאָרישער ייד פון אונדזער צייט איז נישט אויפגעוואַקסן בלויז אויפן אידייאישן באָדן. יעדע ריכטונג איז אויך אויסגעוואָרעמט געוואָרן פון אַ באַשטימטן קלימאַט. דערפאַר טאָר מען דעם חילוק נישט צושרייבן דער עלטער אָדער געדאַנקלעכן איינשטעל. ווען עס זאָל למשל פּאַסירן אַ נס — און אַלע פּאַרטייען פון אַמאָל זאָלן ווידער ווערן מאַסן־באַוועגונגען (פאַרשטייט זיך, ווייל דער נייצייטיקער דור וואָלט אין זיי געוואָרן אַקטיוו) קענען זיי אויך מער נישט אויפטרעטן אין זייער פריערדיק געשטאַלט. אַפילו ווען די וויכטיקסטע מנהיגים פון אַמאָל זאָלן נאָכאַמאָל אויפשטיין פון זייערע קברים און שטעלן זיך בראש — וואָלטן זיי אויך מער נישט געהאַט די אַמאָליקע השפעה און צויבער. סיי זייער חן און סיי זייער אומחן וועט שוין בלייבן צוגענאָגלט צום יידיש־קלימאַטישן עבר.

די „אַלטע״ באַוועגונגען לאָזן זיך, בכן, מער נישט קאָפּירן; און אויך יענע מנהיגים לאָזן זיך מער נישט אימיטירן. ווער עס זאָל נישט פּרווון דאָס אַלטע אויפסנייַ — מוז פאַלן אַ קרבן פון די אייגענע אילוזיעס. די מחיצה צווישן היסטאָרישן און נייצייטיקן ייד וואָלט געבליבן, אַפילו ווען אַלע יידן זאָלן מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין שאַרפע גלותיסטן — אָדער פאַרקערט: ווען דאָס גאַנצע יידנטום פוןביידע לאַגערן זאָל זיך כהרף־עין אַריבערטראָגן קיין מדינת ישראל. מען קען איבערנעמען און זיך אַריינלעבן אין אַ נייער איד יי; אָבער גאָר־זעלטן קען מען זיך, מיט דער גאַנצער נאַטירלעכקייט, אַריינפלאַנצן אין אַ נייער מענטאַליטעט. דערפאַר

וואָלט די שייד־וואַנט אויך נישט נעלם געוואָרן מיניה וביה, אַפילו ווען אַלע יידן זאָלן מיטאַמאָל נעמען ריידן העברעאיש אָדער יידיש. נישט אַנדערש וואָלט עס געווען, ווען אַלע זאָלן מיטאַמאָל ווערן פרום אָדער פריידענקעריש. זיכער וואָלט עס ל י י כ ט ע ר געמאַכט דעם קאָנטאַקט צווישן די דורות — אָבער באין אופן נישט ב אַ ז י י ט י ק ט די מענטאַלע חילוקים. אויף דעם שטח קענען מיר נישט ווערן קיין משיח־דור, אויב אַפילו אַלע זאָלן ווערן „כולו חייב" אָדער „כולו זכאי". ס'איז גיכער אַ פראַגע פון באַזונדערע געמיטס־שטאַמען, איידער פון באַזונדערע מחשבות און לשונות.

דער חילוק צווישן דער איצטיקער שפּאַלטונג אין יידנטום און דער אַמאָ־ליקער איז גאָר גרויס: ווען אונדזערע באַוועגונגען האָבן אַמאָל רעוואָלטירט קעגן דער וועלט פון „טאַטעס און זיידעס" — איז עס געווען אַ קאַמף פון יינג קעגן אַלט אין דער זעלבער, קלימאַטישער פּסיכע. יענע יוגנט האָט זיכער געבראָכן מער שויבן, זיך מער אַרומגעשלאָגן און אפשר אויך מער פיינט געהאַט די וועלט פון אירע עלטערן. דאָס איז אָבער געווען דווקא דערפאַר, וואָסביידע וועלטן זענען געווען ענג צונויפגעוואַקסן און געשטערט אייגנס דאָס אַנדערע. ס'זענען געווען צוויי צווייגן פונעם זעלביקן לשון און דער זעלבער סביבה. דער קאַמף איז בכן געווען שווערער — אָבער אייגענער. ס'איז געווען אַ געראַנגל צווישן צוויי עקשנותן. דער עלטערער דור איז געווען נישט ווייניקער אַנגרייפעריש ווי זיין יינגערער אָפּאָנענט. דערפאַר אָבער איז דער היסטאָרישער ייד פון היינט כמעט אין פולער דעפענסיווע. דער בייצייטיקער ייד קען מער נישט האָבן דעם פלאַמיקן דראַנג צו מרידה, ווי זיין אַמאָליקער פאָרגייער. ער שטייט נישט פאַר קיין האַרטע פעלדזן, וואָס זוכן אים אַרויפ־צוצווינגען זייער ווילן און שטייגער. דער דור פון טאַטעס — ווי איך זע אים אין אייראָפּע און אַמעריקע — איז הכנעהדיק און נאָכגיביק. דער יינגער דור דאַרף זיך נישט אַרויסרייסן פון אייזערנע קלאַמערן, בכדי אַוועקצוגיין אויף אַנדערע וועגן — אָדער זיך גאָר אַסימילירן. מחמת דעם האָט ער נישט קיין שום סיבה צו ברעכן שויבן און האַקן ווענט. פאַקטיש איז מער נישטאָ קיין קאַמף — נאָר אַ קאַלטער און פרעמדער שלום צווישן ביידע מחנות. דערפאַר קען זיך דער בייצייטיקער דור דערלויבן אַ באַשטימטן דרך־ארץ, מיט קילער טאָלעראַנץ. ער ווייסט, אַז יענע דורות האָבן אַ רעכט צו לעבן ווי זיי ווילן און ער דאַרף זיי נישט אויסלאַכן: סיידוי וויל זיך קיינער נישט אַריינרייסן צו אים אין האַרץ מיטן גאַנצן אימפּעט.

פאַראַן אַ סך, וואָס זענען צופרידן מיט אַזאַ מצב. דאָס איז דער גוטער סימן פון די נייע צייטן. אָבער אַזאַ גלייכגילטיק־אויסמיידערישער פרידן איז מער געפערלעך ווי די עקסטרעמע קאַמפן פון אַמאָל. דאָס לעבעדיקע בלוט

הערט אויף פּולסירן איןביידע זייטן. די וואַכע יידישקייט קען דאָ אויסגיין און קיינער זאָל אַפילו נישט הערן ווען די נשמה צאַפּלט נאָך און ווען זי לאָזט אַרויס דעם לעצטן כּאָרכל. דערפאַר גלויב איך, אַז די דאָזיקע שפּאַלטונג באַדראָט מער אונדזער יידישקייט ווי יענע צעטיילונג „צווישן מדינת ישראל און די יידישע תפוצות", איבער וועלכער מ'ען אַלאַרמירט פון אַלע זייטן — אַפילו פון ציוניסטישע שופרות. דער בעסטער סימן: אַפילו אין מדינת ישראל איז שוין די דאָזיקע שפּאַלטונג אַן אָפענע סכנה.

ד.

אחרי הדברים האלה איז שוין צייט צוצוגעבן: די דאָזיקע חלוקה, וואָס מיר שילדערן, איז נאָר אויבערפלעכלעך; בלויז די ערשטע שיכט. נישט אַלע־מאָל קען די „היסטאָרישקייט" אָדער „בייצייטיקייט" באַשטימט ווערן לויטן קלימאַטישן אָפּשטאַם פון מענטשן און ריכטונגען. דאָס איז נאָר דער שליסל צום מצב אָבער נישט זיין תוך.

מוזן מיר מאַכן אַ שריט ווייטער. זיין אַ היסטאָרישער ייד מיינט בעיקר: זען יידישע געשיכטע מיט היסטאָרישע אויגן. וואָס מיינט עס? גאָר פּשוט: קענען אָפּטיילן אַקטועל־אידעאָלאָגישע עקשנותן פון היסטאָריש־אָפּגעקילטער אַנטוויקלונג. למשל: ראובן אָדער שמעון געהערן היינט צו אַ באַשטימטער פּאַרטיי. אויב זיי מיינען עס ערלעך — מעגן זיי זי האַלטן פאַר דער בעסטער אין אונדזער דור. דאָס הערט אָבער אויף צו זיין נאַטירלעך, אויב ראובן טראָגט איבער זיין פּאַרטייאישן בליק צו דער גאַנצער געשיכטע. קאָנקרעטער: אויב אני הקטן בין אַ ציוניסט — דאַרף איך גלויבן באמונה שלימה, אַז היינט מוז זיך מדינת ישראל וואָס־שטאַרקער באַוואָפענען. דערפאַר בענטש איך יעדעס שטיקל כלי־זיין, וואָס קומט אַריין אין יידישע הענט. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז איך מוז פאַרבלייבן אַ היסטאָרישער מיליטאַריסט פאַר אַלע צייטן, אויף פאָרויס און צוריק. מהאי טעמא האָב איך געקענט מאַכן אַ ברכה איבערן געווער פון וואַרשעווער געטאָ — און דאָך באַגייסטערט ווערן פאַר יענע דורות, וואָס האָבן געזען דעם יידישן תיקון אין אַ וועלט אָן געווער... דאָס איז נישט קיין געדאַנקלעכע סתירה, נאָר פאַרקערט: אַ באַגערטע סינטעזע צווישן מיין „איצט" און מיין „שטענדיק". אדרבא: ווייל איך מוז איצט צערטלען די שווערד, באַדראָט מיך אַ סכנה: איך קען זי נאָך מאַכן פאַרן עיקר און זי באַטראַכטן פאַרן אייביק־נאַציאָנאַלן גואל. דערפאַר מוז איך נעמען צוהילף אונדזער לאַנג־היסטאָרישן בליק, בכדי אָפּצושוואַכן מיין אַקטועלע התלהבות פאַרן אַרויפגעצוווּנגענעם מאָרד־מכשיר.

נאָך אַ ביישפּיל: דער היסטאָריקער פלוני געהערט צו אַ מאַרקסיסטישער

פּאַרטיי. עס איז בכן נאָרמאַל זיין קוק אויפן היינטיקן לעבן דורך מאַרקסיס־טישע ברילן. עס איז זיין רעכט צו זען יושר אין אונדזער וועלט נאָר דאַן, ווען ער איז דיקטירט פון זיינע פּאַרטייאישע שורות. דער זעלבער מוז אָבער ווערן אומנאָרמאַל, ווען ער נעמט למשל מאַרקסיסטיש צעגלידערן די משלים פונעם דובנער מגיד. דער גאַניאַלער פאָלקס־דרשן האָט טאַקע געמוסרט יידי־שע גבירים און ליב געהאַט אָרעמעלייט. אָבער דאָס האָט לגמרי קיין שייכות נישט צו היינטיקע פּאַרטיי־טעאָריעס. אַ היסטאָרישער ייד פון פּאַרצייטנס האָט געקענט טרעפן צו די קוואַלן פון עלעמענטאַרן יושר — אָן די דאָגמעס פון אַ היינטיקן טעאָרעטיקער. נאָך מער: דאַן האָבן נישט דווקא געמוזט זיין ספּעציעלע פּאַרטייען לטובת דעם אביון; און „ליבשאַפט" אָדער „שנאה" איז נישט געטיילט געוואָרן לויט סטאַדעס — אָרעמע זענען אַ „קלאַס" וואָס מען ד אַ ר ף ליב האָבן און רייכע זענען אַ קלאַס, וואָס פאַרדינט בלויז האַס. האָט אַזאַ ייד ווי ר' יעקב קראַנץ „געמעגט" ליב האָבן דעם הונגעריקן אָן טעאָ־ריעס נאָר מ י ט הארץ. פאַרן היסטאָרישן ייד איז בכן לעכערלעך אָנצושטעלן דעם מעכאַנישן שפּאַקטיוו אויפן „דובנערס" משלים, בכדי צו באַווייזן: אַט־דאָ האָט דער היסטאָרישער פאָלקס־מגיד דערגרייכט דעם אמתן יושר, ווייל ער שטימט מיטן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם — און דאָ ווידער איז ער שוין פאַרכאַפּט געוואָרן פון „קליינבירגערלעכע" טענער.

קולטור־געשיכטע — ובפרט יידישע — ווייסט נישט פון קיין ספּעציעלן מאָנאָפּאָל אויף איידעלע געפילן. אין אונדזער פריער פּאַרטיי־ליטעראַטור האָט אָבער גאָר־אָפט גובר געווען דער צוגאַנג פון „אני ואפסי עוד": אויב „מיין" באַוועגונג איז פאַר סאָציאַלן יושר — האָט קיינער פ אַ ר א י ר נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג וואָס יושר מיינט. דאָס זעלבע איז מיט קולטור און אַנדערע גוטע זאַכן. „מיר" זענען דער אָנהייב — און ווער עס האָט גע־לעבט פריער מוז אַזוי געמאָסטן ווערן: וויפל האָט ער פאַרמאָגט פון מיין אידיי? טאָמער איז ער „אַרויס פון די ראַמען" — עקזיסטירט ער נישט. דאָס איז דער בולטסטער מוסטער פון אַנטי־היסטאָרישן צוגאַנג, הגם ער ווערט טיילמאָל באַגרינדעט פון פאַכמענישע היסטאָריקער. נישט אומזיסט האָט די יידישע מסורה זיך קיינמאָל נישט געלאָזט איינרעמען אין קיין געדאַנקלעכן סדום־בעטל: וואָס עס איז קלענער, ציט מען אויס און וואָס עס איז גרעסער שניידט מען אָרום — ביז עס שטימט מיט „מיין" מאָס. עס איז זיכער נישט קיין צופאַל, וואָס די וויזיע פון אייביק־אַקטועלן סדום־בעטל איז אויסגעטראַגן געוואָרן מיט אַזויפיל גאַניאַלער איראָניע דווקא פון דער יידישער אגדה.

אַ היסטאָרישער בליק אויף יידישקייט מיינט בכן: נישט אַריינלייגן אונ־דזער גאַנצע געשיכטע אינעם בעטל פון איין באַשטימטן דור; נישט זען די

גאַנצע אייביקייט לויטן איצטיקן בליק — נאָר פאַרשטיין: גרויסקייט און ליכט האָבן זיך געקענט אויסוואַרעמען אין אַלערליי „בעטלעך", לויט פאַרשיידענע תקופה־מאָסן. דערפאַר האָבן מיר דאָ בכיוון אָוועקגעשטעלט ווי אַ מאָטאָ הרב קוקס ווערטער וועגן *אַלע* גייסטיק־יידישע באַוועגונגען. ער האָט דאָרט בפירוש איינגעשלאָסן די וועלטלעך־פרייע, צו וועלכע ער האָט באַין אופן נישט געקענט מסכים זיין. אָבער דווקא דערמיט האָט ער אונדז געוויזן, וויאַזוי צו קוקן אויף יידישער געשיכטע מיט היסטאָריש־אָפענע אויגן. זען „רוח הקודש" אין באַוועגונגען מיט וועלכע מען איז אַליין נישט אידענטיפיצירט — מיינט באַין אופן נישט, אַז מען דאַרף דערביי אויפגעבן די אייגענע מחשבה און איבערצייגונג. דאָס מיינט אויך נישט קיין קינסטלעך מלמד־זכות זיין אין ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווערס נוסח. דער האַרציקער צדיק פונעם חסידישן מיטאָס האָט געקענט נתפעל ווערן פון אַ בעל עגלה, וואָס שמירט די רעדער ביים דאַוונען; *ער* האָט געקענט אויסשרייען צום רבונו של עולם: זע, וואָס פאַראַ פאָלק דו האָסט! אַפילו ווען ער שמירט די רעדער — טראָגט ער אויך טלית און תפילין... דער געוויינטלעכער ייד — אָן אַזאַ לעגענדאַרער מאָס אהבת ישראל — מוז אין אַזאַ פירעכץ זען פשוטע עם הארצות און גראָבקייט. הרב קוק האָט אונדז אָבער געלערנט, אַז אַפילו אין אונדזער גערעכטן כעס טאָרן מיר נישט פאַרזען, אַז אויך יענער פראָפאַן *פאַרמאָגט אַן אייגענעם טלית*; אַז אויך ער האָט אַ באַדערפעניש זיך צו צירן פאַר זיין באַשעפער מיט אַביסל קדושה. אויך דאָס זען די בלויזע סמאָלע און נאָר די מגושמדיקע רעדער איז ווייט פונעם רעאַלן אמת.

נחזור לענין: יעדער איינער פון אונדז קען און *דאַרף* אין גורל־צייטן געהערן צו אַ פאַרטיי, וואָס איז אים נאָענט צום האַרץ. אויב זי טוט גוטע זאַכן — פאַרוואָס זאָל איך זי נישט פאַרשטאַרקן מיט מיין אָנגעהעריקייט? איך בין אַפילו גענויגט צו זאָגן, אַז דאָס פאַרטייאישע לעבן בזמן הזה ברענגט מיט זיך אַ גרויסע ברכה: נישט ווייניק יידן קענען בלויז דורכן געהערן צו אַ פאַרטיי האָבן אַ קלאָרן בליק אויף יידישקייט. דאָס „געהערן" צו איר אַנגאַזשירט יעדן ייד פערזענלעך צו וועלן וויסן און באַקענען דאָס אַרומיקע קאַפיטל פון יידישן לעבן. דאָס צווינגט אים צו „נעמען שטעלונג" און מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן *זיין* פּראָגראַם און יענעמס — און במילא מוז ער שוין האָבן מער אינפאָרמאַציע. אָן זיין פערזענלעכן „אָנטייל" וואָלט ער אפשר פאַרגעסן פון וואַנעט ער שטאַמט. איך זאָג עס אויפן יסוד פון אייגענער אָבסערוואַציע. דער פאַרטייאישער גערויש ביי יידן אין די לעצטע 70 יאָר האָט גורם געווען צו אַ סך אויפטוען, וואָס ביי אַן אידילישער שטילקייט וואָלטן מ׳ר צו זיי נישט דערגאַנגען. די שוואַכע „פאַרטייאישקייט" אינעם ביצייטיקן

יידנטום — האָט דוכט זיך אויך געפירט צו אָפּגעשוואַכטער יידישקייט בכלל; און אפשר אויך צו אַ פאַרקנאַפּטער מענטשלעכקייט...

אָבער דער היסטאָרישער ייד מוז דערביי זיין גענוג אָפּגעהיטן. דערפאַר מאַכט ער ז יי ן חשבון אַזוי: איך האָב אויסגעוויילט מיין פּאַרטיי, ווייל בנוגע אונדזערע א י צ ט י ק ע פּראָבלעמען האָט זי דעם צוגאַנג, וואָס איז גערעכטער פאַר אַנדערע. ווען עס קומט אָבער צום גאַנצן בליק אויף אונדזער געשיכטע — איז נישט מעגלעך געווען, אַז בלויז איין באַוועגונג זאָל אַריינ־כאַפּן דעם גאַנצן רוח־הקודש. די צייטן זענען געווען אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז יעדע איינע האָט געמוזט נכשל ווערן אין טעותים — און איך טאָר נ״שט פאַר־זען „מיינע״ פּעלערן, פּונקט ווי איך טאָר נישט פאַרגעסן „יענעמס״ ליכטיקן שטראַל. סוף כל סוף איז דאָך אַלץ אַריינגעטראָגן געוואָרן אין מ יי ן יידיש־געשיכטלעכן בנין אַריין.

מהאי טעמא בין איך אויך נישט גורס די עקסטרעמע באַציאונג פון אונדזערע ליטעראַטורן צו יידישע קולטור־עסענצן. אויב חסידות למשל איז געווען טריף פאַר אונדזערע שרייבער — האָבן אַ ל ע רביים געמוזט אויס־זען ווי פינצטערע שאַרלאַטאַנעס. אויב ווידער עס איז געקומען די צייט פאַר ליטעראַריש־חסידישער רעהאַביליטאַציע — האָבן מ'ר באַקומען בלויז זיס־לעכע הימל־בילדער, אָן אַ ברעקל וואָלקן. דערפאַר קען מען היינט כמעט נישט שילדערן קיין „שלעכטן״ רבין און ממש זעלטן קען מען באַמערקן אַ פּיצל שטראַל אַפילו ביים גרעסטן, מתנגדישן זייל. אָבער בעיקר האָט די אַנטי־היסטאָרישקייט דאָמינירט אין אונדזער פּאַרטיי־ליטעראַטור.

ביים אָנערקענען די היסטאָרישע מאָס איז נישט שווער צו זען: אין די ערשטע יאָרן פונעם פּיאָנערישן אידעאַליזם האָט כמעט יעדע יידישע שאַטי־רונג אַרומגעזוכט דעם אמת אויף איר שטייגער. ווען טויזנטער גוט־מיינענ־דיקע יידן זוכן עפּעס אַרום במשך אַ לאַנגער צייט מיט אַזויפיל קרבנות־גרייטקייט — מוזן זיי לכל־הפחות געפינען אַ ברעקל. יאָ, טייל האָבן דער־גרייכט מער און טייל — ווייניקער. אָבער אויף יעדער איינער האָט אַמאָל אַ שוועב געטאָן דער ליכטיקער פליגל פון רוח־הקודש. און וואָס איז דען „רוח הקודש״ אין מאָדערנע טערמינען? אַ בליץ פון אייביקייט... און וואָס איז דען אייביקייט? אָן עלעמענט, וואָס קיין שום שכחה טאָר נישט צעשטערן אָדער צעשטויבן. וואָס מער אייביקייט פון דעם מין אַ פאָלק פאַרמאָגט — אַלץ מער ווערט עס געשיצט פאַר דער גרויזאַמער שטערבלעכקייט; און וואָס מער אַ פאָלק איז מוותר דערויף — אַלץ שנעלער גייט עס אַנטקעגן דער אייגענער צעפאַלונג.

דאָס מיינט פשוט: ביי יעדער אויפריכטיק־יידישער באַוועגונג ליגט

באַהאַלטן אַ שטיק גרויסקייט, וואָס מען דאַרף און מען מוז אַנטפּלעקן. ס'איז דערבײַ קיין חילוק נישט, אויב זי איז הײַנט אַן אָדלער אָדער אַ שאָטן. אונדזערע חכמים פון דער מסורה — פון תנ"ך אָן — האָבן אונדז געלערנט, אַז מיר דאַרפן איבערנעמען גוטע מידות אַפילו פון אַ קאַץ, אַ טויב און אַ מילב... דאָס מיינט אייגנטלעך, אַז עס זענען נישטאָ קיין גרענעצן פאַר גייסטיקער העכערקייט און אומעטום איז דאָ וואָס צו לערנען. דווקא אין אַ צײַט פון אומקלאָרער זוכעניש מוז מען צונויפנעמען אַלץ וואָס דער יידישער גייסט האָט אָנגעזאַמלט — וואו נאָר די דאָזיקע אוצרות ליגן באַהאַלטן. דאָס איז אַ חוב, וואָס מיר קומען אויפמאָנען „פונעם פאָלק פאַרן פאָלק", ווי עס הייסט אין דער מליצה. איז זיך דערבײַ נישט שייך צו רעכענען מיט דער אָדער יענער פּאַרטיי־ליניע, ווײַל דער היסטאָרישער ייד מוז קענען איבערוואַקסן אַלע אַקטועלע ראַמען. אויב נישט, וועט די סאַמע־געפערלעכסטע רויבערין — די צײַט — אַוועקנעמען פון אונדז אַזעלכע פאַרמעגנס, וואָס קיין אַנדער דור וועט שוין אפשר מער נישט קענען רעסטאַווירן. די אַלע וואָס פאַרמאַכן די אויגן אינעם אַנטי־היסטאָרישן דרעמל — ווען עס קומט צו „יענעמס" ווערטן — דערמאָנען אין משה נאַדירס בעל־גאווה: ער זעט ווי אַ גנב רײַסט זיך אַרײַן אין זײַן שטוב, פּאַקט איין די ווערט־זאַכן פון אַלע ווינקלען און לאָזט זיך צו דער טיר. אָבער ער גיט נישט קיין ריר מיט דער האַנט, טוט נישט קיין פּיפּס — ווײַל עס שטייט אים נישט אָן צו האָבן מחזקות מיט אַ גנב...

אמת: דער היסטאָרישער ייד טאָר נישט אַרײַנפאַלן אינעם צווייטן עקסטרעם און דאַרף נישט מגזם זײַן. בײַ דער זײַט פון פּאַרטייאיש־אידעאָלאָגישער עקשנות האָט זיך אויך באַוויזן אַ פאַרקערטע טענדענץ: אַן איבערפלעכלעכע מידת־הרחמים, וואָס אַקצעפּטירט „טעאָרעטיש" אַ ל ץ וואָס פריערדיקע דורות האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט. אינעם דאָזיקן קרייז האָט די ג.אָ ס ט אַ ל ג י ע גובר געווען די ג ע ש י כ ט ע און במילא דאַרף מען האָבן אַ פּאָזיטיוון קוק אויף „אַלץ וואָס עס איז יידיש". אָפּגעטייטשט אויף געווײנלעך לשון, דאַרף מען איבערנעמען דעם מנהג פונעם דראַזשנער רב אין דער יידישער אַנעקדאָטיק: געבן גערעכט ביידע צדדים, וואָס קומען אויף אַ דין־תורה — הגם זיי באַשולדיקן גאָר איינס דאָס צווייטע. אַפילו פונעם נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט טויג נישט אָנצונעמען די בלינדע „אהבת ישראל", וואָס מישט אויס קליין מיט גרויס, עכט מיט פאַלש אין איין קעסל. דער קריטישער בליק טאָר נישט פאַרשטעלט ווערן. אָבער מיר ריידן דאָ נאָר פון ערלעכער אחריות, וואָס פאָדערט בײַ יעדן גורל־אומרואיקן ייד מאָס און טאַקט. ער דאַרף זיך אַרײַנלעבן אין דער פּילזייטיק־יידישער לאַבאָראַטאָריע, זיך אַוועקלאָזן איבער אַלע יידיש־געשיכטלעכע וועגן און ווו נאָר ער זעט אַ

ניצוץ פון גרויסקייט — זאָל ער אים אויפהייבן און אַריינטראָגן אינעם ייִדישן שפייכלער.

דער היסטאָרישער ייִד — ווי מיר זעען אים — איז אין אַ סך פּרטים דער לעצטער ייִד. אָן דער אויפגאַבע פון צונויפשליסן אַלעמענס ווערטן אין איין ייִש — קען ער בקרוב אויך ווערן דער פאַרשוווּנדענער ייִד. אָבער מיט אַזאַ שליחות קען ער גאָר ווערן דער ערשטער אָנהייבער פון אַ ניי־ייִדישער אַנטוויקלונג.

אין מיטן אַקטועלע קאַמפּן — האָט מען נישט אַלעמאָל געקענט זען, וווּהין דער וועג פון יעדער באַוועגונג האָט דערפירט. איז אויך נישט מעגלעך געווען צו וויסן, ווו דער קעגנער האָט באַהאַלטן זיינע אָפּגעשפּאָרטע חלקים דערהויבונג. אָבער אינעם שאָטן פונעם היסטאָריש־באַרואיקטן בוים איז דאָס אַ סך לייכטער. דערפאַר קענען צו דער היסטאָרישער ייִדישקייט בזמן הזה נאָר געהערן די, וואָס זענען גרייט צו געבן אַ תיקון אַלע גוטע זייטן פון אונדזער פילפאַרביקן עבר. משל למה הדבר דומה? צו אַן אַרכיטעקט, וואָס בויט אַ הויז לויט זיין אָריגינעלן פּלאַן. איז נאַטירלעך, אַז ער זאָל דאָ באַנוצן זיין געשמאַק און נישט קיין אַנדערנס. ער קען אָבער צוליב דעם נישט מבטל זיין די גאַנצע שטאָט — אָדער גאָר דאָס גאַנצע לאַנד — וואָס אַנדערע האָבן געבויט במשך פון לאַנגע דורות. ער קען און דאַרף צוטראָגן זיין חלק צו דער בוי־קולטור, ווייל דערמיט ברענגט ער צום אויסדרוק זיין שעפעריש־נאַטירלעכע עכטקייט. ווען ער וויל אָבער פאַרזען די שיינקייט פון דער גאַנצער שטאָט, ווייל זי שטימט נישט מיט זיין פּלאַן — איז עס קולטורלאָזע גאווה. דאָס מעג געזאָגט ווערן וועגן אַלע היינטיקע באַוועגונגען, וואָס זייער שורש געהערט צום עבר. אויב זיי האָבן נישט דערגרייכט דעם היסטאָרישן בליק, ביז צום באַנעמען די אַלזייטיקע שיינקייט פון אַנדערע דורות און ריכטונגען — וועלן זיי פריער אָדער שפּעטער בלייבן הענגען אין אַ פאַנטאַסטישן חלל. דערפאַר אָבער קען אַ צונויפגענומענע גרופּע — מיטן ציל אויפצוהיטן און פאָרמולירן דאָס גוטע פונעם גאַנצן און היסטאָרישן דור — אויפשטייגן צו דער מדרגה פון נאַציאָנאַלע לערער. אָן אַזאַ בליק, האָט נאָר יעדע באַוועגונג פאַרצולייגן דעם נייעם דור אַ קליינעם חלק ווערטן, וואָס זענען בלויז געוואָקסן אין איר גאָרטן. דאָס קען ווייניק אימפּאָנירן דעם נייעם ייִד, וואָס קומט בלויז לערנען אָבער נישט מיטפילן. דערפאַר אָבער קען אפשר דאָס אָנגעזאַמלטע פאַרמעגן פון אַלזייטיקן כאַראַקטער מיטרייסן אַפילו דעם גלייכגילטיקן דור פון מאָרגן.

ה.

ווען עס קומט צום נישט־היסטאָרישן ייד פון אונדזער דור — איז ער טאָפּלט־יינג: אי ער האָט נאָך גרינגע פּיס צום לויפן און אי ער ווערט נישט באַשווערט פונעם בליי, וואָס איז אַלט יאָרהונדערטער. דערפאַר איז דער היס־טאָרישער ייד טאָפּלט־אַלט: אויסער זיין פיזישער זקנה — איז ער אַ גע־שלאָגענער ייד. ריזיקע שטיקער וועלט האָבן שוין געקראַכט איבער זיין קאָפּ, אָדער סתם זיך אָפּגעריסן און אַוועקגעשווומען. אין סך־הכל איז עס אָבער נישט בלויז טראַגעדיע, נאָר אויך נאַציאָנאַלע דערפאַרונג. און וואָס איז אַזוינס נאַציאָנאַלע דערפאַרונג? רעאַלער רוח־הקודש. דער היס־טאָרישער ייד האָט שוין געלערנט אויף דער אייגענער הויט, אַז נישט אַלע דאָקטרינערע אמתן פון היינט קענען אויך בלייבן פעסט און אומבאַרירלעך לאורך ימים. ער קען זיין גלייביק און סקעפּטיש בנשימה אחת. ער האָט צו זיין צייט די יידישע באַציאונג פון „כבדהו וחשדהו". ער דערלאָזט נישט, אַז די פריערדיקע גורל־קלעפּ זאָלן אים בלויז שלאָגן אָדער דערשלאָגן. דורך זיין צוריקבליק צווינגט ער זיי, אַז זיי זאָלן אים אויך לערנען. ער האָט שוין אַ סך שטורעמס הינטער זיך, במילא קען ער אויך לייכטער באַנעמען און אָפּשאַצן דעם פולן סכום־הכולל פון יידישע דורות — בעת דער נייצייטקער ייד האָט נישט געזען קיין סך וועלטן ביים געבויט ווערן און אונ־טערגיין.

דער היסטאָרישער ייד קען ווייטער דאַווענען פון זיין אייגענעם סידור, ווייל דער נוסח איז אים נענטער צום האַרץ. אָבער ער ווייסט, אַז סוף כל סוף האָט זיך די עכטע יידישקייט אַלעמאָל מער אַנטפּלעקט אין דער פאַר־שיידנאַרטיקער אַסאָציאַציע, איידער אין דער שטרענג־ציגעשניטענער דאָקטרין. אים איז באַשערט געווען אָנצוטאָן אַ היסטאָרישע הויט נאָך ביים לעבן — און ער זעט באַשיינפּערלעך, אַז זיין „אַמאָל" קען זיך מער נישט איבערחזרן אין דער אַלטער געשטאַלט. ער ווייסט, אַז שוין איצט מוז ער איינגיין אויף אַ ריי הנחות, בכדי צו געווינען דעם נייעם דור אַפילו פאַר זיין אידיי. דערפאַר איז אים שוין לייכטער צו האָבן פאַרשטענדעניש פאַר די אַנדערע ניואַנסן פון זיין דור.

דער נייצייטיקער ייד איז האָפּערדיק און פריש. ער וויל נאָך אַלץ לייזן פּראָבלעמען — אויב זיי מאַטערן אים טאַקע — לויט דער אימפּולסיווער אָנ־געצונדנקייט. דערפאַר איז ער גיכער אויסגעשטעלט צו שטאַרקע קלעפּ און אַנטוישנדיקע איבעראַשונגען. ער איז דער ריז פונעם „היינט". מחמת דעם פאַר־געסט ער, אַז מיט דער צייט וועט אויך ער אַלט ווערן און צוזאַמען דער־מיט אויך פאַרלירן זיין פרישע בונטאַרישקייט. ער איז אָפּטמאָל בלינד בנוגע

ליכט און שאָטן פון היסטאָרישע רעאַליטעטן, וואָס בלויז אַן אייגן־געשפּירטע איבערלעבונג קען בולט מאַכן. ער האָט נאָך דערוויל נישט קיין פולע מאָס אייגענע קאַפּיטלען אין לעבן, וואָס זאָלן אים אויף להבא האַלטן ביי דער האַנט און וואָרענען פאַר יעדער שטיין און ביין אויפן וועג. ער פאַרגעסט אָפטמאָל די קלוגסטע עצה, וואָס די יידישע באַרעכנטקייט האָט געגעבן דער יוגנט פון אַלע צייטן: „שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך". דאַקעגן געהערט דער היסטאָרישער ייד — טעאָרעטיש פאַרשטייט זיך — צום דור פון קלאָרע קעפּ און צעביילטע קנעכל. דאָס גאַנצע יידנטום פון היינט — ביידע חלקים צוזאַמען — קען אפשר פאַרגליכן ווערן צום מענטש פון דער אגדה: דער גוף פאַר זיך אַליין איז אַ שטיק גולם און די נשמה פאַר זיך אַליין אין אַ שוועבנדיקער ווינט. ערשט ווען גאָט פירט אדורך דעם שידוך צווישן גוף און נשמה — קענען זיך ביידע באַוועגן אין אַ לעבעדיקער וועלט. די נשמה אַליין איז אַלט, פול מיט אייביקע דערפאַרונגען. אָבער אַן דעם ענערגישן גוף — קען זי נאָר פאַרוועגדן אירע „זכרונות" אין די הימלען. דער גוף ווידער איז וווּנדערלעך־יינג, אָבער לגמרי אַן דעם געהעריקן חלק זכרון. גיט אים דאָס „געדענקען" פון אַ נשמה — און ער וועט זי היטן אַפילו מיט זיין בלינדן אינסטינקט. דאָס אַריינזעצן די דערפאַרענע נשמה פונעם היסטאָרישן יידנטום אין דעם יינגן גוף פונעם היינטצייטיקן ייד — איז אפשר די וויכטיקסטע אויפגאַבע, וואָס קען איצט ביידע געבן זייער נאַציאָנאַלן תיקון.

ו.

מכל מלמדי השכלתי... עס קומט דערביי אויפן רעיון אַ וווּנדערלעכער טעות. אַ מין גלגול פון „טוביה דער מילכיקער" אויף אַמעריקאַנער ערד האָט פאַר מיר געטייטשט מיט דער גאַנצער תמימות אַ באַקאַנטן מאמר: „כנסת ישראל נמשלה ליונה" (יידן זענען געגליכן צו אַ ט ו י ב), אַז דאָס יידישע פאָלק איז געגליכן צו י ו נ ה ה נ ב י א: יונה איז אַנטלאָפן פאַר גאָט, זיך אויסבאַהאַלטן פאַר אים צווישן פרעמדע — אָבער ס'האָט אים נישט געהאָלפן. גאָט האָט אים אָפּגעפונען... אַזוי איז עס אויך מיט יידן: וויפל מאָל זיי זענען נישט אַנטלאָפן, זיך אויסבאַהאַלטן פאַר גאָט אין פרעמדע שיפן — איז געווען אומזיסט די מי: גאָט האַלט זיי ווייטער אין דער האַנט...

למען האמת איז דער „גרייזיקער" פאַרגלייך אַ סך טיפער: די געשיכטלעכע איראָניע האָט געוואָלט, אַז כמעט אַלע באַוועגונגען פון אונדזער מ אָ ד ע ר נ ע ם אַ מ אָ ל (זעט, ווי אונדזער ווירקלעכקייט האָט דאָס געמאַכט פאַר אויס פאַראַדאָקס!) זאָלן קודם־כל וועלן אַנטלויפן פונעם איינגעוואָרצלטן שטייגער און אָנהייבן מיטן ברעכן טראַדיציאָנעלע מויערן. אָבער צום פינאַל

זענען אַ סך פון זיי גופא כמעט לגמרי אַרויסגעפאַלן פונעם נייעם לעבן, צו וועלכן זיי האָבן זיך געריסן. איצט האָבן אויך זיי זיך גענומען קלאַמערן אין פאַרטיי־סימבאָלן, אין באַוועגונגס־טראַדיציעס, אין שטייגערישע נאָסטאַלגיעס. ניט איינע פון זיי איז שוין אַ שטיק שאָטן און אַזוי איז עס אויך מיטן לייבן־טייל פון זייערע פּראָגראַמען. אַפילו זייערע הייסטע אָנהענגער קענען טייל־מאָל אין רעאַלן לעבן נישט באַנוצן די שפּראַך פון זייערע אידעאָלאָגיעס. נאָר פאַרוואָס קלאַמערן זיי זיך פאַרט אין זייער ג אַ נ צ ן באַנעם און ווילן נישט אויסטיילן דאָס לעבעדיקע פונעם קבר? אין שטילע וויכוחים לאָזן זיי אַרויס דעם לאַגישן פאַדעם און באַנוצן זיך מיט אַ פּאַטעטיש־טראַדיציאָנעלער אַר־גומענטאַציע: מען קען נישט אויפגעבן די פאָן, אַרום וועלכער עס האָט זיך צענדליקער יאָרן געוויקלט אַ לעבן פון קאַמף און מסירת־נפש. מען דאַרף שוין זיין לגמרי אָן אַ האַרץ, בכדי צו פאַרגעסן אַזאַ רומפולן עבר — בלויז דער־פאַר, ווייל אין היינטיקן לעבן איז די אידיי נישט קיין דערפאָלג.

נאָך די פריערדיקע רייד, פאַרשפאַר איך צוצוגעבן, אַז מען טאָר נישט איראָניזירן איבער אַזעלכע טענער. עס איז אָבער מאָדנע, ווען אַזעלכע נעאָ־טראַדיציאָנאַליסטן זוכן נאָר די פאַרשטענדעניש פאַר ז י י ע ר ע „צענדליקער יאָרן". זיי פאַרלירן אָבער די מינדסטע טאָלעראַנץ, ווען עס קומט צו די „צענד־ליקער יאָרן מסירת־נפש" פון אַנדערע. אַ קעגנערישע באַוועגונג מעג האָבן דערגרייכט דאָס וואונדערלעכסטע פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל — וועט עס זיי נישט רירן.

פאַקטיש זוכן איצט אַלע היסטאָריש־יידישע באַוועגונגען אַרויסצורופן דרך־ארץ צו זיך אין נאָמען פון זייערע לאַנג־יעריקע טראַדיציעס און ווערטן. אָבער נישט ווייניק פון זיי פאַרמאָגן נישט דאָס זעלבע געפיל צו אַנדערע יידישע טראַדיציעס און ווערטן, וואָס זענען אויסגעטראָגן געוואָרן במשך פון הונדערטער אָדער טויזנטער יאָרן. פאַר זיך פאָדערן זיי אַ געשיכטלעך־קאָ־רעקטע מאָס, בעת כלפּי אַנדערע פאַרגעסן זיי אין דער זעלבער מידה. אָבער דער היסטאָרישער צוגאַנג מיינט: אַ גאַנצע מאָס און נישט קיין ברעקל פון איר. דער היסטאָרישער ייד קען נישט פאָדערן קיין געפיל פון יענעם צו זיינע ווערטן, סיידן ער זוכט דאָס זעלבע ביי זיך בנוגע יענעמס אָנזאַמלונגען. מוז מען דערביי דען אָנערקענען אַלץ פון יענעמס „אַמאָל"? ניין, דאָס קען נאָר דערפירן צו טאָטאַלער אויפלייזונג פונעם יידיש־געדאַנקלעכן ניוואָנס. דער היסטאָרישער ייד מוז אָבער באַטראַכטן די נאַציאָנאַלע אידייען־מאָזאַאיק ווי איין גרויסן גוף: איין באַוועגונג האָט בלויז געקענט זיין די האַנט — און במילא נאָר אויספירן די התחייבותן פון אַ האַנט. אָבער דערמיט ווערט נאָך דאָס האַרץ און דער קאָפּ נישט איבעריק.

כל־זמן יעדער טייל פונעם היסטאָרישן יידנטום קלאַמערט זיך נאָר אין דער לאָיאַליטעט צו אייגענע ווערטן — אָבער בלייבט טויב און שטום צו אַנדערע — גייען מיר אַנטקעגן אַ מוראדיקן תהום. נישטאָ מער אַזאַ כוח און אַזאַ לעבעדיק־פריש יידנטום, וואָס זאָל קענען אויסטראָגן אַזויפיל צעשפּליטערטע טריישאַפטן ווי אַמאָל. מיר פאַרמאָגן אָבער נאָך איצט אַזאַ לעבנס־אינסטינקט, וואָס קען אויפהיטן אַ גאַנצע און געשלאָסן־יידישע קאַטעגאָריע פון ווערטן. מען מוז זיי נאָר קענען אויסזוכן פון אַלע יידישע ברונעמס — פונעם תנ״ך ביז אונדזערע ליטעראַטורן און פון איין עק באַוועגונגען ביז צום צווייטן. אויסגעשלאָסן דאַרפן נאָר ווערן די יעניקע, וואָס טוליען זיך עד־היום צו הענקער און תליות. קאָנקרעט מיינט עס: דאָס היסטאָרישע יידנטום מוז קענען אויפזאַמלען בשותפות דאָס גרויסע ספר פון יידישע ווערטן, וואָס זאָל אַלעמען געבן די באַזע פון יידישער קולטור־פאַרוואָרצלטקייט.

און דאָ קומען מיר ווידער צום אַקטועלן פאַרגלייך מיט „יונה הנביא״: ווען מיר הערן טיילמאָל, אַפילו פון אונדזערע בעסטע מנהיגים, אַז מען קען און מען דאַרף זיך אָפּזאָגן פון די „לעצטע צוויי טויזנט יאָר״ יידישער שאַפונג; ווען זיי חזרן אָפּט איבער מיט עקשנות, אַז מיר דאַרפן זיך באַזירן אויף אונדזערע לעצטע פאָר צענדליק יאָר און דער תנ״ך־עפּאָכע — קומט דער שאַרפסטער ענטפער דווקא פון די תנ״ך־בלעטער. ווען דער נביא יונה איז שטאַרק פאַרזאָרגט דערויף, וואָס זיין פריש־אויסגעוואַקסן ביידל דאַרט נעבעך איין אונטער דער זון — אָבער עס אַרט אים נישט, וואָס אַ גרויסע און אַלטע שטאָט (הגם אַ נישט־יידישע און זינדיקע) וועט אָפּגעמעקט ווערן — קומט דער געטלעכער ענטפער:

„...און גאָט האָט געזאָגט צו יונה׳ן: צי האָט דיך גוט פאַרדראָסן וועגן דעם קקיון [יהואש: ריצנביימל]? און ער האָט געזאָגט: עס האָט מיך גוט פאַרדראָסן, ביז צום טויט. און גאָט האָט געזאָגט: דיר איז באַדויערלעך וועגן דעם קקיון, וואָס דו האָסט זיך אויף אים נישט געמיט און נישט דו האָסט אים געמאַכט אויסוואַקסן — וואָס צווישן נאַכט איז ער געוואָרן און צווישן נאַכט איז ער פאַרלוירן־געגאַנגען — און איך זאָל נישט באַדויערן וועגן נינוה, די גרויסע שטאָט, וואָס אין איר זענען פאַראַן מער ווי צוועלף־הונדערט טויזנט מענטשן...״ [יונה ד.ט־יא]

ווי יעדער פאַרגלייך צווישן נייע צייטן און פרע־היסטאָרישע עפּאָס, זענען איצט די רעאַלע פאַקטן אַ שיין ביסל אַנדערש. היינט ריידן מיר נישט וועגן עטלעכע־טאָגיקע „ביידלעך״, נאָר פון גרויס־יידישע פעסטונגען — אויף וועלכע „דו״ האָסט זיך יאָ געמיט און „דו״ האָסט זיי יאָ געמאַכט אויפוואַקסן.

אָבער די מאָראַל צווישן גאָט און נביא בלייבט די זעלבע: דער היסטאָרישער ייד קען נישט פאָדערן קיין שטאַנדהאַפטיקע צוגעבונדנקייט צו זיינע בנינים פון צענדליקער יאָרן — אויב ער איז דערביי גרייט אָפּצוזאָגן דאָס לעבן גאַנצע צוויי טויזנט יידישע יאָרן פון „אַנדערע". אויב מיר וועלן פאַרשפּרייטן די תורה פון פאַרגעסן — ווערן מיר אַנטי־היסטאָריש; קענען די קומענדיקע דורות זיך אַרויסוויזן פאַר גוטע תלמידים און זיי וועלן פאַרגעסן אויך אונ־דזער חלק אין דער געשיכטע. אַזעלכע זינד זענען זיך נוקם. דאָרט ווו מען פאַרקריצט דאָס געבאָט פון ביטול — קען מען קיין צוימען נישט אַוועק־שטעלן. דאָרט ווו מען פאַרפלאַנצט גרינגשעצונג צו איין טייל יידנטום — קען מען נישט דערוואַרטן קיין פיעטעט צו דער צווייטער טייל אויף לאַנגע יאָרן.

רעוויזיעס אין אונדזער באַנעם זענען אַלעמאָל נייטיק געווען — אָבער נישט דורכן מעכאַנישן שניידן גאַנצע תקופות לויט דער אכזריותדיקער סע־לעקציע־מעטאָדע פון אונדזערע שונאים: איין יאָרהונדערט זאָל גיין צום גע־שיכטלעכן מיסט — און אַ צווייט יאָרהונדערט זאָל איינגעשלאָסן ווערן, אַפילו מיט דער בלאָטע אויף די שטיוול, אין ספר־החיים.

ז.

די אויספירן פאַר אונדזער דור מוזן זיין קלאָרע. דער היסטאָרישער טייל פונעם היינטיקן יידנטום טאָר נישט בלייבן קיין רעקוויזיט פון עפּעס אַ גע־אָגראַפישער אויסגעלאָשנקייט — און בלויז רעקוויזיטן קענען בלייבן אומ־באַרירט. ביים היינטיקן טאָג קען ער רעפּרעזענטירן אונדזער געשיכטלעכן שכל און ישוב־הדעת. אַנטקעגנאיבער אים שטייט דער נייצייטיקער טייל ווי אַ צעפּאַכעטער פליגל: פול מיט מעגלעכער ענערגיע, אָבער אָן דעם קילן געמיט, וואָס קען צוימען דעם יידישן פלאַנטער אין זיינע אינגעווייידן. אויב ער וויל אַפילו בלייבן יידיש — קען ער נישט די ווייטע האָריזאָנטן, צו וועל־כע זיין פליענדיקער אימפּעט וויל אים פאַרטראָגן. פריער אָדער שפּעטער וועט ער זיך מוזן אַ קער טאָן צום היסטאָרישן ייד נאָך אַן עצה. און ווי וועט אונדז זיין, אויב דאָס „פריערדיקע" יידנטום וועט אים דאַן ענטפערן מיט צענדליקער צונגען און יעדער באַזונדער וועט אים נאָר דערלאַנגען זיין ברעקל אָפּגעשפּאָרטע קלאָרקייט. לערנען יעדן איינערס גאַנצקייט, בכדי אַליין צו קענען קלויבן, וועט ער זיכער נישט האָבן קיין צייט.

אַ גרויסער טייל פון די היסטאָרישע יידן אין די תפוצות טוליעט זיך נאָך ווייטער צו די באַזונדערע נעסטן — און נאָר צו זיי. אָבער דער ניי־צייטיקער דור זעט סייווי דאָס גאַנצע יידנטום פון אַמאָל ווי איין גאַנצקייט.

אויב אַט־דער דור וועט זיך אַמאָל דערטראַכטן צו דער עצה פון „פרעג דעם טאַטן" — וועט ער פאַר זיך נאָר זען א יי ן טאַטן און איין „זקן". אים וועט מען מער נישט קענען אַריינציען מ׳יטן גאַנצן ברען אי׳ן אַזויפיל פאַרטיי־דיפע־רענצן, ווייל אין אַ מינוט פון ערלעכער זוכעניש אויפן יידישן שטח וועט ער נאָר אַרויסשטעלן איין פאַרלאַנג: אַ סך־הכל פונעם גאַנצן פאָלקס־באַנעם און אַ קלאָר בילד פון דער ירושה פאַר זיינעטוועגן. ווען עס קומט צו די יידישע תפוצות — לעבט דאָ אפשר ד ע ר ל ע צ ט ע ר פ אַ ר ט יי ע ן־ ד ו ר. דער דאָזיקער בשותפותדיקער גורל מוז פירן לכל־הפּחות צום געפינען איין פאָרם פון יידיש־גייסטיקער צעמענטירונג. אַנדערש איז שווער צו וויסן, ווי אַזוי אונדזער תקופה וועט דערגיין צו אַ לעבעדיקער השארת־הנפש.

פון דעם איז אויך געדרונגען, אַז אַ ריי אָפּגעשפּליטערטע קאַמפן פונעם היסטאָרישן דור האָבן שוין פאַרלוירן זייער ב אַ ז ו נ ד ע ר ע גילטיקייט. זיי מוזן דערפאַר פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טייל פון דער גאַנצער היסטאָרישקייט־אידיי. צוויי עקסטרעמען וועלן עס בולטער מאַכן:

אויב עס איז פאַרן נאַצי־מבול אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף צווישן יידישיסטן און העברעאיסטן — האָט ער זיכער געהאַט זיין באַזונדער אָרט אינעם רעאַלן לעבן. ב יי ד ע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט שטאַרק־פאַר־וואָרצלטע שיטות. זיי האָבן נישט געדאַרפט לייזן מיט זייער צוגאַנג אַלע יידישע פּראָבלעמען — ווייל דאָס איז שוין דערגאַנצט געוואָרן פון דער אַרומיקער סביבה. דער יידישיסט האָט געקענט זאָגן: א ו י ס ע ר די אַלע ענינים, וואָס דאָס יידישע לעבן גופא „פאַרנעמט" זיך מיט זיי, דאַרפן מיר קעמ׳פן פאַר יידיש. שוין דער דאָזיקער „צוגאָב" האָט בכוח געהאַט מיטצו־רייסן צענדליקער טויזנטער אין אַ ספּעציעלער באַוועגונג. אָבער היינט איז יעדער יידישער געראַנגל פאַרבונדן מ י ט ן ג אַ נ צ ן ק י ו ם פון יידן — און דער קאַמף נאָר פאַר יידיש האָט מער קיין כוח נישט צו ווערן אַ באַ־זונדער אידיי. נישט אַנדערש איז עס מיטן עקסטרעמען העברעאיזם פון אַמאָל. דער „עברי" פונעם פאַרשניטענעם פוילן און ליטע האָט זיך אינערלעך אַ סך געענדערט. ער קען עד־היום פאַראַדירן מיט זיין אומווילן צו דער „שפחה" יידיש — אָבער טיף אין זיך מוז ער אויפציטערן ביים הערן אירע קלאַנגען. זי זינגט צו אים מיט די טענער פון זיין אייגענער וועלט, וואָס די רוצחים האָבן אויסגעלאָשן. במסתרים איז ער אפשר ווינציקער גלייכגילטיק צו איר גורל ווי דער היפּאָטעטישער יידישיסט, וואָס איז שוין געבוירן אין אַמעריקע. ביים העברעאיסט פון דער אַלטער היים איז עס שנאה הינטער וועלכער עס שטייט זיין גאַנצע וועלט, בעת דער „היינטיקער" יידישיסט טראָגט אַ ליב־שאַפט הינטער וועלכער עס שטייט אַ בלויזע שפּראַך — הגם אַן אייגענע.

יידיש איז דורך אַ גרויליקער כישוף־האַנט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ספּעציפישן מעדיום פונעם היסטאָרישן יידנטום — און אויך דער העברייער פון דער קאַטעגאָריע מוז עס אָנערקענען. אַלע אירע אידייאישע אַראָמאַטן קענען זיך נאָר אַנטפּלעקן צו דעם, וואָס איז עמאָציאָנעל פאַרבונדן מיט אירע ראָמאַנטיש־לעבעדיקע יאָרן. דערפאַר האָט אויך דער צווישן־שפּראַכיקער גע־ראַנגל געקענט מעגלעך זיין אין יענע ראַמען. היינט אָבער איז פאַרביידע צדדים מער נישט מעגלעך אַרויסצושטעלן יידיש ווי אַן אָפּגעזונדערטע פאַן פון אַ באַשטימטער אידעאָלאָגיע. זי איז גאָר איינע פון די כלים, אין וועלכע דאָס היסטאָרישע יידישקייט האָט איינגעזאַמלט איר אָטעם פאַר דער צוקונפט. אַזוי למשל קענען נאָך היינט טייל יידישיסטן געהערן צו אַנטי־רעליגיעזע לאַ־גערן. זיי קענען נאָך היינט מסכים זיין צום אַלטן קאַמף פון זייער פּאַרטיי קעגן „קלער און כלי קודש". אָבער ווען עס קומט צום פאַרטיידיקן זייער יידיש — וועלן אויך זיי זיך נישט אָפּשטעלן ביי זייער בלויזער פּאַרטיי־ליטעראַטור. וויבאַלד זיי ווילן באַווייזן די קולטור־חשיבות פון יידיש — וועלן זיי אריינגעבן אין נדן דעם גאַנצן יחוס פונעם דאָזיקן לשון; זיי וועלן דער־מאָנען אַלע אירע ווערטן און אויסצירן איר קאָפּ סיי מיט ר' נחמן בראַסלע־ווער, סיי מיטן חסידישן אידיאָם און סיי מיט דער רעליגיעזער ליטעראַטור בכלל. דאָס מיינט: זייענדיק פּאַרטייאיש קעגן אַ באַשטימטן יידיש־קרייז — נעמען זיי אים אַריין אין שותפות ביים פּאַרטיידיקן דעם ברייטערן בנין פון אַלעמען. פונקט אַזוי וועט זיך דער שאַרפסטער אפיקורס אויף העברעאיש נישט וואַקלען קיין רגע, בכדי אונטערצושטרייכן דעם גאַנצן פאַרמעסט פון דער העברעאישער קולטור אויך דורך די פּרומע ר' יהודה הלוי, אבן גבירול און ר' משה חיים לוצאַטו.

איז דאָס אַ סתירה צו זייער אידעאָלאָגישן באַנעם? אין די פּיאָנערישע יאָרן פון „קאַמף" זענען אפשר געווען טייל יידן, וואָס וואָלטן באַשטאַנען אויף אַזעלכע גרענעצן. אָבער דער טיפערער קולטור־אינסטינקט האָט באַשלאָסן צו פאַרגעסן אַלע פּאַרטייאישע גרענעצן ווען עס קומט צו גייסטיקער פאָלקס־גאַנצקייט. דאָס באַווייזט אונדז, אַז די היסטאָרישע מאָס האָט זיך שוין היפּש איינגעבירגערט אויף געוויסע שטחים.

די ווירקלעכקייט גייט אָבער איר גאַנג. די אויסברייטערונג פונעם היס־טאָרישן איבערברוך וועט זיך נישט אָפּשטעלן, אַפילו ווען דער יידישיסטי־שער אַטעאיסט וועט אָנערקענען דעם רעליגיעזן טייל פאַר אַ פולן שותף צו יידיש. פון אַזאַ שותפות וועט נאָך דער ענין יידיש נישט בכוח זיין צו בלייבן אַ באַזונדערע אידיי פאַר זיך אַליין. נאָך מער: דער אַמאָליקער געראַנגל וועט זיך מער נישט קענען אָפּשפּילן אין די הערצער פונעם נייצייטיקן דור —

אַפילו ווען אין אַמעריקע זאָלן בדרך־נס אויפשטיין הונדערטער יידישיסטישע שולן; און ווען אַפילו אין מדינת ישראל זאָל מען מאַכן פון יידיש אַ חובֿ־לימוד. ווער עס חלומט נאָך אַלץ וועגן דער אויבערהערשאַפט פון יידיש — שפּילט זיך מיט אַ טראָפּן און מיינט, אַז ער שווימט אין ים הגדול. דער אמתער געראַנגל וועט נאָר אָנגיין — ביז צום געבענטשטן אויסגלייך — צווישן די צוויי הויפּט־שטרעמונגען. די אַמפּערנישן צווישן היסטאָרישן יידנטום און דעם נייצייטיקן וועלן אויך אָנגיין אויף דער מדינה־ערד און אויך אין העברעאיש גופא. דערפאַר וועט נישט מעגלעך זיין אויסצוטיילן קיין באַזונדערע אָפּשניטן און זיי דערקלערן פאַרן עיקר.

די חילוקים צווישן יידישיסטן און העברעאיסטן, צווישן גלות־אָנהענגער און ישראלדיקע, צווישן כנעניש ע„סעמיטן" און אָנהענגער פון ריין־יידישער מדינהשאַפט — זיי און זייערע צענדליקער ניואַנסן מוזן פאַרשווונדן ווי סעפּאַראַטע שטרעמונגען. יעדער ריכטונג וועט זיך מוזן איינגלידערן אין איין צד אָדער דעם צווייטן פונעם צוויי־באַנעמיקן יידנטום. אויך דער סך־הכל וועט מוזן זיין אַן אַלגעמיינער: אויף וויפל אַלע גוטע ווערטן פונעם היסטאָרישן יידנטום וועלן סוף כל סוף דערגרייכן אַ פאַרשטענדעניש ביי דער נייצייטיקער יידישקייט — וועט אויך דער חלק פונעם שעפערישן יידיש, פון די בעסערע גלות־שטריכן, פון די אַלטע איינזאַמלונגען און אַפילו פון די פרומיידישע ווערטן נישט געמינערט ווערן. טאָמער חלילה נישט — וועלן אַלע צוזאַמען פאַרלירן דעם באָדן. מוז מען בכן אויפהערן שרייען בלויז וועגן דער עוולה קעגן יידיש — סיידן מען מאָנט אָנערקענונג פאַר דער גאַנצער שיכט אַרום איר. דאָס פירן שלאַכטן פאַרן באַזונדערן קיום פון יידיש איז אין אַזאַ צעטיילונג אַ ברכה לבטלה. אָבער זי איז בפירוש ראוי איינגעשלאָסן צו ווערן אינעם געראַנגל פאַרן יידיש־היסטאָרישן באַנעם בכלל. דאָ קען זי ווערן אַ יש און באַקומען איר געהעריקן תיקון. דאָס זעלבע איז מיט אַ ריי ספּעציפישע ווערטן, וואָס זייערע חסידים ווילן נאָך אַלץ אַרויסהייבן באַזונדער ווי דעם איינציקן עיקר — הגם זיי זענען נאָר אַ טייל פון דער וועלט, וואָס האָלט ביים נעלם ווערן.

בקיצור וואָלט איך דעם דאָזיקן געדאַנק אָפּגעשלאָסן מיט אַ משל פונעם יידישן פאָלקלאָר: ווען די אָרטאָדאָקסיע האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן אין אַ פּאַרטיי — זענען אַ סך פון אירע וואָרט־זאָגער געווען חסידישע רביים פון פוילן. האָבן זיך טייל ליטווישע יידן שטאַרק געוווּנדערט, וואָס אַזאַ מתנגדישע פּערזענלעכקייט ווי דער „חפץ חיים" האָט זיך אָנגעשלאָסן אין איר. דערפאַר האָט איינער פון זיינע תלמידים אים טאַקע געפרעגט: „רבי, צווישן אונדז „ליטוואַקעס" און די פּוילישע רביים שטייט אַ הויכע וואַנט. מיר זענען

אין אַזויפֿיל זאַכן מחולק, אַז מיט עטלעכע דורות צוריק האָט מען זיך געלייגט אין חרם אַריין. טאָ וויאַזוי קענען מיר זיך אָוועקזעצן מיטאַמאָל ביי איין טיש מיט די חסידים און פירן איין מלחמה פאַר יידישקייט?". דער „חפץ חיים" זאָל דערויף האָבן געענטפערט: „כ'וועל עס דיר מסביר זיין מיט אַ משל: אַ גרויסער גביר איז אַמאָל אַוועק אין אַ ישיבה און זיך אויסגעקליבן צוויי לומ־דישע איידעמס. אָבער נאָך דער חתונה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די עילויים האָבן באַזונדערע געשמאַקן. איינער קען נישט קוקן אויף קיין פלייש, בעת דער צווייטער האָט נאָר הנאה פון געבראָטנס. דאָס אַוועקזעצןביידע ביי איין טיש האָט בכן געקענט פירן צו טריפות. אָבער אַ גביר גיט זיך אַן עצה: ער האָט געהייסן אַוועקשטעלן אין עס־צימער צוויי באַזונדערע טישן — אויף איינעם זענען נאָר געווען מילכיקע מאכלים און אויפן צווייטן בלויז פליישיקע. בלית ברירה האָט דאָס געמוזט אָנהאַלטן דעם שלום אין שטוב. אָבער מיט אַ צייט שפּעטער איז דער גביר אַראָפּ פון דער גדולה און קוים פאַרדינט אויף טרוקן ברויט מיט קאַרטאָפל. נאָר ווען עס איז געקומען צום פאַרעוון ביסן, זענען די צוויי איידעמס ווידער געבליבן זיצן ביי זייערע באַזונדערע טישן, אַזויווי ס'וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט. דאָס האָט שוין דער שווער נישט געקענט פאַרטראָגן און ער האָט פאַר זיי געהאַלטן אַזאַ מין דרשה: קינדער־לעך! כל זמן איך האָב געהאַט אַ שפע אין שטוב — איז זיכער נישט געווען כשר', אַז איר זאָלט זיצן ביי איין טיש. אָבער היינט, ווען איך קען אייך נישט געבן נישט קיין פלייש און נישט קיין פּוטער — וואָס טויגן מיר די באַזונדערע טישן? צוליבן שטיקל ברויט מיט גריץ דאַרף מען זיך נישט צע־טיילן. איר וועט עס קענען פאַרדייען ביים זעלבן טיש... דער נמשל? כל זמן ביי יידן איז געווען אַ לעבעדיקע יידישקייט פון פאַרשיידענע קאָלירן — האָט זיך איין איידעם געקענט פאַרגלוסטן „חסידות" און אַ צווייטן „מתנגדות" און מען האָט אפשר נישט געטאָרט מישן די כלים. דאָס יידישקייט איז געווען „פעט" ביי ביידע צדדים. אָבער איצט, ווען עס גייט אונדז סך־הכל דערין, אַז יידן זאָלן נישט פאַרגעסן דאָס לעצטע אות — וואָס טויגן די באַזונדערע טישן? אַז מען וועט שוין האָבן פאַרזאָרגט די וויכטיקסטע יסודות — וועט מען זיך ווידער מעגן ארומרייסן וואָס עס איז בעסער, מילכיקס אָדער פליי־שיקס?"

דער צד־השווה צו אונדזער מצב פאָדערט נישט קיין איבעריקע ווערטער.

ח.

דער ענין פון געשלאָסן־היסטאָרישן באַנעם לאָזט זיך אויך אָנווענדן בנוגע דער עקסטרעם־צווייטער זייט פון יידישן לעבן: דער ציוניסטישער וועלט־

אָרגאַניזאַציע. אין פאַרשווונדענעם „אַמאָל" איז זי געווען אַ כוח פאַר זיך אַליין. אויך איר אידיי האָט זיך שאַרף אויסגעשניטן פונעם גאַנצן אַרום. אָבער נאָך מדינת ישראל קען זי — אינעם געשטאַלט פון אַ בלויזער אָ ר ג אַ נ י־ ז אַ צ י ע — קיין פולע פאָלקס־אידיי נישט זיין. דער פאָליטישער ציוניזם האָט, אַפילו אין זיינע בעסטע צייטן, נאָר געהעמערט אויף איין באַשטימטן ציל. די גייסטיק־אינטימע פּראָבלעמען פון יעדער יחידישער נשמה זענען כמעט נישט אַריין אין זיין שטח. בלויז אומדירעקט האָט דער ציוניזם, דורך זיינע וואַריאַציעס, איינגעזאַפּט אין זיך די חלומות פון היסטאָרישער יידישקייט. ווען עס קומט אָבער צו דער רעאַלער מדינת ישראל — איז זי פאָרמעל גע־וואָרן דאָס קינד פונעם נייצייטיקן דור. דער ציוניזם — הגם ער איז מגולגל געוואָרן אין זיין אַמעריקאַנישן נוסח — באַנוצט זיך נאָך מיט חלום־לאָזונגען, וואָס געהערן צו דער אוטאָפּיסטישער ליטעראַטור. אָבער די זעלבע פראַזן רופן אַרויס אַ שמייכל אַפילו ביי די בעסטע קינדער פונעם נייעם ישראל. וויפל מען זאָל אָפּערירן אינעם גלות־ציוניזם מיטן באַגריף פון „באַנייאונג" — געהערט ער סייווי צום פאַרמעגן פונעם היסטאָרישן יידנטום.

אמת: דער ציוניזם האָט מער ווירקלעכן נצחון אין דער האַנט ווי אַנ־דערע. אָבער דאָס איז אויך זיין „טראַגעדיע": אַנדערע באַוועגונגען קענען נאָך עד־היום זיין די א יי נ צ י ק ע פאַרטרעטער פון זייער אידעאַל — אָבער נישט דער גלות־ציוניזם. אויף וויפל ער גופא פאַרבלייבט אין דער וו ע ל ט — מחוץ דער מדינה — בלייבט ער פאַקטיש אין דרויסן. אויב עס האַנדלט זיך בלויז אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם — וויפל נאָסטאַלגיע מ'ען זאָל דאָרט נישט אַריינוועבן — וועט די ציוניסטישע באַוועגונג באין־אופן זיך נישט קענען אויספעכטן קיין אייגענעם קיום אויף אַ לאַנגער מעטע. אויב דער ציוניזם פון די תפוצות זאָל זיך נישט אַנשליסן אין דער היסטאָרישער מחנה צו וועלכער ער געהערט — איז דער גרעאַנגל מלכתחילה אַ פאַרשפּילטער. די איינציקע טרייסט קען נאָר זיין, וואָס דער ציוניזם האָט „פאַרשפּילט" צ ו ז י ך אַ ל יי ן, בכבוד. זיינע אַמאָליקע צילן און זייער פּראַקטישע אויסווירקונג זע־נען אַריבער אין די שטאַרקע הענט פון דער יינגער מדינה. קען אויך קיין ספק נישט זיין, אַז די מדינה־מנהיגים האָבן מער רעכט צו ריידן אין נאָמען פון יענע צילן — איידער די וויכטיקסטע פיגורן אינעם ציוניזם, וואָס בלייבן ווייטער זיצן אָפּגעטיילט פונעם פאַרווירקלעכטן חלום. קיין שום טעאָרעטי־שע פּלפּולים זענען נישט בכח איבערצוצייגן דעם נייעם דור, אַז עס קענען געמאָלט זייןביידע זאַכן: פאַרטרעטן די ציוניסטישע אידייע, צירן זיך מיט איר — און דאָך בלייבן בענקען נאָך איר אין די מרחקים.

פונקט ווי איר יידישיסטישער אַנטיפּאָד — קען די ציוניסטישע גלות־

אָ ר ג אַ נ י ז אַ צ י ע מער נישט עקזיסטירן ווי אַ זאַך „פאַר זיך אַליין". וויפל טייל פון אונדז זאָלן נישט פאַרשטיין און שטיצן איר ווייטערדיקן קיום — וועט עס דער נישט־עמאַציאָנעלער דור פון נייצייטיקן יידנטום נישט באַנע־מען. אויב ציוניזם האָט געוואָלט דערפירן צו מדינת ישראל — איז זי שוין פאַראַן. קען זי גאַנץ־בכבודיק פאַרטרעטן זיך אַליין און מוז נישט האָבן דע־רויף קיין גלותדיקע חלום־פאַרטרעטער. אונדזערע תירוצים אויף דעם שטח וועלן מיט דער צייט נאָר זיין פאַרשטענדלעך די יידן פונעם „היסטאָרישן" ציוניזם און נישט מער. דער נייער דור וועט נישט תופס זיין, וויאַזוי מען קען באַווייזן צו זיין אי נ ע ם חלום און דאָך לעבן אויסער אים. די ציוניס־טישע וועלט־אָרגאַניזאַציע וועט נאָר קענען „ראַטעווען איר פנים" ווען זי וועט אויפהערן זיין דאָס שמאָלע ביורא־טישל; ווען זי וועט פאַרטיידיקן אַזעלכע ווערטן, וואָס דער ציוניזם פ אַ ר מ אָ ג ט און אין מדינת ישראל קענען זיי פאַרלוירן גיין אָן איר. דאָס מיינט, אַז דער ציוניזם מוז זיך נעמען ראַנגלען פאַר יענע יידיש־היסטאָרישע ווערטן בכלל, וואָס דאַרפן איינגעגלידערט ווערן אינעם נייצייטיקן יידנטום פון ביידע זייטן — תפוצות און מדינה.

די טראַגעדיע פונעם נאָך־מדינהשן ציוניזם איז אָבער, וואָס ער ראַנגלט זיך ווייטער פאַר אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען — און אַביסל צוגעטיילטע רעכט פאַר אַ דינער שיכט מנהיגים — אָנשטאָט צו ראַנגלען זיך פאַר דער נ ש מ ה פון פרינציפּן. איך וואָלט געזאָגט: אַ ציוניסטישע באַוועגונג קען זיין מער פאַרשטענדלעך אַ נייעם דור, ווען זי ווידמעט זיך דעם גייסטיקן חינוך פון וועלט־יידנטום — ביי דער זייט פון איר הילף פאַר ישראל — איידער פאַר־קערט: ווען זי פריידיקט בלויז ישראל־פראַזן און פאַרוואַרצלט ווייטער אירע נעסטן אין די גלות־שטעט. קודם־כל וואָלט זי באַפרייט געוואָרן פונעם „חשד" אין היפּאָקריזיע; והשנית — וואָלט זי טאַקע פאַרנומען אַ שטח, וואָס מדינת ישראל קען נאָך דערווייל און ליידער נישט אַרומנעמען. זי מוז אויך קענען געבן אַן ענטפער אויף אַ ריי נשמה־שאלות, וואָס דער נייער ייד פון פאַר־שיידענע לענדער איז פאַר זיי געשטעלט געוואָרן — און קען זיי טיילמאָל נישט פאַרענטפערן מיטן איינציקן תירוץ וואָס מדינת ישראל קען אים געבן. מהאי טעמא נייטיקט זיך די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע אין געשולטע ג יי ס ט ־ מ ע נ ט ש ן מער ווי אין ניכטערע פּאָליטיקער. זי מוז האָבן מער „אידייען" ווי „ראַמען". אַפילו פון ריין־פּראַקטישן שטאַנדפּונקט טאָר די ציו־ניסטישע באַוועגונג נישט דערלאָזן, אַז בלויז די אַנדערע שפּליטערן פונעם היסטאָרישן יידנטום זאָלן געבן אַן ענטפער אויף די יידישע סענטימענטן וואָס האָבן אויפגעוואַכט אין גלות. אַז דאָס איז נישט קיין אַבסטראַקטע מורא באַ־ווייזט דער מצב אין צפון־אַמעריקע, וווּ נישט־ציוניסטישע קרייזן פון פאַר־

שיידענע לאַגערן האָבן איבערגענומען דעם חינוך פון אַ גרויסן טייל יוגנט — און זיי גיבן איר דעם ענטפער אויף אַ ריי מאָראַליש־גייסטיקע שאלות — בעת דער ציוניסטישער חלק אין דער דאָזיקער דערציאונג איז אַ קנאַפּער. דאָ ליגט זיין טראַגעדיע. מוז אויך דער ציוניזם — וואָס האָט אַלע שאַנסן צו ווערן דער אָנפירנדיקער כוח אינעם היסטאָרישן לאַגער — איינגעגלידערט ווערן אין דער מחנה, פון וועלכער ער שטאַמט אָפּ און צו וועלכער ער געהערט.

ט.

יעדער היסטאָריש־יידישע באַוועגונג איז געגאַנגען צו דער צוקונפט אויף אַן אַנדערן שטייגער. אָבער אַלע קומען פונעם זעלבן וואָרצל. דאָס אַליין איז אַ גרויסער פאַקטאָר פאַר התקרבות. שוין די יידישע טראַדיציע האָט מקדים געווען פאַרן יחיד דעם „מאין באת" פאַרן „ולאן אתה הולך". אויב מען וויל וויסן — אַפילו אינעם גאַנצן פאָלקס־פאַרנעם — וווהין מען גייט, דאַרף מען קודם־כל וויסן פון וואַנעט מען קומט. דער „פון וואַנעט" ביים היסטאָרישן יידנטום איז פון איין שורש, פון איין יידישן נערוו — און במילא קען עס זיך לייכטער פאַרשטענדיקן וועגן דער צוקונפט.

אויך דער יינגער דור, וואָס וואַקסט פאַר אונדזערע אויגן איז גייסטיק צעריסן — אָבער זיין צעטיילונג שטאַמט פון אַ נישט־יידישן באָדן. ער איז נישט צעמענטירט דורך איין עמאַציאָנעלער וועלט און אויך זיין פאַרשיידנ־אַרטיקייט איז נישט נוגע דעם באַזונדערן קוק אויף דער יידישער צוקונפט. יעדער טייל פונעם היינטיקן דור (אין זיין יינגער וואַריאַציע) איז אַנדערש — ווייל ער שטייט אונטער דער השפעה פון אַן אַנדער, דרויסנדיקער קולטור. אויב די אַמאָליקע באַוועגונגען זענען געווען מחולק צווישן זיך — איז עס גע־ווען דערפאַר, ווייל יעדע איינע האָט געוואָלט אַנדערש געשטאַלטן די יידישע וועלט. אינעם יינגערן טייל פון תפוצה־יידנטום זענען קיין חילוקי־דעות בנוגע דער יידישער צוקונפט כמעט ווי נישטאָ — אָבער ער ווערט צעטיילט צווישן זיך, ווייל איין גרופּע איז אונטערגעוואָרפן דער פראַנצויזישער קולטור־ספערע, אַ צווייטער טייל געהערט צו דער ענגלישער און אַ דריטער צו דער שפּאַני־שער... עס פעלט בכן דער בשותפותדיקער וואָרצל אין דער דיפערענצירונג. ער האָט אַפילו נישט קיין בשותפותדיק לשון — ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די „אַמאָליקע". דער איינציקער שטריך וואָס איז בשותפות פאַר אַלע נייצייטיקע — איז אַ נעגאַטיווער: פאַר אַלע איז פרעמד דעם היסטאָרישן יידס וועלט פון געפיל און אומרו.

דאָס איז דעם נייצייטיקן יידס נאַציאָנאַלער חסרון, אָבער ער קען אויך פאַרוואַנדלט ווערן אין זיין וויכטיקסטער מעלה: ער איז אויף קיין צד נישט

אַנגאַזשירט מיט פאַנאַטישער עקשנות. במילא קען ער אויפנעמען יעדן טייל פון דער יידישער ירושה — אויב זי קען זיך נאָר פאַרמעסטן מיט דער פרעמדער השפעה. דער נייצייטיקער דור איז אַן אָפּענער דור. דערפאַר קען ער אויך ווערן דאָס בעסטע „פעלד" פאַרן נייטיקן סינטעז — אויב מיר זענען אים מסוגל אויסצורייפן. מיר מוזן קודם־כל מאַכן שלום מיטן פאַקט, אַז דעם נייעם ייד איז שווער אַריינצוציען אין אַ סעפּאַראַט־פּאָליטישער גרו־פּירונג פון יידישן פאַרנעם. אויב אַפילו אַ קליינע צאָל שליסט זיך ערגעץ אָן — קען זי דאָרט פסיכיש נישט געהערן בלב ונפש. דאָס איז אַן אויבערפלעכ־לעכע צוגעהעריקייט — און דאָך קען זי פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ברכה.

דער יידיש־אַמעריקאַנער דור, למשל, קען צוגעצויגן ווערן פון אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכער שילד מיט אַ באַשטימטער פאַרב. דאָס איז אָבער על פּי רוב דיקטירט פון אַ זייטיקער סיבה: ווייל זי גיט אים כמעט אַלע פאַרוויי־לונגס־מעגלעכקייטן, וואָס דער נישט־יידישער קלוב. (דאָס איז אגב אויך אַ שטריך פון לאַטיין־אַמעריקע). דער יידישער אַדרעס איז אים אָנגענעמער, ווייל ער איז צווישן אייגענע און דאַרף זיך נישט צופיל זשענירן. ערשט ווען ער קומט שוין סיי־ווי צום יידישן אַדרעס, מוז ער האָבן אַ מאָטיוו פאַר זיין אָפּגעזונדערטקייט. מהאי טעמא זענען אונדזערע „היסטאָרישע" קרייזן טייל־מאָל נוטה צו מאַכן אַ דראַסטישן פאַרגלייך צווישן דעם איצטיקן דור און דער אַמאָליקער יוגנט פון מזרח־אייראָפּע: „דאָרט" איז מען געקומען צום יידישן אַדרעס מחמת נאַציאָנאַלן געפיל, בעת „דאָ" ווירקט זיך בעיקר אויס די פרעמדע אומבאַקוועמלעכקייט. די מטבע האָט אָבער איר צווייטע זייט: אין מזרח־אייראָפּע האָט דער יידישער יוגנטלעכער געזען דעם הענגנדיקן שלאָס אויף דער גויישער וועלט — בעת אין די אַמעריקעס עפנט זיך יענע טיר פאַר אים, הגם מיט געוויסע שוועריקייטן. דאָס אָנגעהערן צו אַ יידישן אַדרעס איז בכן ביים נייעם דור אַ סך מער פּריוויליק, הגם ווינציקער פאַרטיפט. עס איז זיך שווער פאַרצושטעלן, ווי ווייט די יידישע יוגנט פון פוילן וואָלט דערגאַנגען — ווען זי וואָלט געוווען געהאַט די זעלבע מעגלעכ־קייטן ווי די יידיש־אַמעריקאַנער. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז וויבאַלד די אַסימילאַציע האָט דאָרט אַמאָל דורכגעבראָכן אַ שפּאַלט — איז זי געווען אַ סך פאַרביטערטער און להכעיסדיקער. מיט אַ היסטאָרישער מאָס — קומט אויך דער היינטיקער דור טיילמאָל אַרויס אין אַ שענער ליכט. אויב דער יידישער אַראָמאַט איז געווען שטאַרקער ביי די פאָלקסטימלעכע שיכטן — איז אָבער די פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ על פּי רוב געווען אַ סך סנאָבישער און אַסימילירטער ווי דער פּראָפעסיאָנעלער דור פון יידישן אַמעריקע. די סיבות זענען איצט נישט וויכטיק.

פּאָטענציעל איז די היינטיקע שיכט פון יידישער אינטעליגענץ גרייטער אויפצונעמען איר יידישע אָנגעהעריקייט איידער דער אַמאָליקער „דאָקטאָר" און „אַפּטייקער". ביי איר איז עס ווייניקער „טראַגעדיע". און זי טראַכט ווייניקער פון היינעס „אומגליק". זי איז בלויז מער אומוויסנדיק אויפן יידישן שטח און שטייט טיילמאָל פאַר צוגעשטאָפּטע קוואַלן, וואָס קיינער עפנט זיי נישט אויף ווי געהעריק. דער היסטאָרישער ייד האָט אין זיין בלי־צייט פאַרמאָגט אַ פולע אַטמאָספערע און געזען פאַר זיך אַ באַגרינדעט־יידישן וועלטבאַנעם. ער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ צאָל מנהיגים־געשטאַלטן, וואָס זייער בלייבן אין דער מחנה איז פאַרבונדן געווען מיט אַ באַרג אייגענעם וויסן. דערפאַר אָבער האָט דאָס נייצייטיקע יידנטום געלאָזט אויסוואַקסן די פּעראיקסטע מוחות אין אַ פרעמדער וועלט פון גייסט. אַפילו די וואָס זענען וואַרעם־יידיש אין האַרץ — און פאַרנעמען אויך אַ פירנדיקע פּאָזיציע אין דער יידישער וועלט — האָבן זייער תוכיק וויסן פון פרעמדע קוואַלן. אין זייער אייגענעם גאָרטן וויסן זיי טיילמאָל נישט מער ווי דער דורכשניטלעכער צוהערער זייערער. דערפאַר איז דער יינגער דור מער פּ אַ ר ב ע נ ק ט ווי ג ע פּ י ר ט. דער דאָזיקער פאַקטאָר פירט טיילמאָל צום חורבן — הגם די ב אַ וו ו ס ט ז י נ י ק ע אַסימילאַציע שפּילט דאָ נישט קיין וויכטיקע ראָלע. אַפילו די וואָס קלאַמערן זיך אין יידישקייט — מוזן זיך טיילמאָל וואַרעמען ביי ברעקלעך פון אַ פאַרלאָשענעם שייטער.

אין מזרח־אייראָפּע האָט אַ יידיש־פירנדיקע פיגור נישט געדאַרפט דערגרייכן איר השפעה בלויז מיט די אייגענע כוחות. ווער עס איז געקומען „פירן" — האָט קודם־כל געהאַט די נאַטירלעכע הילף פון יעדן לעבעדיקן ייד, פון יעדער יידישער גאַס און פון יעדן יידישן הויז. יידישקייט איז סיוויי געשטאַנען ווי אַ מויער און יעדער אַסימילאַציע־שפּליטער איז ביסלעכווייז אָפּגעטיילט געוואָרן פונעם נאַציאָנאַלן יסוד, ווי אַ פרעמדע וועלט ביים ראַנד. עס איז געווען אַ קלאָרע ליניע צווישן „אונדזערס" און „זייערס". נישט דער מנהיג האָט געדאַרפט שאַפן די נאַטירלעך־יידישע סביבה, נאָר פאַרקערט: זי האָט עקזיסטירט פ אַ ר אים און ער האָט בלויז געוואָלט אַריינברענגען אַהין זיין נייעם ניואַנס. אַזוי איז עס אויך געווען מיט די יידישע באַוועגונגען: צוזאַמען מיטן גאַנצן, יידיש־באַפעסטיקטן אַרום האָבן זיי געקענט לייכטער אויסוואַקסן. זיי האָבן נישט געדאַרפט באַשאַפן קיין יש מאין. זייער וואָרט איז געווען זריעה אויף גוט־צעאַקערטע האַרץ־פעלדער, וואָס האָבן פאַר יעדער קערנדל אָפּגעצאָלט כפל־כפליים. די באַגעגעניש צווישן דער יידישער מאַסע און דער פירנדיקער פערזענלעכקייט — אָדער צווישן פאָלק און דער בייער אידיי — איז פאָרגעקומען אין מ י ט ן וו ע ג. איינער איז דעם צווייטן

אַ נ ט ק ע ג נ ג ע ג אַ נ ג ע ן. דאָך איז נישט אַלעמאָל געראָטן דער שידוך.

אינעם נייצייטיקן דור אָבער איז אַ היפּשער טייל פון אמתער אַסימילאַציע שוין געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון יידישן לעבן. טיילמאָל איז די באַגערטע יידישקייט נאָר צוגעבונדן צום אומקלאָרן האַרץ־צאַפּל און צום אומשטערבלעכן „פּינטעלע“. די גרענעץ צווישן יידישס און פרעמדס איז — אויסער די ראַמען פון האַרץ — כמעט ווי אויפגעלייזט. דער ייד פון היינט שטייט טיילמאָל פאַר אַזעלכע נסיונות, וואָס זענען זיין פאָרגייער אַפילו אין חלום נישט געוויזן געוואָרן. אויב ער וויל נאָך אַלעמען ווייטער פאַרבלייבן יידיש — איז עס אפשר נישט ווייניקער נס ווי דער אַמאָליקער קיום. אָבער נאָכן גאַנצן וועלן — מוז ער היינט האָבן מנהיגים פון ט אָ פּ ל ט ע ר גרויס: זיי זאָלן פאַרמאָגן די אינטעלעקטועלע קוואַליפיקאַציע פון מנהיגים און דערצו זאָלן זיי נאָך קענען פאַרטרעטן די נאַטירלעכקייט פון דער אַמאָליקער סביבה. דער היינטיקער מנהיג מוז זיין „גרעסער“ פאַרן אַמאָליקן — ווייל זיין וועג איז אַ לענגערער און זיין פאַרמעסט מוז זיין אין טאָפּלטע דימענסיעס. ווען עס קומט צו דעם ציוניסטישן מנהיג — מוז ער אויך גרויס זיין אין אַ ד ר י ט ע ר דימענסיע: אויסער די דערמאָנטע צוויי שטריכן, דאַרף ער נאָך קענען מיטרייסן דעם יינגן דור צו אַ געענדערטן היים־באַוווסטזיין, אין מדינת ישראל. מען דאַרף נישט מאריך זיין צו באַווייזן, אַז אין פּוילן אָדער רומעניע למשל איז לייכטער געווען צו באַווייזן דעם יינגן ייד, אַז דאָ איז נישט זיין היים — איידער אין אַמעריקע אָדער ענגלאַנד.

אונדזער היינטצייטיקע טראַגעדיע שטאַמט, בכן, נישט אַזוי שטאַרק דערפון, וואָס די „יוגנט אַנטלויפט פון אונדז“ — ווי מיר הערן עס אין אַלע קלאָג־לידער — נאָר בעיקר פעלן אונדז גדולים פון די דריי דימענסיעס. דערצו נאָך האָט קיין שום יידישער דור נישט פאַרמאָגט אַזאַ שפע פון פאָרמעל־געבילדעטע „מאַסן“ ווי אונדזער היינטצייטיקער דור — און עד שטעלט אַ סך מער פאָדערונגען.

איך בין זיכער, אַז אונדזער היסטאָרישער דור וואָלט זיך געקענט אַ סך מער דערנענטערן צום היינטצייטיקן מיטן כוח פון אַ גרויסער פלעיאַדע דענקער און יידישקייטס־פאַרטיפער. איך גלויב דערין, הגם אונדזער צייט איז אַזוי ניכטער און פּראַקטיש. אָבער דווקא אין ד ע ר תקופה איז דאָס אָרט פונעם אַמאָליקן מנהיג געירשנט געוואָרן דורך אַ ריי פעאיקע ע ס ק נ י ם; פּראַקטישע טוער, וואָס זענען ווייט פונעם טראַכטערישן פאַרמעסט. ווען עס קומט צו צפון־אַמעריקע — איז דאָס בילד שוין אַלט צענדליקער יאָרן. די אָרגאַניזירטע יידישקייט — וואָס ברייטערט זיך אפשר אויס, אָבער פאַלט אָפט אין ניוואָ — האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום ט אַ ט ־ מ ע נ ט ש ן. אָבער

דאָס צוהאַלטן דעם נייעם דור צו יידישקייט ווערט אַלץ מער אַן ענין פון גרויס־אידייאישקייט — און דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין מוז אַלץ שטאַרקער און גרינטלעכער קענען „קאָנקורירן" מיט דער פאַרכאַפנדיק־הערשנדיקער קולטור. דערפאַר זעען מיר אַזוי ווייניק אויפשוווּנג אין דער אָריגינעל־יידישער מחשבה פון אַ ל ע לאַגערן — פונעם וועלטלעכן ביזן שטרענג־אָרטאָדאָקסישן — הגם דאָס פאָרמעלע טוליען זיך צו עפּעס אַ יידישער ראַם איז גאָר שטאַרקער געוואָרן. אמת, אויך דער אַסימילירנדיקער קעגן־כוח פאַרמאַגט נישט דעם אַמאָליקן צויבער — אָבער ער דאַרף אים נישט האָבן אַזוי שטאַרק, ווייל שוין בלויז די נאַטירלעכע סביבה געהערט צו אים. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דער גייסטיקער קריזיס איז ביי אונדז דערגאַנגען צום הויך־פּונקט.

ז.

צי מעג אונדז אָבער דער פאַטאַלער „מאַנגל אין פּערזענלעכקייטן" פירן צו יאוש? גאָר אַ סך האָבן שוין געמאַכט זייער מעלאַנכאָליש־רעזיגנירטע מסקנה: אונדזער דור דאַרף האָבן גרויס־יידישע פּערזענלעכקייטן — אָבער ווו נעמט מען זיי? זייער אָנהענגען דעם גאַנצן גורל אויף דער „פעלנדיקער גרויסקייט" וואַרפט אָן אַ פחד. נישט ווייניק זענען איבערצייגט, אַז אויך דאָס גלות־יידנטום מוז לכל־הפחות האָבן אַן אייגענעם „בן־גוריון". אַנדערש איז די גאַנצע מי אומזיסט. נאָר אויך דאָ מעג מען לערנען ביי דער יידישער טראַדיציע: זי האָט טאַקע שטאַרק פאַרהערלעכט גאונים — אָבער קיינמאָל נישט אַריינגעפאַלן אין יחיד־פאַרגעטערונג; קיינמאָל נישט פאַרבונדן דעם קיום פון גאַנצן פאָלק מיט איין איבערמענטשלעך געשטאַלט... סיידן משיח.

די בענקשאַפט צו אַ „פּערזענלעכקייט" טאָר נישט זיין קיין יאושדיקסטעריל. דער פאָלקס־גאון באַווייזט זיך נישט צוליב מאַכטלאָזע לעכצן. אויב דער אַרומיקער קלימאַט וועט נישט גינסטיק זיין — וועלן נישט העלפן אַלע טעאָריעס אַז „מען דאַרף א י ם האָבן". אויב דער היפּאָטעטישער גאון דאַרף נאָר זיין דער באַלזאַם צו היילן אונדזערע נאָסטאַלגישע וווּנדן — וועט ער זוכן זיין קאַריערע אויף אַנדערע אַדרעסן. פריער מוז דער גאַנצער דור אויסוועבן די געהעריק־אַקטיווע אַטמאָספערע פאַר זיינעטוועגן. דער אַלטער כלל פון „יפתח בדורו כשמואל בדורו" נעמט אַוועק דעם גאַנצן פאָרוואורף קעגן יפתחן, פאַרוואָס ער איז נישט געווען אַזוי גרויס ווי שמואל. די גרייס פונעם מנהיג איז דער באַראָמעטער פון זיין דור. יעדער קריטיק אויפן חשבון פון די „קליינע מנהיגים" איז פאַקטיש אַ בומעראַנג, וואָס פאַלט צוריק אינעם שויס פון די טענות־האָבער.

אָבער נישט ווייניקער געפערלעך איז די פאַרקערטע טענדענץ, וואָס

מ'אַכט גאָרנישט קיין טראַגעדיע דערפון. אירע אָנהענגער האַלטן, אַז אין טייל עפּאָכעס — אונדזערע בתוכם — איז „שמואל" ווינציקער נייטיק ווי „יפתח". דער גרויסער נביא איז גוט אין זיין צייט. אָבער ווען דאָס פאָלק נייטיקט זיך אינעם רעאַלן העלד — איז דער פּראָסטער יפתח מער נאַציאָנאַלע פיגור און מען דאַרף אַפילו פאַרגעסן, אַז אַ געטלעכער נביא וואָלט „צונויף געקומען". אין אַ צייט פון סכנה און אָפּוועד־מעשׂים טאָר מען זיך גאָרנישט צוהערן צו „נביאישע" רייד. אַפילו אין תנ"ך גופא ווערט נישט געמאַכט קיין טראַגע־דיע, ווען דער גייסט־אָנגעלאָדענער משה מוז אָפּטרעטן זיין אָרט דעם שווערד־אָנגעגורטלטן יהושע. אדרבא: אַלע פסוקים־טענער (נישט צום רעכענען די תלמודישע גלות־אגדה, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו באַווייגען משהס אָפּ־שיידונג פון דער וועלט) ווייזן קלאָר גאָטס גרויסן חשבון דערביי. משה איז אַוועק, ווייל זיין צייט איז פאַרביי. איצט איז נייטיק זיין תלמיד, וואָס האָט זיך געלערנט די קריגערישע קונסט אויף עמלקס קאָפּ. דער מוסר־השכל פאַר אונדזער דור איז גאָר אָפן: מיר האָבן זיך שוין גענוג אָנגעזאָפּט מיט טיפזי־ניקע טעאָריעס און תורהס פון דענקערישע קעפּ. אין אַ דור, וואָס זיין מער־הייט יידן זיצן אין „פּראַקטישע" לענדער וואָלטן מיר אפשר לגמרי פאַרלוירן געגאַנגען, ווען מיר פאַרמאָגן בלויז משהס און שמואלס. איז נאָך אַ נס, וואָס אויף די פּירערישע טריבונעס האָבן זיך באַוויזן יפתחס און יהושעס, וואָס האָבן מיט זייערע פעסטע הענט געבויט יידישע אָרגאַניזאַציעס אויף ניכטער־נער ערד.

לויט אונדזער פריערדיקן כלל, האָבן ביידע מאָטיוון אַ שטיק אמת אין זיך — אָבער קיינער פון זיי קען נישט פּרעטענדירן אויף דער גאַנצער רפואה. פונקט ווי עס איז שעדלעך אָוועקצושטעלן דעם גאַנצן קיום אויף איין משה — און טאָמער ווערט ער נעלם אויף אַ צייט, מעג מען שוין דינען בהרחבה דאָס גאָלדענע קאַלב — אַזוי איז אויך נאַריש די טרייסט, אַז מען קען אויסקומען אָן אים... אַז ס'איז גאָר בעסער אַזוי. דעם דאָזיקן אמת באַווייזן אונדז די טיף־צעוויייטיקטע זוכענישן אין דער רעאַליזירטער מדינת ישראל — און אויך די גייסטיק־צעשוווּמענע יסורים אין אַ טייל פונעם יינג־אָנגעזעטיקטן אַמע־ריקאַנער דור. מיר קענען טאָקע מער נישט לעבן אויף אַ דיעטע פון בלויזן גייסט — אָדער אויף די פלייצעס פון עטלעכע פּערזענלעכקייטן — אָבער אויך די רעאַלע פּראַקטיק הערט אונדז אויף צו באַגייסטערן. מיט איין דור צוריק האָבן מיר נאָך געקענט היילק־נאַאיוו נתפעל ווערן, וואָס אונדזערס אַ לופט־מענטש האָט זוכה געווען צו באַרירן אַ „רעאַלן" אַקער־אייזן. מיר האָבן דאָס אויפגענומען מיט אינערלעכן ציטער — ווייל מיר זענען מיד געווען פונעם אייביקן „באַנק־קוועטשן" — אַזוי ווי דאָס שטיק אייזן וואָלט אַריינ־

געשריבן אין דער ערד אַ נייע תורה. איצט אָבער איז אויך דאָס געוואָרן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, אָדער אַ קוואַל פון התפעלות ביי אייביקע אַגיטאַ־טאָרן און ענטוזיאַסטן. עס איז טאַקע זייער גוט אַזוי — אָבער עס פעלט אונדז נאָך עפּעס.ביידע עקסטרעמען האָבן היינט שוין אָפּגעדינט זייער צייט. אין אונדזער תקופה — ווען דאָס היסטאָרישע יידנטום מיטן נייצייטיקן דאַרפן זיך דערלאַנגען די הענט — מוזן זיך שמואל און יפתח זעצן ביי איין טיש און גישט זיך טיילן: איין דור נעם „איך" און דעם צווייטן דור נעם „דו"...

דאָס היסטאָרישע יידנטום פּאַרלירט ביסלעכווייז די לעצטע פּערל פון דער אַלטער קרוין און עס גייען אַוועק די לעצטע מאָהיקאַנער פונעם אָריגי־נעל־יידישן אייגנס. ווילאַנג קען די „פּראַקטיק" אַליין אויסטראָגן אונדזער קיום, וואָס ווערט, אגב, אין כמה וכמה לענדער אַ בפירוש־„אומפּראַקטישער" ענין? מיר ווערן ביסלעכווייז אַ פאָלק אָן גרויסע געשטאַלטן, אַ מאַסע אָן לעבעדיקע פּענער, צעשפּליטערטע אינדזלען אָן סביבה און גייסטיקן קלימאַט — הגם מיר פּראָקלאַמירן אונדזער נאַציאָנאַל געפיל נישט ווייניקער ווי מיט אַ דור צוריק. אויב די שארית־הפליטה פונעם היסטאָרישן יידנטום זאָל דאָ נישט באַווייזן קיין וואונדער פון סינטעז — גייען מיר אַנטקעגן נישט קיין קלענערן, הגם שטילערן, חורבן ווי די אייראָפּעאישע טראַגעדיע. דאָס מאָל וועלן די ליקווידאַטאָרן זיין אונדזערע אייגענע הענט. עס איז אָבער קיין שום ספק נישט, אַז יעדער גרופּע באַזונדער וועט דעם דאָזיקן נס נישט באַווייזן. עס מוז זיך אין אים באַטייליקן דער גאַנצער דור, וואָס וואָרעמט נאָך אין זיינע אינגעווייידן דאָס טליענדיקע פּייערל. אויב נישט — וועט איבער יעדער ריכטונג באַזונדער מעגן געזונגען ווערן אברהם רייזינס טרויעריק גורל־ליד:

אַך, מיין לעבן איז געגליכן
צו אַ לאָמפּ מיט ווייניק נאַפט.
ווערן ווערט ער נישט פאַרלאָשן
ברענען האָט ער נישט קיין קראַפט.

יא.

בלאָנדזשעניש און אַפילו גערעאַנגלען פון אַ פאָלק קען מען נישט אויס־היילן דורך באַשלוסן. מען קען נישט אָננעמען קיין רעזאָלוציע, אַז מהיום והלאָה נעמען מיר זיך קולטיווירן פּערזענלעכקייטן פון מנהיגישער גרייס — און זיי ווידער וועלן אונדז באַשאַפן אַ טיפערע יידישקייט מיט די נייטיקע צייט־אידייען. אַזעלכע זאַכן קען מען נישט באַשטימען דורך קיין אָנגעשטעלטן באַראָמעטער און עס העלפן דאָ נישט קיין בלויזע פּלענער פון „הבה נתחכ־מה". איין דור קען ממש שפּרודלען מיט גאונים און אַ צווייטער איז קוים זוכה צו מיטלמעסיקייטן. טיילמאָל וואַקסן גרויסע אידייען פשוט אין דער

לופט און מען דאַרף נאָר אויסשטרעקן צו זיי דאָס האַרץ — בעת אין אַנדערע צייטן מוזן אַפילו גוטניאַלע מוחות פאַרפאַלן ווערן אינעם שאַבלאָן. קען זיין, אַז רבינו אליהו איז געוואָרן דער ווילנער גאון — ווייל עס האָבן אויף אים געוואַרט אַזעלכע תלמידים ווי ר׳ חיים וואָלאָזשינער; און ר׳ ישראל בעש״ט האָט נאָר אויסגעשפּרייט זיינע פליגל, ווייל עס זענען אים אַנטקעגנגעקומען אַזעלכע תלמידים ווי ר׳ בער מעזריטשער און ר׳ יעקב יוסף פּולנאָער... און עס קען גאָר מעגלעך זיין דאָס פאַרקערטע: יעדער פון זיי וואָלט גרויס געוואָרן אַפילו אין אַ מדבר. דער „גאון״ האָט געקענט אַרויסקומען גלייך פון זיין אָפּגעשלאָסענעם חדר צו דער וועלט מיט זיין פאַרטיקער געשטאַלט און דער בעש״ט האָט נאָך מער געקענט וואַקסן ביי אַ לענגערער איינזאַמקייט צווישן די פאַרטראַכטע בערג... די רעצעפּט צום פּראָדוצירן גאונים איז נאָך נישטאָ אין אונדזערע הענט און קיינער קען דאָ קיין כעמישע צונויפשטעלן נישט פאַרשרייבן.

עס איז אָבער פאָרט נישט קיין ענין פון בלויזער מיסטיק. איך האָב דערפאַר לגמרי נישט געלאַכט, ווען עמעצער האָט מיר דערציילט אַן אַנעקדאָט וועגן אַ געוויסן יידיש־אַמעריקאַנער מנהיג: ער האָט געלאָזט רופן צו זיך אַ יידישן שרייבער. ווען יענער איז געקומען, האָט ער אים מיט דער גאַנצער תמימות פאַרוואָרפן מיט שאלות: וויפל צייט, אַזאַ שטייגער, וואָלט ביי אים געדאַרפט פאַרנעמען דאָס שאַפן אַ מאָנומענטאַל ווערק? וויפל למשל וואָלט ער גערעכנט דערפאַר? ווי גרויס דאַרפן זיין די הוצאות, אויב דאָס ווערק זאָל נישט זיין אַזוי מעכטיק? און וויפל דאַרף באַטרעפן, אַז עס זאָל טאַקע זיין „אַזוינס און אַזעלכעס״?

דאָס וויציק־אַנעקדאָטישע באַשטייט אין דעם, וואָס יענער האָט געמיינט, אַז דאָס גרויסע ווערק פאַר אונדזער דור קען באַשטעלן די קאָסע און דער קאַלענדאַר. ווייסט ער דען נישט, אַז „מאָנומענטאַלע״ ווערק שאַפן זיך נישט אויף באַשטעלונג? אַז דאָס איז נישט קיין פראַגע פון געלט און צייט — נאָר אָדער זיי „שאַפן״ זיך פון זיך אַליין, אָדער קיין שום אוצרות במשך מי־יודע וויפל יאָרן קענען עס נישט באַווייזן? אָבער נאָך אַלע לאָגיזמען, איז אפשר יענער מנהיג געווען נישט־ווייניקער חכם ווי זיינע אויסלאַכער. דאָס וואָלט געווען אַן אַבסורד, ווען עס זאָל זיך טאַקע האַנדלען אינעם שאַפן אַ יש מאין; אינעם געבן אַ באַפעל דער אייגענער מוזע: ווער געניאַל אויף צוויי יאָר! די לאַגע איז אָבער גאָר אַן אַנדערע, ווען עס קומט צום אַנטפּלעקן און אַרויסברענגען די שוין־פאַראַנענע אוצרות אין אַלע סעקטאָרן פונעם היסטאָרישן יידנטום. דאָ איז שוין גיכער אַ פראַגע פון לאַנגער מי, איידער פון איבערנאַטירלעכן ווונדער. מיר וואָלטן זיכער געקענט אַריינפאַלן אין יאוש,

ווען מ י ר זאָלן איצט דאַרפן באַשאַפן אַ לגמרי־נייע און אידייאישע באַגרינ־דונג פאַר אונדזער יידישקייט; ווען „איישישאָק" אָדער סוראַ זאָלן טאַקע גאָרנישט קענען געבן אונדזער דור — און מיר זאָלן טאַקע געשטעלט ווערן פאַר אַ מאָראַלישן בראשית. עס איז אָבער שוין גאָרנישט אַזוי מוראדיק, וויבאַלד די אידייען פאַר אונדזערטוועגן זענען שוין פאַראַן; ווען אויך די „גאונים" זענען פאַראַן אין די טיפענישן — נאָר מיר מוזן זיי בלויז אויסזוכן און דערנענטערן צו אונדזער דור אין אַ נייעם לבוש. דאָ איז עס שוין מער נישט קיין פראַגע פון מיסטישע בענקשאַפטן, נאָר פון קאָנצענטרירטן ווילן. דאָס אָרט פון דער גרויס־יידישער פּערזענלעכקייט קען פאַרנעמען די גרויס־יידישע אידיי — און זי איז בפירוש פאַראַן אין איר מאָנומענטאַלער גרויס, אויב מען ווייסט נאָר ווו צו זוכן אירע צעוואָרפענע חלקים און אָפּשיילן פון זיי דעם שטויב.

דער היסטאָרישער ייד מיט זיין דערפאַרונג טאָר בכלל נישט איבערלאָזן קיין שווערע שאלות פאַרן צופאַל. אין די ראַמען פונעם היסטאָרישן יידנטום האָבן זיך אַנטוויקלט טויזנטער גרויסע געשטאַלטן — און דאָס אַליין איז אַ סימן, אַז אין אירע טיפענישן ליגט דער שליסל צו פאַרבאָרגענע קוואַלן. אויב די אַלט־יידישע קולטור האָט געקענט פורעמען גרויסע מענטשן און יידן — קען זי אויך אונדז נוצן ברענגען, לכל־הפחות בכדי צו וויסן וויאַזוי ווייטער צו אַנטוויקלען די אייגענע פּערזענלעכקייט. דער היסטאָרישער ייד מוז בכן אָנשטרענגען זיין זכרון און אַרויסברענגען פון זיין עבר וואָס נאָר ער קען זיך דערמאָנען. אויב יעדער אַמאָליקע ריכטונג האָט ד אַ ן געהאַט מער גרויסע געשטאַלטן ווי היינט — איז אַ סימן, אַז דעמאָלט האָט זי געהאַט מער גוטע שטריכן וואָס היינט זענען זיי פאַרשוווּנדן.ביים אויסגראָבן זיי פון געדעכע־ניש — קען זיך די צענטראַלע יידישקייטס־אידיי נאָך מער אויסברייטערן און אויך איינזאַפּן אין זיך אַלע וויטאַליטעטן פונעם לעצטן דור.

מיינט דאָס אַ פאַרקלענערן, אָדער גאָר פאַרווישן, די לעבעדיקע ראָלע פון די איצטיקע פּאַרטייען? חלילה. זיי האָבן גענוג אויפגאַבן אויפן אַק־ט ו ע ל ן שטח. זיי האָבן אַ גענוג־ברייט פעלד פאַר זיך אין דער פּאָליטיק, גע־זעלשאַפט, סאָציאַלע ראַנגלענישן און נאַציאָנאַלע בוי־אַרבעט. דערמיט האָבן זיי גענוג באַזע פאַר זייער צייטלעכן און באַזונדערן קיום. אָבער ווען עס קומט צו דער פולער יידישקייט־פילאָזאָפיע, צו דער קלאָרער דעפיניציע וו אָ ס מיר זענען און פ אַ ר וו אָ ס מיר מוזן זיך אויסטיילן פון אַנדערע פעלקער; ווען מיר דאַרפן קלאָר מאַכן אונדזער אינטים־מענטשלעכן און יחידיש־יידישן באַ־נעם — שטייען מיר ביים ראַנד פון דער פּאַרטיי־גרענעץ. די פאָלקס־פּרינציפּן צווישן ייד און ייד, צווישן ייד און זיין געוויסן, צווישן ייד און וועלט —

קענען נישט באַשטימט ווערן לויט פֿאַרשיידענע ליניעס. בכדי צו בלייבן אַ פֿאָלק — מוזן מיר אַלע זיך ווידער אייניקן אויף איין בשותּפֿותדיק־היסטאָרי־שער באַזע. נישט בלויז וועט אַזאַ כּלל־פֿאַרמולירונג נישט שעדיקן די באַזונדערע פּאַרטיי־עקזיסטענצן — נאָר אַלע צוזאַמען קענען דאָ מיטאַמאָל נתעלה ווערן...

הגם די דאָזיקע א י י נ ה י י ט ל ע ך ־ ה י ס ט אָ ר י ש ע ב אַ ז ע גופֿא געהערט נישט צו מיין איצטיקער טעמע — קענען עטלעכע ביישפּילן נישט פֿאַרשאַטן: וואָס למשל קען עס שאַדן ברענגען יעדער פּאַרטיי באַזונדער, אויב אַלע צוזאַמען וועלן אין דער ניי־יידישער שטייגער־קאָנסטיטוציע אויפֿלעבן די אַלטע פֿאַרהערלעכונג פֿון הכנסת־אורחים? און וואָס קען יעדער פּאַרטיי באַזונדער פֿאַרלירן, אויב מ'ל זאָלן אין די בשותּפֿותדיק־יידישע פּרינציפּן אַריינפֿלעכטן די קאַטעגאָרישע פֿאָדערונג פֿון דער יידישער טראַדיציע, אַז מען טאָר נישט מבייש זיין אַ מענטש ברבים — פּונקט ווי מען טאָר אים נישט הרגענען? דוכט זיך, אַז עס וואָלט געווען פֿאַרקערט: ווען אַלע אונדזערע באַוועגונגען זאָלן געווען איינשרייבן אין זייער פּלאַטפֿאָרמע דעם יידיש־מאָראַלישן געזעץ פֿון „וואַרפֿן זיך גיכער אין קאַלך־אויוון איידער צו פֿאַרוויסן דאָס פּנים פֿון אַ מענטש ברבים" — וואָלטן מיר געווען אויסגעמיטן נישט ווייניק אינער־לעכע יסורים.

די גרויסע אידיי איז בפֿירוש פֿאַראַן; זי איז היפּש צוגעפּאַסט אויך צו אונדזער נייצייט; זי איז אויך נישט ווייניק ספּעציפֿיש־יידיש — ביז מען קען דורך איר זען דאָס אייגנאַרטיקע פֿון אַ יידישער עקזיסטענץ. אויב דער היסטאָרישער ייד זאָל זיך נעמען צו דער אויפֿגאַבע פֿון „אַנטפּלעקן" — שטייען אים תּיכּף־ומיד טויזנטער יידישע גאונים צוהילף. ער הערט דערביי אויף צו זיין אַ „פֿאַרשווונדענער", נאָר אדרבא: ערשט איצט קען זיך אָנהייבן זיין נייער וועג סיי צום יינגן דור פֿון מדינת ישראל און סיי צו דער נישט־קליינער צאָל יידישע יינגעלייט אין די גלות־לענדער. דאָס נייע צעמענטירן די פּראַקטישע פֿילאָזאָפֿיע פֿון יידנטום — וואָס האָט זיך אויסגעקלאָרט במשך אַזויפֿיל דורות — קען בפֿירוש באַנייען דאָס פֿאָלק מיט אַ געזונטן יסוד. דערצו איז אָבער נייטיק, אַז סיי דאָס היסטאָרישע און סיי דאָס נייצייטיקע יידנטום זאָלן קודם־כּל באַשאַפֿן די סאַמע־נייטיקסטע באַוועגונג פֿון ש ו מ ר י ה ח ו מ ו ת. אויב אינעם לעבן גופֿא זענען זיי נאָך ווייט איינס פֿון דאָס אַנדערע — איז אָבער נישטאָ קיין שום מניעה, אַז ביידע זאָלן זיך אָוועקזעצן צוזאַמען ל ע ר נ ע ן ד אָ ס ז ע ל ב ע. אַ בשותּפֿותדיקע ריכטונג פֿון זוכער, פֿאָרשער און אַנטפּלעקער פֿון יענע ספּעציפֿיש־יידישע ווערטן קען אונדז זיכער געבן אַ נייעם הימל און אַ נאַציאָנאַל־דערפֿרישטע נשמה.

יב.

אַ נייער געדאַנק? ניין און יאָ. ניין — ווייל ער ציט זיך צו צענדליקער וואַריאַציעס פונעם זעלביקן רעיון. איר קענט זיינע שפורן טרעפן אין אַלע פּאַרצייטישע תקופות: אין תלמוד, אין רמב״ם, אלפסי, אָדער שולחן־ערוך; אין אחד העעמס מוסר היהדות, אין ביאַליקס כינוס־אידיי און נאָך צענדליקער אַנדערע. יאָ — ווייל כמעט אַלעמאָל האָט זיך עס געהאַנדלט אין ספרים־זאַמלונגען, אָבער קיינמאָל האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ מין מאָזאַאיק פון באַוועגונגס־שיריים; אַזאַ מין נייטיקייט צונויפצוזאַמלען די מענטשלעך־יידישע שפּליטערן אונדזערע צוזאַמען מיט די שפּליטערן פון אונדזערע אידייען. אויב קיינער פון די פריערדיקע דורות האָט נישט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן אַזאַ געדאַנק — איז אפשר געקומען די ריי אויפן דור פון חורבן און מדינת ישראל?

אָבער באַלד לכתחילה טאָרן מיר נישט מאַכן דעם אַלטן טעות: מיר האָבן אָפּטמאָל מורא איבערצושרעקן דעם נייעם דור און במילא ווילן מיר אים איבערגעבן וואָס ווייניקער. זאָל ער מיינען, אַז יידישקייט איז אַ לייכטער ענין און צולייגן אַן אויער צו אונדזער געבעט. דאָ ליגט אפשר די הויפּט־סיבה פאַר אַ סך מפּלות אונדזערע. מיט לייכטער וואָג קען מען קיין ווייטערדיקע יאָרהונדערטער נישט דערהאַלטן ביים לעבן. גיכער דאַרף מען פאַר זיי אָנגרייטן וואָס מער, בכדי זיי זאָלן האָבן וואָס צו פאַרלירן אויפן ווייטערדיקן וועג און דאָך נישט בלייבן אָדם־נאַקעט. אויך דאָס איז אַ שטריך פונעם טראַדיציאָנעלן יידנטום, וואָס מען דאַרף איבערנעמען: נישט לאָזן דעם מענטש אויג אויף אויג מיטן בלויזן קערן פון מאָראַלישן געבאָט, ווייל דאַן וועט ער אים גופא מוזן אָפּוואַרפן אין טעג פון נסיון. דערפאַר זאָל ער בעסער, בעת אַ שווערער צייט, מוזן פריער אַדורכברעכן יענע צוימען אַרום דער נשמה.

מיינט אַזאַ אידיי „גלותיזם״? די וואָס לעבן אַליין אין גלות און וועלן אים קיינמאָל נישט פאַרלאָזן — האָבן אָפּט ליב צו געבן זייער ציוניזם די גע־העריקע סאַטיספאַקציע: זיי נעמען אָן דעם עקסטרעם־ציוניסטישן „דיאַגנאָז״, הגם זיי טראַכטן נישט פון זיינע פּראַקטישע אויספירן. אויב זיי קענען נישט, אָדער ווילן טאַקע נישט, פאַרווירקלעכן זיינע מסקנות — זאָל כאָטש די „טעאָריע״ בלייבן געראַכט ביז צום לעצטן פינטל. בין איך זיך מודה ומתוודה, אַז וויפל כ׳זאָל זיך נישט האָבן אָנגעשטרענגט — האָב איך אַזאַ צוגאַנג עד־היום נישט געקענט משיג זיין. אָבער דאָ גייט נישט אין קיין אַבסטראַקטע וויכוחים. זינט חורבן־אייראָפּע געהער איך גופא צו די, וואָס האָבן צענדליקער מאָל פּראָטעסטירט קעגן בויען יידישע פּיתום־ורעמססן אין דער צע־

שפּרייטקייט. אָבער דאָס מיינט באין־אופן נישט, אַז מען דאַרף לאָזן אויף הפקר יענע מיליאָנען לעבעדיקע יידן וואָס האָבן דערווייל נישט בדעה צו רעאַליזירן די שאַרף־ציוניסטישע פאָדערונגען. נאָך מער טאָר מען עס נישט אַרויסוואַרפן כלפּי די פאַרשטויבטע אָבער ליכטיקע פּיראַמידן פון יידיש־גע־דאַנקלעכן פאַרמעגן. פונעם אידייאישן ציוניזם, ביז צו טיילווייזן זעלבסט־מאָרד אין זיין נאָמען, איז אַ ווייטער מהלך.

איך וואָלט בפירוש גורס געווען דעם „בויענדיקן יאוש", ווען מיר זאָלן טאַקע קענען איבערפירן פון היינט אויף מאָרגן אַלע יידן אין דער אייגענער מדינה. דאַן וואָלט דער געדאַנק פון תיקון פאַרן היסטאָרישן יידנטום אפשר געדאַרפט טראָגן אַ ריין־ישראלדיקן כאַראַקטער. אָבער כל־זמן עס פאַרבלייבן מיליאָנען צעשפּרייטע יידן — איז דער ראַדיקאַלער ביטול צו אַלץ וואָס זיי טוען מער מאַזאָכיסטישער סאַדיזם („מאַזאָכיסטישער סאַדיזם" — ווייל מען שלאָגט דערמיט זיך אַליין, הגם מען מיינט, אַז דאָס שלאָגט מען בלויז יע־נעם) ווי ריינע אידעאָלאָגיע. פאַראַן אַפילו אַ טעאָריע, וואָס לאָזט זיך אין די לעצטע יאָרן ווייניקער הערן, אַז דווקא די ב ע ס ע ר ע יידן טאָר מען נישט לאָזן זיך גייסטיק אויסלעבן אין די גלות־לענדער. די יסורים פון בענקשאַפט וועלן דערפאַר מוזן שטאַרקער ווערן ביי אַזעלכע יידן און דער גלות וועט זיי מוזן נ מ א ס ווערן. אָבער כל־זמן זיי קענען צופרידנשטעלן זייער יידישע נשמה אין דער פרעמד — האָבן זיי צייט... אויסער דער אומעטישקייט פון אַזאַ געדאַנק — איז ער אויך נישט פּראַקטיש. א ו מ ע ט י ש — ווייל די לאָזונג פון לעבינען „וואָס ערגער אַלץ בעסער" מעגן מיר בפירוש פאַרגינען דעם דעגענערירטן באָלשעוויזם. זאָל עס בלייבן ז י י ן מאָנאָפּאָל. דאָס שטעכן מיט גייסטיקע שפּילקעס — הייסט אויך געשטאָכן. א ו מ פ ר אַ ק ט י ש — ווייל נישט אַלעמאָל איז דער עלטערער גלות־ייד בכוח צו רעאַליזירן די צווייטע העלפט. היות ווי ער קען עס נישט — רעזיגנירט ער בכלל. ווען עס קומט צום דור, וואָס שפּראָצט פון זיינע לענדן, נעמט ער שוין דעם ענין אַ סך לייכטער: קיין ישראל האָט ער נישט בדעה צו פאָרן, ווייל זיין היים איז „דאָ". היות אָבער ווי קיין אמתע יידישקייט קען ער דאָ סייווי נישט האָבן — און אַלץ בלייבט סייווי ביליקער ערזאַץ — וואָסזשע טויגן די אָנשטרענגונגען? וועט ער בעסער אונטערטויכן אינעם פרעמדן ים. ער הערט נישט איינמאָל, אַז וואָס ער זאָל נאָר נישט טאָן פאַר זיין יידישקייט — וועט ער בלייבן צע־ריסן: נישט קיין גאַנצער ייד און נישט קיין גאַנצער מענטש — באַשליסט ער „גאַנץ" צו ווערן, אָבער פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג ווי מיר האָבן געוואָלט.

די דאָזיקע אידעאָלאָגיע האָט אפשר אַ צאָל יחידים מחזיר למוטב געווען

ביז צו דער פולסטער קאָנסעקווענץ. דערפאַר אָבער האָט זי אַ סך טויזנטער געשטויסן ביז צום אַנטי־נאַציאָנאַלן אָפּגרונט. די גרויס־אידייאישע וויזיע אויך פאַר זייער לעבנס־שטייגער איז בכן די תשובה אויף אַזעלכע זינד.

די צרה מיט די יאושיסטן אין די גלות־לענדער קומט צום אויסדרוק אין נאָך אַ שטריך: זיי מאַכן זיך לייכטער דאָס לעבן. פאַר זיי איז סייווי אַלץ, מחוץ מדינת ישראל, פאַרלוירן און פאַרמשפּט. היות ווי זיי אַליין געפינען זיך דאָך אינעם פאַרפאַלענעם תהום — האָבן זיי אַ רואיק געוויסן און דאַרפן זיך נישט ברעכן דעם קאָפּ אויף קיין קיום־פּלענער. אַפילו די דעגענערירטע אַסימילאַציע פון זייערע אייגענע קינדער נעמען זיי אויף מיט אַ רואיק גע־מיט: נישט זיי זענען דערין שולדיק, נאָר דער אמת פון דער ציוניסטישער נבואה, דער ציוניסטישער פּראָגנאָז... מיט קיין ווינט־מילן זענען זיי נישט מחוייב צו קעמפן.

איך האָב שוין אַפילו געזען נאָך הייסערע „אידעאַליסטן", וואָס זענען ממש געגאַנגען אויף מסירת־נפש: היות ווי זייערע קינדער האָבן קיין חלוצים נישט געוואָלט ווערן, האָט אַזאַ פאָטער זיי אויך נישט געוואָלט אָנוואַרפן קיין טיף־יידישע דערציאונג. אַנדערש האָט עס דאָך געקענט באַווייזן, אַז אויך אין גלות איז מעגלעך צו דערציען גוטע יידן... מען זאָל נאָר אָפּגעהיטן ווערן פון די שלעכטע רעזולטאַטן, צו וועלכע גוטע כוונות קענען דערפירן! אַ סך פון אַזעלכע גלות־יאושיסטן הייבן בכיוון אַרויס — מיט די העכסטע טענער — די גאונות פון מדינת ישראל. נישטאָ קיין זאַך, וואָס אירע גדולים קענען נישט באַווייזן. וועלן זיי שוין אויך פאַרזיכערן דעם קיום פון פאָלק... און אויב נישט זיי — ווי קען אַן אָרעמער גלות־ייד באַווייזן, וואָס זיי זענען נישט בכוח? וויאַזוי עס זאָל זיך נישט מאַכן — קען אונדזער יאושיסט לעבן במנוחה און העכסטנס יוצא זיין מיט זאַמלען געלט פאַר דער מדינה. כשאני לעצמי, נאָך לאַנגע יאָרן אָבסערוואַציע, הייב אָן חושד זיין, אַז אַזעלכע אידעאַליסטן גע־הערן גאָר צום עגאָאיסטישסטן מין אין אונדזער יידישער וועלט.

דערפאַר אָבער איז דער ציוניסט מיט היסטאָרישער שליחות בפירוש אומרואיק. ער ווייסט, אַז מדינת ישראל קען שטאַרקער צוציען אַ יידיש־וויסנ־דיקן דור איידער אַן אויסגעליידיקטן; ער איז בכלל אָפּגעשראָקן פאַר יעדער מין יידישן אונטערגאַנג. אויב עס זענען פאַראַן אַלערליי יידן — מוז מען אויך זוכן פאַרשיידענע וועגן צו זייער האַרץ: דאָרט ווו עס העלפט נישט דער פאַרמעל־ציוניסטישער — וועט אפשר העלפן דער אינטים־פאָלקישער. דאָס נישט לאָזן פאַרזונקען אַ יידישע וועלט אין עם־הארצות איז פאַר אים נאָר אַ טייל פון זיין טיפערן ציוניזם. ער ווייסט: אויב דער ייד פון גלות וועט האָבן אַ שטאַרקער געפיל פאַר יידישע ווערטן בכלל — קען זיך דערפון זיין ליב־

שאַפט צו מדינת ישראל בלויז פּאַרטיפן. דער היסטאָרישער ייד ווייסט, אַז דאָרט וווּ אַ יידישער געדאַנק האָט געאַקערט — דאָרט מוז אויך וואַקסן. דער־פאַר וויל ער קיין שום ברעקל פון פאָלק נישט לאָזן אויף הפקר — סיי ווען עס האַנדלט זיך אין גייסטיקע פאַרמעגנס און סיי ווען עס גייט אין לעבע־דיקע ישובים. דער היסטאָרישער ייד קען אויך נישט פאַרשווענדן אַלע כוחות, בכדי צו וועלן לייזן תיכף־ומיד אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס בלויז ד ו ר ו ת קענען זיי אויסגלייכן. דערפאַר אָבער ווערט ער אַדורכגענומען מיט יענע אחריותן, וואָס בלויז ער און זיין דור מוזן תיכף־ומיד נעמען אויף זיך — אויב ער וויל נישט דערלאָזן צו קיין באַלדיקן חורבן. דערפון וויל ער נישט אויסשליסן קיין איין טייל פונעם יידישן פאָלק — ווו ער זאָל נישט לעבן און וויאַזוי זיין טוליען זיך צו יידישקייט זאָל נישט אויסזען.

עלעמענטאַרע ווערטער? זיכער. פאַרוואָס אַזויפיל מאַריך זיין וועגן זאַכן וואָס זענען אַזוי פאַרשטענדלעך? פשוט: ווייל דווקא די דאָזיקע עלעמענטאַרע אמתן ווערן פון אַ סך באַקעמפט מיט ביטערער ליידנשאַפט — טאַקע אין נאָמען פון די עכסט־יידישע אידעאַלן. די איראָניע פון אונדזער נאַציאָנאַ־לער „לאָגיק".

יג.

מיר האָבן געזאָגט, אַז במקום דער יידישער פּערזענלעכקייט — אויב זי איז נישטאָ — דאַרף קומען די נאַציאָנאַל־יידישע אידיי. אויך דאָס איז נישט קיין נייער געדאַנק. אונדזערע עקסטרעמיסטן גופא מאַכן אַזאַ אויס־פיר: מדינת ישראל איז איצט די איינציקע אידיי, וואָס קען פאַראייניקן דאָס יידישע פאָלק. אין פּרינציפּ שרייבן מיר זיך אַלע אונטער אויף אַזאַ דעקלאַ־ראַציע — אָבער ז י י פאַרטוישן דאָ דעם אַלגעמיין־יידישן צ י ל מיט דער כלל־יידישער א י ד י י. דאָס מיינט פשוט: דאָס יידישע פאָלק האָט דעם עכסטן ציל, פון לעבן אין אייגענעם לאַנד. וואָס מער יידן עס זענען עולה, אַלץ מער ווערט דער דאָזיקער ציל באַפעסטיקט. אָבער ו ו י א ַ ז ו י דאַרף מען לעבן אינעם אייגענעם לאַנד גופא? וועלכע אידיי דאַרף באַגלייטן אַזאַ מין לעבן? סוף כל סוף זענען פאַראַן אויף דער וועלט הונדערטער לענדער — אַלטע און ניי־אויפגעקומענע — אָבער קיינער וועט נישט זאָגן, אַז מיטן בלויזן דערגרייכן אַ מדינה־לעבן האָבן זיי פאַרווירקלעכט דעם העכסטן אי־דעאַל. דאָס קען במילא אויך נישט זיין די לעצטע סטאַציע פון אַלע יידישע חלומות. מיר האַלטן שוין נאָך אַלע אוטאָפּישע פאַרשטעלונגען און במילא ווייסן מיר, אַז סיי די איינגעוואָרצלטע און סיי די געבוירענע אין ישראל שטייען נאָך פאַר אַ ריי פּראַגע־צייכנס. טאָ וואָס דאַרף קומען ווייטער? אויך

אַמאָל האָט יהושע, אָדער דער חשמונאים־דור, נאָר געקענט באַפרייען דאָס פאָלק נאַציאָנאַל און נישט גייסטיק. דער ציל איז טאַקע דערגרייכט געוואָרן, אָבער וויבאַלד די אידיי איז נישט פאַרטיפט געוואָרן — איז ווידער געקומען צו אַ חורבן און דעגענעראַציע. דער היסטאָרישער ייד מוז בכן מאַכן אַ שריט ווייטער פונעם הויכן ציל.

דערפאַר איז דער ענין פון „צענטראַלער אידיי" אַקטועל פאַר אַלעמען גלייך. אדרבא: ווייל דער ישראל־בירגער לעבט שוין אין דער ציל־פאַרווירקלעכקייט, פילט ער שאַרפער דעם מאַנגל אין אידיי, ווי דער ייד וואָס קען זיך נאָך מאַכן אילוזיעס, אַז דער ציל אַליין וועט אויסהיילן אַלע אינערלעכע ווייטיקן. דער סך־הכל מוז בכן בלייבן דער זעלבער: צונויפשליסן די יידישע ווערטן סיי פאַרן ציל־דערגרייכער און סיי פאַר די ציל־פאַרבענקטע.

אָבער דאָ מוזן מיר זיך באַפרייען פון איין פאַטאַלער לאָזונג: אין אַלערליי נוסחאות ווערט אויסגעדריקט דער געדאַנק, אַז בכדי צו פאַרייניקן אידיי מיט ציל — מוז מען דערצו האָבן אַ רמב"ם. עס מוז זיין אַ נייער „מורה נבוכים", וואָס זאָל אַרויספירן דעם דור פון זיין צעטומלטקייט. אויך דאָ וואָלט מען זיך אייגנטלעך געדאַרפט פאַרלאָזן אויפן צופאַל: גליקלעך איז יענער דור, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ געשטאַלט — און ווי איז יענעם דור, וואָס בלאָנדזשעט טאַקע אָבער קיין רמב"ם פאַרמאָגט ער נישט. כשאני לעצמי, זע איך אין אַזאַ פאַטאַליזם מער גייסטיקע פוילקייט ווי טיף־אדורכגענומענע באַוווּנדערונג פאַר גרויס־היסטאָרישע פיגורן. דאָס איז אַ לייכטער אופן, וויאַזוי פטור צו ווערן פון גאָר אַ סך אחריותן. דאָס וואַרפן די גאַנצע שולד אויפן „נישט־פאַראַנענעם" רמב"ם דאַרף קלענער מאַכן די אייגענע זינד. מוז מען אויך דאָ זיך לערנען ביי דער יידישער טראַדיציע: זי האָט טאַקע אָפּגעשיקט אַ צאָל שווערע שאלות צו אליהו הנביא — זאָל ער קומען און זיי פאַרענטפערן! אָבער צוליב דעם האָט מען נישט אויפגעהערט צו לערנען און געפינען אַ תירוץ פאַר די קשיות, וואָס דער אייגענער מוח קען יאָ פאַרענטפערן. די יידישע מסורה האָט דאָ אַרויסגעוויזן אַן אַמביוואַלענטן צוגאַנג: פון איין זייט האָט זי געוועקט דעם העכסטן דרך־ארץ צו פאַרגאַנגענע דורות („אויב די ערשטע זענען ווי מלאכים — זענען מיר ווי מענטשן") אָבער דערביי האָט זי נישט געלאָזט אַריינפאַלן אין יאוש צוליב דער אייגענער קלייניקייט. דאָס טאָר נישט שטערן דער מענטשלעכער אַמביציע צו פאַרגלייכן זיך מיט די גאָר־גרויסע אָבות („ווען וועלן גרייכן מיינע מעשים צו די מעשים פון מיינע אבות"?). דאָס באַוווּנדערן משה רבינו אָדער דעם רמב"ם („ממשה ועד משה לא קם כמשה") האָט נישט געשטערט צום טראַכטן, אַז די תורה איז פאָרט „נישט אין הימל" און יעדער איינער קען זי דערגרייכן. די תורה

גופא איז טאַקע טיפער פאַרן ים — אָבער אַלע מצוות צוזאַמען זענען פאַרט אַנגעזאָגט געוואָרן צו יעדן שטערבלעכן בשר ודם. אולטימאַטיווע יידישקייט האָט נאָר געהאַט אַ זין פון דער פּאָזיטיווער זייט: מען דאַרף געדענקען די גרויסקייט פון די „ערשטע״, בכדי עס זאָל נישט לייכט זיין אָפּצוּוואַרפן זייערע ווערטן און בכדי מען זאָל וויסן דעם יחוס פון זייערע וואָרצלען. אָבער וויבאַלד מען וויל דערפון אַרויסציען רעזיגנירטע הנחות — וואָרענען אַ ריי אַמאָליקע מאמרים, אַז אַזאַ באַשיידנקייט איז געפערלעך.

די אָנהענגער פון אַזאַ רמב״ם־הנחה פאַר אונדזער דור פאַרגעסן דערביי איין פשוטן פאַקט: דאָס גרויסע געשטאַלט וואַקסט ערשט אויס, ווי דער מעכּטיקער לערער, אין דורות אַרום. נישט געווען כמעט אַזאַ גאון, וואָס זאָל אין אייגענעם דור נישט אָנטרעפן אויף שאַרפער קעגנערשאַפט. די פולע אחדות אַרום אים וועבט ערשט אויס די היסטאָרישע לעגענדע. אַזוי למשל ווייסט די יידישע אגדה, אַז אויך משה רבינו האָט טייל פונעם פאָלק חושד געווען אינעם ערגסטן („מלמד שחשדוהו באשת איש״). וואָס שייך דעם רמב״ם — ווייסן מיר שוין פון דער געשיכטע, וויפל חרמס און מחלוקתן עס האָבן זיך אויף אים געגרייט. פון זייער ליכט האָבן ווייטערדיקע דורות מער געגאָסן ווי זייער אייגענער. מען קען בכן נישט זוכן קיין פולע רפואה פאַר אונדזער דור אין „אונדזערס״ אַ רמב״ם. עס מוז אויך קלאָר זיין: דאָס גרויסע געשטאַלט קומט נישט צום פאָלק, בכדי עס צו גלעטן איבערן קאָפּ. אַזאַ גאון וואָלט דאָך נישט געקומען איבערחזרן אַלע שאַבלאָנען וואָס מיר ווילן הערן. ער וואָלט אויך נישט געקומען ברענגען קיין לייכטע טרייסט: אי מען זאָל זיך נישט דאַרפן אָנשטרענגען און אי מען זאָל דערביי באַקומען אַריינגעזעצט אַ „בייע נשמה״. גיכער וואָלט ער געקומען מאַכן אַן איבערקערעניש, איבערדרייען אונדזער גאַנץ לעבן. וואָלט זיין גורל מסתמא נישט געווען אַנדערש ווי פון די פריערדיקע: בשעת־מעשה וואָלטן אים נאָר געהערט געציילטע — און אויך זיי וואָלטן אים נישט אַלעמאָל פאַרשטאַנען. ערשט אין דורות אַרום — ווען זיינע אמתן וואָלטן זיך לגמרי באַשטעטיקט — וואָלט ער גרויס געוואָרן ביי אַלעמען. עס זענען אונדז דאָ נישט נייטיק קיין ווייטגעשיכטלעכע עקסקורסיעס, ווייל אַפילו דאָס הערצל־געשטאַלט באַשטעטיקט די דאָזיקע הנחה. דערביי איז הערצל באין־אופן נישט געווען אַזאַ אומפאַרשטענדלעכע פיגור ווי אַנדערע גאונים, וואָס זייער עיקר־אויפטו איז באַשטאַנען פון גייסט. טאָ וואָס וועט שוין אַרויסקומען אונדזערע פערזענלעכקייט־פאַרבענקטע, וויבאַלד דער אייגענער דור וועט דאָ ווייניק געניסן?

טעאָרעטיש קען געמאָלט זיין (אָבער נאָר „טעאָרעטיש״, ווייל אַזעלכע געשטאַלטן זענען איינמאָליק), אַז ס׳זאָל זיך באַווייזן נאָך אַ נביא — און

אַפילו די ליידנשאַפטלעכע זוכער גופא זאָלן אים נישט אָנערקענען. ער וואָלט דאָך זיכער געזאָגט אַ סך זאַכן אַנדערש — ווייל באַקאַנטע רייד ווייסט מען דאָך אַליין — און יעדער טיפערער „פאַרקערט" קלעפּט זיך שווער צו די מוחות. אָבער יעדער חקירה פון דעם מין מוז בלייבן אַבסטראַקט. גאונים וואַקסן נישט אויף קיין ספּעציעלע ביימער, וואָס מען פאַרפּלאַנצט בכיוון אין תל־אביב, ניו־יאָרק אָדער בוענאָס־איירעס. אַריינלאָזן זיך אין אַזעלכע אילו־זיעס מיינט זיכער אַ פּרייוויליקער זעלבסטמאָרד.

אונדזער דור קען נאָר געזעגענען און ווערן פון גאונים, וואָס האָבן שוין אַדורכגעמאַכט אַלע פּריערדיקע צייט־פּרוון. מיר טאָרן נישט קוקן אין די אומקלאָרע הימלען פונעם „פּאָרויס", נאָר בעסער וואַרפן דעם בליק אויף צוריק — צום שוין־פאַראַנענעם. בכדי דאָס צו דערגרייכן דאַרפן מיר נישט קיין גאונים, נאָר אַ צאָל מוטיקע מענטשן מיט אָפענע אויגן. דערפאַר קענען מיר זיך דערלויבן צו חלומען וועגן דעם — אָן גרויסע סכנות.

יד.

אויב געניאַליטעט מיינט „צען פּראָצענט טאַלענט און ניינציק פּראָצענט שווייס" — איז דער געניאַלער „שווייס" ביי יידן שוין זיכער פאַראַן. ביי אַן אויפריכטיקן זוכן, וועלן מיר איינזען אַז אַ וויכטיקער טייל פון דער יידיש־מענטשלעכער פילאָזאָפיע קען גילטיק זיין נישט בלויז פאַרן פאַרשריגענעם „געטאָ". דאָ פאָדערט זיך נאָר אונדזער פּראָצענט „טאַלענט", בכדי צו באַ־נעמען אַז דער „שווייס" איז אונדזער אייגנס. דער ערשטער שריט צו אַזאַ באַנעם — איז דאָס באַפרייען זיך פונעם גאונים־קאָמפּלעקס. אויף דעם גע־ביט איז אפשר דאָס אַנעקדאָטישע כעלעם גאָרנישט געווען אַזוי נאַריש. ווען אַ וואַרשעווער חכם — אינעם יידישן פאָלקס־מעשהלע — האָט געפרעגט אַ כעלעמער אין וועלכן הויז אַ כעלעמער גאון איז געבוירן געוואָרן, האָט יענער געענטפערט: זינט איך געדענק, זענען אין כעלעם קיין גאונים נישט געבוירן געוואָרן. דאָס ווערן אַלעמאָל נאָר געבוירן קליינע קינדער... דוכט זיך, אַז דער כעלעמער „נאַר" האָט גאָר אויסגעלאַכט די גרויסע חכמה, וואָס וויל אַלעמאָל באַקומען פאַרטיקע גאונים. די פּקחותדיקע תמימות פון כעלעם האָט געוואָרנט, אַז מען דאַרף קענען אָנהייבן ביי „קליינע קינדער"; פון אָנהייבן לערנען מיט אויגן פון קינדישן בראשית.

עפּעס פון יענער פּראַקטישער קלוגשאַפט האָט אַרויסגעוויזן אַ שאַרף־יידישער מוח מיט דריי דורות צוריק. ווען ר' ישראל סאַלאַנטער האָט געזוכט אַ וועג פאַר זיין צעטומלטער צייט — איז ער געקומען צום אויספיר: מען דאַרף האָבן אַ גאון, וואָס זאָל מסביר זיין אויף אַ מאָדערנעם אופן די חכמה

פון תלמוד. אָבער וויבאַלד איין גאון פון דעם שניט איז נישט בנמצא — דאַרף מען אויסזוכן ז ע כ צ י ק פּעאיקע יידן און זיי זאָלן פאַרטרעטן דעם א י י נע ם. אמת: איין גאון, וואָס זאָל קענען דערקלערן זעכציק מסכתות, איז נישטאָ — אָבער זעכציק לומדים, וואָס קענען מסביר זיין צו איין מסכת איז שוין לייכטער צו געפינען.

אויך בנוגע אונדזער דור לאָזט זיך אָנווענדן דער זעלבער געדאַנק: קיין איין גאון, וואָס זאָל אונדז קלאָר מאַכן דעם ש״ס פון פולער יידישקייט, איז אפשר נישט פאַראַן. אָבער אַ קייט פון מענטשן און באַוועגונגען, וואָס יעדער איינער (אדער איינע) טראָגט אין זיך איין קאַפּיטל פון ליכטיקער יידישקייט, איז זיכער בנמצא. קאָנצענטרירטע גאונים קומען פון זיך אַליין; זיי רייסן זיך אַרויס ווי אַ נס פון דער מענטשלעכער קייט און באַשאַפן אַ גאַנצן הימל איבערן קאָפּ. זיי קען מען נישט „אויספּלאַנירן״. אָבער מיר קענען יאָ באַ־שאַפן יענעם ק אָ ל ע ק ט י ו ו ן ר מ ב ״ ם פון זעכציק — אָדער זעקס־הונדערט. עס איז נישט פאַר אונדזערע כוחות צו באַשאַפן די נייע גרויס־אידיי; אָבער מיר זענען יאָ בכוח אָפּצופרישן די אַלט־צעשאָטענע, וואָס בלייבט „אייביק ניי״. מיר קענען נישט קולטיווירן בכוונה קיין „איין גאון פון זעכ־ציק מסכתות״ — אָבער מיר קענען צונויפנעמען „זעכציק״ יחידים, וואָס יע־דער איינער טראָגט אין זיך צו „איין מסכת״ פונעם יידישן געדאַנק. זיי אַלע קענען אפשר שאַפן בשותפות דאָס גרויסע ווונדער, וואָס מיר דערוואַרטן פונעם נישט־פאַראַנענעם גאון.

אין מיין דמיון זע איך אַזאַ מין „מאָדערנעם״ ש״ס, צו וועלכן ר׳ ישראל האָט געבענקט — א ו י ב אונדזער יידישער דור וועט אויסזוכן עטלעכע הונדערט ערלעך־באַגאַבטע יידן פאַרן דאָזיקן ציל. איין יידישע אָרגאַניזירט־קייט — די אַלוועלטלעך־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אַליין, אָדער בשותפות מיט אַלע היסטאָרישע באַוועגונגען — קען דאָ באַשאַפן דעם רעאַלן נס.

דער היסטאָרישער ייד פון אַ געוויסן שטח מעג דערביי שמייכלען: „נס״? איז דען די אַמאָליקע פּלעיאַדע גאונים נאָר געווען נס? אָן אַ נאַטירלעכן און פּראַקטיש־אויסגערעכנטן פּלאַן, ווערט דאָ גאָרנישט באַשאַפן. אָבער מיר ווילן טאַקע צוקומען צו אַ נאָענט קאַפּיטל פונעם היסטאָרישן יידנטום: מיר האָבן נאָך ביז־איצט נישט געגעבן קיין געהעריקן תיקון דער גרויס־יידישער אינס־טיטוציע פון היסטאָרישן כאַראַקטער — י ש י ב ה. פיצלעך יידישע שטעט־לעך האָבן אַמאָל אויסגעהאַלטן גרויסע ישיבות מיט הונדערטער בחורים. מעג איינער האָבן אַ קריטישן בליק אויף ד ע ם שטייגער דערציאונג, וואָס דאָרט איז געגעבן געוואָרן, אָדער נישט — מוז ער שטוינען: וויאַזוי האָבן זיי אַרויס־געשלעפּט פון די טיפסטע און אָרעמסטע תהומות אַזויפיל באָרוועסע קינ־

דער? ווי אַזוי האָבן יידן פון מאָגערן ברויט־און־הערינג זיי געהאַלטן לאַנגע יאָרן אויף קעסט; אָנגעהויבן מיט זיי פון אלף־בית און זיי דערפירט ביז כסא־הרבנות? וויאַזוי האָבן זיי געהאַט דעם חוש, אַז „גוטע קעפּלעך" געהערן צום גאַנצן פאָלק — און דערפאַר געגומען טויזנטער בני־עניים און זיי פאַרוואַנדלט אין פערזענלעכקייטן? עס איז זיך קוים פאָרצושטעלן, וויאַזוי עס וואָלטן אויסגעזען אונדזערע צוויי נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, דער ציוניזם, אונדזערע פאַרשיידן־יידישע ריכטונגען — אָן דעם שטראָם פון הייסן בלוט, וואָס די יידישע אָרעמקייטס־אַקאַדעמיעס האָבן זיי צוגעשטעלט. נישט אינעם תוך פון דער ישיבה־דערציאונג גייט אונדז דאָ — ווייל עס זענען דאָרט געווען געגנוג מוראדיקע חסרונות — נאָר אין יענער אידיי: דאָס היסטאָרישע יידנטום פון יענער צייט האָט אויף זיך געטראָגן אַ געוואַלטיקע אחריות פאַרן גאַנצן דור, פאַרן גאַנצן פאָלק. עס איז נישט געווען קיין שאלה, אויב „מיין" קינד וועט לערנען אָדער „זיינס" — נאָר אַ בציבורדיקע זאָרג אַז „מען" זאָל לערנען; אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל חלילה נישט פאַרגעסן דעם אייגענעם וועג.ביים אָפּוואַרפן די מנהגים פונעם טראַדיציאָנעלן יידנטום, האָבן מיר אויך פאַרלוירן דעם חוש פאַר דער נאַציאָנאַלער ווערט פון דער ישיבה־אינסטיטוציע, וואָס האָט טויזנטער אָרעמע קינדער פאַרוואַנדלט אין מנהיגים פון גרויסן פאַרנעם. אַזוי למשל האָט די יידיש־וועלטלעכע באַוועגונג פון גאַנץ צפון־אַמעריקע נישט באַשאַפן קיין איין הויך־אַקאַדעמישע אינסטיטוציע, דורך וועלכער עס זאָל פון די היינטיקע „בני עניים" אַרויסקומען תורה. דאָס דערציען נייע דורות האָט מען איבערגעלאָזט פאַר יעדן טאַטנס געוויסן. שוין מיט דעם אַליין האָבן מיר אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק מיט נאַציאָנאַלער אחריות. דערפאַר האָבן מיר נישט קיין געהעריקן אַדרעס, ווו מען זאָל קענען אַוועקזעצן אונדזערע „זעכציק" און דערוואַרטן פון זיי די געשטאַלטונג פון דער נייער יידישקייט־אידיי. אויף „פּאַרטיקע" גאונים זענען מיר גאָר הייסע בעלנים — אָבער נישט אויף אָנצוהייבן ביי „קליינע קינדער".

מיר פאַרמאָגן אָפּט — אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן שטח — פאַנטאַסטישע בודזשעטן. אָבער נישט פאַר קיין מאָדערנער „ישיבה" פונעם „איישישאָקער" שניט. איז טאַקע נישט מעגלעך, אַז דאָס פילקאָלירקע און היסטאָרישע יידנטום זאָל צונויפנעמען כאָטש צוויי הונדערט קלאָרע קעפּ און זיי דערמעגלעכן צו גראָבן אינעם יידישן ברונעם — ביז צום אָנשלאָגן זיך אינעם נייטיקן מים חיים? אויב ד אָ ס קען נישט געשען — איז אפשר אַ רחמנות אויף אַלע אונדזערע שיינע חלומות.

מיר האָבן דאָ שוין אָפּגענויגט צו דער פּראַקטישער זייט — אָבער דאָס איז אונדז בפירוש נייטיק געווען. נאָר אויף אַזאַ אופן קענען מיר מאַכן דעם

ערשטן שריט, בכדי אַריינצוברענגען אַלע גוטע זייטן פון היסטאָרישער ייִדישקייט אונטער איין דאַך. דאָס וואָלט — נאָך מדינת ישראל — געווען דער צווייטער און אומפאַרגלייכלעכער אויפטו פון אונדזער דור. און אפשר וואָלט עס גאָרנישט געווען קיין „צווייטער" — נאָר אַ בלויזע דערגאַנצונג צום ערשטן און מעכטיקסטן נס. דאָ דאַרפן מיר נאָר דערשפּירן דאָס עלעמענטאַרסטע געפיל פון ייִדיש־געשיכטלעכן באַנייט ווערן.

טו.

וואָס מיינט דאָס? אויך דאָ נייטיקן זיך אַ ריי ביישפּילן, וואָס גייען שוין אַריין אינעם תחום פון „ייִדישע ווערטן" גופא. קיינער וועט זיך נישט פאָרשטעלן, אַז די קריגערישקייט פון דוד המלך קען זיך פאַרטראָגן אין פּראַקטישן לעבן מיט דער ייִדישקייט פונעם ווילנער גאון. ס'איז גאָר מעגלעך, אַז ביידע צוזאַמען וואָלטן גאָרנישט געקענט לעבן אין איין תקופה. בכל אופן וואָלטן געווען האַרבע חילוקי־דעות צווישן דעם געזאַלבטן און לעבנס־לוסטיקן קעניג פון דער שווערד און דעם נזיריש־צוריקגעצויגענעם גאון פון ליטווישן געסל. נאָך שווערער וואָלט געווען צו פאַרייניקן דאָס ברייטע האַרעם־לעבן פון שלמה המלך מיטן קוק פון אַ טייל ייִדישע חכמים, וואָס האָבן אָנגעזאָגט: „הייליק זיך אַפילו ביי דעם וואָס דו מעגסט" (קדש עצמך במותר לך). פון דעם שווערן גלאַנץ אין דער תנ"ך־עפּאָכע ביז צום חסידישן מאָטיוו („וואָס מען טאָר נישט — טאָר מען דאָך נישט... און וואָס מען מעג, טאָר מען דאָך אויך נישט") — איז אַ ריזיקער מהלך. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען די סתירותדיקע געשטאַלטן פונעם ייִדישקייטס־אידעאַל ווערן קאָנפראָנטירט פּנים אל פּנים, אינעם לעבן פון דער זעלבער צייט.

דערפאַר אָבער האָט די ייִדיש־געשיכטלעכע מייסטערשאַפט באַוויזן אויסצוגלייכן אַלע סתירות מיט דער רו פונעם היסטאָרישן בליק. אויב איין תקופה איז געווען ווייט פון דער צווייטער — איז אָבער, דורך אַ גאַנצער קייט תקופות און אַדורכגעזיפּטע שכלען, געקומען צו אַ שלום צווישן שלמה המלך און דעם ווילנער גאון, צווישן דוד המלך און ר' ישראל בעש"ט (די גוטמוטיק־חסידישע לעגענדע האָט אַפילו געלאָזט דוד המלך געבן זיין „ניצוץ" צום בעל שם טוב און ביידע זאָלן האָבן דעם זעלבן שורש נשמה...). דאָס באַווייזט, אַז אויפן ברייט־געשיכטלעכן לייוונט קענען זיי זיך גוט פאַרטראָגן אין האַרמאָנישן צוזאַמענטרעף. מיט היסטאָרישע אויגן קען מען יעדן פון זיי אויפנעמען ווי אַ גוטן גאַסט אינעם ייִדישן געצעלט. דאָ זעען מיר, ווי די ווירדיקייט פון דורות פאַרמאָגט דעם דרך־ארצדיקן ציטער, וואָס מאַכט פון אַלע צוזאַמען איין צונויפגעשפּילטע גאַנצקייט.

קען דאָס זעלבע נישט געשען מיט אונדזערע וואַריאַציעס פון היס־טאָרישער יידישקייט? זיכער איז פאַראַן אַ שטיקל חילוק צווישן אַ היסטאָ־רישקייט, וואָס גליווערט שוין אין די פאַרמעט־בלעטער און צווישן אַזעלכע געשיכטע־טיילן, וואָס לעבעדיקע נפשות וואַכן נאָך איבער זייער הייסן אָטעם. די היינטיקע טיילן פון דער „אַלטער" יידישקייט קענען נאָך אפשר נישט פאַרטראָגן די מאַיעסטעטישע שטילקייט פון עפּאָכעס, וואָס זענען שוין פאַר־הילט אינעם שווייגן. מען דאַרף אָבער געדענקען, אַז די דאָזיקע אָקצעפּטירונג וועט סייווי מוזן קומען. וויפל ליידנשאַפטן מען זאָל היינט נישט פאַרווענדן, בכדי צו פאַרטרייבן די „אַנדערשדיקע" פון דער געשיכטלעכער אָנערקענונג, וועט עס קיינער נישט באַווייזן — וויבאַלד אויך דער קעגנער האָט וואָס איבערצולאָזן. דאַרף אונדז די דערפאַרונג פון אַלע פריערדיקע תקופות מאַכן קליגער און מיר זאָלן זיך מער נישט אַרומשלאָגן מיטן ווינט.

דערפאַר געהער איך נישט צו די, וואָס טרייבן למשל דעם גאַנצן בונדיזם — מיט היינטיקן טריומף — אין קבר אַריין, מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט. דאָס זעלבע איז מיטן יידישיזם, דער השכלה, דער וועלט־לעך־ענגער עקשנות וכדומה. היות ווי זיי אַלע זענען נאָר טיילן פון אונדזער היסטאָרישער יידישקייט — וואָלט גאָר אַ שאָד געווען, ווען זיי זאָלן פאַר־שווונדן אָן אַ גוטן טאָג; נאָך איידער זיי האָבן איבערגעגעבן דעם פאָלק דאָס שענסטע פון זיך. דאָס זעלבע לאָזט זיך אָנווענדן אויף אַ ריי אַנדערע ריכ־טונגען מיט צענדליקער יאָרן פון אַקטיוון לעבן. מיך אַרט אַפילו נישט, וואָס זיי גופא פירן זיך נישט מיט דער זעלבער מידה — ווייל דאָס שלעכטע פון זיי קענען מיר פאַר קיין ביישפּיל נישט נעמען. אמת: קיינער קען פון אַזעלכע גרופּירונגען נישט פאָדערן, אַז זיי זאָלן זיך אויפלייזן, בכדי מיר זאָלן שוין „מעגן" ביי זיי נעמען ירושה. יעדער פאַרטיי האָט זיכער איר רעכט אָנצוגיין מיטן אייגענעם לעבן ביזן לעצטן אָטעם — און ווער עס איז נישט מסכים, האָט זיין פולע רעכט צו באַקעמפן איר העגעמאָניע. דאָס טאָר אָבער נישט שטערן דעם אַנדערן צו באַמערקן דאָס ביסל ליכט, וואָס געהערט צום גאַנצן יידנטום. די געשיכטלעכע חשיבות האָט אויך גענוג אויפגעגאַבן אינעם ציוניזם גופא — הגם זיינע פאַרטייען פירן נאָך שלאַכטן צווישן זיך מיט לעבעדיקער קנאה־שנאה. אויך דאָ וואָלט די היסטאָרישע מאָס געקענט איינשפּאָרן אַ סך אומזיסט־אַרויסגעוואָרפענע ענערגיע און געגעבן אַ געלעגנהייט דעם גאַנצן ציוניזם זיך מער צו ווידמען די יידישע הויפּט־עיקרים.

דער סך־הכל פונעם דאָזיקן געדאַנק איז — בכל אופן פאַר מיר — אַ קלאָרער: יעדער טייל פון דער „אַלטער" יידישקייט איז טראַגיש דערהויבן געוואָרן צו אַ מוראדיקער שליחות — צו זיין דער לעצטער פון אַן אָפּגעשלאָ־

סענעו', אָבער פאַרבן־רייכער, תקופה. דאָס איז מחייב צו מער באַרעכנטקייט. כל־זמן יעדער טייל וועט נישט פילן זיין היסטאָרישקייט — וועלן מיר פאַרלירן אַ סך כוח על קרן הצבי. דערפאַר אָבער קען אַזאַ בשותפותדיק געפיל צונויפנעמען ניצוץ צו ניצוץ און פאַרוואַנדלען אונדזער צעריסנקייט אין איין גוף מיט פאַרשיידענע פונקציעס. מען טאָר זיך אָבער נישט מאַכן קיין אילוזיעס, אַז יעדע גרופּע וועט צוליב דעם פּריווילעגיע מוותר זיין אַפילו אויף אַן אייגן פינטעלע. דערפאַר מוז זיך אַלץ אַנהייבן פון אַ פּאַראַלעלער באַוועגונג ביי זייער זייט — אַ באַזונדער ריכטונג אויפצוהיטן אַלדאָס גוטע פון היסטאָרישער יידישקייט. אויב דאָס וועט געטאָן ווערן מיט ערלעכקייט — וועלן זיך די צעריסענע כוחות ביסלעכווייז צובייגן צו איר און אויפנעמען אירע שריט מיט דאַנקבאַרקייט. נאַטירלעך קענען מיר דאָ נישט אָנווייזן, וואָס מען קען איבערנעמען ביי יעדער באַזונדער. שטעלן מיר זיך צופרידן מיטן בלויזן אָנווייזן אויף דער אידיי. קען זיין, אַז דערמיט וועלן מיר דערגרייכן די גייטיקע השארת־הנפש פאַר אַלץ וואָס איז ראוי צו בלייבן לעבן אינעם יידישן באַוווסטזיין. עס איז אויך מעגלעך, אַז אַזאַ ספר־הווערטן וועט זיין די בעסטע און קלאָרסטע מתנה פאַרן נייצייטיקן דור, וואָס זוכט אַ וועג — אָבער קען אים דורך זיך אַליין מער נישט געפינען.

* * *

...מיין פריינט, דער סקעפּטיקער, האָט די דאָזיקע אַרבעט געלייענט לאַנג און ערנסט. אָבער ביי דער לעצטער שורה האָט ער זיך צעשמייכלט: הערשעלע אָסטראָפּאָלער! געמיינט האָט ער דערמיט די מעשה מיטן לעגענדאַרן פאַלקס־לץ, וואָס האָט געטראָפן אַ ייד מיט אַ טרויעריק פּנים. אויף דער פראַגע פון הערשעלען, וואָס אים איז געשען — האָט יענער געענטפערט: איך האָב טויזנט זאָרגן אויפן קאָפּ. הערשעלע האָט אים דאָן געטרייסט: רעכן מיר אויס אַלע דיינע דאגות און איך וועל דיך פון זיי אַרויסראַטעווען — אויסער פון איינער. דער ייד האָט באַלד גענומען אויסרעכענען זיינע צרות: דאָס ווייב איז קראַנק און דאַרף אַ דאָקטאָר — צען רובל; נדן פאַר די צוויי טעכטער — 400 רובל; פאַר זעקס קינדער שיכלעך — צוועלף רובל; מצות אויף פּסח — צען רובל — — — הערשעלע האָט געלאָסן פאַרשריבן אויף פּאַפּיר איין „דאגה" נאָך דער צווייטער. ערשט צום סוף האָט ער לייכטער געמאַכט דעם ייד: אַלע אייערע זאָרגן באַטרעפן טויזנט רובל. וואָסזשע טויגן אייך „טויזנט דאגות", אַז איר קענט נאָר האָבן איינע: ווו נעמט מען טויזנט רובל?

מיין פריינט האָט דערמיט געוואָלט זאָגן, אַז דאָ זענען צונויפגענומען

געוואָרן „טויזנט“ פֿאַרשיידענע חילוקי־דעות ביי יידן און פון זיי איז גע־מאַכט געוואָרן איינע. אָבער ווען דער איינער פּראָבלעם קען נישט געלייזט ווערן — צעפֿאַלט זיך דער גאַנצער סך־הכל און עס ווערן ווידער ממש די זעלבע טויזנט דאגות...

איך האַלט אָבער, אַז דער יידישער פֿאָלקס־לץ איז פֿאַרט געווען גע־רעכט: דאָס צונויפֿקנעטן אַלע דאגות, וואָס יעדע באַזונדער פּלאָנטערט זיך מיט ווייטיק אין די מחשבות, אין איין הויפּט־וואָרצל — ברענגט אויך אַ שטיקל הילף. מען ווייסט לכל־הפּחות ווו עס ליגט דער שליסל צו אַזויפֿיל זאָרגן.

פּאַריז 1948 — ניו־יאָרק 1957.

וויכוח אין דער פינצטער

א.

זיי האָבן זיך געטראָפן כמעט ווי צופעליק. אָרט: צופוסנס פון אַ יידי־שער רעדאַקציע אין ניו־יאָרק. צייט: ערב יום כיפור פונעם יאָר דעם־און־דעם. פּערזאָנען: אַן עלטערער שרייבער, קרוב צו שבעים און אַ ייִנגערער — אין די דרייסיקער. דער עלטערער איז פון די ווייניקע, וואָס זענען געבליבן ביי דער אַפּיקורסישער טראַדיציע — בעת דער ייִנגערער האַלט נאָך אין מיטן זוכן זיין וועג. זיי האָבן זיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט צעאַמפּערט און במילא האָט זיך דער איצטיקער שמועס אָנגעהויבן אַזויווי פון מיטן:

— גייסט טאַקע היינט ביינאַכט אין בית המדרש אַריין?

— כ׳גיי.

— צו די פרומע?

— צו די פרומסטע וואָס ניו־יאָרק פאַרמאָגט.

— ועסטו פאַסטן אויך?

— ווי אַלעמאָל. יאָ...

— דאַוונען אויך?

— דאָס קען איך דיר נישט פאַרזיכערן. אָבער דעם „מחזור" מיש איך אָפּט — אַפילו אין אַ געוויינטלעכן מאָנטיק.

— ביסט נאָך אַלץ נישט פאַרטיק מיט דיין גאָט?

— איך ווייס בכלל נישט, וואָס עס מיינט אַזוינס „פאַרטיק ווערן" מיט נשמה־ענינים.

— אָבער דו ביסט דאָך אַ סאָציאַליסט און דיין פּאַרטיי האָט דאָס מחזור נישט אַריינגענומען אין איר פּראָגראַם. דו לעבסט נישט פרום — און דאָס זאָגט גענוג וועגן דיין איבערצייגונג. דו ביסט אַ ליטעראַט — און דאָס מיינט, אַז ליטעראַטור איז דיין נשמהדיקער אויסדרוק. טאָ לאָמיר ריידן אָפן: „צדק און משפט" האָסטו דאָך אין דיין סאָציאַליזם. שכר פאַר דיינע מצוות — קומט דיר נישט. דאָס פּאָעטישע — האָסטו אין דער ליטעראַטור מער ווי אין מחזור. וואָסזשע טרייבט דיך אַהין?

— אַהאַ! דיין גאָט איז אַלעמאָל געווען דאָס וואָרט. ווילסטו, אַז אויך איך זאָל דיר מיט ר יי ד אַלץ קלאָר מאַכן. דו מיינסט, אַז דער מענטש קען זיך אַליין אַזוי דורך־און־דורך, ביז ער קען טאַקע ריידן „אָפן". איך לייקן

אין דעם — דערפאַר איז עס איבער מיינע כוחות. אָבער אַ שטיקל חשבון בין איך יאָ גרייט צו מאַכן: מיט מיין סאָציאַליזם שטעל איך צופרידן מיין אַקטועלן יושר. ליטעראַטור? מיט איר לעבט זיך אויס מיין שטימונג. אָבער וואָס איז מיטן ייד אין מיר? כ׳האָב, דוכט זיך, אַן ענטפער אויף אַלץ וואָס מיין בינטל יאָרן שטעלן אַוועק ווי אַ שאלה. אָבער דער אינערלעכער ייד איז עלטער פאַר מיר און מיין צייט. צו מיין גאַנצער איבערצייגונג און לעבנס־שטייגער בין איך געקומען דורך מיינע דערפאַרונגען. דאָ בין איך אַ יחיד און קען במילא פסקענען לויט מיינע שפּירונגען און געמיט. אָבער דער ייד אין מיר געהערט צום גאַנצן פאָלק — און די אומה האָט זכרונות, וואָס גרייכן ווייטער פון מיר. טאָ וויאַזוי קען איך פּראַווען דאָס ייד־זיין נאָר אויפן יסוד פון מיין פּערזענלעכן באַנעם? כ׳קען דען זיין „פאָלק״ ביחידות, אַזוי ווי מיר געפעלט?

— שטותים. טויזנט אַזעלכע ווי דו ווערן שוין אַ ציבור. פאַרוואָס זאָל דווקא אַ פרומע עדה דיך מאַכן פילן „פאָלקיש״? די וואָס גייען נישט אין ימים־נוראימדיקן בית המדרש האָבן נישט ווייניקער יידיש געפיל אין זיך...

— לייג אַוועק אַ ווייל דעם שכל. טויזנט אַזעלכע ווי איך און דו קענען זיך נאָך שאַפן אַ לעבנס־בליק לויט די שטיקער צייט וואָס האָבן פאַרביידע־פילירט אונדזער אויג. אַז מיר וועלן זיך צונויפשטעלן אַ יידישקייט פון אונ־דזער אייגענעם קוואַל — וועט עס זיין ייִנג און שמאָל ווי אַ ניי־געבוירן קינד. מיר זויגן נאָר ביי אונדזער פאַרשטאַנד און זכרון — אָבער דער מענטש בכלל געהערט צו אַן אומבאַקאַנטן אָנהייב, וואָס זיין דערפאַרונג און געדע־כעניש קענען אים נישט אַרומנעמען. ער איז אַ סך טיפער פאַר דעם וואָס ער דענקט און געדענקט. די וועלט איז געווען פאַר־אים און געלייגט אַ צאָל יסודות, לויט וועלכע ער מוז שוין טראַכטן און פילן. ווי אַ מענטש — בין איך פּאַקטיש דאָמינירט פון אַ סך פאַרהוילענע נעכטנס. ווען עס קומט צום ייד אין מיר — איז דער ענין נאָך מער פאַרשלייערט. איך פאַראַדיר טאַקע מיט מיין יידישקייט — אָבער זי איז גאָר אַן אַרויפגעצוווּנגענער עכאָ פון מ׳יין פריער. נישט איך האָב אָנגעהויבן די קייט און דערמיט „שכלדיק״ באַשטימט מיין יידישן גורל. איך בי׳ן דאָ אייגנטלעך אַריינגעשליידערט גע־וואָרן פון אַן אומגעזעענעם כוח. איך מאַך בלויז דעם אָנשטעל, אַז איך בין אַ פרייוויליקער אויסקלייבער. איך פרעג זיך אַפילו: וואָס וואָלט געווען, ווען יענער פאַרהוילענער צופאַל מאַכט מיך פאַר אַ גליד פון אַ ווילדן שבט? צי וואָלט איך אויך דאַן געמוזט טראָגן מיט שטאָלץ מיין אָפּשטאַם? איך מוז בכן אַרויספלאָנטערן מיין יידישקייט פון יענעם קנויל נעכטנס, וואָס האָבן אויסגעוועבט מיין נאַציאָנאַלן זין נאָך איידער איך אַליין בין דאָ געווען. אויב

איך זאָל זיך קיינמאָל נישט אַריינלעבן אין מיין סודותדיקן א י ד ע ר — בלייב איך געהילט אין פינצטערניש. דערפאַר באַמי איך זיך אַריינצודרינגען אין מיין ע ר ב ־ ו ו ע ר ן און כאַטש איין טאָג פילן יענעם „איך" מיינעם, וואָס האָט מקדים געווען מיין בלוט און פלייש...

— לאָגיקער מיינער! דאָ פאַלסטו שוין אַריין אין מיסטיק. זאָג בעסער קלאָר: דו ווילסט באַקענען דיין ע ב ר, וואָס איז עלטער פאַר דיר. ד אָ ס פאַרשטיי איך. אָבער דערויף דאַרף מען נישט דיין לאַנגע דרשה, ווייל די עצה איז אַ פשוטע: ל ע ר נ ע ן ג ע ש י כ ט ע.

—איך קען דעם תירוץ. אָבער דאָס איז נאָר אַן עצה בנוגע דער וועלט מ ח ו ץ מיר. טעאָרעטיש — קען אַ ייד יוצא־זיין מיטן „לערנען די געשיכטע" פונעם אַלטן גריכנלאַנד. דאָרט קען איך אַלצדינג אויפנעמען מיט מיין קילן און ניכטערנעם וויסן. איך דאַרף צו דעם נישט נעמען קיין אינערלעך־אינטימע שטעלונג. מסתמא קען דער גריך אויפן זעלבן שטייגער לערנען די יידישע געשיכטע. אָט־דער לימוד געהערט זיך ווייניק אָן מיט מיין נאַציאָנאַלן גורל. איך האָב אָבער צוגעגעבן: „ט ע אָ ר ע ט י ש" — ווייל סוף כל סוף בין איך אַ שטויבעלע פון דער גאַנצער וועלט און מסתמא בין איך גע־פורעמט געוואָרן פון אַ ל ע געשיכטע־בלעטער. ווייניק פעלקער האָבן אַדורכ־געקרייצט אונדזער לעבן? אָבער דאָס איז שוין אַ ווייטער מהלך. ווען עס האַלט ביי יידישער געשיכטע — קומט מיר דאָס בלוט אין פנים ביי יעדער־צעווייטיקט קאַפּיטל. איך שריי ביי יעדער ווייטער שווערד איבער אונדזער קאָפּ און טאַנץ פאַר שמחה ווען מיר גייען דאָרט אַרויס מיט נצחון. קען איך זיך נישט אַוועקזעצן שטודירן יעדעס בלעטל מיט קאַלטן גליוווער. איך ווייס, אַז דאָרט הייבט זיך אָן מ יי ן געדאַנק און מיין לעבן. נישט אַריינצופאַלן דערביי אין „מיסטיק" מיינט דאָס זעלבע ווי בלייבן בלינד. דאָ מוז איך זיך טויזנט מאָל פרעגן: האָט עס געקענט זיין אַנדערש? האָט עס געמוזט געשען דווקא אַ ז ו י ? כ׳פיל, אַז דאָרט ליג איך אַליין אויף דער וואָגשאָל. אָבער דעם ענטפער האָב איך נישט. טייל יידישע קאַפּיטלען זענען אַזוי אומבאַגרייפּ־לעך, אַז איך מוז זאָגן צו זיך: נישט ד ו קענסט דאָ זיין דער פוסק. ענטפערן דערויף קענען נאָר יענע דורות, וואָס האָבן דאָס רעטעניש אויסגעטראָגן. אָבער וויאַזוי קענסטו „הערן" זייער תשובה, וויבאַלד דו לעבסט זיך פסיכיש נישט אַריין אין זייער פאַרגאַנגענער וועלט? און וויפל איך זאָל נישט זוכן דעם אַדרעס צו מיין פאַרהוילענעם נעכטן — קען איך אים נאָר געפינען ביים ייד פון דורות, ביי גאָטס צעכוואַליעטער עדה, וואָס האָט אין זיך אויפגעהיטן גאַנצע יאָרהונדערטער מיט עקשנותדיקער פרישקייט. יום כיפור איז געוואָרן דער הייליקסטער טאָג ביי יידן — און ער ווערט ביי זיי אָפּגעהיטן פונקט

ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און מער. במילא זענען זיי דאַן נענטער צו די יידישע וויטקייטן ווי אַלע טעג פון יאָר. ווייל איך דאַן אַנטאַפּן אונדזער עבר און שפּירן דורך זיי דעם טעם און אָטעם פון מיין נאַציאָנאַלער ביאָגראַפיע.

— איצט פאַרשטיי איך. שייל אָפּ די פּסיידאָ־פילאָזאָפישע פראַזן פון דיין טיראַדע — און עס וועט נאָר בלייבן דער שאַבלאָנער „עסקייפּיזם״; דאָס מידע אַנטלויפן פון זיך אַליין מיטן תירוץ, אַז דאָס אַנטלויפסטו גאָר צו זיך. דאָס קליינע פּחדנדל אינעם מענטש — ווי מוטיק ער זאָל זיך נישט וועלן באַווייזן — האָט נאָך אַלץ מורא פאַרן „אפשר״: טאָמער איז פּאָרט פאַראַן אַן עמעצער אין די הימלישע הויכן? ציטערסטו כסדר פאַר די שמיץ פונעם אשמדאיס שוואַרצער גיהנם־בייטש — נאָר עס שטייט דיר נישט אָן. פאַרדעקסטו עס מיט נאַציאָנאַלע גריבלערייען.

— מיש דאָ נישט אַריין קיין „עסקייפּיזם״, ווייל דאָ וויל איך גאָר נענטער באַקענען מיין אינערלעכע וועלט, מיינע וואָרצלען. צייט און וועלט זענען נעפּלדיקע באַגריפן, אויב זיי ווערן פאַר אונדז נישט ממשותדיק דורכן מענטש. בלויז דורך אים ווערן זיי איינגעגלידערט אין אונדזער אינטערעס. אָבער ווער איז דער מענטש? נישט בלויז דער היינטיקער. און ווער איז דער ייד? ווידער — נישט בלויז דער היינטיקער. ווען זיי נישט פאַרשטיין אָן זייער דורות־דיקער הקדמה. פון היינט אויף מאָרגן קען מען שאַפן אַ פּאַרטיי — אָבער נישט קיין פאָלק. אַפילו אַ יחיד באַשטייט פון טיפערע שיכטן און איך קען זיי נישט דערזען בלויז דורך זיך אַליין. דו לאַכסט פון פרימיטיווער מורא — גלייך ווי דו וואָלסט אייביק געווען אומדערשראָקן. אָבער שרעק איז אַ טייל פונעם מענטש — אויך פון דיר. ווייל איך טאַקע באַקענען יענע פּחדים, וואָס האָבן אַזוי לאַנג באַגלייט אונדזער פאָלק און במילא אויך איבערגעלאָזט אַ חותם אין מיר. זענען זיי טאַקע געווען אומזיסט?

— מיינסטו, אַז געשיכטע אַליין קען דיר ווייניק אויפקלערן? אויב דו לערנסט זי, ווי דו זאָגסט, מיטן בלוט אין פּנים — קענען אירע בלעטער דיר אַלץ דערציילן. וויאַזוי קען דער מחזור דיר געבן מער אינטימקייט?

— איך פרעג נישט אָפּ די וויכטיקייט פון געשיכטע. אָבער זי אַנטפּלעקט ווייניקער דאָס פּנים פון אַ פאָלק ווי זיינע ספרים און תפילות. כ׳וואָלט געזאָגט: געשיכטע דערציילט מיר וואָס אַ פאָלק איז געווען — אויב מען האָט די געשיכטע גופא נישט געפעלשט — בעת די תפילה דערציילט מיר, וואָס עס האָט געוואָלט זיין. איך בין אַפילו גרייט צוצוגעבן: ביי אומות־העולם איז אפשר די געשיכטע אַ טרייער שפּיגל פון זייער פּסיכיק. מיט יידן איז אָבער אַנדערש, ווייל — שרעק זיך נישט פאַרן ביטער־ציוניסטישן שאַבלאָן — אַ סך געשיכטע־קאַפּיטלען אונדזערע זענען אונדז אַרויפגעצוווּנגען

געוואָרן. מיר האָבן אָפּטמאָל געהאַט אַ כּוח צו בלייבן לעבן נ אָ ך אַלע גזי־רות, אָבער זיי זענען פּאָרט געוואָרן אַ טייל פון אונדזער איבערלעבונג. דער־פאַר אָבער זענען אונדזערע תּפילות — פּונקט ווי אונדזערע חלומות — א ײ ג ע נ ע. דאָ האָבן מיר זיך באַפרייט פון אַלע צוואַנגען און אַליין באַ־שטימט א ו י ף וו אָ ס צו בעטן. דער מחזור איז בכן אַ טייל פון אונדזער פאַרבאָרגענער אויטאָביאָגראַפיע. דערפאַר זוך איך דאָרט די שפּורן פונעם נאַציאָנאַלן אמת. אָבער ביחידות קען איך עס נישט טאָן. ראשית כּל בלייב איך דערביי ווידער אַרומגערינגלט מיט זיך אַליין און איך מוז דערפאַר אָנ־קומען צו דעם, וואָס דו רופסט „מאַסן־פּסיכאָז". והשנית, קען איך דערביי נישט האָבן קיין שום פאַרשטעלונג, וויאַזוי דאָס אַלט־אינטימע וואָרט ווירקט זיך אויס אויף אַ שטיק פאָלק. דאָס מוז איך זען און הערן — און דאָ קען מיר נאָר העלפן די בציבורדיקע סוגעסטיע. בלויז צווישן יידן וואָס טראָגן נאָך אַלע פאַרצייטנס אינעם קול — קען איך פילן דעם דופק פונעם אָפּגע־הילכטן עבר. נאָך עפּעס: מײַן אייגענער ה י י נ ט ווערט דאַן אַ בלויזער טייל פון אַ גרויסן מהלך. במילא קען איך אים זען מער אָביעקטיוו. דאָס קען מיי־נען אַ שטיק „אויפלייזונג אין דער מאַסע" — אָבער איך האָב דערפון אַ סך טרייסט. איך זע בחוש, אַז נישט מיט „מיר" האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויס־מענטשלעכער חלום און דערפאַר וועט ער דורך מיר זיין לעצט וואָרט נישט אָפּזאָגן. עס ווען בלייבן ליכטיק־יידישע בענקשאַפטן אויך ווען מיין אידיי־אישע וועלט זאָל מוזן פאַרשווונדן. כּל־זמן דו ביזט אָפּגעריסן פון אַלע פאַר־צייטנס — ביזטו אַ ל י י ן. אויב דו און דיין דור ביזט זיכער, אַז נאָר איר האָט געברענגט די תּורה פונעם שענערן מענטש — מעגסטו אַרומגיין אין יאושדיקן פּחד: איך בין דער לעצטער — ווייל דער נייער דור וויל פון מיינע חלומות נישט וויסן. אָבער ביים זען, וויאַזוי יידן קלאַמערן זיך אין טויזנטער־יעריקע ווערטן — האָסטו באַלד די נחמה: נישטאָ קיין „לעצטער דור" אינעם יידנטום. היינט ווערט אַ געדאַנק אַזוי פאַרגעסן — און מאָרגן הילט ער זיך ווידער אַרויס פון לעבעדיקע נשמות. טאָמער ביסטו נאָר אַן אידעאַליס־טישער עגאָאיסט — מעגסטו טרויערן, וואָס די ווערטן פון דיין דור הייבן אָן צו ווערן אומפאַרשטענדלעך. וויבאַלד אָבער דו ביסט אויסן די טובה פון כּלל — ווערסטו דערביי אַרומגענומען מיט וווּנדערלעכער לייטזעליקייט: זע, ווי יידן קענען אויפהיטן ירושה־טענער! לא עליך המלאכה לגמור. נישט מיט דיר האָט זיך אָנגעהויבן אידעאַלע יידישקייט און במילא וועט זיך מיט דיר נישט צושליסן די לעצטע טיר. גיי איך לערנען ביים אַלטן ייד די תּורה פון אויס־דויער. פון אים טאַקע ווייס איך, אַז געגוג יידישע אוצרות האָבן געוואַקסט אי־בערן פאָלק איידער איך בין געקומען — און זיי וועלן אויך בלייבן אויף דער

וואַך נאָך מיין אַוועקגיין. קען איך עפּעס צוגעבן צו זיי — הרי טוב. טאָמער נישט — בלייבט נאָר מיין צער אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר. דאָס פאָלק וועט נישט בלייבן אויף הפקר...

— פיין! אָבער דיין קורצער וועג צום מחזור וועט דערפון לאַנג ווי דער גלות. די צרה מיט די יידן פון דיין מין איז אַן אָפּענע: איר ווילט דערגיין צום בית־המדרש, הגם איר ווילט אויסמיידן זיין וויכטיקסטן עיקר — דעם פולן גלויבן אינעם יידישן גאָט. פון פרצן ביז דיר גייט אָן דאָס געיעג נאָכן מחזורל — אָבער אויף די ווייטסטע א ו מ וו ע ג ן. איר דרייט זיך אַרום מיט אייער סכאָלאַסטישן קלאַפּערגעצייג און מאַכט זיך דערביי נישט־וויסנדיק, אַז פון אַלע תפילה־ספרים שרייט אַרויס אַ קול צו אַ לעבעדיקן גאָט. איר האָט פאַרלוירן אייער געטלעכע מטבע אין דער פינצטער, אָבער איר זוכט זי גאָר דאָרט וואו א י י ך איז ליכטיק. איר ווילט זיך „צונויפגיסן מיטן פאָלק" דורכן מחזור — אָבער דאָס מחזור־פאָלק וועט קיינמאָל נישט קומען אין בית־המדרש אַריין מיט אייערע חקירה־שיך. דער ייד פון גאָט און מחזור וויל אַפילו נישט וויסן פון אייערע גריבלערייען. איר פאַרגעסט בכיוון דערין און איר זוכט אים ווייטער נאָר דאָרט, וווּ איר קענט אויפהענגען אייער שכלדיקן לאָמפּ. זאָג איך דיר: אויב דער יידישער גאָט איז בכלל פאַראַן — איז ער דאָ תיכף ביים ערשטן הויך פון אַ גלויביקנס אָטעם. אָבער דאָרט ווו איך הער אייערע דרשות צעלייגט אויף טעלערלעך — ווייס איך באַלד: א י ן א ל ה י ם ב מ ק ו ם ה ז ה... דאָ וועט קיין גאָט נישט וואַקסן. אין בית־המדרש אַריין גייט מען דאַוונען צו אַ נאָנטן גאָט, וואָס הערט דיין מינדסטן קרעכץ — און נישט מעדיטירן אויף לאַנגע שטרעקעס. יום־כיפור לויפן יידן זיך אויס־בעטן אַ גוט יאָר, געזונט און פרנסה — און נישט צו שלינגען קיין פילאָזאָ־פישע פיגולקעס. זע, למשל, ווי פון אַלע שפינאָזע־טעאָריעס וועגן גאָט — האָט זיך קיין לעבעדיקע שפינאָזע־רעליגיע ביי המונים נישט געשאַפן. גאָט און גריבלעריי זענען נישט קיין פּאָר. ווער עס וויל מאַכן אָזעלכע לאַנגע שפּאַ־צירן ווי דו — קען פונקט אַזוי פאַרקריכן צו די קריסטלעכע קוואַלן אָדער צו די אינדישע וועדאַס. דערפאַר מוז איך דאָ געבן גערעכט דעם אַלט־יידישן כלל: במופלאָ ממך אל תדרוש. ווילסטו גלויבן — זיי אַ ייד אָן שום חכמות. טאָמער קענסטו נישט — הער אויף צו דרייען אַ קאָפּ... אמת: דיינע חקירות באַקומען אַ יידיש פרצוף, ווייל דיינע געבורטס־וואָרצלען זענען יידישע. אין תוך אָבער קען זיי אַרויסברענגען, אין אַנדערע וואַריאַציעס, אַ טערק און אַ הינדו. דורך זיי אַלע וועסטו מיינע פשוטע שאלות נישט פאַרענטפערן: גייסטו אין שיל אַריין צוליבן טלית? ווילסטו וויינען פאַרן כסא־הכבוד צוליב נאָך אַ שטיקל בשר־ודגים? זוכסטו טאַקע יענעם גאָט, וואָס מאַכט מיט דיר אַ טויש: דו

גיסט אים אַ הונגעריקן טאָג און ער באַצאָלט דיר דערפאַר מיט אַ גוט קוויטל? שטעלסטו זיך טאַקע פאַר דאָס העכסטע וועזן ביי די קרעמערישע וואָגשאָלן — ווו אויף איין זייט ליג איך אַ פאַרמשפּטער, ווייל איך האָב עפּעס גענומען אין מויל — און אויף דער צווייטער זייט ליגסטו ווי אַ יחסן, דערפאַר ווייל דו האָסט היינט אַ ווייסע צונג? טויזנטער „מאָדערנע" יידן ווי דו לויפן היינט אין שיל אַריין — אָבער קיינער פון אייך וואָגט נישט צו ריידן קיין קלאָרע דיבורים: וואָס זענט איר אויסן? ווען וועלט איר דאָ נאַרן? איך האָב אָנגעהויבן מיט פשוטע רייד — און זע נאַר, וואָס דו האָסט אַלץ אָנגעבראַיעט!

— ביסט נאַר גערעכט מיט איין זאַך: מ י ר זוכן דעם לאַנגן וועג, ווייל דעם קורצן האָבן מיר פאַרלוירן. אָבער איין בקשה האָב איך צו דיר: לאָז אַרויס דעם גאָט־מאָטיוו פונעם וויכוח. ער איז שוין צו־אַלט און אויסגעשעפּט. נאָך טויזנטער יאָרן אפּיקורסות — זענען ווידער געבליבן הונדערטער מיליאָנען גלייביקע; און פאַרקערט ווידער: נאָך הונדערטער־טויזנטער רעליגיעז־פילאָזאָפישע ווערק זענען נאָך אַלץ פאַראַן צענדליקער מיליאָנען אומגלייביקע. דער בעסטער סימן, אַז דאָ קען קיינער קיינעם נישט איבערצייגן. יעדער איינער הייבט אָן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון אייגענעם אָנהייב — און דעם וויכוח קען מען אפשר מיט קיין ווערטער בכלל נישט פירן. יעדער האַרץ מאַכט זיך דערביי אַן אַנדער חשבון, זינט איובן ביז אַצינד. מיטן נאַקעטן געדאַנק אַליין וועלן מיר ביידע דעם גאָט־באַגריף נישט באַנעמען. איין חסידישער רבי האָט שוין פּאַקטיש אָפּגעשלאָסן אַלע וויכוחים פון דעם מין: „אַ שיינער גאָט וואָלט עס געווען — ווען דער מענטשלעכער מוח זאָל אים קענען באַגרייפן". דער גלויבן אין גאָט באַזירט זיך דערויף, וואָס ער איז ה ע כ ע ר פאַרן מענטש. קען ער נישט בלייבן „גאָט" אויך נאָכדעם ווי דער מענטש האָט אים אַריינגעקוועטשט אין זיין פאַרשטאַנד אַריין. ווען וועסטו שוין במילא גישט קענען פאַרשטיין, וואָס ער „וויל" יאָ אָדער נישט; וואָס ער „מעג" יאָ אָדער נישט טאָן, ווי דאָס „העכסטע וועזן" איבער אונדז. דערפאַר זאָג איך זיך אָפּ פון דער טעאָלאָגישער זייט אין אונדזער שמועס. איך האָב נאַר געזוכט די יידיש־מענטשלעכע זייט און נאָר צו איר וויל איך זיך באַגרענעצן. אויף דעם געביט זענען שוין מיינע אומוועגן אויפן אָרט.

— הכלל: בלית ברירה בין איך מסכים. הגם איך מוז דיך וואָרענען: די שענסטע פאַרבן און קונסטן גייען פאַרלוירן, אויב דאָס לייוונט גופא איז צעקראַכן — און אַלע ימים־נוראים־טענער אָן דעם געטלעכן לייוונט זענען שיין־געמאָלענע בילדער אין דער לופט... איצט קענסטו גיין ווייטער!

ב.

די וועלט נאָך היטלערן איז ווייטער געבליבן שטעקן אין דער פינצטער. אָבער מער פון אַלע האָט זיך געפילט פאַרלוירן דער דור פונעם עלטערן דע־באַטאַנט. אין זיין מחנה איז די וועלט געוואָרן מער רעטעניש ווי ביי אַנדערע. יעדער פון זיין קרייז איז אַנטלאָפן פונעם היימיש־יידישן שטייגער, ווייל אַ ווייט פינטעלע האָט אים גערופן צום זיכערן ציל. אָבער וווהין איינער איז נאָר דערגאַנגען — האָט אים דאָרט אָפּגעוואַרט דאָס לייטיקע געלעכטער. האָט אויפגעוואַכט דאָס „פינטעלע ייד״ ווי דאָס לעצטע רעטונגס־ברעט. אָבער וויאַזוי ראַטעוועט מען זיך? פון דער יידישער עדה האָבן זיי נישט געקענט אַוועק — אָבער אויך נישט געוווסט, וויאַזוי מען קען לעבן אין איר. דאָס זענען געווען מענטשן פון ניכטערנעם געדאַנק — און בלויזע געפילן האָבן זיי ווייניק געטרייסט. אָן יידישקייט איז זייער לעבן געוואָרן פוסט און אויסגע־ליידיקט — אָבער נאָך שווערער איז פאַר זיי געווען צו פּאַרוויגן זיך מיט ברעקלעך פון אַ ניגון און אַראָפּגעפאַלענע שיריים. ווער עס האָט געקענט פועלן ביי זיך — האָט זיך בגוואַלט געשאַפן אַ גלויבן און אים אַרויפגעצויגן אויף דער אַלטער הויט. זיי האָבן דערויף געהאַט אַ פשוטן תירוץ: אַ מענטש מוז נישט זיין שכלדיק „איבערצייגט״, אַז מען דאַרף עסן. ביים חקרענען זיך לאַנגע וואָכן, אויב ער זאָל נעמען דעם אָדער יענעם ביסן — וועט די נשמה דערווייל אויסגיין פון הונגער. אָן אַ טיפערן גלויבן, קען דאָס היינטיקע יידישקייט זיך גאָר שנעל אויסלעשן — איז במילא נאַריש צו פאָרשן זיך אַליין: ווי ווייט בין איך איבערצייגט?

דער עלטערער שרייבער האָט אָבער געהערט צו די לעצטע עקשנים, וואָס האָבן פאַר זיך געזען דאָס העכסטע געבאָט: נישט נאַרן זיך אַליין. דערפאַר איז ער געווען אומגליקלעכער פאַר אַנדערע פון זיינע אַמאָליקע חברים. אין יענעם פרימאָרגן האָט ער באַטראַכט די פרישע צייטונגען אויף יידיש — וואָס האָבן געשמעקט מיט ברוך־השם און זיסלעכער פרומקייט. אַ טייל פון זיינע פריערדיקע „גענאָסן״ האָבן דאָרט אָנגעגאָסן פאַרן לייענער פולע בע־כערס מיט הייליקער יידישקייט. איצט זענען זיי געזעסן אַנטקעגנאיבער מיט זאַטער אויסגעליידיקטקייט און געטרונקען מיט זעלטענער הנאה. קיינער וועט זיי איצט נישט דערמאָנען, וואָס זיי האָבן „נעכטן״ געשריבן. אָבער וואָס איז באמת פאָרגעקומען אין זייערע הערצער, ביז צום קענען שרייבן דאָס פאַר־קערטע? זיי זעען חלילה נישט אויס ווי צעפּייניקטע בעלי־תשובה פון די אַל־טע לעגענדעס. אַ סברא, אַז סיי אין זייער שטוב און סיי אין זייער הארץ האָבן זיי קיין פאַדעם נישט איבערגעשטעלט. אים דוכט זיך, אַז איצט שרייבן זיי די פרומקייט מיט דער זעלבער, גראָבער זיכערקייט ווי זייערע

אַמאָליקע כפירה־רייד. איבערגעבראָכענע נשמות קענען גאָרנישט זיצן אַזוי צופרידן און קייען דעם קעז־קוכן מיט אַזאַ אַפּעטיט. אַ קראַך אינעם אייגע־נעם האַרץ איז ביי אים אַלעמאָל געווען פאַרבונדן מיטן איוב־געשטאַלט, וואָס זיצט אויף די אייגענע חורבות און קראַצט מיטן לעצטן שערבעלע די אָפענע וווּנדן.

ער האָט נאָך נישט שלום געמאַכט מיטן פאַרנעפּלטן גאָט פון דער יידישער פּובליציסטיק. אין זיינע קינדערישע יאָרן האָט ער אָנגעהויבן מיט פיזישער פּראַצע. ווען נישט זיין וועלטלעך־אַטעאיסטישע פּאַרטיי, וואָלט ער זי־כער פאַרבליבן אַ ביטערער שיכור און גראָביאַן. אָבער זי האָט גענומען טויזנ־טער אַזעלכע ווי ער — און זיי געלערנט איבערלייענען די ערשטע שורה, פון איר הנאה האָבן. זי האָט אים אַנטפּלעקט דעם וועג צו שיינקייט, צו איי־דעלע געפילן, צום העכערן חלום, צום דרך־ארץ פאַרן לעבן. ווי קען מען דאָס פאַרגעסן? ווי קען מען זאָגן, אַז זי איז „באַנקראָט״? אומקערן זיך צום בית המדרש מיינט פאַר אים דאָס זעלבע ווי מאַכן אַ שטריך איבער אַלץ, וואָס זיין באַוועגונג האָט אַמאָל דערגרייכט. ווייסט ער טאַקע נישט: וויאַזוי האָבן טייל פון זיינע חברים עס געמאַכט אַזוי לייכט, אָן איין הויכן געשריי פון גרויסע יסורים?

ווען עס רוקן זיך אָן די פּורכטיקע טעג — ווערט אויך ער אומרואיק. דאָס איז טאַקע אַ פרומער אומרו — אָבער פון אַן אַנדערן נוסח: דאָס מידע האַרץ בענקט, אָבער קיינער אין יידישן אַמעריקע וויל שוין אַזאַ בענקשאַפט נישט פאַרשטיין. ס'איז נישט קיין ציעניש צו דער שיל, צום טלית אָדער אַנדערע רעקוויזיטן פון דער יידיש־רעליגיעזער סצענע. ער דערמאָנט זיך גאָר אין אַנדערע ימים־נוראים, מיט זייער פייערלעכער איבערלעבונג. דאָס זענען געווען אמתע קאַמפּס־יאָרן. שוין אין דער נאַכט פון „כל נדרי״ איז ער אַוועק פּראַווען אַ שטורמישע סעודה, פול מיט להכעיסדיקן עקסטאַז. זאָל מען פון אים לאַכן — אָבער ער האַלט זיך ביי זיינעם: ס'איז געווען אַ הייליקע סעודה, אַ טיף־יידישע.

ווער האָט דען געטראַכט פון עסן? אַפילו בלעך וואָלט געווען אַן אַפּעטיטנע מאַכל... און פון דער צווייטער זייט — איז עס נאָר אַ משל: איר האָט דעמאָלט געדאַרפט זען די יידישע געסלעך פון דער ניו־יאָרקער איסט־סייד! ממש ווי אין דער אַלטער היים. פונעם בלויזן קיטלען־שאַרך איז פאַרגאַנגען דער אַפּעטיט אַפילו צו קאַפּ־הענער. נאָר די תאווה איז געווען אַ העכערע, גאָרנישט פון דער וועלט. בכל אופן האָט ער אַזוי געפילט. יעדער ביסן האָט געדאַרפט דערשטיקן די אינערלעכע, קינדישע מורא. פונקט ווי די מלא־כים ביי אברהם אבינו האָט מען זיך געמאַכט עסנדיק. שטעלט זיך פאַר

די אינערלעכע גבורה: אַנטקעגנאיבער שטייט דאָס צעוויגטע שילעכל און אַן עדה יידן איז דאָרט געהילט אין ווייסן פּחד. די צעפּייערטע ליכט אין די טרויעריקע שויבן וואָרענען, צאַפּלען, בעטן זיך און דראָען: ניטע! ברעך נישט קיין געטער, ווייל זיי צערענען... דו אַליין ביסט דאָך אויך נישט גע־וואָקסן אויפן מיסט... אָבער — דו עסט!!! דו בייסט זיך איין מיט אי־בערמענטשלעכער עקשנות אין די טויזנטער יאָרן, אינעם פאַנאַטישן קרעכץ פון אייגענעם האַרץ, אינעם געוויין פון אַזויפיל זיידעס אין דיין בלוט — און דו ביסט זיי גובר. „עסן" — זאָגט איר, ווען ביי יעדער כזית האָט מען געפילט דעם טעם פון טריאומפירנדיקע שלאַכטן, פון אַ מין התפשטות הגשמיות!

און וואָס האָט זיך געטאָן יום־כיפור בייטאָג? צו דער נעילה־שקיעה? ער וואָלט עס באַצייכנט ווי אַ מין נייעם, עכט־יידישן צערעמאָניאַל פון להכעיס. ס'איז אפשר געווען די זעלבע תשובה־פיין נאָר אויף אַ פאַרקערטן שטייגער. פאַסטן וואָלט אַ סך לייכטער געווען. און דאָס אַריינלאָכן די אויסגע־בלייכטע יידן אין פּנים אַריין איז דען גרינג אָנגעקומען? ניין, ער האָט נישט געהערט צו דער ווילדער וואַקכאַנאַליע, וואָס מען שילדערט אין היינטיקע זכרונות. ער האָט שוין גענוג געהאַט מיטגעמאַכט אין לעבן; ער האָט שוין דאַן געהאַט געלייענט און געוווסט וואָס עס מיינט אײדלקייט, טאָלעראַנץ און דרך־ארץ פאַר ריין־מענטשלעכן גלויבן. אָבער אויך ער האָט געדינט זיין גאָט אין גרענעצלאָזן עקסטאַז. ס'איז געווען אַן עבודה, בעת וועלכער מען מוז פאַלן כורעים אין שיכורער פאַרגלויבטקייט... טוט טאַקע גאָרנישט ווי, ווען מען פאַרגעסט עס?

זיין ייִנגערער חבר וויל אים מיטפּילן — און קען נישט. אויך ער פּי־בערט אין אַזעלכע טעג מיט טרוקענעם אומרו. אויך ער האָט זיך פּיינט צו נאַרן. אָבער ער געהערט צו אַן אַנדער דור. די קעמפערישע להכעיסן טראָגט ער נישט אין זכרון. גאָט איז ביי אים קיינמאָל נישט געווען קיין פּעטער־קאַפּיטאַליסט, קעגן וועלכן מען דאַרף אָרגאַניזירן אַ שטרייק. דווקא זיין אומ־גלייביקער חבר האָט אַמאָל „געקענט" גאָט און געהאַט וועגן אים אַ קלאָרע פאָרשטעלונג: אַ שונא, וואָס שטייט פון יענער זייט באַריקאַדע. אָבער ער, דער ייִנגערער, איז גאָר ברוגז געוואָרן מ'יט זיין גאָט דערפאַר וואָס ער האָט זיין אַדרעס נישט געוווסט. ס'איז געווען אַ שטיל־אינטימער רוגז, אַן כעס און אַן דער תאווה איינצורייסן די הימלישע פאַרמעטן. ער האָט אים מער אַרומגעזוכט ווי אָפּגעוואָרפן; גיכער אים געוואָלט באַנעמען, איידער מיינען אַז ער קען אים שוין און דאָך „געפעלט" ער אים נישט. ער האָט נאָך געבענקט צו דער יום־כיפורדיקער אימהדיקייט פון די וואַרשעווער

נאַלעווקעס, צום תמימותדיקן שאָרך פון שטעטלדיקן תשליך־טייך און צום יום־הדיניקן פלאַטער איבער אַלעמענס קעפּ... עס איז גוט וואָס מענטשן האָבן כאָטש מורא פאַר גאָט — אָבער דער שכל האָט אָפּגעקילט אַלע ציטער־דיקע יאָמערן.

מיטן עלטערן טרעפט ער זיך אָפּט. ביידע ווייסן שוין, אַז נאָך אַלעמען שטאַמט זייער בענקשאַפט פונעם זעלבן קוואַל: פון אַ וועלט וואָס איז איינ־געזונקען געוואָרן אין זיך אַליין. האָט טאַקע דער עלטערער אַמאָל פאַרגעג־לייגט אין האַלבן שפּאַס: ווייסטו גאַר וואָס? לאָמיר זיך מאַכן אַן אייגענעם בית־המדרש. איך וועל יום־כיפּור קומען אַהין מיט אַ קוילעטש — און דו מיט אַ מחזור. וואָס איז דער חילוק? ביי ביידע וועט עס זיין עכט און יום־טובדיק. צווישן זיך וועט אפשר לייכטער זיין אָפּצופרישן די פּאַרטייעטע נאָגעניש. ווערסט זען, אַז עס וועלן זיך אָפּזוכן נאָך בעלנים — פון ביידע צדדים — וואָס וועלן מיטהאַלטן... נאָר ביידע האָבן געוווסט, אַז עס וועט בלייבן ביי די בלויזע רייד. מוז דער עלטערער כאָטש באַנייען דעם וויכוח מיט ווייטיקלעכער הנאה:

— נו, די צייט האָט דיך שוין קלוגער געמאַכט?

— מסתמא נישט קלוגער פאַר דיין גאַנצן דור.

אָבער דער עלטערער האָט פיינט די לאָקאָנישע פראַזע. זיין דור האָט זיך אויסגעלעבט מיטן לאַנגן וואָרט, מיטן איינגראָבן זיך אינעם ראַציאָנעלן פּינטעלע ביז מידקייט. אין זיין וועלט איז קיינמאָל נישט געווען קיין אָרט פאַרן „ילך איש בשם אלהיו", פון לאָזן גיין יעדן איינעם מיט זיין וועג. נישטאָ אַזוינס! דער אמת איז איינער: אָדער יענער איבערצייגט דיך — אָדער דו קלערסט אויף יענעם. מען קען זיך נישט אָפּשטעלן אין מיטן. וויפל ער האָט זיך שוין געפּרווווט ענדערן — העלפט עס נישט. ווי נאָר ער זעט איינעם, וואָס לעבט אַנדערש, טראַכט אַנדערש ווי ער — מוז ער זיך צעקאָכן ווי אין יענע גוטע צייטן.

ג.

אויך איצט מוז ער נעמען די איראָנישע כלי־זיין אין דער האַנט אַריין:

— דו ווייסט? דיין אַמפּערן זיך דערמאָנט אינעם קליינעם משה רבינו: עס שטייען פאַר אים צוויי שיסלען — פון גאָלד און פון פייער. דער חשק און דער שכל זאָגן: ד אָ ס ג אָ ל ד! אָבער די סכנה און דער מלאך שרייען: ד אָ ס פ ײ ע ר! דיין איבערצייגונג ציט דיך צום גאָלד פון דער לאָגיק. אָבער דיך שפּאַרט דער מיסטישער געשיכטע־מלאך צו די פּאַפּירענע פייערן. די שווערד פון אונטערגאַנג־סכנה און די מורא צו שטיין אויף אייגענע פיס

זאָגן דיר אונטער: ניטע, נעם בעסער פאַר אַ שותף די לאַנג־אויסגעצויגענע אייביקייט, די בריענדיקע קוילן פון אַלע אויטאָ־דאַ־פעס און אינקוויזיציעס... בכדי צו קענען בלייבן כאָטש אַ שטיקל ייד — סטייען דיר נישט קיין אייגענע כוחות. דו מוזסט נעמען צוהילף אַלע יידישע טרערן און קידוש־השמס. דער חילוק צווישן אונדז ביידע איז אייגנטלעך אַ פשוטער: איך וויל מיין שטעטל אַליין באַשטיין — אַפילו כלפי מיין יידישקייט. כ׳וויל טריי זיין זיך אַליין, נישט צו עפעס אומבאַקאַנטע דורות וואָס מיין בליק האָט נישט אַדורכגעגומען. דו אָבער קענסט קיין ייד נישט זיין, אַפילו קיין מענטש נישט זיין, בלויז מיטן אייגענעם כוח. דו לעבסט אַ ז ו י — אָבער דיין יידישקייט ווילסטו שטאַרקן דורכן גלויבן פון די, וואָס לעבן אַ נ ד ע ר ש ווי דו; מיט דער עקשנות פון אַנדערע דורות — אַז נישט ביסטו אין אַ סכנה... פחדן! צבועק...

— האָסט ווידער אַ געטראָכטן פונקט: דאָ צעשיידן מיר זיך טאַקע. ביי אונדז, מאָדערנע יידן, איז דאָס „טריי זיין זיך אַליין" געוואָרן די העכסטע טוגנט. עפעס אַ קלייניקייט — אינטעלעקטועלע ערלעכקייט! אָבער ווו הייבט זיך אָן דער „זיך אַליין"? ביי מיר און מיין דור. איך קען דאָך נישט טריי זיין עמעצן, וואָס האָט געלעבט פ אַ ר מיר. אָבער מיר פאַרגעסן, אַז אַזאַ טריישאַפט מאַכט אונדז טיילמאָל פאַר בלינדע קנעכט. איך וועל עס דיר מסביר זיין מיט אַ משל: מיט יאָרן צוריק בין איך געוואָרן אַ כופר־בעיקר. דאָס איז מיר נישט אָנגעקומען לייכטער ווי דיין עסן יום־כיפור. פריער האָב איך געמוזט רייסן פון זיך שטיקער, ביז איך בין געוואָרן אומגלייביק, מהמת די ריינסטע כוונות. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דערמיט באַווייז איך אַ ביישפּיל פון העכערער פרייהייט: איך קען זיך באַפרייען פון דעם, וואָס האָט מיך געקאָסט אַ שטיק לעבן. האָב איך דערביי נישט אַרויסגעוויזן קיין אומטריישאַפט צו מיין פריערדיקן „זיך אַליין"? אָבער איך האָב מער נישט געקענט שפילן דעם גאָט־פאַרגלויבטן, ווי די רוטין האָט געפאָדערט. האָט זיך די טריישאַפט שוין סובלימירט אין מיין אייפער פאַרן פרישן אומגלייבן. האָסטו שוין אַ באַווייז, אַז דאָס אייביקע טריי זיין „זיך אַליין" איז נישט אַלעמאָל אידענטיפיצירט מיטן מענטשלעכן אמת. דאָס געפינען אַ נייעם וועג, נאָך אַזויפיל ערלעכן זוכן, איז גאָר אַ נייע דערהויבנקייט. אָבער דאָ ליגט ווידער אויסגעשפּרייט אַ געפערלעכע נעץ: ווען דער האָניק־חודש צווישן מיר און מיין נייעם אמת איז פאַרביי — איז מיין איבערצייגונג געוואָרן אַ טייל פון מיין נאַטור. לאַנגע יאָרן שפּעטער האָב איך אַפילו מער נישט געטראַכט פון מיין אַפּיקורסות. דאָס לעבן איז אַוועק אויפן אויסגעטראָטענעם שליאַך און איך האָב זיך פשוט מער נישט אומגעקוקט אויף צוריק. ביסלעכווייז איז מיין שווער־דערוואָרבענער געדאַנק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיק פון

מיין אייגענער הויט. מיין אומגלייבן האָט מיך טייער געקאָסט — און דער־פאַר איז ער שוין געוואָרן מיין „פּריוואַט־אייגנטום". וועל איך נישט לאָזן, אַז עמעצער זאָל אים מיר חרוב מאַכן. איך האָב פאַר אים צו־טייער באַצאָלט — וועל איך זיך שפּעטער נישט אַוועקשטעלן טראַכטן, אויב איך זאָל אים „באַנוצן" אָדער נישט. האָט שוין מיין עגאָאיזם געגומען שפּילן אַ גרעסערע ראָלע ווי מיין אידעאַליזם... מייַנסטו טאַקע, אַז דאָס געשעט נאָר מיט דער אמונה אין גאָט? די טראַגעדיע פון אַ סך פּאַרטיי־מענטשן באַשטייט טאַקע דערין, וואָס אַ מענטש איז בדרך־כלל נאָר איינמאָל מסוגל צו באַצאָלן אַ הויכן פּרייז פאַר זיין דערוואָרבענעם אידעאַל. צו אַ צווייטן אָדער דריטן — מוז ער שוין טיילמאָל צוגיין מיטן ציניש אָפּאָרטוניזם; און אַפילו ווען דער נייער אידעאַל דערוואָרעמט אים — קען ער אים שוין נישט קויפן מיט אַזויפיל מאַטערנישן ווי דעם ערשטן. אַזאַ נס קען מען נאָר באַווייזן אינעם יידישן מחזור — אָבער צו דעם וועלן מיר נאָך קומען. דער עיקר: ווייל עס קאָסט אונדז אַזוי טייער — ווילן מיר זיך טיילמאָל איינמויערן אין אונדזער ערשטן יוגנט־שטורעם; און מיר היטן זיך פאַר אויפטרייסלונגען, וואָס אַ נייע אַנטפּלעקונג קען אונדז ברענגען. טיילמאָל זוכן מיר דורך לאָיאַליטעט „צו זיך" די פוילע רו פונעם געדאַנק, איידער דעם אמתן תיקון. זיכער האָבן מיר באַצאָלט פאַרן ערשטן ברען מיט שווערע טעג און נעכט — אָבער דווקא דערפאַר פאַלן מיר שפּעטער אַריין אין עגאָאיסטישער צעפוילטקייט. אונדזער אידיי ווערט ביסלעכווייז מער גורל ווי לעבעדיקע איבערצייגונג. דו ווערסט זי פּאַרטיידיקן מיט עקשנות — אַפילו ווען דיין געדאַנק ליגט שוין אין אַ מוח־ווינקל און דרעמלט. די לאַנגע „טריישאַפט" נעמט ביי דיר ביסלעכווייז צו די בחירה און דו מאַכסט נאָך דערפון אַ העלדישקייט: דיך האָט די צייט פון אָרט נישט גערירט. דער אַמאָליקער פּרייז, וואָס דו האָסט באַצאָלט — האָט אויך דיך אַליין אָפּגעקויפט...

— שוין ווידער מיט דיינע זייטיקע מעדיטאַציעס! וואָס געהער עס זיך אָן מיט דיין גיין אין שיל אַריין?

— עס געהער זיך שוין דווקא יאָ אָן. ווייל אָפּגעזען פונעם רעליגיעזן מאָמענט, איז יום־כּיפּור און יידישע תשובה אַ רעוואָלט קעגן אַזאַ פּאַרגליווערט ווערן אין די אייגענע זאַפטן. דאָרט רופט מען דיך כסדר צום איבערטראַכטן דיינע מעשים, צו רעווידירן דיין נעכטן און דיין היינט: אפשר האָסטו פּאָרט געמאַכט אַ טעות? אייביקע טריישאַפט צו זיך אַליין און דיין נעכטן, איז נישט אַלעמאָל די ריכטיקע מאָס פון מענטשלעכער מאָראַל. טיילמאָל איז עס נאָר אַ צייכן פון טעמפּער פּאַרליבטקייט אין זיך אַליין; פון אַ פּאַראַליזירטער אומפעאיקייט צו מישן אין די אייגענע האַרץ־בלעטער. נישט אומזיסט איז

אַזאַ שוואַכקייט די גאָלדענע רוט אין דער האַנט פון דיקטאַטאָרן. בעיקר האָבן עס פאַרשטאַנען די באָלשעוויקעס: לכתחילה האָבן זיי צוגעצויגן זייערע אָנ־הענגער מיטן לעפעלע בונטאַרישן אמת. צו זייער מזל האָט דער טראָפּן אמת כמעט אַלעמען טייער געקאָסט. דערפאַר האָט ער אַזוי צוגעבונדן צו זיך. וואָס העכער דער פּרייז — אַלץ ווינציקער האָט זיך געגלוסט צו פאַר־לירן דעם געקויפטן אידעאַל: וויבאַלד די „רעוואָלוציע” האָט שוין יאָ גע־קאָסט אַזויפיל בלוט — טאָר מען זיך פון איר אַזוי לייכט נישט אָפּזאָגן. זאָל זי כאָטש שפּעטער עפּעס מתקן זיין! דערפאַר איז אַזוי לייכט געווען אָפּצו־נאַרן די גלייביקע: פאַר זייערע יסורים האָבן זיי געוואָלט איינהאַנדלען דאָס שענסטע און בעסטע... עס איז בכן אַ שקר צו זאָגן, אַז אַזויפיל קאָמוניסטישע נאָכלויפער זענען „גייסטיקע קרבנות פון דער דיקטאַטור”. ניין, גיכער זענען זיי קרבנות פון זייער אייגענעם און טיפערן עגאָאיזם. נישט דער גרויליקער דיקטאַטאָר צווינגט זיי צו ווערן זיינע קרבנות — נאָר אייגענע פוילקייט. דאָס רחמנות האָבן אויפן „דערגרייכטן”. די מאַכט־האָבער פון יעדער דיקטאַ־טור קענען די דאָזיקע פאַרליבטקייט און בויען אויף איר זייער געניאַל שפּיל: אויב דיין גלויבן איז געווייקט אין אַזויפיל אַמאָליקע יסורים — ווועסטו אַליין זיך שוין פאַרענטפערן אַלע פאַרברעכנס, אָדער נישט וועלן גלייבן אינעם שרעקלעכן. דער בעסטער אַגענט פאַרן טיראַן — איז דיין אייגן האַרץ... נישט אומזיסט איז די דאָזיקע „טריישאַפט צו זיך אַליין” דערגאַנגען ביים באָלשע־וויזם ביז צו דער שוידערלעכסטער פּערפעקציע.

— אָט דאָס האָב איך פון דיר געוואָלט הערן, ווייל דערמיט ביסטו זיך אַליין סותר. דער קאָמוניזם איז דערגאַנגען צו זיין מאָנסטער־געשטאַלט, ווייל ער האָט איבערגענומען און קאָפּירט דעם ר ע ל י ג י ע ז ן פאַנאַטיזם. אין אַ קליינעם פאָרמאַט — ווייל די כוחות זענען געווען מער־באַגרענעצט — האָט זיך דאָס זעלבע אָפּגעשפּילט אינעם יידיש־פאַרפרומטן לעבן, ווען דיין בית המדרש האָט געהאַט די אויבערהאַנט. לייג אַוועק די נאָסטאַלגישע ברילן, נאָר קוק אינעם אמתן שפּיגל פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, וועסטו דערזען דאָס זעלבע בילד — שוין נאָך אַלע ל ה ב ד י ל ס... זאָל איך דיר ציטירן למשלס?

— נישט נייטיק. איך געדענק זיי. ווען איך זאָל באמת וועלן אידעאַלי־זירן דעם גאַנצן „אַמאָל” — וואָלט איך מיט דיר נישט גערעדט. איך וואָלט זיך בעסער פאַרלאָזט באָרד און פּיאות — און אַוועק אין אַלטן פּאָליש אַריין. מיין אַנדערשקייט פאָדערט אָבער פון מיר צו נעמען פון דאָרט אַלץ וואָס עס שמעקט מיט הויכקייט. דער יידישער יום־כיפור רופט צו רעוויזיע אויך דעם פרומען ייד, נישט ווייניקער פון מיר. דער יידישער מקור רעדט צו גלייביקע

אין גאָט — און דאַך וואָרנט ער אויך זיי נישט צו גנבענען, נישט צו מאָרדן, נישט צו פאַרדאַרבן... אַ סימן, אַז יעדער איינער איז דאָ אויסגעשטעלט צו דער זעלבער דעגענעראַציע — אויב ער לאָזט זשאַווערן זיין גלויבן אין דער רוטין. אָט די דאָזיקע „אומפּאַרטייאישקייט" פון דער יידישער טראַדיציע פאַרכאַפּט מיך היינט מער ווי אַמאָל. האָסט ביי מיר שוין געפּועלט, אַז יענע פאַנאַטיש־פרומע תקיפים, וואָס זענען גרייט געווען נאָכצומאַלפּעווען אַלע גוישע אינקוויזיציעס — האָבן אויך נישט באַנומען זייער יידישקייט ווי געהעריק. עס שרעקן מיך ווייניק זייערע סויבעלנע שטריימלעך און לומדותן. אויך זיי זענען געפאַנגען געוואָרן פונעם בלוט־פרייז פאַר יידישקייט און די אומצייליקע קידוש השמס — און במילא אויך געבליבן שקלאַפן פונעם העכער־עגאָאיסטישן גליוועך. פון מיין יום־כיפור נעם איך קודם־כל אַרויס די ווונדערלעכע אידיי פון ענדערן אין אַ געוויסן טאָג מיין גאַנצן לעבנס־שטייגער; פון פּרווון איבער זיך אַליין, אויב איך קען ווערן אַנדערש וויבאַלד מיין נשמה פאַדערט עס. וויאַזוי זע איך טאַקע אויס און וויאַזוי טראַכט איך, ווען איך בין אין אַ צווייטער הויט? אַן אָפּגעשלאָסענער געדאַנק איז ווי אַ פאַרזיגלטע תפיסה. דו פאַלסט אַריין אין אַ טויטער מאָנאָטאָנקייט. דערפאַר ווער איך אַזוי נתפעל פונעם אָוועקשטעלן זיך פאַרן פסיכישן שפּיגל און נאָכקוקן אַלע מיינע מעשים — ווי אַ פרעמדער... איך פיל דערביי, אַז דאָס לעבן ווערט געפירט מיט אַ חשבון. נישטאָ די בלינדע קנעכטשאַפט אַפילו צו דיין אייגענעם אידעאַל — אויב עפּעס שטימט נישט. אַז דו ווילסט — וועל איך דיר אָנווייזן די שפּורן פונעם דאָזיקן געדאַנק אַפילו אינעם „פּרימיטיוון" מחזור — — —

ד.

דער עלטערער האָט זיך מיטאַמאָל שווער צעלאַכט. די יידישע תפילות האָט ער נאָך געדענקט פון די קינדער־יאָרן. דערפאַר האָט נאָך געלעבט אין אים דער אַנגסטיקער שוויס, וואָס איז ימים־נוראים־צייט באַפאַלן זיין שטעטל. די יידן פון זיין זכרון — געזען דורך קינדישער אימה — האָבן געציטערט פאַרן נאָקעטן און אומבאַקאַנטן גורל. דער יום־הדין האָט זיך פאַר זיי געוויגט אין די שטרענגע מלאכים־הענט; און די פייערדיקע וואָגשאָל האָט געוויגן לעבנס ווי פונטן פלייש אויף די שיסלען. ווייסע הימל־פליגל האָבן געמישט די גרויסע חשבון־ביכער, ווו יעדנס האַנט שרייבט אַליין אַריין וויפל זי האָט געמאַכט חובות און וויפל זי האָט אָפּגעצאָלט... ער האָט געזען פאַר זיך אַ ריזיקע וועלט־קראָם, ווו מיליאָנען און מיליאַרדן מוזן קומען איינקויפן. דאָרט האָבן זיך געדרייט גרויסע און קליינע מלאכים, שוואַרצע און העלע,

יעדער מיט אַ געגזעגנער פעדער הינטערן ליכטיקן אויער — און אַלע האָבן זיך געאײַלט, געלאָפן צו דער העכסטער שטול. ערשט פון דאָרט האָבן זיך גע־שטרעקט אַן אַ שיעור הענט צום קלײנעם מענטש און אים געבדקנט די גע־דערים... האָט ער זיך געמוזט בײַזערן:

— דו ווײסט? דײַן יום־כּיפּור האָט מיך אַמאָל פאַרטריבן פון אַלע ייִדי־שע חלומות. אויב איך האָב געהאַט אַ ייִדישן גאָט אין האַרץ — האָט אים דײַן „תּשובֿה־טאָן" דעגראַדירט. מיר איז שווער געווען צו לעבן מיט אַ גאָט, וואָס קוקט אַרײַן אינעם שליסל־לאָך. מוזן טאַקע אַזויפיל מלאָכים זײַן אָנגע־שטעלט, בכדי מ י ך צו שפּיאָנירן? כ'האָב נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז גאָט א י ז גרויס און דאָך פירט ער אַ חשבון מיט יעדן פּיצל נאַרישקייט, וואָס אַ חדר־ייִנגל קען אָפּטאָן. ער צאָרנט, ווען איך פאַרפעל צו דערמאָנען זײַן שבת; און ער איז פול מיט לײַטזעליקייט, ווען איך זאָג פאַר אים דרײַ מאָל אין טאָג ווי גרויס און שטאַרק ער איז. דאָס איז נישט געבליבן קײן אײַנדרוק בלויז פון די קינדער־יאָרן. כ'וויל זיך מודה זײַן: אויך דער עלטער איז מיך טײלמאָל באַפאַלן אַן אומרו. כ'האָב געזוכט אַן אָנלען און במילא פאַרגעסן אַלע חשבונות. אָבער ווען גײט אַ ראַדיקאַל אין שיל אַרײַן? ימים־נוראים. האָב איך זיך געוואָלט אײַנטוליען אינעם וואַרעמען טלית, נאָכזאָגן די הײמישע ווערטער און אַרומגענומען ווערן פון יענעם היכן פאַ־טאָס, וואָס אַפילו אונדזערע אידעאַליסטישע באַוועגונגען האָבן לגמרי פאַר־לוירן אינעם זאַטן אַמעריקע. אָבער כ'האָב געמוזט אַנטלויפן. צוליב אַפּיקור־סות? נײן. עס איז מיר נאָר אויסגעקומען קאָמיש: אָט קום איך זיך טובלען אין פאָלקסטימלעכער דערהויבנקייט. איך וויל אײַנזויגן אין זיך די הייליקסטע פײַערלעכקייט. אָבער גראָד זע איך נישט ווײַט פון מיר אַן אײַנגעטרוקנטן זקן, וואָס איז שוין כמעט פאַרחלשט פון פאַסטן. ער דערקוויקט בלויז די חושים מיט אַ שמעק טראָפּנס — די אײנציקע קאָנצעסיע, וואָס דער כּסא־הכּבֿוד מיט אַלע שׂרפֿים און גלגלים קענען אים געבן. טאָמער וויל ער זיך דערקוויקן דאָס האַרץ מיט אַ קיכל — וועלן אַלע הימלען ציטערן און אַלע כּמאַרעס וועלן זיך צעגיסן איבער זײַן קאָפּ: ח י י ב מ י ת ה ! מיטאַמאָל איז בײַ מיר אַלץ צעשוווּמען. איך האָב דאָרט מער נישט געקענט אָנשפּאַרן מײַן צעפּיבערטן קאָפּ; מער נישט געקענט „ווײַנען געשמאַקער פון האַרצן", ווי עס זינגט דײַן ביאַליק. אַלץ איז זיך מיטאַמאָל צעפלויגן, צעפאַלן... אָבער אַ צווײט מאָל בין איך ווידער געקומען. אויסוויינען מײַן שטיקל לעבן? חלילה. איך בין דאָ געווען אַ יחיד ברשות הרבים: אַלע האָבן טאַקע פאַרהאַנדלט מיט די הימלען וועגן שענקען זײ נאָך אַביסל גוטע יאָרן — אָבער איך האָב מ ײ ן לעבנס־וואָגשאָל נישט געזען. כ'האָב זיך נאָר אײַנגעקוועטשט אין דער עדה,

ווייל זי האָט פּורכטיק געבויגן דעם קאָפּ אונטער אַלע פּראַגע־צייכנס פון דער וועלט. דער גאַנצער וואַלד טליתים האָט זיך געטרייסלט ווי אין ווייסן פראָסט. שאָטנס פון דער גרויסער משפט־שטול האָבן זיך צעוויגט איבער דער גאַנצער וועלט — און בלויז דערפאַר האָבן מיך די קיטלען דערמאָנט אין די שרעקעוודיקע מלאכים פונעם „ונתנה תוקף". האָב איך צוזאַמען מיט אַלעמען געפּרווט מיטזאָגן די גרויסע תפילה וועגן פאַסטוך, וואָס באַקוקט זיין סטאַדע און פירט אַדורך זיינע שעפּסן אונטער דער רוט. סייווי בין איך אַהער געקומען ווי אַן עלנטער שעפּס, וואָס וויל פילן איבער זיך די פאַסטוך־שוץ — אַפילו ווען עס שמייסט דערביי אַ רוט. ווי אַ קראַנקער בין איך זיך געקומען אויסבאַהאַלטן פאַרן אייביקן „בי במים ומי באש" איבער דער וועלט — און עס האָט מיך בשעת־מעשה קוים געאַרט מיין אייגענע מאַכטלאָזיקייט. נאָר מיטאַמאָל האָט פאַר מיך אויפגעטויכט דער גרויסער אומזין. עס וואָלט מיר שוין בעסער געווען אָן דעם גרויסן פאַסטוך. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אויך מיט הונדערטער יאָרן צוריק זענען געשטאַנען פונקט אַזעלכע עדהס און תפילה־געטאָן. אָבער אין די הימלען האָבן דערנאָך ווידער געזיגלט די גרויסע חתימות: ט ו י ט ! אומקום! נאָך יענע תפילות זענען געקומען קרייץ־צוגן, שפּאַניע, כמיעלניצקי, פעטלורע... נאָך אַלע יום־כיפורס פון מדינת פוילן איז געקומען מיידאַנעק, אוישוויץ. אויך איצט, אין דער זעלבער רגע, בליצן די שוואַרצע סטעמפּלען מיט אימה און שווערד; מיט פייער און וואַסער, טויט און מגיפות — וואָס וועלן ווידער אַריבערשווענקען אַלע געלייטערטע תפילות. אין דער מינוט איז מיר גאָר גוט געווען צו טרייסטן זיך, אַז דאָס אַלץ איז בלויזע פאַנטאַזיע: אַז קיין גאָט מיט מלאכים פאַרנעמען זיך לגמרי נישט מיט דער גרויסער טויט־זריעה איבער דער וועלט. אַנדערש וואָלט עס געווען אַ שענדונג פון גאָטס נאָמען. וואָס טויג דער אומענדלעכקייט דאָס אייביקע שווערדן־שפּיל מיטן קליינעם מענטש? וואָס איז דער זין פון דער אייביקער בלוט־פאַרהווילנקייט? דאָס האָט אויפגעריסן דער מאַסן־צויבער אַרום מיר ווי אַ געפּלאַצטן פּאַנצער. איך האָב זיך נאָכאַמאָל אַרומגעקוקט אויף די יידן פון גאָטס איינגעהילטער סטאַדע און באַמערקט נאָך עפּעס: זיי זענען נישט אויפגערודערט פון זיין אַלמעכטיקער אומבאַגרייפלעכקייט. זיי וויינען בלויז פאַר מורא, אַז זייער אָרעם פּיצל חיות זאָל פון זיי נישט אַוועקגענומען ווערן. באַפרייען זיי נאָר פון דער שרעק פאַר אַ מגיפה, פאַרזיכער זיי נאָר דעם ביסן — און גאָט מעג זיך קיניגן אויף זיינע מיליאָסן וועלטן. זיי וועט עס מער נישט אָנגיין. דאָ האָב איך געהערט מתפלל זיין דאָס פרישע ברויט, דאָס נייע מעבל, די טאָפּעטן פון „וואַנט צו וואַנט" און די ציטערדיקע אַקציעס אויפן וואָל־סטריט. די עטרה־טליתים האָבן געוואָלט רוישן מיט ג ש מ י ו ת — און

זי האָט אויך אויפגעיאָמערט פון דער ווייבער־גאַלעריע, פון די חזנישע טרילן, גאָט־בענקשאַפט? מיר האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז סיי אונדזער גרויסע ספרים־ריי און סיי די גאַנצע אמונה־וויסנשאַפט איז אומזיסט. אַ ה ע ר וועלן זיי נישט דערגרייכן. מען דאַרף זיי דאָ בכלל נישט האָבן, ווייל דער פרימיטיוו וועט אַלעמאָל האָבן אין דיין בית־המדרש די אויבערהאַנט...

— מיר האָבן אָפּגעמאַכט: טעאָלאָגיע אין אַ זייט! אָבער דו ביסט ווידער אַוועק צו גאָט. האָב איך נישט קיין עצה און מוז דיר ענטפערן: דו באַנעמסט נישט ווי געהעריק דעם יידיש־רעליגיעזן קוק. דיר דוכט זיך, אַז דער הימל געהערט צו גאָט (אויב ביידע זענען טאַקע „פאַראַן") בעת אויף דער ערד — ביסטו דער בעל־הבית און „ער" איז דיין גאַסט. דערפאַר זעט ביי דיר אויס, אַז דאָס העכסטע וועזן קוקט אַריין אין ד יי ן „שליסל־לאָך". דער געלייטערט־יידישער קוק איז אָבער אַ פאַרקערטער: אויסער גאָט איז גאָרנישט פאַראַן. די וועלט אַליין, די ערד גופא ליגט באַהאַלטן אונטער די פליגל פון דער שכינה. דאָס האָט גאָט נאָר געמאַכט אָרט פאַר דיר א י ן ז י ך. דו לעבסט אין אים — און במילא דאַרף ער דיר נישט „נאָכקוקן". עס קען גאָרנישט געמאָלט זיין, אַז ער זאָל דיך נישט זען הינטער אַלע שלעסער. נישט ער קומט צו דיר — נאָר דו בויערסט לעכער אין דער וועלטס געטלעכקייט.ביים באַקענען זיך נענטער מיטן אמתן מיין פון יידישקייט — אויך אַ סך פרומע יידן פאַרמאָגן נישט די דאָזיקע קענטשאַפט — וואָלסטו געוווסט: דאָס איז נישט קיין שטייער־אַמט, ווו דו באַצאָלסט דיינס און מען לאָזט דיך צורו. יידישקייט מיינט — אַ האַרמאָנישער פּלאַן פאַר דער וועלט, וואָס דו העלפסט אַדורכפירן מיט דיינע מעשים. לויט יידישקייט — האָט גאָט איבערגעלאָזט אין דיר אַ טייל פון זיך: זיין נשמה וואָס וואַכט איבער דיר און פרעגט דיך אויף אַ חשבון. נאָך איידער דו דערגייסט צו די הימלען, שטייט שוין דער דאָזיקער געטלעכער חלק אין דיר און פאָדערט אחריות. דורך אים קענסטו גופא אַוועקשטעלן די וועלט, גוט אָדער שלעכט. ביסטו פריער מתפלל צום גאָט אין דיר, איידער דיין תפילה גייט אַרויף צום גאָט פון די הימלען. אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדער מאָטיוו, מיט וועלכן מיר וועלן זיך פאַרנעמען ביים באַטראַכטן די יידישע ווערטן בכלל. נאָר דו האָסט נאַרוואָס דערמאָנט דעם יידישן „פרימיטיוו". ווילֹ איך דיר זאָגן: דאָס גרעסטע קונסט־ווערק קען אויך נישט אַרויסקומען צו דער שיין, אָן די פּרימיטיווסטע כלים. ווען דער מאָלער נעמט זיין פּינזל מיט אַביסל כאַאָטיש־צעמישטע פאַרבן — מעגסטו אויך פּראָטעסטירן: אָט פון ד ע ם דאַרף עס אַרויסקומען דער גרעסטער צויבער? די קינסטלערישע האַרמאָניע? און ווען דער גרויסער אַרכיטעקט נעמט די בלייפעדער אין דער האַנט צו צייכענען זיין פּלאַן — קענסטו אויך שטוינען: אָט מיט

דעם פרימיטיוון עלעמענט גייט ער עס אויפשטעלן דעם שענסטן בנין? קען ער זיך דען אָן אַזאַ רויער מאַטעריע־כלי נישט באַגיין? אָבער אין דעם פאַל וייסטו אַליין: אָן די דאָזיקע גאַקעטע עלעמענטן וועט דער אינערלעכער גייסט באַין אופן נישט קומען צום אויסדרוק. ער וועט בלייבן הענגען אין פאַנטאַסטישן חלל. נישט אַנדערש איז עס מיט דער קינסטלערישער וויזיע פון יידישקייט: אַט די אַלע פרימיטיוו־עלעמענטן זענען די כלים וואָס דאַרפן באַשאַפן דאָס גרויסע בילד... און עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע ווי ביים אַרכיטעקט, מאָלער און שרייבער: דער „פרימיטיוו" איז פאַר אַלעמען דער זעלבער. אָבער יעדער איינער קען פון אים אַרויסציען וויפל זיין כוח קען פאַרטראָגן. און נאָך עפּעס: כל־זמן דו האָסט נישט פאַרטריבן פון דער וועלט דעם רויען אינסטינקט — איז די פרימיטיווע גאָט־מורא אַ וויכטיקע כלי צו דערהאַלטן דעם מענטש לכל־הפחות אויף איין מדרגה פון דער מענטשלעכער „קינסטלערישקייט". קאָנקרעטער: לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די ברירה ליגט אין אונדזערע הענט. מיר קענען באַשטימען, אויב עס זאָל יאָ זיין אָדער נישט זיין קיין „יענע וועלט" וואָס פאָדערט אַ פולן חשבון. דאַן זאָלן מיר קענען צוגיין צו אַ מיטליאָריקן מענטש און ביי אים פרעגן: נאָך דעם אַלעם וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן אין דיין לעבן — ווילסטו עס זאָל „דאָרטן" זיין אַ המשך, מיט אַ דין־וחשבון פון דיר אָדער נישט? איך בין זיכער, אַז דער מענטש וואָס וואָלט געוואָלט, אַז דאָרט זאָל זיין אַ העכסטע שטול — איז ריינער און געוויסנהאַפטיקער פאַר דעם, וואָס וויל נישט עס זאָל דאָרט זיין פאַר וועמען אָפּצוגעבן דין־וחשבון. אַ מענטש וואָס „וויל", אַז דאָרט זאָל זיין אַ גאָט — האָט זיכער אין זיין לעבן געטאָן מער גוטס ווי שלעכטס; און איינער וואָס וויל נישט — האָט זיכער מורא, אַז זיין „וואָגשאָל" וועט אים קיין נחת נישט ברענגען. זיין געוויסן איז זיכער נישט אַזוי ריין ווי ביים „וועלער". זעסטו שוין, אַז אויך דער דאָזיקער אינסטינקטיווער פחד האָט זיין הויכע פונקציע אין אונדזער לעבן.

— דאָס זענען פיינע סברות... אָבער אַנטי־היסטאָרישע. שוין דער יידישער פאָלקלאָר האָט געמאַכט דעם זעלבן טעות, ביים אָנזאָגן: „זאָלסט נישט פאָרן מיט אַ גוי, וואָס צלמט זיך נישט ביים קרייץ פון די וועגן". די מעשה איז אָבער פאַרקערט: זינט וועלט איז וועלט, האָבן זיך געגאָסן טייכן בלוט — בפרט יידישס — אין נאָמען פונעם דאָזיקן גלייביקן פרימיטיוו. דערפאַר אָבער איז — ביז סאָוועט־רוסלאַנד — דווקא דער נישט־גלייביקער גוי געווען דער סימבאָל פונעם הומאַניטאַרן גייסט. איך קען דיר באַווייזן אַ סך ביישפילן, אַז דווקא צווישן די אומגלייביקע איז געווען מער געוויסן און פרייהייט־לעבן ווי ביי די טונקל־איינגעהילטע גלייביקע.

— האָסט פאַרגעסן מיינע פריערדיקע רייד וועגן פּינדזל, וואָס איז טאַקע בכוח צו מאָלן די פּרעכטיקסטע בילדער — אָבער ער איז באין אופן נישט קיין גאַראַנטיע, אַז ווער עס וועט אים נעמען אין דער האַנט... וועט טאַקע שאַפן די גרעסטע קונסט. מיר האַלטן נאָך אַלץ ביי דער ערשטער רונדע פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג — און עס האָט בכן קיין זין נישט פאַרצו־שרייבן אַ קראַנקן יענע רפואות, וואָס קענען אפשר גוט זיין פאַר אים אין זיין צושטאַנד פון ערב־געזונט־ווערן. דערווייל איז דער טיפערער גלויבן נאָך אַלץ דאָס שאַרפסטע מיטל צו צוימען מענטשלעכע רשעות. נאָך די צוויי אַטעאיסטישע רשעות־בלאָקן, די נאַציסטישע און סטאַליניסטישע, האָבן יענע אויסנאַמען דיינע פאַרלוירן זייער מוסטערהאַפטיקייט. ווען דו וועסט מיר אַוועקשטעלן פאַרן אויג אַ יושרדיקע מאַכט־וועלט, וואָס איז שוין באַשאַפן געוואָרן פון אומגלייביקע, וועלן מיר מעגן זוכן דעם סוד פון דער טויטלעכער בלוט־מיסטעריע אין באַשאַף ביים גלויבן. וואָס שייך יידישקייט — מעגסטו מיר גלייבן, אַז דאָס ריינערע און עכט־יידישע וועלט־בילד וועט אויך אויף די שאלות דיר נישט בלייבן שולדיק קיין ענטפער. נאָר דערווייל מוז איך דיר נאָך ענטפערן אויף די פריערדיקע רייד. דו לאַכסט פונעם פאַסטן אין גאָטס הייליקסטן טאָג (און מיר ריידן דאָ נאָר פונעם חלק גאָט, וואָס שטעקט ווי אַ פּקדון אין יעדן איינעם פון אונדז). וויל איך דיר עפּעס זאָגן: נאָך אין מיין פול־אַפּיקורסישן פּעריאָד האָב איך זיך געפרעגט די אַלטע שאלה: וויבאַלד נישט גאָט און נישט יידישע העכערקייט — וואָס טויג דאָס יידישע פלאָנטערן זיך הינטער אַלעמענס פּיס? מיט וואָס בין איך אַ ייד אין מיין טאָג־טעגלעכן לעבן? אמת: איך גנבע נישט, איך מאָרד נישט און פיל זיך געצוימט דורך אַ ריי מאָראַליטעטן. אָבער דאָס זענען דאָך מקיים אַ היפּשע צאָל מענטשן פון דער אַלגעמיינער וועלט גלייך מיט מיר. וואָסזשע איז אַזוינס מיין באַזונדערער „סטאַטוס“? כ׳ווייס פון אַלע מאָדערנע תירוצים — אָבער מיך האָבן זיי נישט באַפרידיקט. היות ווי איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם גייסטיקן אַרויספאַל פון כלל־ישראל — האָב איך ווייטער אָפּגעהיטן אַ ריי רעליגיעזע מצוות. דו זאָגסט: צביעות! אָבער פאַר מיר איז עס געווען אַ נאַטירלעכע זאַך: איך היט זיי נישט פאַר גאָט־וועגן נאָר פאַרן פאָלק; בכדי אָנצוהאַלטן דעם „קאָנטאַקט“ מיט אַזויפיל יידישע דורות. לכתחילה האָב איך נישט געגעסן קיין חמץ אין די אַכט טעג פּסח, ווייל דאָס דויערט שוין ביי יידן אַ געשיכטלעכע אייביקייט. ערשט שפּעטער האָב איך גענומען לערנען פאַר זיך אַליין די סימבאָלישע און געדאַנקלעכע זייט פון אַזאַ מין „נישט־עסן קיין חמץ“. דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט אַ ריי אַנדערע מצוות, וואָס מיר איז מעגלעך געווען צו זען אין זיי דעם נאַ־

ציאָנאַל־יידישן שטריך. נאָכן חורבן פון יידישן אייראָפּע זענען נאָך צוגעקו־
מען אַ ריי סענטימענטאַלע מאָטיוון: איך האָב למשל נישט געוואָלט, אַז מיינע
זיידעס און אור־זיידעס זאָלן טאַקע לגמרי אָפּשטאַרבן דורך מיר לעולם ועד.
אַזאַ פאַרגעניגן וועל איך היטלערן מיט סטאַלינען אין זייער שוואַרץ גיהנם־
בעט נישט אָנטאָן... עס איז פאַר מיר גענוג געווען צו וויסן, ווי שטאַרק זיי
האָבן געהאַסט יידישקייט — בכדי איך זאָל האַלטן, אַז דאָס איז דער שענס־
טער חלום. בכדי אָפּצוגרענעצן זיך פון יעדער שייכות מיט די צוויי טייוול־
געשטאַלטן, בין איך גרייט געווען צו לייגן תפילין יעדן טאָג און אָפּגיסן זיך
די נעגל יעדן פרימאָרגן... דערמיט ווער איך אַלץ ווייטער און ווייטער פון זייער
דוך. איך ווייס, אַז מיט להכעיס־עמאָציעס קען מען קיין לעבנס־וועג פאַר אַ
פאָלק נישט בויען. אָבער דאָס איז נאָר אַ ביי־שטריך פון מיינע געפילן. דער
עיקר: אָן דיין „פרימיטיוועך" פרומקייט בין איך געבליבן ביי אַ צאָל רעלי־
גיעזע שטייגערן. דאָס וואָלט אָבער נישט מעגלעך געווען, ווען איך זאָל דער־
ביי נישט געווען דערגיין צו זייער טיפערן זין. אַזוי למשל האָט זיך ביי מיר
אָפּגעשטעלט דאָס פאַסטן דעם גאַנצן מעת־לעת פון יום־כיפור — אָבער טאַקע
מיט אַלע עינויים. נישט מער: דעם זין פון מיין פאַסטן האָב איך נישט
אַזוי באַנומען אין בית־המדרש ווי אויף אַ ניו־יאָרקער גאַס. כ'וויל עס אָפּ־
טייטשן: ווען איך שפּאַציר דאָרט אין אַ געוויינטלעכן טאָג, בין איך אַזויווי
צונויפגעגאָסן מיט דער גאַס; פול מיט איר. כ'גיי פאַרביי אַ געשעפט — זע
איך זאַכן, וואָס איך וויל האָבן תיכף־ומיד. דער באַלויכטענער רעסטאָראַן ביי
דער זייט — דערמאָנט מיך, אַז איך דאַרף דאָ אַריינגיין עסן. דאָס רעקלאַ־
מירטע פילם־בילד פאָדערט מיך אויף באַלד אַריינצוגיין; און אַפילו יעדע
שלאַנקע פרוי צווינגט מיך, אַז איך זאָל איר נאָכקוקן מיט בענקשאַפט. איך
בין הייסט עס „סוביעקטיוו" צו דער וועלט וואָס איך זע. טאָ וויאַזוי קען איך
זי באַטראַכטן מיט דער גאַנצער לאָגיק, משפּטן גערעכטיק, ווען יעדער שטוי־
בעלע אירס איז מיט מיר אַ מחותן; קויפט מיך אָפּ, רייצט און ציט מיך?
וויאַזוי קען איך דערגרייכן די הויכן, אַז אַזויפיל שטריק האַלטן מיך ביי דער
נידער? בכדי צו קענען באַגרייפן ווי געהעריק די „וועלט" מוזסטו כאָטש איין
מאָל מסוגל זיין צו שטיין אויסער איר; נישט ווי אירס אַ שקלאַף,
נאָר ווי אַ פרייער מענטש... און דאָס געפיל האָב איך נאָר איינמאָל אי־
בערגעלעבט: יום־כיפור... איך האָב שפּאַצירט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן —
און מיטאַמאָל דערפילט דאָס גרויסע גליק פון זיין אין דער וועלט און דאָך
בלייבן אַזוי ווי אויסגעטאָן פון איר. כ'האָב געזען אַ שרייענדיקע רעקלאַמע
פון אַ פילם — און דאָך געוווסט מיט דער גאַנצער זיכערקייט, אַז היינט וועל
איך אים נישט אַריינגיין זען; כ'זע די רייצנדיקע עס־אויסשטעלונג פון אַ

רייכן רעסטאָראַן — און מיך מיינט עס נישט היינט; כ׳זע די שפע טרינקע־רייען — און זיי האָבן אויף מיר קיין שליטה נישט; די געשעפטן האָבן אָפּענע מיילער — אָבער מיך רופן זיי נישט; די שענסטע פרוי גייט פאַרביי — און איך שמייכל באַצויבערט מ׳יך נישט... איך בין איצט אויסער דער וועלט — און במילא קען איך זי באַטראַכטן מיט קילן ישוב־הדעת: וואָס דאַרף איך אַוועקוואַרפן? וואָס זאָל איך נעמען? אין דעם איצטיקן טאָג שטיי איך אי בער איר און דערפאַר קען איך זי אדורכנעמען מיט אַ טיף־אָביעקטיווער פאַרשטענדעניש... שטימונג? אפשר... אָבער דערביי האָב איך ממש מיט אַ טרוקענער לאָגיק דערפילט די גרויסע אידיי פון אַ צעפּייניקטן יום־כיפור: זיך שטעלן פאַרן חשבון אָן דעם צוואַנגס־העמד פון דער וועלט אויף זיך, בכדי צו קענען זיך באַרעכענען אָן דער אינסטינקטיווער באַרוישטקייט. אינעם טאָג פון גרויסן משפּט בין איך דער שופט נישט ווייניקער ווי דער געמשפּטער. באַפריי איך זיך קודם־כל פון אַלע כאַבאַרן וואָס דאָס לעבן קען אונטערשטעלן. דער־פאַר וועל איך אויך נישט לאַכן פון יענעם בלייך־הונגעריקן ייד און פון זיין פאַסטנדיקער מעלאַנכאָליע: דאָס איז גיכער אַ פּסיכאָלאָגישע צוגרייטונג, אַן אינסטינקטיווע לייטערונג, איידער ער שטעלט זיך צו גאָטס משפּט־שטול — און איידער ער שטעלט גאָט צום מענטשלעכן משפּט...

— מ׳יר דוכט זיך, אַז דאָ קלערסטו שוין אויס אַן אייגענע יידישקייט — וואָס געהער זיך ווייניק אָן מיט די רעליגיעזע כוונות. אויב דו ווילסט ווערן דער שאַפער פון אַ נייער אמונה — איז די צייט פאַר נאָדל־פרישע רעליגיעס שוין פאַרביי. זעסט? איך הער דיך אויס, אָבער פעלש נישט... זוך מיר נישט איינצוריידן, אַז דאָס האָבן אונדזערע אַלטע דורות געמיינט...

— עס וואָלט נישט געווען קיין עולה, ווען איך טראַכט־צו מיינע אייגענע מאָטיוון צו די אַלטע מנהגים און געזעצן. סוף כל סוף שפּילט אין יידישן באַ־נעם אַ גרויסע ראָלע דאָס געפיל פונעם יחיד. אויב דו ווילסט, איז יידישקייט בכלל אַן אייביק־נייע אימפּראָוויזאַציע אויף אַלטע מאָטיוון. אויך דערויף וואָלט איך דיר געקענט ברענגען אַ סך באַווייזן. אָבער דווקא דאָ ביסטו אַ חושד בכשרים. איך האָב זיך נאָר געשטיצט אויף טייל ספרים פון יידישן דענקען. אויב דו ווילסט — וועל איך זיי דיר באַווייזן. איך קען אויך אַרויס־ציען פון דאָרט גאָר אַ סך אַנדערע געפילס־מאָטיוון פאַר אַ צאָל יידישע מנהגים, וואָס זענען דיר נישט ווייניקער פרעמד.

— אין דער היינטיקער פינצטערניש בין איך גרייט אויפצונעמען יעדן פינק־שטראַל, פון וואַנעט ער זאָל נישט קומען.

— אויב אַזוי מוזסטו אָננעמען מיין וועג, זיך פירן ווי איך, בכדי איך זאָל זיכער זיין אַז דו געפינסט זיך טיילמאָל אין זעלבן טראַנס. אויב דו

וועסט זיך כאַטש אויף איין מעת־לעת קענען אויסטאָן פון דיין גוף — ווייס איך, אַז דו ביסט מסוגל צו מעדיטאַציע; אַז מ׳יר קענען אונטערנעמען אַ בשותפותדיקן שפּאַציר מיט גלייכע טריט. כ׳מוז דיר אָבער זאָגן, אַז דאָס איז אַ שווערער וועג: יידישקייט הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט לערנען, וואָס מער לערנען. אַנדערש איז שווער צו דערגיין צו אַן אינערלעכן תכלית...

— כ׳האָב דיר געזאָגט: איך בין גרייט קודם־כל צו וויסן — אַפילו ווען איך זאָל נישט ווערן איבערצייגט.

— איז גוט. קענען מיר אָנהייבן.

ניו־יאָרק, 1953.

יידישע תשובה

א.

די וועלט האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי נישט גענייטיקט אין תשובה ווי היינט. אָבער זעלטן־ווען איז זי אַזוי ווייט געווען פון דער שענסטער מתּנה פאַרן מענטש ווי אין אונדזער דור. אויף דעם שטח זענען דאָ וויניק אויס־נאָמען. ווו מען זאָל נישט מישן אונדזער ספר־החיים — קען מען אָנטרעפן אויף ליידיקע, אָדער גאָר פאַרשמירטע, בלעטער. תשובה וואָלט מסתּמא נישט געטאָרט אַריבערהיפּערן קיין איין שוועל. אָבער מיר קלאַמערן זיך ווייטער אין אַלט־אָפּגעזינדיקטע שטייגערן. אונדזערע יידישע חכמים האָבן געהאַלטן, אַז אַלע טויערן זענען געשלאָסן, אויסער דעם תשובה־טויער. היינט אָבער האַלטן מיר פאַרקערט: מיר קלאַפּן אָפּט אין אַלע טויערן — אויסער דעם איינציקן, דעם אָפענעם.

אַביסל איז עס פאַרשטענדלעך. תשובה איז אַ פיינלעכער ענין. מען מוז זיך טיילמאָל אויסטאָן פון דער אייגענער הויט, שטעלן זיך מיטן רוקן צום אייגענעם נעכטן. מען דאַרף זיין אָנטאָן אַ כּוח — ביז צום קענען זאָגן: א י ך האָב געזינדיקט, מ י ר האָבן געמאַכט אַ טעות! דערצו פאָדערט זיך אַן אומ־געוויינטלעכער מוט, מאָראַלישע גבורה. דאָס קאָסט שווערע אַרבעט איבער זיך — און ווער איז עס אַ בעלן צו שמעלצן זיך אין חרטה־פייערן? דערפאַר איז אונדז שווער זיך אויסצוהיילן פון אַ סך פורעניותן, וואָס מאַטערן גוף און נשמה.

* * *

אין אויבערפלעכלעך־פרומען זין איז תשובה פאַרבונדן מיט לייבלעכע יסורים און געפיליקער פיין. אַפילו דאָס יידיש־פאָלקלאָריסטישע אויג האָט דעם „בעל־תשובה״ אַלעמאָל געזען מיטן זאַק אויף די לענדן און פון תענית־אַרויסגעקראָכענע בליקן. האָט עס אָנגעוואָרפן אַ פּחד. וואָס וויל אָבער די טי־פערע תשובה־אידיי דערגרייכן? ר ח מ י ם. דווקא דאָס אַרויסרייסן דעם מ׳ענטש פון זיין ענגן זאַק. תשובה וויל אויסבעסערן רשעותן און אויסגלייכן קרומקייטן. אייגנטלעך קען מען זאָגן, אַז יעדער מענטשלעכע אידעאָלאָגיע איז פאַקטיש אַ ר ו ף צ ו ת ש ו ב ה. זינט אויף דער וועלט זענען אויפגעקו־מען באַוועגונגען, וואָס האָבן געוואָלט „אויסבעסערן די מענטשהייט״ — האָבן

זיי געמוזט אָפּערירן מיטן תשובה־געדאַנק. וואָס איז דען געווען אַפילו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג — אויב נישט קיין לעכץ צו וועלט־תשובה? אַפילו דער ציוניזם איז אין זיין טיפערן תוך בלויז געווען אַ נאַציאָנאַלע תשובה־באַוועגונג: אַ רוף, אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך אומקערן פונעם קרומען וועג און אַרויף אויפן גלייכן. ווי נאָר איר מישט דעם בעסערן טייל פון דער אַלמענטשלעכער געשיכטע — זעט איר ווי פול זי איז מיט תשובה־בענקשאַפטן.

מיט וואָס איז „יידישע" תשובה אַנדערש? קודם־כל ווייל זי איז אַ „פּער־זענלעכע" און מיינט אַלעמען. די טראַגעדיע פון אַ סך כלל־באַוועגונגען איז געווען, וואָס זיי האָבן געשאַפן גאַנצע לאַגערן פון גערעכטע און נאָר געפאָדערט, אַז די אַנדערע מחנות זאָלן בעסער ווערן. יעדער שיינע טע־אָריע האָט געזען דעם גן־עדן אין די אייגענע רייען — און בלויז יענער, פון דער צווייטער מחנה, שטערט זיין פאַרווירקלעכונג. בדרך־כלל האָט זיך פון אַזעלכע חלומות געהערט דער מאָטיוו: תשובה — אָבער פון יענעם.

זינט וועלט איז וועלט — האָבן אַלע מאַכטלאָזע פון דער ערד געקריצט מיט די ציין קעגן די שטאַרקע און מעכטיקע. אָבער דאָס האָבן זיי נאָר געטאָן כל זמן ז יי גופא זענען געווען הילפלאָז. ערשט ווען זיי אַליין האָבן באַקומען מאַכט אין דער האַנט, זענען אויך זיי אָפטמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין וועלף. דאָס האָט באַוויזן, אַז זייער פאָדערן תשובה איז נישט געקומען מחמת וויטיק אויף דער אומרעכט בכלל — נאָר זיי האָבן געהאַט צער, פאַרוואָס זיי מוזן פון איר ליידן. דאָס דאָזיקע בילד האָבן מיר געזען נישט בלויז ביי זיגערישע פאַרטייען און מעכטיקע פעלקער. אויך מענטשן אין תפיסות אָדער געטאָס — וועלכע זענען זיכער געווען קעגן דער רשעות פון די שטאַרקע — זענען גאָר אָפט קאָרומפּירט געוואָרן פונעם קלענסטן ברעקל מאַכט, וואָס זיי אַליין האָבן באַקומען אין דער האַנט. איז די וועלט טיילמאָל טאַקע פול גע־וואָרן מ'יט תשובה „ווי דאָס וואַסער דעקט צו דעם ים" — אָבער צו קיין וווּנדער־תכלית האָט עס נישט דערפירט.

אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס די מערהייט מאָראַל־פּרעדיקער און אידעאָלאָגן פון דעם מין האָבן בעיקר געהאַט פאַרן אויג די מעכאַנישע יושר־טראַדיציע. זיי האָבן נאָר געפאָדערט יושר ביים שטאַרקן; בלויז אים גע־לערנט אַלע מידות־טובות און אים געוואָרנט פאַרן גרויסן טאָג פון חשבון. דעם שוואַכן האָט מען כמעט ווי אַרויסגעלאָזט פון די מוסר־דרשות. שוין מיט זיין מצב פון אונטערדריקט זיין איז ער געוואָרן דער סימבאָל פון גוטן און גערעכטן. דאַרף מען זיין נשמה מער נישט שלייפן אין די שאַרף־מאָראַלי־שע קיזל־שטיינער. תשובה־טאָן דאַרף בלויז דער רייכער, דער זאַטער, דער

מעכטיקער. טיילמאָל האָט זיך געקענט שאַפן דער איינדרוק, אַז דער געדאַנק פון אויסבעסערן די זינד איז גאָר מחייב איין טייל וועלט — בעת די צווייטע איז דערפון מאָראַליש פטור. אַלע אידעאָלאָגישע קאַנאָנען זענען אַנגעשטעלט געוואָרן אין דער זייט פון די שטאַרקע — ביז דער שוואַכער האָט געקענט פאַרגעסן, אַז אויך ער דאַרף זיך בעסערן, זיך דערהייבן.

דערפאַר זענען טייל פון אונדז אַזוי בייז געווען אויף דער יידישער תשובה־טראַדיציע, וואָס האָט נישט געוואָלט פאַרזען אויך דעם שוואַכנס זינד. אויב יידן, למשל, זענען פאַרטריבן געוואָרן פון זייער לאַנד — האָבן זיי עס נישט געטאָרט באַטראַכטן ווי אַ בלויזע עוולה פונעם מעכטיקן פאַר־טרייבער. אדרבא: אין דער ערשטער ריי האָט מען גאָר געמוזט אונטער־שטרייכן דעם „ומפני חטאינו גלינו מארצינו" — אַז דעם באַזיגטנס זינד האָבן גאָר גורם געווען די פאַרטרייבונג. דער מאָראַלישער קאָדעקס פון תורת־משה האָט טאַקע געזוכט צו צוימען די אַפעטיטן פונעם רייכן און שטאַרקן. אומצייליקע מאָל איז דאָרט אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז עס זאָל געטאָן ווערן צדק צום אָרעמאַן, צום יתום, אלמנה און מאַכטלאָזן גר. גלייכצייטיק איז אָבער פאַרבאָטן געוואָרן, נישט צו אידעאַליזירן דעם אָרעמאַן — בלויז דערפאַר וואָס ער איז אָרעם. פונקט ווי מען טאָר נישט חנפהנען דעם עושר — ווען ער שטעלט זיך צום משפט מיטן אביון — אַזוי איז אויך געוואָרנט געוואָרן מען זאָל נישט שוינען דעם אָרעמאַן אין זיין קריג (שמות כג).

אין די לעצטע צענדליקער יאָרן — ווען אונדזער רעוואָלט־געפיל האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט אַלערליי באַוועגונגען — האָבן מיר געהערט גענוג ביטערע טענות קעגן יידישן מחזור: הלמאַי פאָדערט מען דאָרט אַזויפיל חשבון דווקא פונעם שוואַכן מענטש? הלמאַי קומט מען צום געליטענעם ייד פון גלות — און דווקא אויף אים שרייט מען אָן אַזוי שטאַרק, פאַרוואָס ער איז זינ־דיק? עס האָט זיך אַפילו געשאַפן אַ טענדענץ, אַז אַ הונגעריקן פרעדיקט מען נישט קיין גוטע מאַניערן. קודם־כל דאַרף מען אים אָנזעטיקן פונעם רייכנס שפייכלער און ערשט דערנאָך מעג מען צו אים ריידן וועגן הויכע ענינים.

אין אַ געוויסן פרט איז די דאָזיקע טענדענץ קאַפּויער געקומען אין טייל וואַריאַציעס פון אונדזער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע. אומדירעקט האָבן זיי אַוועקגעשטעלט דעם אָרעמאַן, דעם פּויער, דעם אַרבעטער און עקספּלואַ־טירטן פּראָלעטאַריער אין דער הילע פונעם אייביק־גערעכטן. זיכער איז דאָס טיילמאָל געווען אַ פּועל־יוצא פון ליבשאַפט צום געליטענעם. אָבער דער סך־הכל איז אָפטמאָל געווען אַ מוראדיקער: מ ע ן ה אָ ט פ אַ ר ג ע ס ן צ ו ־ צ ו ג ר י י ט ן מ אָ ר אַ ל י ש ד י ש וו אַ כ ע פ ו ן ד ע ר וו ע ל ט צ ו ם ט אָ ג, וו ע ן ז י י ג ו פ א וו ע ל ן ש ט אַ ר ק וו ע ר ן

א ו ן ה אָ ב ן ד י מ אַ כ ט א י ב ע ר ל ע ב ן א ו ן ט ו י ט. מיר זענען אונטערגעקויפט געוואָרן מיטן שוחד פון אָרעמקייט — און במילא פאַרפעלט צו געבן דער וועלט דעם אמתן זין פון יידישער תשובה.

ב.

רעליגיעז אָדער נישט — מעגן מיר פאַרט רעווידירן טייל איינשטעלן אונדזערע אינעם ליכט פון יידישן ספר. אויב עמעצער וויל זען אַ תשובה־געריייניקטע וועלט — טאָר ער נישט אַרויסלאָזן פון חשבון אויך דעם שוואַכן און וועקן מיט דער האַרבער חרטה־פויסט אויך דאָס מאָגערע האַרץ: על חטא ש ח ט א נ ו...

מיר שטייען איצט פאַר אַ שרעקלעכער טראַגעדיע אינעם אַלוועלטלעכן סאָציאַליזם, וואָס זיין עצם און תוך איז אייגנטלעך געווען: ת ש ו ב ה. מיר הערן נישט אויף צו גריבלען זיך אין די סיבות: וויאַזוי איז עס געקומען צו דער סאָוועטישער דעגענעראַציע? אָבער מיר ווע לן זיך עס קיינמאָל נישט דערקלערן, אויב מיר וועלן זיך נישט דערגראָבן צום עלעמענטאַרן עיקר. דער וואָרצל פונעם סאָציאַליזם האָט זיך געצויגן צו צוויי שליאַכן: ליבשאַפט צום אָרעמאַן און האָס צו זיין רייכן אויסנוצער. ב יי ד ע טיילן באַזונדער זענען אייגנטלעך געווען גערעכט און מענטשלעך. אָבער דער אַקטיווער סאָציאַליזם איז נישט געקומען פרעדיקן קיין אַבסטראַקטע אידייען. ער האָט זיך געוואָלט איינקריצן וואָס שנעלער אינעם רעאַלן לעבן. דאָס האָט געפאָדערט אַ ר ע וו אָ־ ל ו צ י ע — און זי קען מען ניט אַדורכפירן מיט קיין הייפל אידעאַליסטן, נאָר מיט מיליאָניקע מ אַ ס ן. די המונים ווידער קען מען גיכער דערוואַרעמען מיטן לייכטערן טייל, איידער מיטן שווערערן. די מצווה פון ה אַ ס קען מען אַ סך פריער און לייכטער מקיים זיין, ווי די מצווה פון קרבנותפולער ליבשאַפט. האָט מען טאַקע די שנאה תיכף־ומיד געקענט איינפלאַנצן מיט דער גאַנצער און נאַטירלעכער עכטקייט אין אַלע רמ״ח אברים — ווי עס שטייט געשריבן אין אַלע פראָגראַמען. דער „קלאַסן־באַוווסטזיין״ האָט דאָ געהאַט אַ גרייטן שותף — דעם נאַטירלעכן קנאה־אינסטינקט.

אויפן געביט פון האָס, איז דער באַזונגענער פראָלעטאַריאַט — וואָס האָט געדאַרפט באַקומען די גערעכטע דיקטאַטור אין האַנט — גאָר שנעל דערגאַנגען צו פולער פערפעקציע. דערפאַר אָבער איז דער צווייטער טייל פונעם פראָגראַם, די גרויסע ליבשאַפט, פאַרדרענגט געוואָרן אינעם פסיכישן הינטערגרונט. צענדליקער מיליאָנען קענען זיך אַזוי־שנעל נישט פאַרוואַנדלען אין איין צונויפגעגאָסענער כוואַליע ליבשאַפט. האָס פאָדערט נישט קיין טיף־אינערלעכן איבערברוך, קיין גייסטיקע לייטערונג — בעת גרויסע ליבשאַפט

איז שוין פאַרבונדן מיט נשמה־דיסציפּלין, מיטן באַקעמפן די כמאַרע פון אייגענע חיה־דראַנגען.

נישט איינער פונעם אידעאַליסטישן דור האָט באַצייטנס דערזען די תהומיקע סכנה פון אַזאַ איינזייטיקער אַנטוויקלונג. טייל ליכטיקע מוחות האָבן געפילט, אַז פון אַזאַ באַרג מיט הייליקער שנאה קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען. אָבער אויך זיי האָבן טיילמאָל געמוזט שלום מאַכן מיט דער פּראַקטישער אויסרעכענונג: זאָל מען קודם־כל לערנען די מאַסן פיינט האָבן וועמען מען מוז און מען דאַרף. זאָל דאָס האַס־פייערל דערוויל אַריינציען וואָס מער מיליאָנען אינעם גערעכטן לאַגער פון באַוועלהטע. אַז עס וועלן זיין צענדליקער מיליאָנען האַסער — וועט מען שוין כוח האָבן צו באַזייטיקן די שלעכטע רעזשימען. דערנאָך וועט זיין אַ פרייער וועג צו אַ בעסערער וועלט „אויף זייערע חורבות". בקיצור קען מען זאָגן: ס'איז געווען אַ גרויסער פּרווו צו צעשפּילן דעם גערעכטן יצר־הרע און ערשט מיט זיין ברויזיקן כוח אַוועקזעצן דעם יצר־טוב אויפן טראָן. נישט מער: דאָס איז געווען אַ צו־געפּערלעך שפּיל מיט פייער.

דעם סך־הכל פון אַזאַ פאַרקערטער „וועלט־תשובה" האָט אונדז געוויזן דער זיגערישער באָלשעוויזם. אויך ער האָט געוואָלט „ליב" האָבן. אָבער ראשית־כל האָט ער זיך געווידמעט מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט דעם „ביי־טיקן" האַס. האָט אַזאַ מין צעבלאָזן זיין צאָרן ביסלעכווייז איינגעשלונגען די העלערע טייל. דערפאַר איז פון דער צווייטער העלפט — די ליבשאַפט צום „אַרבעטער און פויער" — קיין שפּור נישט געבליבן. יעדער אָביעקטיווער אָפּשאַצער מוז מודה זיין: במשך די פערציק יאָר פונעם פּערמאַנענט־קאָמו־ניסטישן נצחון, האָט דער האַסערישער מאַכט־קאָמוניזם אומגעבערענגט אַ סך מיליאָנען אַרבעטער, ערלעכע סאָציאַליסטן און אומשולדיקע מענטשן, וואָס האָבן קיינעם קיין רעה נישט געטאָן. אַ סטאַטיסטיק קען אַפילו באַווייזן, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט מען דערהרגעט מער געטרייע קאָמו־ניסטן — ווי אין אַלע אַנטי־קאָמוניסטישע רעזשימען צוזאַמענגענומען, דעם צאַרישן בתוכם. דאָס זעלבע איז מיט דער צאָל האַרעפּאַשנע פויערן און פרייהייט־קעמפער פון דער ריינסטער פּראָבע.

איז עס אַ צופאַל? סתם פאַרקריפּלונג פון אַן אידיי? אַ ריזיקע קייט פון טעותים? וויפל מען זאָל נישט זוכן די סיבות פונעם סאָוועטישן פּאַראַט — מוז מען סוף כל סוף צוקומען צום סאַמע־מקור פון זיין רשעות: דער אַנטי־יידישער צוגאַנג צו דער אידיי פון וועלט־תשובה; זיין איבערקערן די יוצרות און תיכף אָנהייבן ביי דער זייט פון האַס. קודם־כל האָט ער זיך פאַרמאָסטן אומצוברענגען די קעגנערישע העלפט וועלט — און ערשט דערנאָך וועלן די

פאַרבלוטיקטע הענט מעגן אויסשפּילן די ליבשאַפט־סערענאַדע צו דער צווייטער.

אָבער שנאה ווייסט נישט פון קיין גרענעצן. אויב עס ווערט פּראַקטיצירט נאַקעטער מאָרד אַפילו בלויז קעגן דעם „בורזשואַזן" קעגנער — ווערט שוין די רציחה אַ רגילות: הרגעט מען שוין יעדן איינעם וואָס שטייט אין וועג — אַפילו דעם אייגענעם חבר. אויף בלוטיקע פעלדער קען די בלום פון צאַרטער ליבע נישט וואַקסן. דאָס אָנהייבן ביי דער צווייטער העלפט — וועט אויך אומעטום צו קיין גערעכטן וועג נישט פירן.

ג.

פאַראַן עד־היום — אין יאָר 1959 — געוויסע באַוועגונגען, וואָס האַלטן: דער פערפעקטער באָלשעוויזם איז נאָר צייטווייליק צעקריגט מיטן יידישן געדאַנקען־גאַנג, אָדער מיט די אידעאַלן פון דער אַרבעטערשאַפט אין מדינת ישראל. דאָס איז אָבער אַ שווערער טעות. וואָס מער ביידע אידעאָלאָגיעס וועלן קלאָרער ווערן — אַלץ טיפער וועט ווערן דער תהום. דאָ מוז מען באַזייטנס אַנטלויפן פון אילוזיעס.

עס איז געווען אַ צייט, ווען אַ ריי וועלטלעכע יידן האָבן באַטראַכט די קאָמוניסטישע באַוועגונג ווי אַ טיף־יידישע אין אירע וואָרצלען. ווי אַ ראיה דערצו האָט מען אַפילו געבערענגט די גרויסע צאָל יידן, וואָס האָבן אָנטייל־גענומען סיי אין דער פריערדיקער רעוואָלוציע־באַוועגונג און סיי אין „אָקטאָבער". עס האָט געדאַרפט הייסן, אַז דער גרויסער אָנטייל איז מער דיקטירט געוואָרן פון יידישן אַטאַוויזם ווי פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט. מענטשן מיט אַ נויגונג צו אַנאַלאָגיעס האָבן עס געהאַט אָפן אויף דער האַנט: די יידישקייט־אידיי איז געבויט אויף תיקון־העולם, אויף באַקעמפן די רשעות און אַוועקשטעלן גערעכטיקייט אויף איר אָרט. אויך די רעוואָלוציע האָט פאַקטיש געוואָלט דאָס זעלבע. וועט דער זיגערישער באָלשעוויזם סוף־כל־סוף זיך אָפּוואַשן די הענט, אויסטאָן דאָס בלוטיקע פאַרטעך, זיך אומקערן צו זיין בראשיתדיקן חלום — און ערשט דאַן וועט ער אַליין דערזען, ווי נאָענט ער איז צו די יידישע אידעאַלן, צו די יידישע נביאים און אַפילו צו די חלוצישע קיבוצים...

פאַר אַזעלכע אילוזאָרן האָט שוין די ווירקלעכקייט געבערענגט נישט איין טיפע אַנטוישונג: וואָס לענגער דער סאָוועטישער רעזשים האָט אָנגעהאַלטן — אַלץ פאַרביסענער האָט ער זיך גענומען צום אָפּמעקן יעדן יידישן צייכן. איז עס פאַר זיי געוואָרן אַן אומלייזבאַרע רעטעניש, בעת די געשיכטלעכע לאָגיק האָט כסדר געוואָרנט, אַז צו אַזאַ שידוך קען קיינמאָל נישט קומען.

אמת: די ריינע יידישקייט וויל בעסער מאַכן די וועלט, האָפּט אויפן פולן נצחון פון דער תשובה־אידיי. אָבער וויאַזוי? דורכן לייטערן קודם־כל זיך אַליין און דורכן אַנטדעקן ראשית־כל אין זיך גופא די זינדיקע אָדערן. ערשט נאָכ־דעם, מיטן גערייניקטן הארץ, קען מען זיך אַוועקלאָזן מתקן זיין אַנדערע. דער דאָזיקער וועג וואָרנט בעיקר פאַרן מינדסטן שטויבעלע גיפט אין דער איי־גענער נשמה און פאַרן קלענסטן ברעקל צער, וואָס מען קען גורם זיין אַ צווייטן. די יידישע לייטערונג זאָגט אָן: עבירות, וואָס דו ביסט באַגאַנגען קעגן גאָט, קען דיר דער הימל מוחל זיין. אָבער וויבאַלד דו האָסט געזינדיקט קעגן דיין מיט־מענטש — קען עס דיר אַפּילו גאָט און יום־כּיפּור נישט שענקען. דער יידישער תשובה־מנהג — וואָס איז אַריין אינעם פאָלקס־שטייגער — איז געוווען: איידער דו גייסט אין שיל אַריין דאַווענען — שפּרייז פון שוועל צו שוועל און בעט ביי יעדן אייגעם מחילה. אפשר האָסטו קעגן עמיצן געזינ־דיקט. דער מוסר־השכל? אַפּילו די העכסטע אידיי פון גאָטהייט, וועמען זי גייסט איצט דינען, איז נישט בכוח צו באַרעכטיקן דיינע עוולות קעגן לעבע־דיקן מענטש. טאָ וויאַזוי קען זיך דער אין בלוט־געווייקטער באָלשעוויזם דער־נענטערן צו דער יידישקייט־אידיי? וויאַזוי קען אַ מאָראַל, וואָס הייבט אָן מיט ליבשאַפט, אַמאָל ווערן פאַרשטענדלעך צו איר שאַרפסטן אַנטיפּאָד — וואָס הייבט גאָר אָן מיט שנאה?

אויך אין ציוניסטיש־חלוצישן לאַגער פעלן נישט אַזעלכע אילוזיעס. טייל גרופּירונגען האַלטן נאָך אַלץ, אַז די שנאה פון דעם מאַכט־קאָמוניזם צום חלוצישן אויפבוי־ווערק אין מדינת ישראל איז בלויז אַ טראַגישער „טעות“. אויב די סאָוועטישע מאַכט וויל טאַקע (און זיי זענען זיכער, אַז זי וויל!) מענטשלעכע גלייכקייט — וועט זי פריער אָדער שפּעטער מוזן איינזען איר פאַרווירקלעכונג אין די ישראל־קיבוצים. דאָס מיינט, אַז דער „טעות“ איז אַ באָלשעוויסטישער. דער אמת איז אָבער, אַז דעם טעות מאַכן זיי און נישט דער קאָמוניזם. דער ציוניסטישער סאָציאַליזם האָט זיך הארב פאַרזינדיקטביים באָלשעוויזם שוין בלויז דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן זיין רע־וואָלוציע אויפן יידישן שטייגער. טעאָרעטיש האָט אויך ער — פּונקט ווי די נביאים פאַר אים — אָנערקענט אַלע איבלען פון דעם אומיושרדיקן סיסטעם. אָבער אין פּראַקטישן לעבן האָט ער נישט גורס געווען די לאַנגע הקדמה פון שנאה. דער פּיאָנערישער חלוציזם האָט נישט געוואָלט וואַרטן ביז די גאַנצע וועלט פון רשעות וועט אַרומגעכאַפּט ווערן פון דער סטיכישער, אָדער פּער־מאַנענטער, האַס־לאַווע; ביז דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם וועט לגמרי אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד — און ערשט דאַן וועט ער זיך נעמען צום בויען זיינע אידעאַליסטישע קיבוצים. פּאַקטיש האָט ער אויף זיין חשבון נישט

געהאַט קיין איין טראָפּן פאַרגאָסן בלוט פון פרעמדע און שונאים, בעת ער האָט זיך גענומען צום אויסבויען זיין אייגענעם תיקון. נאָך איידער די קעג־נערישע וועלט האָט זיך גענומען טרייסלען, האָט ער אָנגעהויבן זיינע ערשטע טריט דורך אינערלעכער לייטערונג; מיטן בויען אינדזועלעך פון ליבשאַפט, נאָך איידער זיין מינדסטער פינגער איז איינגעטונקען געוואָרן אין בלוטיקער שנאה. ווי ווייט אַנטי־רעליגיעז — אָדער אומרעליגיעז — די דאָזיקע באַ־וועגונג איז נישט געווען אין אירע בראשית־יאָרן, איז זי אָבער שטילערהייט באַשטראַלט געוואָרן פונעם ספּרימדיק־יידישן כלל: מ ע ט מ ן ה א ו ר ד ו ח ה ה ר ב ה מ ן ה ח ו ש ך. פינצטערניש, הייסט עס, שטויסט מען אָפּ מיט ברעקלעך ליכט און נישט מיט קיין בערג אייגענעם חושך. דער נאַציאָ־ליסטישער חלוציזם האָט ראשית־כל אָנגעהויבן ב יי ז י ך; קודם־כל געוואָלט געבן דעם אייגענעם „אָרעמאַן" צו פאַרזוכן דעם טעם פון טעגלעכן לעבן אויף די פאַרווירקלעכטע אידעאַלן — און בלויז דערמיט משפּיע זיין אויפן פיינטלעכן אַרום. שוין דאָס בלויזע איבערדרייען דעם נוסח — איז אַ „זינד". נישט צום פאַרגעבן. וויאַזוי־זשע קען קומען צו אַ שלום און פאַרשטענדעניש צווישן ביידע? פאַרוואָס זאָל טאַקע דער אַגרעסיווער קאָמוניזם נישט זען אינעם פּיאָנערישן חלוץ קיין דעמאָראַליזירנדיקן עלעמענט? באַווייזט ער דען נישט — לכל־הפחות אויף אַ קליינעם שטח — אַז מ ע ן ק ע ן רעאַליזירן סאָציאַליזם אָן אָפּגעהאַקטע קעפּ?

אָבער באָלשעוויזם איז נאָר דער עקסטרעמסטער ביישפּיל, ווייל ער האָט ארויסגערוקט די אַנטי־יידישע טענע אין איר גאַנצער שוידערלעכקייט. למעשה אָבער, האָבן אויך אַנדערע אידעאַליסטן זיך געשטעלט אויף דער צווייטער זייט. אין זייער צעהיצטן קאַמף האָבן אויך זיי טיילמאָל פאַרגעסן צוצוגרייטן דעם „שוואַכן" צד צום גרויסן נסיון פון האָבן מאַכט אין דער האַנט. דער פאַל ב ע ו ו י ן אין ענגלאַנד איז נאָר איינער פון אַ סך ביישפּילן. דער ציר־ניסטישער סאָציאַליזם — מיט אַלע זיינע אידעאַלן — איז טיילמאָל געווען „אכזריותדיק": ער האָט זיינע „אָרעמעלייט", זיינע פּיאָנערן געשטעלט האַר־בע פאָדערונגען. זיי האָבן זיך געמוזט ברענען און בראָטן אויף אַלע פייערן פון „הגשמה עצמית" — און דערביי האָבן זיי כמעט ווי פאַרגעסן, אַז אויך ז יי ע ר ע מאַזאָליעדיקע הענט קענען געבן קלעפּ דעם „בורזשוי". ביי זיי איז דער „אָרעמאַן פון דער וועלט" קודם־כל דערהויבן געוואָרן צו זיין חשי־בות ד ו ק א צוליב זיין אָרעמער ריינקייט. זיי האָבן בעיקר געפּרעדיקט תשובה און לייטערונג זיך אַליין — און במילא האָבן זיי זיך נישט געקענט אָנשליסן אינעם „וואַרטן" פון די רעוואָלוציאָנערע האַס־כוואַליעס. באַוווסט־זיניק אָדער נישט — איז זיי געשטאַנען פאַר די אויגן דער תלמודישער כלל

פון „יתמו חטאים ולא חוטאים"; פון ענדיקן מיט דער זינד, אָבער נישט מיט די זינדיקע. אויב די זינד דאַרפן קלענער ווערן — קען מען דאָך עס אָנהייבן מיטן קלענער מאַכן די אייגענע חטאים, די אייגענע אור־אינסטינקטן! דאָס איז אַ צו־שווערער וועג פאַר די אַלע, וואָס ווילן מיט עטלעכע האַרמאַטן אַדורכפירן די פּלאַסטישע שיינקייטס־אָפּעראַציע אויפן פּנים פון דער וועלט. איז במילא מער ווי אַ ספק, אויב יענע מאַכט־האָבער, (וואָס האָבן שוין אַזויפיל בלוט אויף זייערע פּענער) זאָלן אַמאָל האָבן סימפּאַטיע פאַר דער מחנה, וואָס האָט אָנגעהויבן ביי דער „ערשטער העלפט". העכסטנס קען מען חלומען וועגן די אַנדערע — וואָס וועלן קומען נאָך זיי — און די מעשים פון זייערע אידעאָלאָגישע אָבות וועלן אויך זיי עקלען ביז צום טויט.

ד.

מאַכט, די קלענסטע אָדער גרעסטע, (אויב זי איז געבויט אויף כח און נישט אויף פּירערשאַפט) איז אַ לייבלעכער קרוב פון שיכורער גאווה. זי וואָרצלט אינעם פאַרוויגן זיך מיט איבערגעטריבענע גרויסקייטס־אילוזיעס. אַז מען האָט מאַכט — וויל מען זיין גרעסער און נישט גרויס. וואָס איז דער חילוק? גרויס קען מען זיין דורך זיך אַליין, בעת „גרעסער" קען מען נאָר ווערן דורכן אַרונטערוואַרפן דעם צווייטן. אָן יענעמס השפלה — קענסטו נישט זיין גרעסער. דו מוזסט כסדר האָבן געבויגענע רוקנס, בכדי דו זאָלסט זיך קענען אַרויסזען.

תשובה איז דאָס פאַרקערטע פון מאַכט; זי איז געבויט אויפן פיינלעכן קוקן אין זיך און נישט אויף יענעם. תשובה וואָרצלט במילא אין עניוות; אינעם וועלן זיין גרויס און נישט גרעסער; אינעם בענקען נאָך דער אייגענער ווערט און ניט צו יענעמס אומווערט. רויע מאַכט און אמתע תשובה קענען זיך במילא נישט פאַרטראָגן — פּונקט ווי דער גאָט פון דער יידישער אגדה זאָגט וועגן בעל־גאווה: „איך מיט אים קענען אין איין ביידל נישט הויזן"... און אומעטום ווו עס נעמען זיך קאָנצענטרירן גרויסע בלאָקן פון מאַכט — ווערט תשובה נייטיק ווי דאָס לעבן. היות ווי אונדזער דור, אַפילו דער יידישער, איז צופיל מיטגעריסן געוואָרן פון מאַכט־סימבאָלן — איז דאָס לערנען אַ קאַפּיטל „תשובה" די בעסטע רפואה פאַר אַ ריי געפערלעכע מחלות.

און — ווידער די נעגאַטיווע זייט: וואָס איז דען דער געפערלעכסטער מיקראָב פון קאָמוניזם, אויב נישט דער אייביקער גייעג נאָך מאַכט? איבעריאָגן! גרעסער ווערן — דאָס זענען זיינע באַליבטסטע חלומות. איבעריאָגן — יענעם. דאָ דעצידירט נישט דער גערעכטער גייסט פון דער גרעסע־

דער ציפּער, נאָר איר מעכאַניש איבערוואַקסן דעם צווייטן. אין אַלע אַנטוויק־לונגען מוז באַשטימען די איבער־מאַכט. אַן אידיי וואָס ווערט באַזעסן פונעם דיבוק, וואָס לעכצט צו אויבערהערשאַפט — מוז שוין במילא אָנטאָן דעם מענטש כלערליי רעות.

ווער עס האָט דאָס ערשט דערזען ביים קאָמוניזם נאָך זיינע גרויסע רציחות — איך האָב עס „געזען" אין אַ ריי קלייניקייטן, נאָך איידער איך האָב אַרויסגעהערט זיין שוידער פון ביכער. ס'איז געווען אין די פריסטע קינ־דער־יאָרן, ווען אַ חדר־יינגל פון אַ פּויליש שטעטל איז געלאָפן זען אַ קאָמו־ניסטישע דעמאָנסטראַציע פון ערשטן מאַי... „יינגל" איז אייגנטלעך אַ שטיקל גוזמא; אין יענע יידישע שטעטלעך, כידוע, זענען כמעט אַלע יינגלעך געווען קליינע יידעלעך מיט אַלטע פּעק דאגות. האָט אַזאַ יינגל שוין געוווסט, אַז די לייט מיט דער רויטער פאָן ווילן ס'זאָלן קיין אָרעמעלייט נישט זיין; אַלע זאָלן קענען עסן לעקעך און קיינעמס דאַך זאָל נישט זיין צעבראָכן... און אַז זיי מאַרשירן — ווערט מסתמא זיין וואָס צו זען און וואָס צו הערן. אָבער די יידישע „יאַטן און יאַטעכעס" האָבן גאָר מאַרשירט אונטער דער נאָז פון דער פּוילישער פּאָליציי מיט אַזאַ מין געזאַנג:

נידער מיט די הענקער, נידער מיט די הענקער —
נידער מיט די הענקער און דער פּאָליציי!
בלוט מוז פליסן — פאָרווערטס און נישט צוריק!
מיר לעבן און מיר קעמפן פאַר דער —
ראַטן־רעפּובליק...
בלוט מוז פליסן — פאָרווערטס און נישט צוריק!
בלוט... בלוט... בלוט!

אַ סך ווערטער פונעם „ליד" זענען נאָך פאַרן אַכט־יאָריקן יינגל געווען תרגום־לשון. ער האָט נאָך דאַן נישט געקענט וויסן, אַז דאָס זענען זיי נאָר קעגן אַיין מין פּאָליציי — אָבער זיי ווילן קושן די שטיוול פון אַ פּאָלי־ציאַנט אויף יענער זייט גרענעץ. וואָס עס מיינט אַזוינס „ראַטן־רעפּובליק" האָט ער זיכער נישט געוווסט. מסתמא האָבן עס אויך נישט געוווסט גענוי אַ סך פון די עלטערע דעמאָנסטראַנטן. ער האָט זיך נאָר דערשראָקן פאַרן רע־פריין, וואָס האָט באַגלייט יעדע פּאָר שורות: ב ל ו ט ! ב ל ו ט ! ! ב ל ו ט ! ! !

אַזוי! גאַנצע דריי מאָל. פאַרוואָס „מוז" עס פליסן? זיי האָבן דאָך ליב אַלעמען, האָבן זיי דאָך! אויך מיך... און טאָמער זע איך אַ טראָפּן מענטש־לעך בלוט — קען איך דריי טעג נישט עסן. איז דער טעם פון בלוט ביי זיי

געשמאַקער פון ברויט? דער ערשטער שוידער איז אַדורך איבערן קינדערישן לייב.

יינגלערישער פחד? פּרימיטיווקייט פון קליינשטעטלדיקע יאָטן? בין איך עלטער געוואָרן, געהערט כלערליי פּראָלעטאַרישע דעקלאַראַציעס — און איין שורה האָט דער שוידער נאָך מער פאַרשטאַרקט: „מיר וועלן אויפטרענען די אָדערן ביי די זאַטע, מאַכן פון זיי סטרונעס צו די פידלען און שפּילן אויף זיי דעם אינטערנאַציאָנאַל". דאָס מאָל — אין „ווייסן" פּערז (געהערט פון אַ ישיבה־בחור מיט קאָמוניסטישע נטיות, וואָס האָט געלערנט צוזאַמען מיט מיר, אויף דער זעלבער באַנק, אין אַ ווייסרוסיש שטעטל. שפּעטער — אַ פּירנדיקער קאָמוניסט). עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט קאַניבאַליזם און יאַט־קע־קלאַץ. אַ ווילן צו מאַכט — בכדי צו לאָזן „פליסן" בלוט; בכדי צו קענען שניידן יידישע גבירימס אָדערן....

„ביליקע פּראָזן" — האָבן טייל געלאַכט, נאָך אַזוי שפּעט ווי אין די דרייסיקער יאָרן. אָבער די יאַטקע־וויזיע האָט שוין גאָרנישט אויסגעזען אַזוי פאַנטאַסטיש־שפּילעוודיק, ווען כשר־יידישע קינדער האָבן זיך באַלעקט מיטן פרישן בלוט פון מאָסקווער גיליאָטינעס — און צווישן זיי: אויך טייל פון מיינע חברים אויף דער ישיבה־באַנק (דער קאָמוניזם האָט זיך שטילערהייט אַריינגעריסן אויך אין טייל ישיבות... אָבער דאָס איז שוין אַ באַזונדערע מעשה). נאָך מער האָב איך עס באַנומען אין זאַמאָשטש פון 1940, ווען אויף פּרצעס „אַלטן מאַרק" האָט זיך אַ רויטאַרמייער אַרומגענומען מיט אַ דייטשישן קוילער. דאָ האָבן זיך בלוט־פאַרגיסער פון צוויי פאַרשיידענע עקן דער־לאַנגט די הענט.

ווער איז שולדיק? נישט בלויז דער קאָנקרעטער באָלשעוויזם. דאָס וואָרצלט אינעם אייביקן לעכץ צו מאַכט, בכדי צו קענען טאָן „וואָס נאָר דאָס האַרץ גלוסט". אויב עס קען זיך אַנטוויקלען און געדייען אַזאַ מין ריז פון רשעות; אויב עס קען וואַקסן אַזאַ מין „בלום פון שלעכטס" — מוז דער גאַנ־צער דור אַרום זיין איר קראַנקער זומפּ. דאָס וואָלט אפשר באַין־אופן נישט מעגלעך געווען, ווען אויך די אַנדערע קעמערלעך פון דער געזעלשאַפט — אַפילו אַנטי־קאָמוניסטישע — זאָלן נישט אייטערן פון דער זעלבער מכה. די יידישע טראַדיציע איז שוין גאָרנישט געווען אַזוי אומגערעכט ביים פעסט־שטעלן: אויב עס געפינט זיך ערגעץ אַ שטיקל רוצח — איז אַביסל שולדיק דער כהן־גדול, הגם ער האָט יענעם קיינמאָל פאַר די אויגן נישט אָנגעזען.

רציחה איז נאָר דאָס לעצטע וואָרט פון מאַכט־גיר: איך בין שטאַרקער און יענער איז שוואַכער, טאָ פאַרוואָס זאָל ער מיר שטערן? ווען דער „כהן־גדול" זאָל לגמרי ריין זיין פון מאַכט־גאווה, וואָלט אַ צווייטער מענטש אין

יענעם עק וועלט נישט אויפגעבלאָזן געוואָרן אַזוי שטאַרק — ביז צום הרגע־נען אַ מענטש אַפילו בשוגג. ווען דער חשק צו באַהערשן יענעם, דערנידעריקן אים מיט כלערליי „געהרעכטע" טעמים, וואָלט נישט געלעבט אין אַ ל ע קרייזן — וואָלט זיך אפשר דער באַלשעוויזם גופא נישט פאַרוואַנדלט אין אַזאַ מין רציחה־קאָמפּלעקס ווי מיר קענען אים. וויפל „כהנים־גדולים" האָבן זיך גע־לאָזט מיטרייסן מיטן בלוט־רעפּריין, בלויז דערפאַר, ווייל דאָרט האָט מען זיי געגעבן מער כבוד? און די אומגעלאָשענע תאווה צו כבוד איז אייגנטלעך די אַנטי־טעזע צו תשובה; אַ סובלימירטער לעכץ צו מ אַ כ ט.

אויך אין אונדזערע אייגענע קרייזן קען מען אַמאָל „פאַרגיסן בלוט" צו־ליב קליינע מאַכט־תאווהס. דאָס רופט זיך אָפּ ערגעץ גאָר־ווייט, אינעם סאָ־מע־נערוו פון רציחה־סיסטעמען. די מיקראָבן פון דער זעלבער מכה לעבן אויך אין אונדזער בלוט — דערפאַר קענען מיר נישט באַקעמפן די זעלבע מחלה ביי אַנדערע מיטן גאַנצן פייער, וואָס ברענט אויס אַ קרענק. די רשעותדיקע רעזשימען פאַלן נישט אַראָפּ פון הימל ווי אַן אומבאַגרייפלעכער גזר־דין. מיר לאָזן זיי לכתחילה אויסוואַקסן און אַנטוויקלען. ביים אָנהייב „פאַרשטייען" מיר זיי הינטערבאַוווסטזיניק דורך זיך אַליין — און במילא קומט אונדזער קעגן־געשריי אין אַ צו־שפּעטער שעה. אפשר איז דערביי אונדזער בלינדקייט גרעסער פאַר אונדזער זינד. אָבער וואָס איז אַזוינס אינטעלעקטועלע בלינד־קייט? בלויז אַ שפּראָץ פון אינערלעך־פאַרטעמפּטער זינדיקייט.

אין איין האַלבן יאָרהונדערט האָבן מיר מיטגעמאַכט צוויי גרויסע וועלט־שחיטות — אויסער עטלעכע צענדליק קלענערע — פון שדיש־אומבאַגרייפ־לעכן פאַרנעם. במשך פון איין דור איז אויפגעוואַקסן אַ באַלשעוויזם, אַ פאַ־שיזם און אַ נאַציזם — שוין אָפּגערעדט פון אַ ריי קלענערע דיקטאַטורן, מיט בלוט־אָרגיעס אויף זייער געוויסן. הונדערטער מיליאָנען האָבן מיטגעטאַנצט ביים שייטער פון פאַרניכטונג. נישט בלויז פינצטערע המונים — נאָר אויך געלערנטע, מענטשן וואָס האָבן זיך געווייקט אין דער איידעלער מאַטעריע פון גייסט. איז דאָס אַלץ געשען אָן אונדזער שולד? זענען מיר בלויז ווערט רחמנות? דער אַנטי־יידישער בליק הייסט אַלעמאָל זוכן די שולד ביי יענעם: דאָס איז אַ מחנה זינדיקער, מיט וועלכע „מיר" געהערן זיך גאָרנישט אָן. אָבער דער עכט־יידישער תשובה־בליק זאָגט: אויב „אַזוינס" האָט געקענט מעגלעך זיין — זענען אויך מיר מיטשולדיק. בלויז ווייל מיר אַליין פאַרמאָגן נאָך אַזאַ פּינטעלע משוגענעם האָס אין זיך — האָבן אונדזערע אייגענע קינ־דער געקענט מיטזינגען קאָמוניסטישע בלוט־לידער פאַר אונדזערע אויגן; און אויב אויך ביי זיי האָט בלוט „געמוזט" פליסן — האָט עס אפשר אומדי־רעקט געפירט צו דעם, אַז ביי די נאַציס זאָל אונדזער בלוט מוזן „שפּריצן"

פונעם מ'עסער. אַ טיפערער אריינבליק אין געשיכטלעכע אַנטוויקלונגען וואַרפט אויך אונדז אין פּנים אַריין אַ ברעקעלע מיט־אחריות. ווען עס זאָל ביי „אונדז" נישט קענען געמאָלט זיין עד־היום קיין נ י צ ו ץ פון „סטאַליניזם" — וואָלט אויך קיין גאַנצער סטאַלין־מאָנסטער נישט געקענט מעגלעך זיין. אַפילו די רשעים פונעם דור — זענען געראָטן אין זייער צייט. ווען אין איין עק וועלט קענען זיך זאַמלען קליינע טייכעלעך רשעות — מוז אויף דער צווייטער זייט פונעם כדור־הארץ אויסוואַקסן אַ בלוטיקער ים.

מהאי־טעמא מוז מען אינעם היינטיקן קאָמוניזם בלויז זען דעם שפּיגל פון אונדזער דור — און נישט דעם אומנאַטירלעכן אויסנאַם. מיר נאַרן בלויז זיך אַליין, ווען מיר ווילן נאָר אים מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע בייזן פון דער וועלט. ער איז גיכער דעם דורס ק י נ ד, איידער זיין דערציער. אָן אַ קאָלעקטיווער וועלט־תשובה, וואָס זאָל ביי י ע ד ע ר מאַכט אַרויסשלאָגן די גיפטיקע תאווה צו בלוט און צער — וועט דאָס שפּיל פון מאָרד סייווי זיין אין דער מאָדע; מיטן קאָמוניזם אָדער אָן אים. אָן יידישער תשובה — וואַרטן אויף דער וועלט אירע אייגענע חורבות. באַקעמפן גרינגטלעך דעם קאָמוניזם, בעת קיינער פון די וועלט־מאַכטן האָט נאָך נישט געמאַכט דעם פולן חשבון אַפילו פון איין פאַרגאַזט קינד? באַזייטיקן רציחה, ווען קיין שום תשובה האָט נאָך נישט אַרויסגערופן דעם טיף־מענטשלעכן ציטער אויך אין די קעגנערישע לענדער?ביילן די פויסטן קעגן די מערדער פון האַמער און סערפּ, בעת די רוצחים פון האַקנקרייץ זענען תיכף־ומיד געוואָרן סאַלאָן־פעאיק? בישטאָ קיין גרעסערע היפּאָקריזיע. ווער עס שלייפט זיין מעסער אין אַ קאָמוניסטיש ווינקל, ווייסט שוין איצט סייווי פאָרויס: אויב די קעגנערישע מחנה וועט נישט וועלן פאַרלירן די מאַכט — און אויב דאָס אייגענע מעסער וועט זיין געניוג שאַרף — וועט מען שוין מוחל זיין... מעג מען ביז צו יענער מחילה טאָן וואָס עס געפעלט.

באַקאַנטע טענער? יאָ. דאָס שרייען איצט מ י ר — די יידן! די שוואַכע! איצט זענען מיר די קרבנות. אָבער עס מעג אונדז נאָכגיין ר' יהודה הלויס אומדירעקטע וואָרענונג: „און אַז א י י ע ר האַנט וועט גרייכן — וועט א י ר הרגענען". אויך אין אונדזערע שפּליטערן זענען שטעקן געבליבן חלומות וועגן קליינע ברעקעלעך מאַכט, וועגן אויסגעבעטע שטולן מיט כבוד — פאַר וועלכע מיר זענען גרייט אָפּצוטאָן פאַרשיידנס. מיר ווילן זיך טיילמאָל נאַרן, פאַרשיכורן, איינריידן זיך אויפן הימל אַ יריד, באַצירן זיך מיט אונדזער אויסנעמלעכקייט — אָבער אויך מיר קענען טיילמאָל זיין גרויזאַם. מיר בויען נישט קיין פיזישע תליות — אָבער מאָראַלישע שטריק קענען מיר שוין פאַרציען. גרויסע דיקטאַטאָרן עקלען אונדז — אָבער קליינע דיקטאַטאָרלעך ווימ־

לען שוין ביי אונדז אין אַ ריי ווינקלען. דערפאַר ווערט אונדזער גרויסער ווידערשטאַנד אַזוי־ווי פּאַראַליזירט. עס וועט אונדז בכן גאָרנישט העלפן — סיידן מיר זאָלן זיך זעצן לערנען די יידישע תשובה־קאַפּיטלען אויך פאַרן אייגענעם געברויך.

ה.

נאָך מיט אַ דריי שמיטות יאָרן צוריק האָט זיך אַ ישיבה־בחור צעבונ־טעוועט קעגן דעם יידישן מחזור. דערפאַר איז צווישן אים און זיין רבין — דעם האַרבן „מוסרניק" — פאָרגעקומען אַזאַ מין שמועס:

— רבי, צי מעג אַ פרומער ייד זאָגן שקר?

— חס ושלום! דער חותם פון רבונו של עולם איז אמת... סיידן צוליב שלום.

— מעג אַ פרומער ייד אויסטראַכטן אויף זיך אַליין בלבולים?

— חלילה... אין אדם משים עצמו רשע! און דער „חפץ חיים" האָט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט ריידן קיין לשון־הרע אויך אויף זיך אַליין.

— ווייסט דער רבונו של עולם, ווען מען זאָגט ליגנט? איז ער ביי דערויף?

— כ׳פאַרשטיי נישט די שאלה. דער רבונו של עולם איז אַ יודע מחש־בות. שקר קען ער זיכער נישט פאַרטראָגן.

— רבי, דאַוונט איר ימים נוראים? זאָגט איר די תפילה־זכה מיט אַלע „על חטאס"?

— כ׳פאַרשפּאַר דערויף צו ענטפערן. וואָס דען טו איך?

— אָט דאָס האָב איך געוואָלט הערן. איך קען אייך שוין יאָרן און במילא שטעל איך זיך פאָר וואָס איר זענט יאָ מסוגל צו טאָן — און וואָס נישט. איצט לאָמיר זען אויף וואָס איר זענט אייך מתוודה:

> ...האָר איבער אַלע וועלטן... איך האָב נישט צוגעהערט צו דיין קול. איך בין געגאַנגען נאָך דער עצה פונעם יצר־הרע... כ׳האָב פאַרמיאוסט אינעם גוטן און כ׳האָב אויסדערוויילט אינעם שלעכטן; און נישט גענוג, וואָס איך האָב נישט געהייליקט מיינע אברים — נאָר איך האָב זיי מטמא געווען — — — האָסט מיר באַשאַפן אויערן צו הערן הייליקע רייד און דברי תורה — ווי איז מיר, וואָס איך האָב זיי מטמא געווען: צו הערן נבלה־רייד, לשון הרע און פאַרבאָטענע זאַכן — — — אַפילו ווי אַ בהמה בין איך נישט געווען, ווייל כ׳האָב מטמא געווען מיין מויל מיט נבלה־רייד, לשון הרע, שקרים, ליצנות, רכילות, מחלוקת, פאַרשעמט דאָס פנים פון מיין חבר, געזוכט כבוד דורך מיין חברס שאַנד... (תפילה זכה).

אי ר׳? נידעריקער פאַר אַ בהמה? ווען האָט איר דאָס געהויבן אַ האַנט

און אַ „רשעותדיקע פויסט" צו שלאָגן מענטשן? ווען האָט איר זיך אויסגעשמירט מיט אַלע אומריינקייטן? ווען האָט איר באַוויזן אָפּצוטאָן אַלע מעשים־רעים און גיין אויף אַלע מיאוסע וועגן — ווי עס הייסט אייך דערציילן רבינו נסים? ווען האָט איר געזינדיקט מיט גילוי־עריות, מיט זנות־טרעפונגען? ווי קענט איר זאָגן פאַר גאָט, אַז איר האָט געגזלט און פאַרדאָרבן?

— אָטאָ־דאָ מאַכט איר דעם טעות. אַ מענטש מיינט, אַז נאָר י ע נ ע ר זינדיקט. יענער איז דער רשע. אָבער וואָס ווייסט איר וועגן זינד? יעדער חטא האָט זיך זיינע פאַרשיידענע מדרגות. מען קען אָפּטאָן אַלע חטאים אין דער וועלט, בלייבנדיק איינגעהילט אינעם טלית — הגם אַנדערע זינדיקן מיט אַלע אברים. נישטאָ קיין חטא, וואָס איז אויסגערעכנט אין מחזור, וועלכן אַ מענטש קען נישט באַגיין אויף אַ „קליינעם" אופן. אַמאָל קען עס געשען במחשבה, אין אַ שעה — אָדער גאָר אין אַ ברעקל פון אַ סעקונדע. די גרויסקייט פון דער יידישער תפילה באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס זי לאָזט ד י ך נישט אַרויס פון חשבון. אויך ד ו האָסט געזינדיקט און דאַרפסט תשובה טאָן אויף די אַלע חטאים. דו קענסט זיך נישט דערמאָנען? איז אויך פאַראַן אַ קלאָרער תירוץ: כל ישראל ערבים זה בזה. איין ייד גאַראַנטירט פאַרן צווייטן — און איין ייד האָט זיכער עובר געווען אויף ד ע ר עבירה און אַ צווייטער אויף י ע נ ע ר. אינעם גאַנצן כלל־ישראל האָבן זיכער זיך אָנגעזאַמלט די אַלע חטאים אויף וועלכע א י ך בין זיך מתוודה. וועסטו פרעגן: פאַרוואָס דאַרף א י ך זיך שלאָגן על חטא אויף יענעמס זינד? וועל איך דיר זאָגן: פאַרוואָס מיינסטו זינדיקט אַ ייד? יאָ, דער יצר־הרע! אָבער דער שטן גופא קען ווייניק אויפטאָן מיטן מענטש, אָן דעם וואָס מיר רופן „אווירת החטא" — די לופט פאַר דער זינד, די אַטמאָספערע פון חטא. שוין ר' יוחנן בן זכאי האָט געבעטן, אַז הלוואַי זאָל אַ מענטש אַזוי מורא האָבן פאַר גאָט ווי ער האָט מורא פאַר מענטשן. אַ ייד זינדיקט לייכטער — ווען די לופט אַרום העלפט אים זינדיקן. ווען איך און איר זאָלן טאַקע באמת פיינט האָבן גזילה ווי דעם טויט — וואָלט אויך אַ דריטן ייד אָנגעקומען מיט מרורים צו ווערן אַ גזלן; ווען איך און איר זאָלן טאַקע לגמרי זיין אויסגעטאָן פון מינדסטן זנות־שטויבעלע — וואָלטן אויך אַנדערע יידן נישט נואף געווען אַזוי לייכט. מ י ר וואָלטן זיי געשטערט! מ י י ן מחשבה וואָלט זיך איבערגעטראָגן צו אַ צווייטן — און פון אים צו אַ דריטן — ביז זי וואָלט אָנגעכאַפּט אַ ייד אויף טויזנטער מיילן ווייטער און אים געצוימט דעם טריפהנעם חשק. פאַרוואָסזשע געשעט עס נישט? ווייל איך אַליין בין אין די טיפענישן נ י ש ט ריין דערפון. ערגעץ האָב איך זיך אַליין מ ק י ל געווען אַ קליינקייט. איז דאָס געוואָרן אַ קיילעכל שניי באַרג־אַראָפּ, וואָס איז אַ צענטן ייד געפאַלן אין קאָפּ אַריין ווי אַ שטיין.

מיין מאָראַלישע השפּעה האָט במילא נישט געקענט האַלטן דעם אַנדערן ביי דער געהעריקער ריינקייט. דערפאַר איז איין ייִד ערב פאַרן צווייטן; דער־פאַר מוז זיך יעדער מתוודה זיין אויף די אַלע חטאים — און ער זאָגט נעבעך דערביי דעם גאַנצן אמת... און וואָס מיינט איר איז מיט גויישע רשעותן? די אפּיקורסישע חכמים האָבן אַלעמאָל געלאַכט פון אונדז: אויב אַ צורר־היהודים איז גוזר אַ שלעכטע גזירה אויף יידן — איז ער דאָך דער רשע! אָבער יידן לויפן גאָר אין שיל אַריין און זיי טוען גאָר תשובה. ס׳איז אָבער גאָרנישט אַזאַ נאַרישקייט. ס׳איז אַפילו נישט בלויז אַ וואַרטן אויפן נס און בעטן ביים רבונו של עולם אַ ישועה. איר דאַרפט וויסן, אַז יעדער רשעות האָט אַ וואָרצל אין דער גאַנצער וועלט. אויב עס קומט אויף אַזאַ מין רוצח, וואָס ווייסט נישט פון קיין שום יושר — האָבן אויך מ׳ר אַ חלק אין אים. ווען מיר זאָלן זיין לגמרי־גוט — וואָלטן אויך די רשעים געווען בעסער. לויפן מ׳ר קודם־כל תשובה טאָן אויף אונדזער חלק... אין זיין רשעות.

יענעם בחור האָט אַזאַ האַרבער אויסטייטש זיך נישט געלייגט אויפן שכל. ערשט דווקא ווען ער איז ווייט געוואָרן פונעם רבינס וועג — איז אים אַזאַ וועלט־אחריות גאָר געפעלן. עס האָבן געמוזט אַוועק לאַנגע יאָרן, ז׳י גאַנצע וועלט האָט געמוזט שווימען אין בלוט ביזן האַלדז — בכדי ער זאָל קענען זען די נאַנטע שייכות צווישן יידישער תשובה און דעם בעטן אויפן תיקון פון דער גאַנצער וועלט. אייגנטלעך וויל דער ייד זיך בלויז רייניקן פון זיינע חטאים. דערנאָך וויל ער באַקומען די העכסטע מחילה דערויף וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט. אָבער עפּעס שטערט אים, עפּעס פעלט אים: די וועלט זינדיקט דאָך ווייטער! ווייסט ער, אַז כל־זמן עפּעס אַ רשע אויפן צווייטן עק וועלט איז געהילט אין שלעכטס — מוז אויך ער בלייבן זינדיק. די הויך־יידישע תפילה־פּאַטעטיק וועגן מתקן זיין די גאַנצע וועלט במלכות שדי — האָט זיכער איר אוניווערסאַליסטישע נאָטע. וועגן דעם קען קיין ספק נישט זיין. אָבער דאָ פעלט נישט אויך די פערזענלעך־יידישע אחריות. ווען גאָט קומט „מישפּטן די וועלט" — קומט ער אויך מישפּטן מיך. אויב די וועלט־רשעות וועט נישט „פאַרלענדט ווערן ווי אַ רויך" — וועל איך במילא מוזן מיטזינדיקן; און אויב איבער דער וועלט וועט די זינד־טעמפּעראַטור אַראָפּזינקען — וועט עס זיין אַ סימן, אַז אויך מיין פערזענלעכע תשובה איז געווען אַ געהעריקע.

שותפות „מיט דער וועלט" אָדער לכל־הפּחות „אחריות פונעם גאַנצן פאָלק"? אין דער יידישער תפילה זענען זיי נישט קיין הוילע פראַזן. דער ייד טראָגט אין זיך דאָס פאָלק און די וועלט. שווער? זיכער. אָבער פון אַלע לייכ־טע תשובהס איז די וועלט נאָך פאָרט נישט גענעזן געוואָרן. מיר אויך נישט.

ו.

> כל המתוודה ולא גמר בלבו לעזוב, הרי זה דומה לטובל ושרץ בידו. שאין התשובה מועלת לו, עד שישליך השרץ... ומה היא תשובה? שיעזוב החוטא חטאו... ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד... וכן יתנחם על העבר... ויעיד עליו יודע תעלומות, שלא ישוב לזה החטא לעולם...
> (רמב״ם, הלכות תשובה).

נאָכן חורבן־היטלער האָבן זיך אין יידישן לעבן באַוויזן כלערליי בעלי־תשובה. אָבער ווען זיי זענען געקומען צו אונדז — האָבן מיר אַליין נישט געוווּסט וואָס צו פאָדערן פון זיי: וויאַזוי זאָלן מיר זיי אויפנעמען? דער באַגריף „בעל תשובה״ איז נאָך גאָר ייִנג אינעם יידיש - וועלטלעכן לעבן. ליטעראַריש און פילאָלאָגיש איז ער כמעט פאַרבליבן אין זיינע רעליגיעזע ראַמען. מען האָט אים פסיכאָלאָגיש פאַרבונדן מיט גייסטיק־פרומען איבערברוך און גאָר זעלטן אויך מיט יידיש־נאַציאָנאַלן. דער „בעל תשובה״ האָט געקענט איבערלויפן פון דער אפיקורסות צום בית־המדרש, אָדער פון אַסימילאַציע צום ציוניזם. קיינמאָל איז אָבער אַזאַ געשטאַלט נישט געווען פאַר אונדז קיין מאָראַליש „פּראָבלעם״. ער איז געקומען? איז ער געווען. ערשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך באַוויזן ספּעציפישע בעלי־תשובה אין גאַנצע מחנות און געוואָרן אַ מאַסן־טיפּ פון פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. במילא איז דער ענין תשובה געוואָרן שטאַרק קאָמפּליצירט.

אונדזער מאָדערנע יידישקייט האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט קיין בעלי־תשובה אינעם וועלטלעכן זין. האָבן זיך געמוזט שאַפן שוועריקייטן און עס איז אַפילו געקומען צו האַרבע וויכוחים. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך: אויב וועלטלעכע יידישקייט באַשטייט טאַקע פון ניינציק פּראָצענט יידישע עמאָציעס און עטלעכע פּראָצענט יידישן טאַט — וואָלט פאַר די אומקערער פון יעדן סאָרט געדאַרפט אָנקומען זייער לייכט תשובה צו טאָן: נעכטן איז זיין עמאָציע געווען אויף „יענער״ זייט — און היינט פילט ער דאָס „פאַרקערטע״. עס זעט אָבער אויס, אַז אַפילו אין דעם לאַגער פעלן אויס די געוויע מאָסן און דעפיניציעס — לויט וועלכע מען זאָל קענען מעסטן די אויפריכטיקייט פון די צוריקגעקומענע. וואָס זאָל למשל טאָן אַ שאַרפער אַנטי־ציוניסט — וואָס האָט אַ סך געשטערט דעם יידישן אויפבוי — און איצט וויל ער מיטהעלפן? וואָס זאָל מען אייגנטלעך פאַרלאַנגען פון אַ לאַנגיעריקן קאָמוניסט — אָפטמאָל מיט אַ סך קאָנקרעטע חטאים אויף זיין געוויסן — וועלכער האָט זיך אַנטוישט? ווען קען מען אויפנעמען אין קהל אַ „קאַפּאָ״ פון די דייטשע לאַגערן, אָדער אַ יודנראַטלער פון די מזרח־אייראָפּעאישע געטאָס וואָס האָט זיך געראַטעוועט? (עס האַנדלט זיך אין זינדיקע פון לייכטערן

כאַראַקטער, ווייל די אמתע נאַצי־דינער טאָר מען זיכער אַזוי לייכט נישט אַריינלאָזן אין קהל). וויאַזוי דאַרף אויסזען די תשובה פון אונדזער גאַנצן דור, וואָס האָט אַזוי שטאַרק פאַרוואָרלאָזט די קערנדיקע יידישקייט און איצט האָט ער זיך פאַרבענקט?

צו די ביישפּילן האָט קיין שיעור נישט. דער עיקר אָבער: דאָס וועלט־לעכע יידנטום איז פּלוצים שטיין געבליבן פאַרן גרויסן תשובה־קאָמפּלעקס... און וואָס איז תשובה? אינערלעכער איבערברוך, ענדערונג פון געפיל און באַנעם. דאָס איז בכן אַן ענין פון נשמה־איבערלעבונג און במילא קען מען נישט פּילן לויט מעכאַניש־באַשטימטע פאָרשריפטן. די יידישע טראַדיציע האָט אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק איינצוזעמען אויך אַזעלכע שטימונגען אין באַשטימטע הלכות. דאָס האָט נאָר געקענט מעגלעך זיין דערפאַר, וואָס יידישע הלכה איז באַין אופן נישט קיין זאַמלונג פון טרוקענע באַפעלן — נאָר זי איז גלייכצייטיק אַ טייל פונעם פּסיכאָלאָגיש־יידישן סיסטעם. האָט זי במילא אויך אירס אַ מאָס בנוגע די מענטשלעכע געפילן.

מען מוז נישט דווקא זיין פרום אין רעליגיעזן זין, בכדי אויפצונעמען תשובה ווי די שענסטע און איבעראַשנדיקסטע מתנה פאַרן מענטש. סיי ביי אַ יחיד און סיי ביי גאַנצע פעלקער זאַמלען זיך אָן גאַנצע שיכטן מיט טעותים — און פאַרברעכנס — פון וועלכע זיי דאַרפן זיך באַפרייען. ביי פּרימיטיווע פעלקער — און אויך ביי ציוויליזירטע פיאָנערן איבער וויסטע שטחים — איז געווען אַ גלייכער וועג פון דער זינד ביז צום תליה־שטריק. אָבער נישט ווייניק שליטה האָט אויך געהאַט דער צווייטער עקסטרעם פון לייכט־גנעדי־קער פאַרגעבונג. אין דער קריסטלעכער וועלט איז גוט באַקאַנט די עפּאָכע, ווען תשובה האָט געמיינט: אויסקויפן אַ גלחיש מחילה־פּאַפּיר.

אין דער אייביקער תשובה־אַקטואַליטעט, איז דאָס אומקערן זיך — אויב עס האָט זיך געהאַנדלט אין טיפער תשובה און נישט אין קיין פּרימיטי־ווער אויסקויפונג — אַלעמאָל געשטערט געוואָרן דורכן געפאַנגען־זיין פון דער אייגענער פּראַזע. תשובה איז פאַרבונדן מיטן אויפגעבן די אינערלעכע מאַכט. ביי די געטער פונעם אָלימפּ איז נישט מעגלעך קיין תשובה — ווייל זיי זענען געטלעך. דער זינדיקער מענטש ווערט בדרך כלל באַטראַכט ווי אַ שוואַכער מענטש; אָבער נישט זעלטן איז זינד פאַרבונדן מיט שטאַרקער איינגעגלייבטקייט אין זיך. דער חוטא קרוינט זיך אייגנטלעך פאַר אַ שטילן „גאָט", וואָס מעג אַלץ טאָן אומגעשטערט — און דער וואָרצל פון זיין שלעכטס איז פּאַקטיש זיין מאַכט־סוגעסטיע איבער זיך אַליין. נאָך בולטער קומט דאָס צום אויסדרוק אין אינטעלעקטועלע אָדער אידעאָלאָגישע חטאים: אויך דאָ איז מען אייגנטלעך געבונדן צו עפּעס אַ גאָט, צו אַ העכערער מאַכט — וואָס

אַמאָל באַשטייט זי אינעם אייגענעם וואָרט — וועלכע לאָזט נישט מאַכן קיין ענדערונג.

יחידים און גאַנצע באַוועגונגען בלייבן אָפטמאָל הילפלאָז, בלויז דערפאַר ווייל עפּעס אַן אַלטער פּרינציפּ — אָדער אַ פּונקט אינעם פעסטגעשטעלטן פּראָגראַם — האַלט געבונדן די הענט. נישט איין מענטש האָט — אין אַ געוויסער שטימונגס־שעה — אָנגעשריבן זיין אַני־מאַמין און שפּעטער וויל ער שוין נישט „באַנקראָטירן". שעמט מען זיך טיילמאָל אָפּצוטרייסלען פון די אייגענע רייד — אַפילו ווען זיי שטיקן שוין דעם אָטעם. אין טיפערן זין מיינט אויך דאָס: באַזעסן זיין פון אַ מאַכט־קאָמפּלעקס, פון וועלכן מען וויל נישט אַראָפּנידערן. היות אָבער ווי די לאַגע, די ווירקלעכקייט אָדער די דערפאַרונג, האָבן אַ סך געענדערט — זוכט מען זיך אויס לאַקאָנישע ווערטער, לויט וועלכע מען גייט טאַקע פאָרויס, אָבער דאָך בלייבט עס ביים אַלטן.

די גרעסטע צאָל וועלט־טראַגעדיעס שטאַמען נישט אַזוי ווייט פונעם שלעכטן ד ע נ ק ע ן, ווי פונעם שלעכטן ג ע ד ע נ ק ע ן; פונעם נישט קענען זיך באַפרייען אין דער געהעריקער צייט פון דער געדאַנקלעכער בלאָטע, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן אויסגעטרוקנטן קוואַל פון לעבעדיקע אידייען. מען שעמט זיך אומצוקערן אָפן, ווייל דאָס קען געבן דעם קעגנער אַ קריטיש טריאומףגעווער אין דער האַנט. דאָס וואָלט שוין במילא געהייסן אַ מוותר־זיין פון אייגענער „מאַכט" לטובת יענעם. פאַרטיידיקט מען אָפּט די ברוטאַלסטע אַבסורדן, וויבאַלד זיי זענען נאָר געבוירן געוואָרן אין אַ שעה פון דער אייגענער טונקלקייט. דערפון דעגענערירן אָפּט יחידים און פעלקער, פאַרטייען און דורות. טיילמאָל איז מען זיך ערשט מודה צו־שפּעט, ווען קיין ברירה איז סייווי מער נישטאָ און די אילוזאָרישע מאַכט איז שוין סייווי צעקרישלט. מען איז זיך מתוודה — ווייל מען וויל זיך כאָטש מיט עפּעס לייכטער מאַכן דאָס פאַרשפּעטיקטע געוויסן. דאָס איז אָבער אַן אַרויפגעצוווּנגענע ח ר ט ה און נישט קיין פרייוויליקע ת ש ו ב ה, וואָס איז נאָך בכוח עפּעס מתקן צו זיין. דאָס איז נאָר אַ מיטל זיך לייכטער צו מאַכן דעם וועג צו דער אַלטער זינד. אין אַ געוויסן פרט איז דער רוב בעלי־תשובה פון אונדזער דור אָנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע. אין פּראַקטישן לעבן מעקט זי ווייניק אויס און שרייבט ווייניק צו.

די ה ל כ ה פון יידישער תשובה וויל אָבער נישט אָנערקענען אַזאַ טאָפּלטקייט. זי נעמט נישט אויף קיין תשובה פון הוילע רייד־ווידויים און שטימונגס־קרעכצן: ביסטו אַ בעל־תשובה — ברעך זיך! פיל דעם טעם ממש פון פיזישער ענדערונג בעת דיין גייסטיקער איבערקערעניש. רעדסטו אַדער

שרייבסטו „ווידויים" — זאָל דיין אייגן האַרץ זיי קודם איינקריצן אין זיך, ווילסטו זיך טובל זיין, בכדי ריין צו ווערן אין ים פון ווערטער — מוזסטו אַרויסלאָזן פון דער האַנט דעם „שרץ" פון די פריערדיקע מעשים.

אָבער די „טבילה מיטן שרץ אין האַנט" איז געוואָרן דער כאַראַקטעריס־טישער נוסח פון אונדזער תקופה. מיר האָבן, למשל, צוגעזען די צוויי גרעסטע זינד־היסטעריעס אין דער מענטשלעכער געשיכטע: די היטלעריסטישע און סטאַליניסטישע. ביידע האָבן אָנגעהויבן מיט פּראָגראַם־ווערטער, מיט מאַסן־סוגעסטיע און פאַרענדיגט מיט די שווידערלעכסטע מעשים. דערביי האָבן מיר שוין אויך געזען, וויאַזוי יענע „מאַסן" קענען זיך קלאַמערן אין פאַרשריבענע פּראָגראַם־רייד, אַפילו ווען זיי פירן אין כף הקלע: איינמאָל פאַרחתמעט — מוז מען זיי אַדורכפירן אין לעבן. מיר האָבן פון זיי אויך געלערנט, וויאַזוי טייוולאָנישע זינדיקער — באַזעסן פונעם מאַכט־שד — ווייסן נישט פונעם גיין צוריק, אַפילו ווען די שווערד פון זייערע מעשים נעמט זיך אַראָפּלאָזן אויפן אייגענעם קאָפּ, אָדער אויפן קאָפּ פון אייגענע.

צו דער שאַנד פון צוויי גרויסע פעלקער אין מאָדערנעם אייראָפּע וועט פאַרשריבן ווערן: ביידע האָבן אַזוי שטאַרק געלאָזט פאַרפלאַנצט ווערן די רשעות אין זיך, ביז זי האָט אויסגעשעפּט אַלע אירע מעגלעכקייטן. דער נאַ־ציזם האָט זיך נישט אויסגעלאָשן דורך דייטשער תשובה, נאָר ליקווידירט געוואָרן דורכן שטורעם פון דער דרויסנדיקער וועלט. דאָס זעלבע איז געשען מיט דער ערשטער וואַריאַציע פונעם סטאַליניזם: נישט דאָס רוסישע פאָלק, אָדער די „בעסערע" כוחות אין דער שפּיץ, האָבן באַצייטנס אויסגעלאָשן דאָס לעבן פונעם צווייט־גרעסטן רוצח — נאָר דער פּשוטער מלאך־המות... אין דייטשלאַנד איז געקומען צו אַ טראַפּן „תשובה" ערשט דאַן, ווען קיין אַנדער עצה איז מער נישט געווען. דער היטלעריזם איז סייווי געלעגן צעשמעטערט. דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויך דערנאָך קיין תשובה־זעק נישט אָנגעטאָן; זיך אינערלעך נישט איבערגעבראָכן. ס'איז געווען אַ נאַקעטע חרטה — ווי סוחרים נאָכן מאַכן אַ שלעכט געשעפט: דער נאַציזם האָט נישט געטויגט, ווייל ער האָט געפירט צו מפּלה און חורבן. דאָס איז געווען דער טאָן אַפילו ביי דער מערהייט „בעסערע" דייטשן. תשובה מיטן שרץ אין דער האַנט איז אַ מיאוסע זאַך — אָבער נישט ווייניקער מיאוס זעט עס אויס, ווען דער תשובה־שטורעם רייסט אַרויס דעם שרץ בגוואַלט. נישט אַנדערש איז עס געווען אינעם נאָך־סטאַלינישן רוסלאַנד. אויך דאָרט איז עס שפּעטער געקומען צו חרטה־רייד. דער סטאַליניזם איז מכלומרשט דעטראָניזירט געוואָרן. ס'איז אָבער געווען אַ חרטה אָן תשובה. במילא איז עס געבליבן אַ טבילה מיטן זעלבן שרץ טאַקע אין יענער האַנט, וואָס האָט צעשמעטערט סטאַלינס דענקמאָל. אַזוי איז עס

אויך געווען מיטן רוב קאָמוניסטישע אָנהענגער אין דער וועלט: אָפּגעקרעכצט דעם חרטה־ניגון און ווייטער געבליבן ביים שרץ.

ביידע אור־רשעותן — די קרוינען פון שטן אין אונדזער דור — זענען אויסגעגאַנגען אָן תשובה, נאָר דורך בלויזער „ליקווידאַציע" פון אַ באַנקראָט־געשעפט. דאָס האַרץ ביי ביידע מחנות האָט נישט אויפגעטרייסלט. שוין נאָכן פאַרשרייען סטאַלינען — איז רוסלאַנד געבליבן ביי אַ נייער וואַריאַציע פונעם זעלבן שרץ; און יאָרן־לאַנג נאָך היטלערס מפּלה איז נאָך דייטשלאַנד צע־ווערעמט פון די זעלבע מיקראָבן.

אויך די פרייע וועלט האָט געהאַט צו ביידע מאַסן־מערדערישע באַוועגונגען אַ צוגאַנג פון פּאָליטישער טאַקטיק. אַזוי איז עס אויך געווען מיט אַנדערע אכזריות־דערשיינונגען. צופעליק, למשל, איז דער האַרטער בעווין־רעזשים אין ענגלאַנד דערגאַנגען צו זיין אייגענער מפּלה. דאָ האָט זיך שוין אויסגעווירקט דער העכערער חשבון פון דער געשיכטע. ווי וואָלט אָבער געווען, ווען די פּאָליטיק פון האַרצלאָזיקייט, דאָ אָדער דאָרט, זאָל געווען דערפירן צו וויטערדיקע נצחונות? דאַן וואָלטן גובר געווען די רעאַלע פאַקטן איבערן געוויסן.

אויב די פּאָליטיק פון האַסן דעם קאָמוניסטישן מאָרד האָט פאַרלאַנגט, מ'ען זאָל טיילווייז מוחל זיין די פריערדיקע רציחות פונעם נאַציזם — איז עס אַ קאַמף קעגן ברוטאַליטעט „מיטן שרץ אין דער האַנט". דאָס באַווייזט אונדז, אַז מען שלאָגט זיך און מ'בעט זיך איבער מיט מערדער נישט לויט תשובה־אַקאָרדן נאָר לויט שטאַאַטלעכן מסחר. די וועלט לעבט ווייטער אָן תשובה — און דערפאַר קען זי אויף להבא אויך איר אייגענעם גורל נישט באַוואָרענען. די חשבונות קעגן מלחמה ווערן נאָך אַלץ באַגלייט מיט מאָטיוון פון פּשוטער שרעק: ווער ווייסט, אויב דער שונא האָט נישט קיין גרעסערע משחיתים? דער טיף־מענטשלעכער אַרגומענט פון נאַרמאַל־פּאַציפיסטישן הו־מאַניזם האָט פאַרלוירן זיין השפּעה. אין אַלע שלום־פאַרהאַנדלונגען דאָמי־נירט דער טרוקענער חשבון, אַז עס וועלן אין דער „קומענדיקער" מלחמה נישט זיין קיין זיגער אָדער באַזיגטע. טייל גיבן אַפילו צו מיט צינישער אָפנקייט: ווען איין צד זאָל למשל זיכער זיין, אַז פאַרן פּרייז פון עטלעכע מיליאָנען טויטע וועט ער זיין דער פולער זיגער — וואָלט זיך אפשר געלוינט אָנצו־הייבן פונדאָסניי דאָס בלוטיקע שפּיל.

איז נאָך אַלץ נישט פאַראַן קיין בעסערע פאַרשריפט פאַר דער צעטומל־טער וועלט ווי די יידישע תשובה: אַריינקוקן אינעם גאַנצן תהום פון דער גרויסער זינד; דערזען דעם גאַנצן עבר און דערשראָקן ווערן פון אים — ביז דער זעער פון אַלע פאַרבאָרגענישן אַליין זאָל קענען קומען און עדות זאָגן,

אַז מען קען דאָס נישט געשען. מיר הערן דווקא גאָר אָפּט אַלערליי אַנטי־מלחמהדיקע תשובה־טענער — אָבער דערביי ווערן נאָך אַלץ פּראָדוצירט די מוראדיקסטע כלי־משחית (און די לאַגע גיט אונדז נאָך אַ גליק־געפיל, וואָס זיי געפינען זיך אויך אין פ ר יי ע הענט). ס'איז אַן אייביקע תשובה מיטן שרץ פון פאַרניכטונג אין דער האַנט... און כל־זמן דער דאָזיקער שרץ לעבט — וועט שרעק באַהערשן די וועלט; און כל־זמן שרעק וועט הערשן — וועט יעדעס פאָלק באַזונדער שטרעבן צו מער רויער מאַכט; און כל־זמן די דאָזיקע מאַכט וועט זיין דער אידעאַל — וועט קיין תשובה נישט קומען... און אָן תשובה קומט מען קיינמאָל נישט צוריק, פאַרגעסט מען אין די שאָטנס פון עבר; און אַז מען קומט נישט צוריק — לויפט מען פאָרויס, לויטן פריער־אָנגעצייכנטן וועג. אוןביים שפּיץ פון אונדזער היינטיקן „פאָרויס" שטייט דער מלאך־המות און וואַרט אָפּ זיין קרבן מיט מיליאַרדן פייערדיק־רוצחישע אויגן.

ז.

אויך אין אונדזער יידישער וועלט איז געקומען צו אַ סך „תשובה" פון בלויזע רייד. כמעט מיר אַלע האָבן זיך שוין מתוודה געווען אויפן חטא פון אַסימילאַציע — אָבער זי אַליין באַהערשט נאָך אונדזער הויז און געמיט. מיטן מויל זענען מיר איצט געוואָרן שטאַרקערע יידן ווי אין אַמאָליקע צייטן. אָבער קיינער קען נישט גאַראַנטירן, אַז מיר וועלן זיך צו דער „באַנקראָטירטער" אַסימילאַציע מער נישט אומקערן. אדרבא: זי באַפעסטיקט זיך אַלץ מער און מער אין אונדזער רעאַלן לעבן.

נישט מער: „אַמאָל" איז די אַסימילאַציע געווען אַ באַוווסטזיניקע, אַן אַגרעסיווע, אַ דענקערישע. זי האָט געוווסט וואָס זי וויל און עס אַרויסגעזאָגט מיטן פולן מויל. דערפאַר האָט דער אַסימילאַציע־אַגיטאַטאָר געהאַט אַ שווערן וועג אינעם עכט־יידישן לאַגער אַריין. ער איז געבליבן אָפּגעטיילט דורך אומצייליקע ווענט. זיין געדאַנקען־גאַנג איז געווען אַזוי קלאָר — ביז מען האָט פאַר אים געקענט אָפּשליסן די היימישע טויערן. איצט אָבער ליגט טיילמאָל די אַסימילאַציע אין אייגענע הענט. מיר זענען זיך טיילווייז טובל אין אַלע תשובה־טייכן, אָבער דער שרץ ליגט ווייטער צווישן אונדזערע פינגער.

אין אַמעריקע למשל קען מען זי אָפּט זען אַפילו אויף נאַציאָנאַל־יידישע אסיפות: אין ציוניסטישע קלובן און רעליגיעזע אַפּאַראַטן. עס איז ממש נישטאָ קיין אַנטרינונג פון איר. דאָס באַיקאָטירן יידישע לשונות אַפילו אין די ריין־נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן איז נאָר די אויבערפלעכלעכע הויט פונעם דאָזיקן שרץ. דאָס קען מען גיכער צושרייבן יענעם גראָבן סנאָביזם, וואָס באַהערשט ליידער יינג און אַלט. הינטער דער דאָזיקער הויט ליגט באַהאַלטן אַן עם־

הארצות, וואָס איז געפּערלעכער פאַר אַלע אָפענע אַסימילאַציע־טענדענצן. צענדליקער טויזנטער זענען „שטאָלץ" מיט זייער יידישקייט — אָבער זיי ווייסן פּאַקטיש נישט וואָס אַזוינס יידישקייט מיינט. אַ סך קאָנטיקע מנהיגים און פּראָפּאַגאַנדיסטן פאַר נאַציאָנאַלע אידייען — ווייסן בכלל נישט קיין סך מער ווי דעם בלויזן נאָמען פון זייער אָרגאַניזאַציע און פון מדינת ישראל. דאָס טאָלערירן גייסטיקע און אָרגאַניזאַציאָנעלע וואָרטזאָגער — וואָס קענען נישט קיין יידישן צורת אות און עס פעלט זיי אַפילו נישט — איז שוין ממש געוואָרן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. יידישע געדאַנקלעכקייט איז כמעט ווי געוואָרן אַן איבעריקע סחורה אין נישט־וויניק קרייזן — און ווער עס געדענקט צוויי פּסוקים, האָט שוין פּשוט געהאַרעוועט לפנים משורת הדין.

אויסער דעם „הארץ" און די מטבע — פאַרלאַנגט מען שוין כמעט ווי גאָרנישט ביי קיינעם. אַפילו דער ציוניזם איז שוין ביי טייל געוואָרן דער פּאָרמעלער תשובה־מעדיום, דאָס לייכטע רייד־מיטל — מיט וועלכן מ'קען אָפּשפּרעכן אַלע ווידויים און ווייטער בלייבן אויסגעהוילט פון יעדער יידישן ניצוץ. נישט וויניק סינאַגאָגעס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בלייכער אימיטאַציע פון דער קירכע — און דער יידישער קלוב איז אָפט געוואָרן דאָס כשרות־טליתל איבערן קאָרטן־טיש. עס זענען פאַראַן אומצייליקע צווייגן פון נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וווּ דאָס טראַכטן אַרום אַ יידיש־גייסטיקער טעמע איז אַ נישט־געזעענער גאַסט במשך פון יאָרן. דאָס אָנגעהערן „צום יידישן פאָלק" איז — אויסער דעם ביישטייערן זיך מאַטעריעל — געוואָרן אַן אַבסטראַקטער ענין. עס איז גענוג צו זאָגן, אַז „מען געהערט" דאָרט.

עס איז בכן גאָר ניטיק, אַז אויך אין אונדזער ניי־דערוואַכט נאַציאָנאַל געפיל זאָל איינגעפירט ווערן די הלכה פון יידישער תשובה: בעת יעדער „טבילה" זאָל מען לכל־הפּחות באַמערקן, אויב דער אַסימילאַציע־שרץ גופא קומט ווידער נישט אַרויס, איינגעהילט אין דער ריינקייט פון אונדזער מאָדערנעם אומקער.

ח.

מיר האָבן שוין געזאָגט, אַז כמעט יעדע אידעאָלאָגישע באַוועגונג איז פּאַקטיש געוועזן אַ תשובה־אינסטיטוציע. נישט בלויז ביי יידן. נישטאָ דוכט זיך קיין פאָלק, וואָס זאָל נישט פאַרמאָגן קיין תשובה אין אירע גייסטיקע קאַמערן. אָבער ביי קיין אומה־ולשון איז די טיפערע תשובה נישט געוואָרן קיין ספּעציפישער מאָסן־שטריך. סימבאָליש האָט די קריסטלעכע טעאָלאָגיע זיך אָפּגעגעבן מיט תשובה מער ווי די יידישע. למען האמת האָבן זיך געפונען נישט וויניק קריסטלעכע יחידים צווישן דער רעליגיעזער אַריסטאָ־

קראַטיע, וואָס האָבן זיך באמת נישט אויפגעהערט צו לייטערן אַ גאַנץ לעבן. נאָר די המונים זענען קיינמאָל פון אַזאַ קרישטאָלענער לייטערונג נישט מיטגעריסן געוואָרן.

די נאַקעטע פאַקטן באַווייזן, אַז די האַרב־קריסטלעכע תשובה האָט אירע גרויסע מאַסן צו קיין מענטשלעכע הויכן נישט דערפירט. אין בעסטן פאַל האָט זי געשאַפן אַ פאָרמעלע ציוויליזאַציע — וואָס ברעכט זיך ביים ערשטן נסיון. פונקט ווי ביים שפעטערדיקן קאָמוניזם, האָט זיך אויך דאָ אויסגעווירקט די זעלבע טראַגעדיע: לאַנגע יאָרהונדערטער האָט קריסטנטום געפריידיקט ליבשאַפט צו די גלייביקע — אָבער בעיקר האָט זי פראַקטיצירט דעם פייערדיקן האַס צו די אומגלייביקע. די גרויסע ליבשאַפט האָט זי אָפגעלייגט, ביז אַלע זינדיקע וועלן זיך שוין איינטוליען אין דער קירכלעכער שויס. פונעם גאַנצן מאָראַל־שפיל האָבן די המונים בעיקר דערשמעקט — במשך פון גאַנצע תקופות — בלויז דעם ריח פון בלוט. די יידישע געשיכטע — איבער וועלכער דער שאָטן פון אַזויפיל אינקוויזיטאָרן האָט זיך אויסגעשפרייט — קען דערויף זיין דער בעסטער עדות. די תשובה ביי דער קריסטלעכער וועלט האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פייערלעכסטע ליבע־דעקלאַראַציעס, מיטן עקסטרעמסטן איבערבּרוך — אָבער טיילמאָל דעגענערירט ביז צו געקויפטע מחילה־פאַפירלעך און קניענדיקע מויל־ווידויים אויף אַ רגע.

אָבער די יידישע תשובה האָט, בדרך כלל, געקלאַמערט זיך און געוואָלט קאָנטראָלירן דאָס טעגלעכע לעבן. ווען יידן זענען געווען יידן — איז די אמתע תשובה פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלן פאָלקס־שטריך, וואָס האָט אָנגעשלאָגן ביז אין דער „שוסטער־גאַס”. יידישע תשובה האָט דעם כוח צו זיין צוגענגלעך פאַר אַלעמען, דווקא דערפאַר וואָס זי פאָדערט אַ סך מער ווי די אַבסטראַקטע אויסלייזונג. יידישע תשובה האָט זיך נישט באַהאַלטן אונטער ברייט־צעפליגלטע נעפלען, נאָר זי איז אַלעמאָל געווען קאָנקרעט, הלכהדיק — און אָנגעכאַפט יעדן מענטשלעכן טאָג ביי דער פאָלע.

וואָס איז איר וואָרצל? פאַרן טראַדיציאָנעלן געהער איז תשובה מער חסד־רעטעניש ווי לאָגיק. זי איז מער געטלעכער צונויג ווי מאָראַלישער אמת: קען מען דען אַפילו מיט דער פיינלעכסטער חרטה לעבעדיק־מאַכן איינעם וואָס די אייגענע הענט האָבן אומגעבראַכט? קען מען דען מיט תשובה אָפווישן מעשים, וואָס זענען שוין געטאָן געוואָרן? אָבער דאָס עפענען דעם תשובה־טויער האָט געוואָלט אָפטיילן דעם „פריערדיקן” מענטש פונעם „שפעטערדיקן”. צוויי באַזונדערע מענטשן — און אין מיטן דער תשובה־טויער. דאָס איז פאַקטיש אַ מין מיסטישע אָפעראַציע איבער דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט. זי איז אָבער באַגלייט פונעם לאָגישן הינטערטאָן, וואָס פאָדערט

אייזערנע באַווייזן, אַז דער „שפּעטערדיקער" טייל האָט מער נישט קיין שום זינדיקע שייכות צום „פריערדיקן".

די אַמאָליקע מעשים זענען טאַקע רעאַלע „עקזיסטענצן". זיי האָבן שוין אדורכגעפירט אַזעלכע ענדערונגען, וואָס קיינער קען פון דער „ווירקלעכקייט" נישט אויסמעקן. די מעשים קענען טאַקע קיין „אַנדערע" נישט ווערן — אָבער דער מענטש קען ווערן אַן אַנדערער. דערפאַר טאָר ער מער נישט האָבן די מינדסטע שייכות מיט „יענעם" וואָס איז באַגאַנגען די זינד. די פּסיכישע צעטיילונג מוז זיין אַזוי טיף, ביז צום מגולגל ווערן אין אַ פיזישער.

מיינט עס, אַז מיט תשובה ווערט דער „פריערדיקער" לגמרי באַפרייט פון שולד? אַז דער גאַנצער „שפּעטער" איז אַנטלאָפן אין אַ זיכערער פעס־טונג? ניין. תוכיקע תשובה גיט נאָר אַ רעכט דעם מענטש צו זיין דער אייגע־נער שופט. בלויז ער גופא קען אַריינדרינגען אין אַלע זיינע פאַרבאָרגענישן — און במילא קען נאָר ער אַליין צעשטערן אַלע אינטימסטע קעמערלעך פון דער פריערדיקער רשעות. אַפילו דער פרומסטער ייד, וואָס שטעלט זיך ימים־נוראים צו גאָטס שטול, מוז פריער אַדורכגיין אַלע קאָרידאָרן פון זיין אייגע־נעם משפט; דעם גאַנצן ווערטער־קאָשמאַר פון ווידויים — בכדי צו געדענקען צו וועלכער מעטאַמאָרפאָזע יעדער מענטש איז מסוגל... ער מוז געדענקען, אַז דער „לא תרצח" איז נישט אָנגעזאָגט געוואָרן בלויז צו נאַטור־מערדער, ווייל די תורה איז געגעבן געוואָרן אויך צו צדיקים און אויך זיי האָט מען געמוזט אָנזאָגן: דו זאָלסט נישט מאָרדן!

די יידישע על־חטאס און ווידויים פאַלן נישט אַריין אין קיין פּערווערזער היסטעריע — אַפילו ווען זיי ציילן אויס די שרעקלעכסטע פאַרברעכנס — ווייל זיי גיבן נאָר דעם מענטשלעכן שפּיגל: אָט צו וואָס ער איז אַלץ פעאיק! דער פשוטער פאַרברעכער איז מסוגל צו הרגענען פאַר געלט — און דער „העכערער" מערדער איז מסוגל צו הרגענען צוליב גאָט אָדער אַ געוויסער אידיי. אַלע זענען אָבער עלול צו באַגיין די שענדלעכסטע פאַרברעכנס — און יעדער קען אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין „אַן אויסוורף מיט דער תורהס דערלויבעניש", לויטן וווּנדערלעכן אויסדרוק פונעם רמב"ן. יידישע תשו־בה מיינט בכן און קודם־כל: טיפערע מענטשן־קענטעניש, גייסטיקער בדיקת־חמץ אין אַלע האַרץ־ווינקלען. אַ מענטש פון תשובה דאַרף זיך קודם־כל לער־נען זען, אַפילו אין די טונקלסטע קעמערלעך. ערשט דאַן ווייסט ער וויאַזוי צו געפינען די ברכה פון מענטשלעכן אומקער. דער מענטשלעכער שופט מוז זיין שטרענג: אויפן בוידעם פון מענטשלעכן געפיל וואַלגערן זיך אַלערליי לעכצן, דערשטיקט־בייזע בענקשאַפטן — וואָס טיילמאָל טוען זיי זיך אָפּ זייערס דורך אַ קוים־קוימיקן חלום־שאָרך. מוז דער שופט איבער זיך אַליין ראשית־כל

נעמען דעם וואָרט־רעפלעקטאָר און אויסזוכן דאָס נשמה־פוילעניש פון אַלע באַהעלטענישן. ער מוז אויסרעכענען אַלע פּערוואַרזיטעטן — בכדי צו דערזען זיי פּאָרן אויג. ערשט דאַן קען ער איינפּלאַנצן אין זיך דעם עקל צו זיי. ביז ער זאָל זיי קיינמאָל מער נישט קענען באַגיין. אויב ער דאַרף ווערן אַן „אַנ־דערער" — מוז ער זאָרגן, אַז קיין שום זכר פונעם פריערדיקן זאָל נישט בלייבן פאַרשטעקט אין זיינע אינגעווייידן.

דער דערשראָקענער ייד אינעם יום־כּיפּורדיקן טלית איז בכן נישט קיין נאָכפּלאַפּלער פון דיבורים, וואָס אַנדערע האָבן פאַר אים אָנגעשריבן. בכל אופן טאָר ער זיי נישט נאָכפּרעפּלען לויט מעכאַנישע אָנזאָגן. ער אַליין מוז לעבן און איבערלעבן די ווערטער. דער ייד שטעלט זיך נישט צום משפּט אַ ל י י ן. צוזאַמען מיט אים שטייט איינגעהילט זיין גאַנצער דור, די גאַנצע וועלט... און עס איז נאָכנישט געווען אַזאַ וועלט־דור אין וועלכן אַ ל ע חטאים פונעם מחזור זענען נישט באַגאַנגען געוואָרן. דער ייד איז דערביי גאָרנישט שולדיק ד י ר ע ק ט, וואָס די גאַנצע וועלט שטעלט זיך נישט געוני ווי ער צו דער חרטה־וואַנט. וויל ער דורך זיך אויסבויען אַ ליכט־ווינקעלע, וואָס זאָל איר זינדיקן צער קלענער מאַכן. עס איז אויך גאָר ווייט פון רעליגיעזער מליצה, ווען דער ייד איז מרמז דערביי, אַז אָן תשובה הענגט אַ שלעכטע גזירה איבערן קאָפּ פון דער וועלט. זיי דערפאַרוגגען פון אַזויפיל יאָרהונדער־טער, בפרט פונעם לעצטן, מאַכן אַלע פירושים פאַר איבעריק.

ט.

יידישע תשובה וויל אייגנטלעך דאָס עלעמענטאַרסטע: ג ע ר ע כ ט י ־ ק י י ט. אָבער מיט הוילע רייד ווערט קיין גערעכטיקייט נישט דערגרייכט. אַפילו עטלעכע אָפּגעריסענע תשובה־מעשים קענען זי נישט באַשאַפן. זי פאָ־דערט דעם גאַנצן מענטש — ביז דעם מינדסטן אָדערל.

דער ייד וואָס שטעלט זיך אינעם הייליקסטן תשובה־טאָג פאַר גאָט — שטייט נישט בלויז פאַרן אַ ל מ ע כ ט י ק ן — נאָר בעיקר פאַרן ג ע ר ע כ ט ן האַר פון דער וועלט. ווען דער ייד, למשל, זאָל וויסן מיט דער גאַנצער זיכער־קייט — אויב אַזוינס קען געמאָלט זיין — אַז גאָט איז טאַקע אַלמעכטיק, אָבער ער איז „אומגערעכט" און אָן אַ „געוויסן", וואָלט ער אפשר צו ז י י ן אַ ל מ אַ כ ט אַ ל י י ן נישט מתפּלל געווען. ווען גאָט זאָל בלייבן בלויז „שטאַרק" — וואָלט ער אפשר געציטערט פאַר אים, געשראָקן זיך פאַר זיין שווערער האַנט — אָבער דאָס האַרץ וואָלט ער אים נישט אָפּגעגעבן.

אינעם טאָג פון תשובה זוכט ער אויך ביי גאָט אַליין די גערעכטע דער־הויבנקייט („ויגבה השם צבאות ב מ ש פ ט והאל הקדוש נקדש ב צ ד ק ה").

ערשט ווען ער ווייסט, אַז כביכול גופא דערהייבט זיך און אַז ער „היי־ליקט זיך מיט גערעכטיקייט" — קומט ער זיך פאַרבייגן צו אים. אמת: די יידישע תשובה צאָלט אַ סך צינזן דער געטלעכער גבורה, אָבער בעיקר הייבט זי אַרויס זיין צדקה. דאָס זעען מיר נישט בלויז אין די זייטיקע פיוטים, נאָר אויך אין די הויפּט־תפילות. איידער דער ייד טוט אַליין תשובה מוז ער זיכער זיין, אַז דער אַלערהעכסטער כוח גופא איז אַ כוח פון גערעכ־טיקייט און קדושה. ער שטעלט זיך טאַקע פאַר דער שטול פון דין — אָבער די דאָזיקע משפט־שטול וואָלט זיכער נישט אַוועקגעשטעלט געוואָרן אינעם יידישן האַרץ, ווען איבער איר זאָל נישט שוועבן קיין מידת־הרחמים. גערעכטיקייט טאָר נישט באַשטיין אַפילו אויף געטלעכע געזעץ־פּאַראַגראַפן. דער מאָטיוו פון „ויכון בחסד כסאך ותשב עליו באמת" איז אפשר דער סאַמע־דאָמינירנדיקסטער אין דער יידישער תפילה. דער ייד וויל קודם־כל זען זיצן זיין גאָט אויף דער שטול פון חסד און אמת. נישט גאָט דער גיבור זיצט אויף איר, נאָר דער אַלערהעכסטער חסד, דער געהייליקטער אמת.

גאָט אָן חסד — איז נאָכנישט געהייליקט. די יידישע תפילות ווילן נישט בלויז, אַז ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער אונדזער אָרעמקייט — נאָר ער זאָל אויך זיך אַליין דערהייבן „העכער" דורך גערעכטע מעשים („בצדקך עמוסיך — תוקדש אָדון על כל מעשיך"). דער ייד האָט נישט בלויז מורא צו פאַרלירן זיין לעבן, נאָר ער וויל נישט פאַרלירן דאָס געטלעכע פון זיין גאָט. דער ייד גלייבט נישט אין אים, ווייל ער איז „גאָט" — נאָר ווייל ער האָט אַטריבוטן, וואָס וואַרעמען דאָס יידישע האַרץ. פּונקט ווי גאָט האָט דעם ייד געגעבן געזעצן, צוליב וועלכע ער איז ראוי צו זיין אונטער די פליגל פון דער שכינה — אַזוי מאַכט זיך דער ייד זיין פאַרשטעלונג וועגן גאָט, צוליב וועל־כער ער בלייבט דער מלך פון זיין האַרץ. נעמט למשל די פשוטע תפילה פון „וכל מאמינים":

> און אַלע גלויבן — אַז ער איז גוט צו אַלעמען... אַז ער פּירט מיט חסד יעדער דור... אַז ער האָט געדולד... אַז ער קוקט צום רשע און וויל זיין גערעכט־ווערן... אַז ער מאַכט גלייך קליין און גרויס... אַז ער איז ווייך צום [לאָזן זיך] איבערבעטן... אַז ער איז אַ גערעכטער שופט — — —

אמת: דער ייד פאַרבייגט זיך גאָר טיף פאַר גאָטס שטול; און זיך אַליין איז ער דערביי מבטל ווי דעם שטויב פון דער ערד. אָבער וויבאַלד ער דאַרף תשובה טאָן — וויל ער דערביי, אַז אויך כביכול זאָל תשובה־טאָן אויף זיינע מעשים. אַז איר ווילט — איז די יידישע תפילה אויך אַ שטאַרקער רוף צו געטלעכער תשובה. אויב ירושלים איז נאָך נישט אויפגעבויט — מוז ער זי אויסבויען; און אויב רשעות בכלל הערשט נאָך אויף דער וועלט — מוז זי

גאָט באַזייטיקן, בכדי זיין הערשאַפט זאָל טאַקע אויסשפּרייטן איר ממשלה. אַפילו די הייסע שבחים וואָס דער תפילה־ייד גיט אָפּ זיין באַשעפער זענען נאָר אַ מין פּרעלודיע צו די פאָדערונגען, וואָס ער גייט שטעלן דער שלימות־דיקער גערעכטיקייט. דער יום־כיפּורדיקער מוסף שטעלט אַרויס אַ לאַנגע פּאַעמע פון יידישע פלאַמען, וואָס הייבט זיך אָן ביי „אשרי עין" און פאַרענדיקט זיך מיטן „אלה אזכרה". קיין דירעקטע פאַרוורפן דער געטלעכקייט זענען טאַקע דאָרטן נישט פאַראַן. אָבער זיי קומען במילא דורך אַלע הינטערטענער: יידיש בלוט, יידישע געשיכטע, יידישער צער און יידישער גורל שרייען דאָרט מיטן מעכטיקסטן קול. אָן ווערטער פרעגן זיי סייווי אויף איובדיקן לשון: ווו איז די גערעכטיקייט? אין וועלכע נעפּלען הילט זי זיך דערביי?

אין יענע תפילות פון יום־כיפּור ווערט אויך גאָט נישט אַרויסגעלאָזט פונעם תשובה־חשבון: אויב ער האָט געגעבן דעם דאָזיקן טאָג בכדי צו שאַפן „ליבשאַפט און חברשאַפט" צווישן מענטשן; אויב מיר דאַרפן אינעם דאָזיקן טאָג „פאַרלאָזן קנאה און קריגעריי" — טאָ פאַרוואָס זאָלן אונדזערע צרות זיין גרויס ווי דער ים? פאַרוואָס זאָלן מיר פון קיין שלום נישט וויסן און פון קיין ליבשאַפט נישט געניסן? אַ טיפערער אַריינבליק אין יענע תפילות ווייזט אונדז, אַז פונקט ווי דער ייד שטעלט **זיך** צום אַלערהעכסטן משפּט — אַזוי רופט ער אַרויס דעם אַלערהעכסטן צו זיין משפּט, דעם יידס. דאָס טוט ער נישט בכדי צו פרעגן חשבון ביי גאָט (ער ווייסט, אַז דערצו איז ער נישט דערוואַקסן), נאָר בכדי צו קענען פאַרשטאַרקן דורכן דאָזיקן חשבון זיין אייגענע אמונה; צו קענען פילן, אַז זיין אייגנגעהילטקייט אינעם טלית איז אַן אַקט פון צווישן־וועלטיקער גרויסקייט — און גרויסקייט קען גאָר אַנדערש נישט מיינען ווי אַלץ־אַרומנעמענדיקע גערעכטיקייט.

י.

אמר רב יהודה אמר שמואל: מפני מה לא נמשכה מלכות בית שאול? מפני שלא היה בו שום דופי. דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יהוצדק: אין מעמידים פרנס על הציבור, אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאחוריו. שאם תזוח דעתו עליו, אומרים לו: חזור אחוריך... (יומא כב, ב).

די יידישע הלכה פון תשובה האָט צוויי זייטן פון דער מטבע: כל־זמן דער מענטש איז נאָך **אין** דער זינד, מוז ער דערמאָנען אַלץ וואָס ער און זיין גאַנצער דור זענען מסוגל געווען צו טאָן. דאָ מוז ער זיין דער שטרענגער שופט, וואָס לאָזט נישט אַרויס קיין פּינטעלע פונעם חשבון. בלויז דורך דעם קען ער דערגיין צום קאַטעגאָרישן אויספיר: **מ'ער נישט!** אינעם

זכות פון אָפּשניידן דעם וועג צו שפּעטערדיקע זינד, קען מען לאָזן אויסמעקן די פריערדיקע חטאים; און בלויז ווען אַ פֿאָלק קען געבן די פולע זיכערקייט, אַז עס וועט מער זיך נישט קענען אומקערן צו די פריערדיקע מעשים־תעתועים — איז כדאַי צו עפֿענען דעם תשובה־טויער. נאָר ווען דער זינדיקער ג ע־ד ע נ ק ט יעדעס פּינטעלע פון זיין שאַנד — קען מען פאַרלאַנגען פונעם גע־ליטענעם: פ אַ ר ג ע ס ! דערפאַר פאָדערט יידישע תשובה אַזאַ האַרבע אָנ־קלאָגע קעגן זיך אַליין פונעם עבר.

אָבער איין רגע נ אָ ך דער לייטערונג טאָר שוין אַ ייד יענעם נישט דער־מאָנען זיין נעכטיקע רשעות. אויב איינער וואַרפט פאָר דעם אמתן בעל־תשובה זיינע נעכטיקע חטאים — אָנערקענט ער במילא נישט, אַז תשובה האָט אַ כוח אָפּצושניידן דעם מענטש פון זיין עבר. צעשטערט ער דערמיט דעם מענטשלעכן צוטרוי צו תשובה. וואָס קען דערפון אַרויסקומען? בלויז איין סך־הכל: איינמאָל אַ רשע — וועט שוין יענער מוזן בלייבן אַ רשע אויף אייביק. דערפאַר מסתמא האָט די יידישע הלכה צוגעשריבן אַ צווייטן טייל, צום גע־זעץ קעגן איינעם וואָס איז זיך טובל מיטן שרץ אין דער האַנט:

> אַפילו אַ רשע זיין גאַנץ לעבן — און ער האָט צום סוף תשובה געטאָן — טאָר מען אים נישט דערמאָנען קיין שום זאַך פון זיין רשעות (רמב״ם, הלכות תשובה).

אויך צום שמייסן זיך אַליין און אַנדערע מוז אַמאָל נעמען אַ סוף, ווי נאָר דער ציל איז דערגרייכט געוואָרן. ווידויים און פאַרוואורפן זענען נישט קיין ציל פאַר זיך אַליין. מוז מען אויפשטעלן אַ גרענעץ צווישן דעם מוראדיקן „על חטא״ ע ר ב דעם אומקער — און דעם בייזן גערייד פון איין מינוט נ אָ ך אים. דאָס געזעץ נעמט אַרום „אַפילו אַ רשע זיין גאַנץ לעבן״. אָבער דאָך האָט דאָס יידיש־פילבאַרע געזעץ געמאַכט איין אויסנאַם: דעם בעל־גאווה און גרויסהאַלטער צוליב זיין פּיצל מאַכט מעג מען אויפפאָדערן, אַז ער זאָל כאַפּן אַ בליק אויף זיין פריער... זעט אויס, אַז זיי האָבן באַטראַכט דעם גרויס־האַלטער צוליב מאַכט, ווי אַ נישט־דערגאַנגענעם צו אמתער תשובה.

עס איז דערביי מערקווירדיק: אונדזערע נביאים האָבן כסדר געשטו־רעמט די יידיש־קעניגלעכע הויפן, דערפאַר וואָס זיי זענען געווען איינגעהילט אין חטא. זיי האָבן אַפילו די מעכטיקסטע פון פאָלק גערופן צו תשובה און אויסגערעכנט בשעת־מעשה אַלע זייערע זינד. זיי האָבן געוווסט, אַז דעם מלכס חטאים זענען געפערלעכער ווי אַ געוויינטלעכן בשר־ודמס. ער קען מער שאַדן ברענגען, מער אָנשטעקן אַנדערע. דווקא דערפאַר, ווייל דער מלך שטייט אין שפּיץ פון פאָלק — מוז ער זיין ריינער און ערלעכער. אַ זינדיקער מלך האָט

געמיינט: אַ זינדיק הויז, אַ זינדיק פֿאָלק, אַ זינדיקע וועלט. זיי האָבן דערפֿאַר געוואָלט, אַז דער יידישער טראָן זאָל זיין זויבער — פֿול מיט גערעכטיקייט.

אָבער דווקא די שפּעטערדיקע חכמים פֿון דער גמרא — וואָס האָבן בדרך־כלל נאָך האַרבער אַרויסגעשטעלט די נביאישע פֿאַרלאַנגען — האָבן בנוגע דעם קעניגלעכן הויז געהאַט אַן אַנדער פֿאַרשטעלונג: „פֿאַרוואָס האָט דאָס מלכות אין שאולס הויז לאַנג נישט אָנגעהאַלטן? ווייל עס איז דאָרט קיין שום פֿלעק נישט געווען". איז דאָס די גרויסע זינד פֿון אַ קעניגלעכער דינאַסטיע? שטימט אַזאַ פֿאַרשטעלונג מיט דער נביאישער?

עס זעט אָבער אויס, אַז פּונקט ווי די פֿאָלקס־טראַדיציע האָט זיך גע־שראָקן פֿאַר אַ מלך, וואָס איז פֿול מיט זינד — אַזוי האָט זי זיך אויך גע־שראָקן פֿאַר אַ קעניגלעכן הויז, וואָס קען קיינמאָל נישט שפּירן דעם טעם פֿון תשובה־שטימונגען. אַזאַ מלך וועט מען קיינמאָל קיין קריטיש וואָרט נישט קענען זאָגן. ער וועט ביסלעכווייז ווערן פֿאַרגעטערט, אַרויספֿאַלן פֿון די ריין־מענטשלעכע קאַטעגאָריעס. דאָס אַליין קען ווערן זיין גרעסטער, זינדלאָ־זער חטא. דער מלך שאול האָט ביי זיך קיין איין פֿעלער נישט געזען — דערפֿאַר איז ער געוואָרן אַזוי האַרב, אַזוי ברוגז אויפֿן גאַנצן אַרום און איז גרייט געווען צו הרגענען זיין אייגענעם יורש — יהונתן — פֿאַר אַ טראָפּן זינדיקן האָניק אויפֿן שפּיץ שטעקן. דער יידישער מלך דאַרף נאָר זיין אַ הער־שער — אָבער נישט קיין „גאָט" אָן פֿעלערן. דאָס פֿאָלק מוז אַמאָל האָבן אַ געלעגנהייט אים צו זען אין זיין שוואַכקייט — און צוזאַמען מיט דער דער־הויבנקייט, וואָס האָט אים אָנגעטאָן די קרוין, מוז ער אַמאָל קניען אין תשובהדיקער הכנעה. שאול המלך האָט געוואָלט שאַפֿן אַ מלכות־הויז, וואָס ווייסט נישט פֿונעם תשובה־געפֿיל און דערפֿאַר האָט עס נישט געקענט האָבן קיין קיום...

און נישט בלויז אַ מלך. אַפֿילו אַ געוויינטלעכער „פּרנס על הציבור" — אַ פּשוטער מנהיג פֿון פֿאָלק טאָר לויט דער גמרא נישט געהערן צו די „מענטשן אָן פֿעלערן". צדיקים אָן דעם מינדסטן פּגם זענען טאַקע הייליק — אָבער זייער קדושה געהערט דעם חדר־מיוחד. אָן דעם מינדסטן פֿלעק אויף זייער עבר — איז זיי שווער צו שטיין בראש פֿון אַ פֿאָלק, וואָס איז פֿול מיט מענטש־לעכע שוואַכקייטן. ביידע צדדים קענען זיך אויפֿהערן צו פֿאַרשטיין, אָדער דער העכערער וועט היפּנאָטיזירן זיינע אונטערטאַנען — ביז צו בלינדער פֿאָלגעוודיקייט. דאָס פֿאָלק מוז בכן האָבן אַ פֿענצטערל — דורך וועלכן עס זאָל קענען זען דעם מנהיג פֿון דער מענטשלעכער זייט. אָן אַ פֿלעק אין זיין ביאָגראַפֿיע קען ער נאָר זיין איבער דעם פֿאָלק אָבער נישט מיטן פֿאָלק. מוז אַ מנהיג האָבן אַ סיבה פֿאַר טעג פֿון חרטה, פֿון מוזן באַדויערן זיינע

פֿאַרגאַנגענע פעלערן. ער מוז האָבן אַ נשמה אין ווייען, אין גערעאַנגל — הגם זיינע פעלערן מוזן נאָר שטאַמען פון דער צייט איידער ער איז געוואָרן מנהיג. דער בעל־תשובה טאָר טאַקע נישט בלייבן מיטן „שרץ" אין דער האַנט — אָבער דער מנהיג מוז האָבן אַ גאַנצע קופּע „שרצים" הינטער זיך.

מיינט עס טאַקע ווערטלעך? מסתּמא נישט. אויף וויפל מיר קענען יידישע געשיכטע — הערן מיר נישט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך האָבן געהאַלטן ביי דעם כלל און דווקא אויסגעזוכט אַזעלכע מנהיגים וואָס האָבן אַמאָל געשרצט. דער „יחוס" איז קיינמאָל נישט אַרויסגעהויבן געוואָרן — נאָר פאַרקערט: דאָס פאָלק האָט אַלעמאָל געדענקט די תהלים־פּסוקים, וואָס האָבן געזאָגט קלאָר: ווער זאָל אויפשטייגן צו גאָטס באַרג? דער מיט ריינע הענט און לויטערן האַרץ... וואָס האָט נישט געשווירן פאַלש.

די פריער־ציטירטע מאמרים האָבן נאָר אויסגעדריקט אַ באַהאַלטענע מורא פאַר מלכים און מנהיגים, וואָס האָבן נישט געהאַט די עמאָציאָנעלע צוגרייטונג צו תשובה. ביי אַ מנהיג „אָן אַ פלעק" קען נאָך דאָס פאָלק פאַרוואַנדלט ווערן אין איין צוזאַמענגעגאָסן שטיק פון טעמפּער נאָכפאָלגערשאַפט. דער מנהיג גופא קען אַריינפאַלן אין אַ מין אויבערשטער שיכרות; אין יענער לויטערער דעספּאָטיע, פון וועלכער אויך שאול המלך איז געפאַלן אַ קרבן.

נישט אומזיסט האָט זיך די טראַדיציאָנעל־יידישע סימפּאַטיע איינגעקלאַמערט אינעם זינדיקן הויז פון דודן, ביז צום דערהויבן מלכות בית דוד צום משיחישן אידעאַל, מער ווי אינעם אומבאַפלעקטן שאול־הויז. דאָס פאָלק האָט דערפילט אין דודן דעם פאָלקס־מענטש וואָס זינדיקט טאַקע — אָבער דערפאַר ווייסט ער דעם טעם פון מענטשלעכער תשובה און חרטה. נישט בלויז סכאָלאַסטישע פאַרענטפערונג, נאָר אַ טיפע לעבנס־פילאָזאָפיע האָבן די יידישע חכמים אויסגעדריקטביים זאָגן: דוד האָט נישט געזינדיקט — נאָר בכדי צו ווייזן דעם וועג פון תשובה פאַר אַנדערע... נאָך עד־היום ווערט דאָס פרומע פאָלק אויפגעטרייסלט פון דודס מענטשלעך־צעפייניקטן אויסגעשריי אין תהלים: „בין איך דאָך געפורעמט געוואָרן אין זינד — און אין חטא האָט מיין מאַמע מיך אויסגעוואַרעמט!"... די פאָלקס־טראַדיציע האָט אפשר בכיוון געקרוינט דודן פאַרן אייביקן „מלך ישראל חי וקיים" צוליב זיינע זינד. פון שאולן האָט מען קיין ליידנשאַפטלעך־חרטהדיקע טענער נישט געקענט דערוואַרטן...

דער יידישער משיח מוז שטאַמען פון דודס שויס — ווייל משיח דאַרף קומען מתקן זיין אַ זינדיקע וועלט, זי אַרויסנעמען פון „פינצטערניש צו אַ גרויס ליכט". ער מוז קומען און וועקן די וועלט צו דער ענדגילטיקער תשובה. דאַרף משיח אַליין האָבן אַ „קופּע שרצים הענגען הינטער זיך": אויך דער

אור־עמבריאָן פון דודן איז אויסגעוואָרעמט געוואָרן אין זינד (לוטס טאָכטער, וואָס האָט פאַרשוואַנגערט פון איר פאָטער); זיין אָפּשטאַם איז פונעם פאַר־האַסטן מואב; זיין אור־מוטער מוז קומען מיט הכנעה זיך בעטן, מען זאָל זי אַריינגעמען אין יידישן פאָלק — כאָטש דאָס איז פאַרבאָטן פאַר איר גאַנצן שטאַם; זי מוז קוים געפינען פאַר זיך אַ יידישן אויסלייזער — און אַפילו אין דודס צייטן זאָלן טייל פרומע לייט (לויט דער אגדה) נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אומגעזעצלעך געוואָרן אַ ייד (זיי האָבן נישט געהאַלטן, אַז דער פאַר־באָט פון נישט מגייר צו זיין, פאַלט נאָר אויף מ'ע נ ע ר פון מואבס שטאַם, אָבער נישט אויף קיין פרויען); ער אַליין האָט צוגענומען אַ פרוי ביי זיינס אַ טרייען העלד — און מיט איר געהאַט דעם שפּעטערדיקן מלך שלמה — פון וועלכע עס ציט זיך די קייט פון מלכות בית דוד — — —

זעט אויס, אַז שוין דאַן האָט דער פאָלקס־אינסטינקט זיך געפילט איינ־טימער מיט אַ מלך, וואָס האָט סיבות פאַרוואָס ארומצוגיין אין צער פון תשובה־געבראָכנקייט — איידער מיט זיין פאַרגייער — וואָס איז אַלעמאָל שטאָלץ און אויסגעגלייכט; אַלעמאָל „משכמו ומעלה גבוה מכל העם"...

(קען זיין, אַז דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס די תלמודישע אגדה פירט זיך פונקט פאַרקערט ווי די מיטאָלאָגיע אָדער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער: בנוהג שבעולם, ווערט אַ העלד אָדער קעניג ביי זיי אַלעמאָל אַרומ־געקראַנצט מיטן אָראַל פון גרויסן יחוס. אָדער ער שטאַמט דירעקט פון די געטער, אָדער ער ציט זיין יחוס פון די גרעסטע העלדן. די יידישע אגדה האָט אָבער כסדר ליב אונטערצושטרייכן, וועלכע תנאים עס שטאַמען פון גויים — אַפילו פון יידישע שונאים... און וואָס שייך דוד המלך — לייגן זיי אַריין אַזעלכע ווערטער כביכול אַליין אין מויל אַריין: „איך האָב געפונען דודן מיין קנעכט" — און ווו האָב איך אים געפונען? אין סדום!...).

די יידישע תשובה־הלכה האָט טאַקע האַרב פאַרבאָטן צו דערמאָנען אַ בעל־תשובה: „געדענק נאָר דיינע ערשטע טעג!". אָבער די דאָזיקע פּריווילע־גיע איז צוגענומען געוואָרן ביי מלכים און פרנסים. זיי מוז מען פריער אָנ־ווענדן די טאָרבע זינד און זיי מעג מען עס דערמאָנען ביי יעדער געלעגנ־הייט, ווען נאָר זיי פאַרייסן די נאָז: כאַפּט נאָר אַ בליק אויף אייער עבר! דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך: ווען מען קען אַ געוויינטלעכער בעל־תשובה שטערן, אויב אַפילו ער גיט פון זיך אַ בלאָז? איז נישט מאָראַליש אים אָנצו־ווייזן מיטן פינגער אויף זיין פאַרגאַנגענהייט: געדענק! אַנדערש איז אָבער מיט אַ פירער אָדער מלך. ווי איז דעם פאָלק, וואָס קען זיינע מנהיגים נישט דערמאָנען זייערע שוואַכקייטן און יחוס! ביטער איז דעם פאָלק, אויב זיינע שפּיצן האַלטן זיך פאַר מענטשן אָן פעלערן — וואָס די תשובה־פּיין איז זיי

לגמרי נישט מחייב... אונדזער היינטיקן דור דאַרף מען מער קיין ביישפּילן נישט ברענגען.

יא.

אין אַ צייט פון טשטוש־הגבולין, פון גרענעץ־צעשטערונג — ווערט ביס־לעכווייז אויך פאַרווישט די גרענעץ צווישן הומאַניטאַרן קריסטנטום און דער ליטעראַר יידישקייט. ווען מען קוקט אויף געוויסע סינאַגאָגע־קרייזן אין אַמע־ריקע — קען זיך אויסדוכטן, אַז גאָר בקרוב וועט צושטאַנד־קומען דער פולער צונויפגוס. אין אַזאַ צייט איז אפשר נייטיקער ווי אין אַנדערע תקופות אַוועק־צושטעלן די קלאָרע ליניע צווישןביידע וועלטן. אָבער דאָ מוזן מיר זיך נאָר באַגרענעצן צו אַ טייל פון איין חילוק: די גרענעץ צווישן יידישער תשובה און קריסטלעכער.

האָט דען דער לעגענדאַרער ישו הנוצרי נישט נאָכגעזאָגט אַ סך רייד פון די יידישע נביאים? האָט ער דען נישט געלאָזט איבערחזרן וועגן זיך ממש די זעלבע נסים וואָס דער יידישער תנ״ך האָט געוויזן? האָט דען זיין באַרג־דרשה נישט געוואָלט דערפירן די יידישע פּרינציפּן צום סאַמע־עקס־טרעם? אדרבא: מיט זיין באַרימטער „צווייטער באַק״ האָט ער נאָך געוואָלט אַריבעריאָגן די יידישע עניוות און הכנעה. פאַרוואָסזשע נישט באַטראַכטן אים פאַר איינעם פון די יידישע נביאים — ווי עס פאָדערן אויך טייל יידן, וואָס זענען „געכאַפּט אין דער מעשה״? זענען זיי דען נישט גערעכט, וואָס זיי וואַרפן די גאַנצע שולד פאַר די שפּעטערדיקע קריסטן־רציחות און פאַר דער מורא־דיקער שלאַכט־גאווה אין דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע — אויפן קאָפּ פון די שפּעטערדיקע „פאַרקריפּלער״ מכל המינים?

טיילווייז איז עס זיכער אמת — אָבער דער וואָרצל איז שוין פאַראַן אין דער עוואַנגעליע גופא. דער אמתער, אָדער „קאָרעגירטער״, יעזוס רופט כסדר צו תשובה. אָבער זיך אַליין שטעלט ער העכער פון אַלעמען. ער איז דער אומבאַפלעקטער האַר, דער גאָט־זון וואָס טוט חסד מיט מענטשן און לאָזט זיך צו זיי אַראָפּ. ער איז אָבער נישט מיט זיי און נישט פון זייערס־גלייכן. איז אפשר מעגלעך אַז דער צוויי־טויזנט־יעריקער טעות פון דער קריסטלע־כער וועלט וואָרצלט דווקא אין יענער איבערגעטריבנקייט, וואָס אונדזערע חכמים האָבן אַלעגאָריש דערזען אין שאולס הויז. (שלא בכוונה קומט אַ נישט־באַגרינדעטער געדאַנק אין קאָפּ אַריין: דער קריטישער מאמר וועגן דער אומבאַפלעקטקייט פון שאול המלכס הויז איז געזאָגט געוואָרן עטלעכע הונדערט יאָר נאָכן דערשיינען פון שאול התרסי — דער פּאַקטישער באַ־גרינדער פון קריסטנטום... האָבן זיי נישט אַמאָל אַדורכגעפירט אַ מיז גע־

היים וואָרט־שפּיל וועגן דער „אומבאַפלעקטקייט" פונעם צווייטן שאולס „הימליש קעניגרייך"?).

דאָס קריסטן־פאָלק האָט זיך איינגעטוליעט אין יעזוסן, נישט ווי אין אַ ריין־דערהויבענעם נביא — נאָר ווי אין אַ גאָט. ער אַליין האָט טאַקע אין זיין דרשה אויפן באַרג געבענטשט די אַלע, וואָס האָבן אַ „נידעריק געמיט". אָבער זיך גופא האָט ער איינגעהילט אין דער גאווה פון לויטערקייט, וואָס קען דער וועלט קיין תיקון נישט געבן. די עוואַנגעליעס אָטעמען אים אַרום מיט הימלישער גרויסהאַלטעריי, וואָס יידישע תשובה קען נישט פאַרטראָגן. קיין שום יידישער נביא אָדער שליח האָט זיך מיט איר קיינמאָל נישט באַנוצט.

דער יידישער מקור האָט אַפילו משה רבינון צוגעשריבן מענטשלעכע שוואַכקייטן און זינד. ער איז געווען גרויס — ווייל גאָטס קול האָט פון אים אַרויסגערעדט. אָבער זיך אַליין האָט ער געהאַלטן אין דער עניוותדיקער צוים פון „ונחנו מה?" — וואָס זענען דען מיר אַליין? אויך ישעיהו האָט געהאַט שוואַכע און זינדיקע מינוטן. אַזוי איז עס אויך מיט אונדזער בשורה־ברענגער אליהו און דעם משיח־פאָטער, דוד, וואָס האָט זיך געמוזט צערייסן די קעניגלעכע קליידער מחמת חרטה אויף זיינע זינד. דאָס איז אָבער נישט געמאָלט בנוגע דער יעזוס־לעגענדע. שוין בלויז צוליב דעם אַליין וועט אים קיין שום כוח אין דער וועלט נישט קענען אַריינפירן אין דער ריי פון יידישע נביאים.

ישו שרייט טאַקע אויס צו זיינע אָנהענגער: „טוט תשובה, ווייל דאָס הימלישע קעניגרייך איז נאָענט!". דאָס איז אַ בפירושער עכאָ פון תנ"ך־פסוקים. אָבער זיך אַליין האָט ער אַוועקגעשטעלט א י ב ע ר אַלע תשובה־פּראָצעסיעס. דער „איך" זיינער האָט זיך כסדר אַריבערגעהויבן: „פאָלגט מ י ר נאָך — און א י ך וועל אייך מאַכן פאַר פישער פון מענטשן"... האָט ער געזאָגט צו די פישער־ברידער פעטרוס און אַנדריי. א י ך וו ע ל א יי ך מ אַ כ ן. דאָס איז אפשר דער הויפּט־וואָרצל פון אַנדערשקייט אין דער קריסטלעכער אור־טעאָלאָגיע. דער „איך" וואָס פריידיקט די הכנעהדיקסטע דרשות פאַר די תלמידים.

מען קען במילא פאַרשטיין די יידישע רעאַקציע קעגן דעם אייביקן רעפריין אין דער עוואַנגעליע, וואָס חזרט זיך איבער ביי יעדער געלעגנהייט: „אָבער איך זאָג אייך..." — איך דער היילער, דער הימלישער, דער העכסטער באַפעלער אין זיין אָרעמער באָרוועסדיקייט. נישט אומזיסט האָט איינער פון זיינע תלמידים (מתי 7, 29) אַזוי קלאָר אַרויסגעבראַכט דעם חילוק צווישן אים און די יידישע חכמים: „וו אָ ר ע ם ע ר ה אָ ט ז יי ג ע ל ע ר נ ט

ווי אײנער וואָס האָט מאַכט און נישט ווי די סופרים". דאָס האָט געדאַרפט דערנידעריקן די יידישע „סופרים": זיי לערנען אַנדערע פון זייער שוואַכקייט אַרויס, בעת יעזוס רעדט מיט מאַכט. עס קען במילא נישט זיין קיין אָרט פאַר יענע אויסטייטשונגען, וואָס ווילן אים זען מיט דער יידיש־עניוותדיקער באַשיידנקייט פון אַ נביא — ווייל זיינע אייגענע אַפּאָסטאָלן האָבן דעם דאָזיקן יידישן שטריך געוואָלט באַזייטיקן.

דער אַפּאָריזם וועגן שאולס שעדלעכער ריינקייט איז געקומען צום יידנ־טום נאָכדעם ווי די עוואַנגעליעס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק; ווען עס איז שוין פאַרמירט געוואָרן דאָס פולע געשטאַלט פון גאָטס זון — וואָס פון איין זייט וואַרפט ער פון זיך אָפּ אַלע מענטשלעכע אַטריבוטן און פון דער צווייטער זייט וויל ער אויך נישט מוותר זיין פון ריין־מענטש־לעכן שטאַלץ (וואָס פאַר אַ טעם קען האָבן באַרימען זיך מיטן יחוס פון דודס שטאַם, אויב ער איז גאָר אַ קינד פון הימל?). מער ווי זיין אינערלעכע גרויסקייט — ווערט כסדר אונטערגעשטראָכן זיין מאַכט: „און זיי האָבן גע־לויבט גאָט, וואָס ער האָט געגעבן אַזאַ מאַכט צו מענטשן". נאַטירלעך וויל זי נאָר גוטס; זי איז נאָר אויסן אַרויסצורופן די טיפסטע הכנעה ביי די פאָל־געוודיקע — אָבער ווי איז צו אײנעם, וואָס טוט אַזאַ בעל־הכנעה די קלענס־טע עוולה. ווען ישו שיקט, למשל, זיינע צוועלף תלמידים צו פאַרשפּרייטן זיין תורה איבערן לאַנד — זאָגט ער זיי אָן: „און ווער עס וועט אייך נישט אויפ־נעמען און נישט הערן אייערע ווערטער... באמת זאָג איך אייך, אַז עס וועט אין יום־הדין גרינגער זיין פאַרן לאַנד פון סדום ועמורה איידער פאַר יענער שטאָט..."

נישט אומזיסט האָט אַפילו אַזאַ צדיק ווי ר' משה חיים לוצאַטו — מיט אַזויפיל יאָרהונדערטער שפּעטער — זיך דערשראָקן אויך פאַר די יידישע גיהנם־דראָאונגען, וואָס קלינגען ווי אַן עכאָ פון יענעם צאָרן אויף אַלע וואָס וואַרפן זיך נישט אונטער דעם באַפעל פון שליח...

ווי ביי יעדער דיקטאַטור — גייסטיקער אָדער פּאָליטישער — האָט דאָ לכתחילה זיך געריסן צום אויסדרוק די מיליטאַנטישקייט פון אַ נייער תורה און די עגאָצענטרישקייט פון אַ נייעם רבין. אויך זי האָט תיכף ביי די ערשטע שריט אָנגעהויבן מיטן אידעאַל פון ליבשאַפט — אָבער ממש אין דער זעל־בער צייט אָנגעהויבן צו פּריידיקן דעם גרויסן האַס צו די ווידערשפּעניקע (מתי 10, 16). איז די געבויגנקייט פאַרן יום־הדין נאָך עד־היום מער יידיש ווי קריסטלעך — ווייל ביים איבערנעמען דעם טאָפּלטן שאולס אומ־באַפלעקטקייט האָט געמוזט קומען צו דער צווייטער העלפט פון דער ליבנ־דיקער תורה:

...איך בין נישט געקומען צו שיקן שלום [אויף דער ערד] נייערט אַ שווערד. ווייל איך בין געקומען צעקריגן אַ מענטש מיט זיין פֿאָטער און אַ טאָכטער מיט איר מוטער און אַ שנור מיט איר שוויגער. און די שונאים פון אַ מענטש וועלן ווערן זיין אייגן הויזגעזינט. ווער עס האָט ליב פֿאָטער און מוטער מער ווי מיך — דער איז מיך נישט ווערט (מתי 10 34־8).

...און ווער עס שטרויכלט איינעם פון די קליינע וואָס גלויבן אין מיר — וואָלט פאַר אים בעסער געווען, אַז אַ מילשטיין וואָלט געהאָנגען אַרום זיין האַלדז און אים געוואָרפן אין ים... (מאַרקוס 9, 43).

די דאָזיקע אַקצענטן זענען אונדז גוט־באַקאַנט אויך פון אונדזער דור. נישט מער: אין די יידישע תפילה־מאָטיוון וועלן מיר זיי נישט באַגעגענען. די דאָזיקע קאַטעגאָרישקייט איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן פון העגט, וואָס האָבן די יידישע „שוואַכקייט" געוואָלט אויסמעקן נאָך מיט אַזויפיל יאָרהונ־דערטער צוריק. אויך די וואָס ווילן אונטערוואַרפן די קאָמוניסטישע גרויזאַמ־קייט אויפן יידישן אַדרעס מעגן דערפון זען — אַז דער סטאַליניזם האָט גיכער געקענט שלום מאַכן מיט דער השפעה פון דער עוואַנגעליע איידער פון יידנטום.

יב.

מה אני ומה חיי? תולעה ורימה. נבער מדעת ואפס מזימה (יוצר לראש השנה). ראה עמידתנו — דלים וריקים (מעריב, יום כיפור). עזרא הסופר אמר לפניך: אלהי! בושתי ונכלמתי להרים פני אליך, כי עוונותינו רבו למעלה ראש ואשמתנו גדלה עד לשמים (סליחות).

אונדזערע פּורכטיקע תשובה־טעג האָבן זיכער אַדורכגעמאַכט אַ ריי גלגולים, ביז זיי האָבן באַקומען זייער געשלאָסענעם כאַראַקטער. אָבער זינט זיי זענען געוואָרן תשובה־טעג האָבן זיי אָוועקגעשטעלט דעם יידישן יחיד צווישן קהל און געהייסן אים מאַכן דעם חשבון מיט זיך אַליין. קיינער איז דערפון נישט פּטור. אַפילו יענער וואָס האָט שוין דערקלעטערט צו די העכס־טע שפּיצן, מוז זיך פרעגן צוזאַמען מיט די וואָס זענען אים אונטערגעוואָרפן: ווער בין איך און וואָס איז מיין לעבן? דאָס ווונדערלעכסטע אין יענע תשובה־מינוטן איז אפשר דער געשריי, וואָס דער מענטש מאַכט: איך בין גאָרנישט... אַ וואָרעם! און טרויעריק איז דעם מענטש, וואָס הערט עס נישט כאָטש איינ־מאָל אַ יאָר — יאָ רעליגיעז אָדער נישט. אַפילו אַ מילב וואָס דערקלעטערט צו אַ פּיצל בערגל קען מיינען, אַז זי שפּאַרט אונטער די הימלען מיט איר קאָפּ. בפרט אַ בשר־ודם מיט מאַכט אין דער האַנט. פאַרגעסט ער זיך, דער בן־אדם — אויב קיינער קומט עס אים נישט דערמאָנען...

איז גוט וואָס יעדער מענטש — נעבעכדיק אָדער ביים זעניט פון זיין

קאַריערע — שטעלט זיך אַוועק איבערחזרן מיט גאַנץ קהל די גרויסע, תנכישע ווערטער: גאָט, איך שעם זיך אויפצוהייבן מיין קאָפּ צו דיר... קען זיין, אַז אונ־דזער וועלט האָט מיטגעמאַכט אַזויפיל יסורים, דערפאַר וואָס אירע פירער הילן זיך קיינמאָל נישט אַרום מיט ווייסן און יום־טובדיקן טרויער; וואָס זיי שטעלן זיך נישט אַוועק אויף אַ גאַנצן מעת־לעת איבערחזרן ביז מידקייט: וואָס בין איך דען? גאַרנישט... גאַרנישט! דאָס איז גאַר קיין סתירה נישט צו יענעם דרך־ארץ וואָס די יידישע טראַדיציע וויל אַרויסרופן צו יעדער מענטש. ס'איז נאָר אַ צוים, וואָס לאָזט נישט אַריבערשפּרייזן די גרענעץ צווישן ניי־טיקן שטאָלץ און געפערלעכער גאווה.

מאַכן דען די דאָזיקע ווערטער אַלעמאָל דעם געהעריקן איינדרוק? זיכער — נישט! אַפילו שטרענג־פרומע יידן זענען גאָר אָפט געשלאָגן געוואָרן מיט דער ווילדסטער און פאַנאַטישסטער גאווה פון אני ואפסי עוד; און נישט איינמאָל איז דער פרומער לאָגער גרייט געווען פאַרן מינדסטן חטא צו פאַר־גיסן בלוט פונעם אַנדערן, דעם קעגנער... אַ סימן, אַז אויך זיי ווערן נישט אויסגעהיילט אויטאָמאַטיש פון דער יידישער תשובה אינעם מחזור. דאָס איז אָבער נישט די שולד פון יענער פרומער האַנט — וואָס האָט די יידישע תשובה־פאַרשטעלונג אַזוי געניאַל־מענטשלעך רעזשיסירט. אויב תשובה בכלל איז די קרוין איבער מענטשלעכער תפילה — זענען די מינוטן פון הכנעה און חרטה אירע צעפינקלטע דימענטן.

אויב אין דער נישט־יידישער וועלט האָבן אַלעמאָל אויפגעברויזט קאָ־לעקטיווע תשובה־מאָמענטן — האָבן זיי גיכער געוואָרצלט אינעם אייגענעם געוויסן, איידער אינעם נאַציאָנאַלן. דאָס רעליגיעזע געפיל האָט נאָר געהאָלפן פונאַנדערבלאָזן דאָס פייער, מיט וועלכן דאָס אייגענע געוויסן האָט געברענט. דאָס יידנטום האָט זיך אָבער כסדר באַמיט צו פאַרוואַנדלען תשובה אין אַ טעגלעכן כאַראַקטער־שטריך פון גאַנצן פאָלק.

דאָס מיינט אָבער נישט, אַז ס'איז פאַראַן אַפילו איין פאָלק אויף דער וועלט, וואָס זאָל באמת נישט מסוגל זיין צו תשובה. איך אַליין האָב אַמאָל געחלומט פון צונויפשטעלן אַ תשובה־אַנטאָלאָגיע פון אַלע פעלקער און דורות — בכדי צו באַווייזן, אַז אומעטום און ביי אַלעמען האָבן אַרויסגעלויכטן גרויסע אידייען פון אומקער. אָבער טיילמאָל דוכט זיך אויס, אַז זיי אַלע געהערן שוין צו אַ פאַרשווונדענער וועלט. איינעם פון יענע „אַמאָליקע" ביי־שפּילן איז כדאַי צו ברענגען:

וואָס קען נאָך זיין נידעריקערס פון אַ תליון? און וואָס קען נאָך זיין שרעקלעכערס פאַר אַ ד יי ט ש ן ה'ע נ ק ע ר ? און דאָך ווערט מען נאָך

היינט אויפגעטרייסלט ביים לייענען היינריך היינעס שילדערונג פון אַ תשובה־פאַרזאַמלונג ביי דייטשע תלינים. דאָס פאַרבלאָנדזשעטע קינד פון יידישן פאָלק — וואָס האָט שפּעטער אַליין דערפילט די תשובה־מאָנונג אין זיין בלוט — האָט ייִנגערהייט געפירט אַ ליבע מיט אַן אייניקל פון אַ דייטשן הענקער. פאַרצייכנט ער פון דעם מיידלס מויל (אין זיין אויטאָביאָגראַפיע) דאָס בילד, וויאַזוי אַ מחנה דייטשע תלינים זענען זיך צונויפגעקומען אין אַ וואַלד — בכדי צו טאָן תשובה:

„...די פרעמדע מענער, מיטן זיידן בראש, זענען אָנגעקומען פאַרלעב־טוויז און זיך געזעצט אויף הויכע האַלץ־בלאָקן, אין האַלבן קרייז, אַרום דעם שטיינערנעם טיש... זיי זענען געזעסן לאַנג און שווייגנדיק, אָדער נאָך מער אַריינברומענדיק אין זיך — אפשר תפילה־טוענדיק. דאַן האָט דער זיידע אָנגעגאָסן דעם גרויסן בעכער פול מיט ווייַן, וואָס יעדער האָט אויסגעטרונ־קען און מיט ווידער־אָנגעגאָסענעם וויין אים צוגעשטעלט זיין שכן. נאָך יע־דער טרונק האָט מען זיך ווידער געטרייסלט די הענט. ענדלעך האָט דער זיידע געהאַלטן אַ רעדע... גרויסע טרערן האָבן אַראָפּגעטריפט פונעם אַלטן מאַנס אויגן און אויך די אַנדערע אַלטע מענער האָבן אָנגעהויבן ביטער צו וויינען... און זיי האָבן געשלוכצט ווי די קינדער. די לבנה האָט דערביי צוגע־קוקט מעלאַנכאָליש פון איר נעפּל־שלייער אויפן שטערנלאָזן הימל... באַזונ־דערס האָט זי געריירט דער טרויער פון אַ קליינעם, אַלטן מאַן, וואָס האָט שטאַרקער פון אַנדערע געוויינט און הויך געיאָמערט... ער האָט געשריגן אומ־אויפהערלעך: אָ, גאָט! אָ, גאָט! דאָס אומגליק דויערט שוין צו־לאַנג און קיין מענטשלעכע נשמה קען דאָס מער נישט טראָגן. אָ, גאָט — דו ביסט אומגע־רעכט. יאָ, אומגערעכט... ענדלעך האָט זיך די פאַרזאַמלונג אויפגעהויבן פון די פלעצער. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן זייערע רויטע מאַנטלען און יעדער האָט געהאַלטן זיין תליון־שווערד אונטערן אָרעם. פאַרלעכטוויז האָבן זיי זיך גע־לאָזט צו אַ בוים, ווו עס איז שוין גרייט געווען אַ לאָפּעטע. אין געציילטע אויגנבליקן האָט איינער פון זיי אויסגעגראָבן אַ טיפן גרוב. איצט איז דער... זיידע, וואָס האָט זיין רויטן מאַנטל נישט אַראָפּגעוואָרפן ווי די אַנדערע, אויפגעטרעטן...“

עס האָט זיך דאָרט געהאַנדלט אינעם באַגראָבן אַ שווערד, וואָס האָט שוין אָפּגעהאַקט הונדערט קעפּ. דאָס איז שוין אַפילו פאַר שטאָל־געהאַרטע־ווערע הענקער געווען צופיל. האָבן זיי זיך געוואָלט נאָכדעם אַביסל אויס־שווייגן און אויסוויינען צוזאַמען אין אַ וואַלד — ווייל זייער אומגליקלעך־זינדיק לעבן איז שווער אויסצוטראָגן. ווען האָבן זיי דען געקעפּט? בלויז די, וואָס מלכות האָט באַפוילן... און די מערהייט אומגעקומענע איז אפשר

ווערט געוועזן דעם טויט. דאָך האָבן זיי געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַגראָבן לכל־הפּחות די שווערד וואָס האָט זיך צופיל אָנגעזויפט מיט בלוט.

אָבער יענע אומהיימלעכע תשובה־סצענע איז נישט געבוירן געוואָרן פון קיין נאַציאָנאַל־רעליגיעזן ריטואַל. בלויז די תלינים גופא האָבן געהערט דאָס טיפע חרטה־קול אין זיך און געהאַט אַ באַדערפעניש צו באַגראָבן די אייגענע מאָרד־שווערד — אַפילו להכעיס דעם דייטשן גאָט אַליין און זייער שוואַרצן מערדער־גורל. דאָס איז אַ בילד — וואָס ביים פאַרגלייכן עס מיטן היינטיקן דייטשלאַנד אָדער רוסלאַנד — זעט עס אויס ווי אַן אידיליע. די שווערד ווערט היינט נישט באַגראָבן אַפילו דורך יענע, וואָס לעסטערן איר אָנדענק מיט די ליפּן זייער גאַנצן מעת־לעת. זייערע צונויפטרעפן — נישט ביי קיין שטיין אין וואַלד נאָר ביי קיילעכיקע טישן אין עפנטלעכע פּאַלאַצן — ווילן אימי־טירן יענעם קבר: אָבער דער גרוב בלייבט ווייטער ליידיק. עס פעלט היינט דאָס פריערדיקע געוויין, די פאַרצווייפלטע טרערן אויף שטיינערנע פּנימער. נישטאָ יענע חרטה — אַפילו ווען זי זאָל ווידער באַגלייט ווערן פון געצנדי־נערישן טרינקען ווייַן פון תלינישע בעכערס...

די באַדערפעניש צו תשובה נאָגט זיכער אין היינטיקע הערצער נישט ווייניקער ווי אַמאָל. אָבער סיי די הענקער און סיי זייערע שופטים האָבן נאָך אַלץ נישט געפונען דאָס געהעריקע אָרט און דאָס נייטיקע וואָרט — וואָס זאָלן זיי לייכטער מאַכן דעם פולן אומקער. זיי האָבן נאָך אַלץ נישט באַוויזן אַרויסצורופן אין זיך יענע גרויסע שטימונג, וואָס זאָל זיי אָוועקשטעלן צוזאַ־מען מיטן געבויגענעם ייד אין זיין פייערלעכן טרויער און אויסצושרייען קלאָר און שאַרף: אבינו מלכנו, החזירנו בתשובה ש ל י מ ה לפניך!... איז טרויעריק אויף דער וועלט, כל־זמן דער וועג צו יענע ווערטער וועט זיין פאַרוואַקסן מיט שווערדן.

יג.

דער פיינער, יידישער טראַכטער ח יי ם ג ר י נ ב ע ר ג באַמיט זיך אין איינער פון זיינע פּרעכטיקע עסייען * צו פאַרשטיין דעם סוד: פאַרוואָס ווערט יום־כיפּור פאַרנאַכט געלייענט ביי יידן — אין דער הפטורה צו מנחה — דאָס ס פ ר י ו נ ה ? למען האמת איז עס אָבער קיין שום סוד נישט: דאָרט זענען אייגנטלעך צוזאַמענגענומען געוואָרן אַלע עלעמענטן פון יידי־שער תשובה און די וויכוחים אַרום איר. דער ערשטער כלל פון יענעם ספר איז: נישטאָ קיינער צווישן מענטשן, וואָס זאָל באַפרייט זיין פון טעותים...

* חיים גרינבערג: איד און וועלט, עסיי „גיי קיין נינוה״, ניו־יאָרק 1953.

דער נביא יונה איז בייז אויף דער זינדיקער נינוה — אָבער ער אַליין זינדיקט און אַנטלויפט פאַר גאָט. דאָס פאָלק טאָר בכן נישט האָבן קיין איינדרוק, אַז דער נביא איז אַן איבערמענטש — ווייל דאַן קענען זיינע תשובה־מיטלען נישט פּאַסיק זיין פאַרן געוויינטלעכן בן־אדם. אויך ער אַליין מוז אַמאָל שרייען פון זיין ענגשאַפט און פאַרלוירנקייט.

דער צווייטער כלל, וואָס דרינגט אַרויס פון יענעם ספר, איז אויך אַן אָפּענער: דער יידישער גאָט וויל נישט האָבן קיין ענג תשובה־אינדזועלע אינעם גרויסן ים פון אַ זינדיקער וועלט. ווו נאָר אַ פאָלק זינדיקט — מוז דער יידי־שער נביא גיין אַהין און וועקן דאָס געוויסן. אַנדערש וועט אויך די יידישע תשובה פאַרשווענקט ווערן פונעם גרויסן שטראָם. דער נביא בלייבט דאָרט אומגערעכט — דערפאַר וואָס ער וויל דאָס גליק פון תשובה נאָר באַהאַלטן פאַר יידנס וועגן. נאָך מער אומגערעכט איז ער — ווען ער פאָדערט פאַר זינדיקע פעלקער די בלויזע שטראָף וואָס צעשטערט אויף אייביק — און נישט די לייטזעליקע היילונג.

דאָס ספר יונה געהערט אָרגאַניש צו די יום־כיפור־תפילות — ווייל עס האָט טאָקע אַוועקגעשטעלט דעם ייד ווי אַ וועגווייזער צו תשובה, אָבער נישט באַפרייט די גאַנצע וועלט פון דער זעלבער אחריות און פונעם זעלבן גליק. דאָרט ווערט דירעקט נישט דערציילט אַ י ן ו וּ אָ ס די זינד פון נינוה איז באַשטאַנען... עס ווערט דאָרט אויך דיסקרעט פאַרשוויגן, וואָס עס איז גע־וואָרן פון דער שטאָט נאָכדעם ווי זי האָט זיך אומגעקערט פון איר שלעכטן וועג. איז זי שוין געבליבן ביי איר ביי־דערוואָרבענער צדקות — אָדער זי איז שפּעטער נאָכאַמאָל פאַרפאַלן געוואָרן אין זינד? נישט וויכטיק. סייווי ווייסן מיר עס, ווייל דער תנ״ך און די געשיכטע דערמאָנען מער נישט קיין שטאָט פון צדקות מיטן נאָמען נינוה... נאָר איר שפּעטערדיקע רשעות. דאָס גאַנצע לאַנד אשור איז שפּעטער סייווי פאַרלוירן־געגאַנגען.

פאַרן ספר גופא איז נאָר וויכטיק דער וויכוח צווישן נביא מיט גאָט: דאַרף מען ראַטעווען אַ זינדיקע שטאָט לכל־הפחות אויף איין דור? דער נביא, וואָס וויל איר פאַרניכטונג — בלייבט שפּעטער איינזאַם און פאַרלוירן *. ער איז האַרב צו זיך אַליין און וויבאַלד עס קומט אַ שטורעם אויפן ים צוליב אים — הייסט ער זיך אַליין אַריינשליידערן אין די טויטלעכע כוואַליעס. וועט ער זיך נישט אָפּשטעלן אויך פאַרן טויט־אורטייל פון גאַנצע שטעט, פון גאַנצע פעלקער. נישטאָ קיין רחמים אין יונהס פאַרצווייפלונג. זינד — מ׳יינט פאַר

* זע אונדזער עסיי „אַ דערשראָקענער נביא אַנטלויפט פאַר גאָט״.

אים דאָס זעלבע ווי אייביקע פאַרלוירנקייט. ער בלייבט געטריי זיך אַליין — אַפּילו ווען ער ווערט שוין געצוווּנגען פון גאָט צו זיין צווייטער שליחות. ער דערמאָנט נישט קיין תשובה — נאָר די זינדיקע אַליין מוזן זיך אָנשטויסן, אַז תשובה קען זיי אפשר העלפן („מי יודע ישוב ונחם האלהים ושב מחרון אפו ולא נאבד". יונה ג).

יונה וויל פאַרלייקענען, אַז די תשובה־אידיי געהערט צו דער גאַנצער וועלט. אָבער דאַן ווערט דער יום־כיפור אַ באַגרענעצט ווינקעלע, וואָס קען אַפּילו דעם יידישן פאָלק ווייניק העלפן. דערפאַר מוז קומען דער ענטפער, די מורא פאַר יעדן מענטשלעכן לעבן — אַפּילו אַ זינדיקס. די טויערן פון תשובה ווערן דאָרט ברייט אויפגעריסן פון גאָטס פינגער — אַפּילו ווען זיין טרייער נביא זאָל צוליב דעם אַריינפאַלן אין טרייסטלאָזן טרויער. אַ נביא וואָס וויל זען אין דער וועלט בלויז אומבאַפלעקטע באַשעפענישן קען נישט זיין גע־רעכט. ער וועט שוין נישט אָנזען דאָס ליכטיקע פון דער וועלט — ווייל אַפּילו די זון פייניקט אים בלויז...

און אויב יונה בלייבט אומגערעכט — וועט שוין קיין שום יידישער נביא נישט קענען בלייבן גערעכט, וויבאַלד ער וועט אַפּילו זיין הערלעכסטע נביאות אויסשטעלן אויף דער פאַרפאַלנקייט פון אַ יידישן דור; פון אַלערליי יידישע טיילן. זיין אייגענער אידעאַל מעג דערביי זיין הויך, וווּנדערלעך און ריין — וועט אָבער זיין ריינקייט מוזן בלייבן אַן אומהיימלעכע, אַן איינזאַם־פאַרבי־טערטע. אויב ער וויל דעם יום־כיפור איינהאַלטן פאַר ירושלים — און אויס־שליסן דערפון נינוה — קען ער מיטן יידישן גאָט (וואָס איז סוף כל סוף דער באַשעפער פון אַלעמען) צו קיין הסכם נישט קומען.

איז נישט מעגלעך, אַז אין טאָג פון גרויס־יידישער תשובה זאָל מען נישט דערמאָנען יעדער ייד באַזונדער: אַזאַ טריישאַפט שטערט תשובה צו טאָן. יידישע תשובה מיינט: לערנען זיך, וויאַזוי צו באַפרייען די נשמה פון אַלער־ליי עקשנותן — אַפּילו ווען זיי וואָרצלען אינעם ריינסטן אידעאַליזם. די יידישע תשובה וויל קודם־כל אָפּפרישן וואָס מער לעבנס — און יעדער גע־פאַנגענשאַפט פון אייגענע ווערטער איז אַ באַהאַלטענער לעכץ צו מאַכט; און ווו די מעכאַנישע מאַכט איז שולט — דאָרט קען קיין אידעאַלע תשובה נישט אַרויסגערופן ווערן. גאָט אַליין קלאַמערט זיך נישט אין זיינע „באַשלוסן" — אויב ער זעט אַן אָפן טירל פון רעטונג. אויך ער טוט „תשובה" ווען ער זעצט זיך אויף דער שטול „צו משפטן די וועלט".

איז דערמיט אויסגעשעפּט דער פולער תוכן פון יידישער תשובה? זיכער נישט. דערויף איז זיכער נייטיק אַ גאַנץ ספר. אפשר וועט די גרויסע אויפ־

זאַמלונג פון „יידישע ווערטן״ מוזן אָנהייבן מיט דער גרויסער תשובה־אידיי, וואָס איז דער וואָרצל פונעם יידישן וועלט־באַנעם בכלל. די פּאָר אָנגעוואָר־פענע שטריכן זענען אָבער אומבאַדינגט נייטיק — אויב עמעצער פון אונדז וויל מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט זען די אַקטועלע צייט אינעם יידישן ליכט.

ניו־יאָרק, 9־1953.

דוד הראובני אין מאָסקווע*)

א.

כ׳וויל זיך לכתחילה מודה זיין אין אַן אַלטער מחלה: איך פאַרליר אָפּט די מאָסן פון צייט. אין אַזעלכע טעג קען איך מישן אַ צייטונג — און פון דאָרט גאָר אַרויסלייענען מעשׂהס פון פאַרצייטנס. פאַרקערט ווידער: איך קען טיילמאָל בלעטערן דעם תנ״ך — אָדער אַן אַלטן באַנד געשיכטע — און דערזען אונדזער צייט פאַר די אויגן. יאָרהונדערטער טאַנצן אין קאַראַהאָד און איך ווייס נישט מער ווען און ווו איך לעב אייגנטלעך.

נישט אַלעמאָל איז דאָ שולדיק מיין צעפלויגענער דמיון. טיילמאָל איז גורם דערצו אונדזער געשיכטע גופא — וואָס אימיטירט זיך אַליין. קוק איך אויף איר מיט ניכטערע אויגן — און דאָך זע איך ווי אַלע צייט־גרענעצן פאַרשווונדן. טאַקע אין איינעם פון אַזעלכע טעג האָב איך זיך באַגעגנט מיט אונדזערע צוויי ליכטיקע געשטאַלטן: ד ו ד ה ר א ו ב נ י און ש ל מ ה מ ו ל כ ו.

ניין. מיר האָט זיך באַין־אופן נישט פאַרגלוסט אַוועקצוואַנדערן אינעם כישוף־לאַנד פונעם יידישן כייבאַר־פּרינץ. איך בין אויך נישט באַזעסן געוואָרן פונעם חשק צו באַרירן די עקזאַלטירטע פאַלע פון זיין צניעותדיקן נביא. אדרבא: איך בין שטיין געבליבן עקשנותדיק אויף מיין אָרט — אָבער די צוויי באַפליגלטע שטיקער פייער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייערע היסטאָרישע ארונות און זיך אימפּעטיק אַ לאָז געטאָן צו אונדזערע טעג. אַ העכערער באַפעל האָט זיי געהייסן וואַנדערן איבער די גאַסן פון מאָסקווע און בוקאַרעשט, וואַרשע און פּראַג. האָב איך נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה ווי אַריינצובעטן די גרויסע געסט אין די טונקעלע חדרים פון מיין פאָרשטעלונג.

דער פאָרשטייער פונעם יידישן לאַנד טראָגט שוין איצט אַנדערע מלבושים. אויך דער פּאָרטוגעזישער נאָבל־מאַן איז איצט געהילט אין מער מאָס־

---

* אין דער אַרבעט איז כמעט נישט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט דאָס ספקדיקע „טאָגבוך״ פון ראובנין גופא, ווו ער דערשיינט אין אַן אומגינסטיק־באַרימעריש ליכט — און לויט וועלכן דער מלך פון פּאָרטוגאַל זעט כמעט אויס ווי זיינס אַ שיק־יינגל. אָבער אַ צאָל פאַקטן פון דאָרט האָבן בפירוש יאָ אינספּירירט דעם מחבר.

קעס. ער איז שוין לאַנג אַרויס פון דער ענגער געריכטס־קאַנצעלאַריע אין ליסאַבאָן. ער שטייט שוין אויף הונדערטער טריבונעס מיטאַמאָל און פון גרויס פחד פאַר די נייע אינקוויזיציעס ציט ער אויף זיך אַרויף אַלערליי גע־שטאַלטן. אָבער זיין גוף און נשמה טרייבן ווייטער ממש דאָס זעלבע שפּיל פון מאַראַנישקייט ווי אַמאָל. ער דינט ווייטער דעם אינקוויזיציע־מלך — יאָ־האַן דעם ווי פ ל ט ן — און זיין כאָפּטע גלחים אין רויטע קליידער, פּונקט ווי אין זיין ערשטן גלגול. אָבער ווען ער שלייכט פאַרביי דאָס הויז — וואָס זיין מלך האָט אָפּגעטרעטן דעם שליח פונעם יידישן לאַנד — ווערן נאָכאַמאָל אָנגעצויגן זיינע אויגן־ברעמען. זיין האַרץ נעמט ווידער רוישן און זיין אויג ווערט אי שאַרפער און אי ווייכער. זיין מוח נעמט פיבערן — אָבער ער צוימט זיך. זיין שכל פאַרשטאָפּט דאָס מויל פונעם געפיל. ווען נישט — וואָלט ער איצט, נאָך אַן הפסקה פון יאָרהונדערטער, ווידער צוגעפאַלן מיט זיינע ליפּן צו די שטאָכעטן פון דוד הראובנים רעזידענץ און ער וואָלט ווי־דער געמוזט אויפשרייען מיט אַלע כוחות:

— יידישער פּרינץ... ראַטעווע! נעם מיך, פיר מיך אַוועק צו דיר, י י ד י ש מיך! קוק זיך איין און זע, ווער עס שרייט געוואַלט אונטער דער שטאַרער מאַסקע. ווערסטו טאַקע נישט דערקענען דיין ש ל מ ה   מ ו ל כ ו, וואָס קוקט אַרויס דורך די אויגן־פענצטערלעך פונעם פרעמדן ד י ע ג אָ פּ י ר ע ס ?

אַ באַקאַנט בילד פון דער יידישער געשיכטע אַרויס. דאָך איז עס מער נישט אַרויסגענומען פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט. מיר האַלטן טאַקע ביים סאַמע־האַרץ פון אונדזערע טעג.

ב.

אָנגעהויבן האָט זיך עס ביים רומענישן בחורל, וואָס האָט לכתחילה געשריבן לידער צום רויטן אינקוויזיציע־מאַנטל. דערנאָך איז ער אַוועק פון בוקאַרעסט און געטראָפן צו מיין פאַריזער האָטעל־צימער. איז ער געזעסן און מיר דערציילט זיין פּשוטע מעשה:

— און אַז ס'איז געקומען דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר אַליין, האָב איך שוין געמוזט גלויבן. טאַקע פאַראַן אַ יידישע מדינה! אונדזער רעגירונג האָט אַפילו אויפגענומען איר פאַרשטייער מיט אָפיציעלן פּאַראַד. וואָסזשע וואַרט מען? פאַרוואָס גיט ער נישט קיין וויזע? לאָמיר זיך אויפזעצן אויף אַ שיף און אָנהייבן די גרויסע נסיעה! אַפילו ביי יידישע קאָמוניסטן אויף הויכע אַמטן האָט דאָס האַרץ גענומען פלאַטערן. איך אַליין בין עטלעכע מאָל גע־לאָפן צו יענער גאַס — און זיך אַלץ נישט געוואָלט גלויבן: איז עס טאַקע

די יידישע פאָן? און אַז איך האָב זי איינמאָל פאַר אַלעמאָל דערזען — בין איך אַוועק צו דער גרענעץ...

דערנאָך זענען געקומען שטילע באַריכטן פון נאָך ווייטער. דער הויכער מאַן, מיטן אַלטן שוויג־שלאָס אויפן מויל, איז געזעסן ביי מיין רעדאַקציע־טיש און גאָר גערעדט ווי פון אַ שפּאַנישן קעלער אַרויס:

— 1948 אין מאָסקווע. עטלעכע צייטונגס־שורות האָבן דערציילט: פּראָקלאַמירט די יידישע מדינה. אַפילו דער הערשער פון „קרעמל" האָט איר געגעבן זיין הסכמה. באַלד וועט קומען איר פאָרשטייער. אַ סברא, אַז דער „מלך" אַליין וועט אים אויפנעמען מיטן געהעריקן כבוד — — —

אמת: קיין ברוין־אָפּגעברענטער סוד, ווי אין פּאָרטוגעזישן פּאַרצייטנס, איז נישט געקומען. קיין אַנגעגורטלטע שווערד האָט פון זיינע לענדן נישט באַכגעהאַנגען. ס'איז גאָר געווען אַ פּרוי מיט עטלעכע באַגלייטער, וואָס האָבן דאָ פאַרלייגט אַן אָפּגעשלאָסן אינדזל פונעם העברעאישן לאַנד. עס האָט פון איר געשמעקט מיט טרערן־געווייקטע מרחקים — אָבער אַפילו דאָס נאַקעטע אויג קען זי דערבליקן. זי קומט טאַקע פון ווייטע יאָרהונדערטער — אָבער פון זיי שרייט און רופט אַזאַ היימיש־זאַפטיקער און מאַמיש־געטרייער נאָמען: גאָלדע! דער נאָמען פון אַזויפיל צעפּייניקט־יידישע שוועסטער און מאַמעס האָט איבערגענומען ראובניס פאַן; האָט געברענגט ביז צו דיר דעם צייכן פון יידישער מלכות... גאָט, האָב רחמנות און לאָז אַ קוש טאָן דאָס בענדל פון איר שיך!

...זיי זענען אין ערגעץ נישט געגאַנגען, די פּאָרשטייער פון יידישן מלכות. אויסער צום פּאַלאַץ פון מאָדערנעם מלך יאָהאָן. דוכט זיך, אַז זיי האָבן נאָך קיין איין ייד דאָ נישט געזען — און דאָך זענען זיי שוין געזען געוואָרן פון מיליאָנען אויגן. הערצער האָבן זיי באַגלייט אויף שריט און טריט. רבונו של עולם, זיי מצליח דעם וועג אויף וועלכן זיי גייען — צום לייב אין מויל אַריין!... פּונקט ווי יידישע הערצער האָבן באַגלייט דעם שר דוד, ווען ער האָט געטראָגן די מכבי־פאָן צום אינקוויזיציע־דורשטיקן מלך. די הערצער האָבן באַגלייט — אָבער קיין שום מויל האָט עס נישט פאַראַטן און קיין שום בליק האָט עס נישט דערציילט. איז עס אַ פאַרברעכן? ווען מען טוט מען שלעכטס מיט אַ הייסער ברכה פאַר אַ שוועסטער? ברידער פון יענעם עק וועלט האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אין דער אַלטער נעסט, געוואַרעמט יעדעס שטיינדל, זיך צונויפגענומען אין קיבוצים, אין שטעט וואָס זענען אויסגעשוויסט געוואָרן אויף נאַקעטן זאַמד — און געשאַפן אַ מדינה... טאָר מען זיך נישט פרייען? אַ יידישע מדינה — און עס זענען פאַראַן יידן אין מאָסקווע און אין קיעוו, אין ווילנע און אין כאַרקאָוו, אין ריגע און אין לעניני־

גראַד... און אַז עס קומט אַ שוועסטער פון יענער מדינה, וואָס דער אייגענער הערשער באַגריסט — טאָר מען נישט צוגיין? טאָרן זיך צוויי יידישע הענט, פון צוויי וועלט־עקן, נישט דערוואַרעמען און מאַכן אַ ברכה אויף דער באַ־געגעניש?

ניין, מען טאָר נישט! קיינער וויל אַפילו נישט פרעגן: פ אַ ר וו אָ ס? מען ווייסט שוין. נאָר אַז די דאָזיקע פרוי, מיטן פנים פון אַלעמענס מאַמע, וויל זען אַ ייד? גייט זי אין שיל אַריין. אין דער מאָסקווער שיל. אָבער פאַר־וואָס איז די מאָסקווער יידן באַפאַלן אַזאַ חשק צו דאַווענען? יידישע בער־באַזשניקעס! אין די הונדערטער, אין די טויזנטער, אין די צענער־טויזנטער... ס'איז חלילה גאָרנישט געשען. דאָס האַרץ איז ווייטער געשלאָסן. ווער מיר בענקשאַפט און וואָס מיר יידישע פרייד! שטיינער — לויט אַלע כללים פונעם אינקוויזיציע־געזעץ. נישט מער: זיי האָט זיך פאַרגלוסט צו דאַווענען... טאָר מען ד אָ ס אויך נישט?

און זי, די מאַמע מיט קאָרבנס אויפן שטערן, זיצט אין דער ווייבער־שיל און שווייגט. יעדעס וואָרט קען ווערן אַ שווערד. רייסן זיך טויזנטער אויגן, טראָגן זיי זיך צו דער הויך, זוכן עפּעס מיטן בליק. אַזוי־ווי אויף איר פנים וואָלט געווען פאַרשריבן אַ מעשהלע, דאָס שענסטע, וואָס מען קען נאָר אַראָפּלייענען בגניבה. אויך זי קען עס מיטן מויל נישט דערציילן. ז י ט אָ ר נ י ש ט. אַ מיניסטער טאָר אויך נישט? ניין, אויך זי־ער טאָר עס נישט. זי מעג נאָר איין זאַך — אויסשרייען צו אַלעמען און קיינעם נישט: ג וט ש ב ת, יידן! ג ו ט ש ב ת!!! און יעדער איינער פון די פערציק טויזנט מת־פללים — אין שיל, אין דרויסן, אויף די אַרומיקע גאַסן — קען בלויז מיט־שרייען, מיטפּרעפּלען, מיטדאַווענען, מיטזינגען און מיטוויינען דעם געהיי־מען פּאַראָל: ג ו ט ש ב ת! ג ו ט ש ב ת!!!

ווען אַ מלאך זאָל אין יענעם שבת געווען אויפשפּאַלטן יעדעס פּינטעלע פון די צוויי ווערטער — וואָלט ער אין זיבעציק יאָר נישט געקענט אויס־דערציילן, וואָס ער האָט פון דאָרט אַרויסגעזען און אַרויסגעהערט. נישט אומזיסט האָט דער גרויסער תנא פון צרה־צייטן — דער מורדישער ר' עקיבא — אַרויסגעדרשנט גאַנצע בערג פון די קריינדעלעך אויף יידישע אותיות...

ג.

יענער „גוט שבת" האָט טייער געקאָסט — פונקט ווי דער פאַרצווייפל־טער געשריי פונעם קעניגלעכן סעקרעטאַר צום יידישן פרינץ. פונקט ווי דאַן, האָט אויך איצט די יידישע מכבי־פאָן סוף־כל־סוף צעגליט דעם כעס פונעם

מלך אין מאָסקווע. דערפֿאַר האָט דער זכרון געמוזט פֿאַרפּליען — אויף די פֿליגל פֿון הײַנטיקן דמיון — צו די אַלטע געשיכטע־פֿאַרמעטן:

זעכצנטער יאָרהונדערט. די שפּאַנישע פּראָווינצן האָבן זיך שוין צונויפֿגעגאָסן. שוין אַפֿילו באַוויזן צו דעראָבערן נײַע. דאָס קעניגלעכע פּאָרל פֿערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבן שוין געקושט טאָרקוועמאַדאָס צלם און געשווירן אויף הייליקן מאָרד. אַזויפֿיל מענטשלעכע לײַבער האָבן שוין געברענט... אַלערלײַ רוצחים אין פֿרומע קליידער האָבן שוין געשעדעט פּרויען, געריבט פֿאַרמעגנס און צוגעלייגט גליענדיקע שפּיזן צו צאַרטע גלידער. די שטעט זענען פֿול געווען מיט יידן — און עס איז זיי לײַכט געווען צו געפֿינען. אויך יידישע משומדים האָבן צוגעהאָלפֿן. ווי נאָר עמעצער גיט אַ יידישלעכן קרעכץ — ציען אים שווערע קייטן אין קעלער אַרײַן. אין שפּאַניע האָט זיך באַוויזן אַ נײַער מין בירגער: פֿאַר פֿרעמדע אויגן קושט ער דעם קרייץ מיט מער ברען ווי אַנדערע — אָבער אין האַרץ קיניגט ווייטער דער יידישער גאָט. אויף ווילאַנג?

לויכט אויף אַ פֿײַערל פֿונעם שכנותדיקן פּאָרטוגאַל. אַמאָל האָט זעלטן ווער געטראַכט פֿון באַזעצן זיך אין יענעם לאַנד. אדרבא: נישט ווייניק יידן זענען פֿון דאָרט אַוועק קיין שפּאַניע. מען ווייסט אַפֿילו, אַז אויך דער דאָרטיקער מלך איז אַ רשע. אָבער ברענען אַ מענטש ווײַל ער איז אַ ייד — איז דאָרט פֿאַרבאָטן לויטן געזעץ. איז דאָס ווייניק? האָבן זיך גענומען ציען מאַראַנישע מחנות איבער דער גרענעץ, געקושט דעם שטויב פֿון פּאָרטוגעזישער ערד, צוגעזאָגט אָפּצוגעבן דאָס לעצטע ברעקל האַרץ און מוח דעם נײַעם לאַנד: פֿאַרט אַ מדינה, וואָס לאָזט נישט אויפֿהייבן די אינקוויזיטאָרישע קעפּ! מען ווייסט: דער מלך פֿון פּאָרטוגאַל איז מקנא שפּאַניע. ער וויל זי דעריאָגן און איבעריאָגן. אויך ער וויל וואַקסן — און יידן פֿאַרמאָגן אַ סך ליכטיקע קעפּ, דאָקטוירים און גרויסהענדלער, דענקער און מלוכה־לײַט — — קען „דאָ“ נישט געשען ס'זעלבע ווי אין שפּאַניע... באַין אופֿן נישט!

אויך אין פּאָרטוגאַל פֿעלן תיכּף־ומיד נישט קיין צרות. די פֿריש־אַרײַנגעקומענע ווערן געזוצן מיט חשד, ווערן אַרומגערינגלט מיט אַלערלײַ גזירות. ס'איז אָבער דאָ אַ ביטערע טרייסט: „דאָרט“ נעמט מען צו דאָס לעבן — און „דאָ“ העלפֿן מיט אין די גזירות אייגענע יידן. אַ סימן, אַז „דאָ“ האָבן זיי פֿאַרט אַ דעה.

דאָס קאַפּיטל „שפּאַניע“ ווינקט און דראָט: אויך דער גרויס־אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ האָט זיך לכתחילה באַהאָלפֿן מיט יידן, ביים זוכן באַהאַלטענע מאַראַנען. ביז עס האָט געשלאָגן די לעצטע שעה — אויף פֿאַר זייערטוועגן. עטלעכע צענדליק יאָר — ביזן שווידערלעכן 1492 — האָבן

אויך דאָרט יידן אָפּגעשלאָגן אַלערליי גזירות; געהאָלפן גרויס מאַכן דאָס צעריסענע לאַנד; אַוועקגעגעבן פאַרן מלכות די ליכטיקסטע קעפּ פון די דון־יחייאס, סעניאָרס און אברבנאלס. זיי האָבן איזאַבעלן אַפילו געהאָלפן דער־אָבערן גראַנאַדאַ — הגם יידן האָט זיך דאָרט געלעבט בעסער ווי אין שפּאַ־ניע — און דערמיט ווי פאַרזיגלט דעם אייגענעם גורל... אָבער פּאָרטוגאַל איז און מוז זיין אַנדערש!

אין שפּאַניע הערשט שוין כאַאָס. די בעסטע קעפּ זענען אַוועק איבער דער גרענעץ. דער טעראָר קעגן יידן האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט בלויז ביי זיי. דער חשק צו רציחה האָט נישט געשוינט אויך אייגענע שפּאַניער. אַפילו טייל אינקוויזיטאָרן פון נעכטן ווערן היינט פאַרמסרט און מאָרגן ברענען אויך זייערע לייבער אויפן אויטאָ־דע־פע. וועט עס טאַקע נישט אָפּשרעקן דעם מלך פון פּאָרטוגאַל? יאָ, אויך ביי אים איז דער ייד נישט פריי. ער מוז אַפילו טראָגן אַ ספּעציעלן אָפּצייכן. אָבער דער מלך צעעפנט פאָרט אַלע טויערן פאַר די, וואָס ווילן זיך ראַטעווען פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע! ער ווייזט פאָרט אַרויס אַביסל רחמים...

האָט פּאָרטוגאַל טאַקע פיינט באַקומען די רשעות פון יענער זייט? יאָ און ניין. איין מלך אירער לאָזט טאַקע אַריין צענדליקער טויזנטער שפּאַנישע יידן. ער איז מקנא שפּאַניעס וווקס און וויל קודם ירשענען איר מענטשלעך פאַרמעגן. אָבער עס קומט אַ צווייטער מלך און מאַכט דעם חשבון אַביסל טיפער: דער נייער שטראָם יידן קען בלויז נוצלעך זיין, ווען ער וועט זיך לגמרי אויפלייזן אינעם פּאָרטוגעזישן פאָלק. אַנדערש וועלן זיי זיך אייביק פלאָנטערן צווישן די פיס. דערצו קומט דער פּאָליטישער שד און פירט צו־נויף פייער מיט וואַסער: דער פּאָרטוגעזישער מלך איז זיך משדך מיטן שפּאַ־נישן הויף און איזאַבעלאַס טאָכטער ווערט זיין ווייב... באַקומט זי די דעה. שפּאַנישע שליחים קומען יעדן טאָג קיין פּאָרטוגאַל און פּאָרטוגעזישע מתנות־טראָגער לויפן קיין שפּאַניע. ביידע קומען נישט מיט קיין ליידיקע הענט: זיי ברענגען ברענענדיקע שנאה צו יידן — אַפילו צו מאַראַנען. אמת: דער פּאָר־טוגעזישער מלך (און איידעם פון שפּאַנישן הערשער־פּאָרל) איז פאָרט „לי־בעראַלער". ער ברענט נישט קיין יידן, נאָר מאַכט זיי בלויז פאַר שקלאַפן. ער פאַרקויפט זיי אין די הרי־חושך, צאַפּט פון זיי אַרויס די לעצטע מטבע און... זייערע יונגע קינדער הייסט ער שלעפּן בגוואַלט צום טויף־בעקן. דאָס ברענגען זייערע לייבער לאָזט ער פאַר זיין שווער און שוויגער... ער קען האָבן מער נוצן פון זיי אין דער שקלאַפן־מדרגה; און זייערע קינדער וועט שוין דער קלויסטער סייווי דערציען. אַז די קינדער זענען געטויפט, הילפלאָז אַוועקגעריסן פונעם יידישן פאָלק — וועלן שוין די עלטערן סייווי קיין ברירה

נישט האָבן און קניִען פאַרן צלם. בכל אופן וועלן זיי מער נישט וואַגן אַרויסצולאָזן קיין ייִדישן פּיפּס פון מויל — ווען דאָס אייגענע קינד הערט — — —

אַ באַקאַנט בילד? ס'איז אָבער פאָרט אַרויסגעריסן פון אַן אַלטן יאָרהונדערט.

ד.

לאָמיר זיין גערעכט אויך צו היסטאָרישע שונאים: נאָך אַלעמען האָט דער שפּאַנישער טאָרקוועמאַדאָ נישט דערגרייכט צו די קנעכל פון זיין דייטשן תלמיד אינעם 20סטן יאָרהונדערט. די אַמאָליקע אינקוויזיטאָרן האָבן געשפּרייזט אַ לאַנגן וועג ביז צום פּערפעקטן מאָרד. עטלעכע ייִדישע דורות האָבן זיך פריער געראַנגלט, אָפּגעשלאָגן אַלערליי אָנפאַלן, גזירות און בלבולים. זיי האָבן געהאַט געווּיסע מעגלעכקייטן פון אָפּווער און ווידערשטאַנד — ביז די גרויסע בראָך איז געקומען. אַפילו ווען דער רשע טאָרקוועמאַדאָ האָט אָפּגעהאַלטן זיין פולן נצחון — האָט ער ביי די געבליבענע ייִדן נאָר געפּאָדערט זייער נשמה... און וויפל האָט ער דען סך־הכל פאַרברענט? בלויז טויזנטער! און נאָר אַזעלכע, וואָס האָבן קיין אָפענע ייִדן נישט געוואָלט זיין און אים „אָפּגענאַרט". ביי אַ פאַרגלייך מיטן היטלעריסטישן צורר — וואָלט אויך ער זיך געפילט באַליידיקט — און נישט מיט ווייניק רעכט. ווער עס האָט זיך ביי אים נישט געוואָלט שמדן — האָט געהאַט אַן אָפענעם וועג (אויף וויפל עס האָט זיך געהאַנדלט אין מאָרקוועמאַדאס מאַכט) קיין איטאַליע, טערקיי, האָלאַנד אָדער פּאָרטוגאַל. עס האָט אים אַפילו נישט געשטערט, וואָס טייל פון זיי וועלן אַוועק קיין צפת און לערנען די פאַרפירערישע קבלה. בזה האופן איז ער אַפילו „בעסער" געווען פאַר זיין רוסישן תלמיד.

אָבער דערמיט ענדיקט זיך זיין היסטאָרישע „אַליבי" — פונקט ווי פון די פּאָרטוגעזישע מלכים. נאָר מיר האַלטן דאָך שוין ביי פּאָרטוגאַל, ביים אָנהייב פונעם 16טן יאָרהונדערט, ווען אַלע ייִדן זענען שוין אויסגעשמדט בגוואַלט. נישט מער: אין די באַהעלטענישן לערנט מען נאָך תורה — פונקט ווי אין שפּאַניע, ווו די אינקוויזיציע בושעוועט שוין דריי צענדליק יאָר. ייִדן בענקען נאָך, קלאַמערן זיך נאָך אין די שיריים פון זייער ייִדישקייט — און דער מלך מאַכט זיך אַזויווי נישט־זעענדיק. יאָ: אין זיין פּלאַן איז שוין פאַרצייכנט דאָס גרויזאַמע וואָרט „ד ע ר ו ו י י ל". במשך פון צוואַנציק יאָר מוזן סייווי פאַרשווונדן אַלע ייִדישע שפּורן. די אָפענע עקשנים ליגן שוין סייווי אין די תפיסה־קעלערן — און די באַהאַלטענע וועט מען אויסזוכן בהדרגה. פאַרוואָס טאַקע נישט באַלד, ווי עס פאָדערן די אומגעדולדיקע גלחים? ווייל פּאָרטוגאַל קען עס זיך נאָך נישט פאַרגינען. דערווייל זענען

נאָך יידן נייטיק אויף די העכערע פּלעצער, וואָס קיינער פון די היימישע קען נאָך נישט פאַרנעמען. ז יי זענען די בעסטע דאָקטוירים; ז יי בויען מיט ברען דאָס לאַנד; ז יי ווייסן וויאַזוי איינצושטעלן די געלט־ווירטשאַפט; ז יי זענען די פּעאיקסטע מלוכה־באַאַמטע און... עס זאָל נאָר צו קיין חרפּה נישט זיין: זייערע מאַראַנען זענען אַפילו צווישן די פּעאיקסטע גלחים! דאָס „פאָלק" רייסט זיך טאַקע פון דער קייט, ווייל זיי זידלען און באַליידיקן — אָבער קעניג עמנואל מוז האָבן געדולד. זאָלן זיך די שרייער בעסער אויס־לערנען, וויאַזוי מען פירט מיט אַ מלוכה — און מען זאָל מער די יידן נישט דאַרפן! אָבער ביז דאָס וועט געשען — מוז דאָס קעניגלעכע געזעץ וואָרענען מיט דער האַרבסטער שטראָף פאַרן באַליידיקן אַ מאַראַן און אים רופן „ייד".

אמת: אויך דאָס איז בלויז אַ געזעץ אויפן פּאַפּיר. מען מוז געבן דער אויפגעהעצטער מאַסע איר געלעגנהייט. ווען אַ הויכגעשטעלטער מאַראַן טרייבט איינמאָל איבער זיין מאָס טריישאַפט צום מלך — לינטשט אים דאָס פאָלק און דער מלך ווישט זיך אומשולדיק די הענט. ער ווייסט, אַז דאָ האָט זיך דער צאָרן בלויז אויסגעגאָסן אויפן ייד — דעם קייזערלעכן שטייער־מאָנער — אָבער די שטול זיינע בלייבט ווייטער אומבאַרירט.. און ווען אַ הונגער אין לאַנד ברענגט אַ מגיפה — שווייגן נישט זיינע דאָמיניקאַנער. זעכצן יאָר נאָך טאָרקוועמאַדאס נצחון אין שפּאַניע — קומט צו אַ מוראדיקן פּאָגראָם אויך אין פּאָרטוגאַל. אַ מאַסע פון טויזנטער מאַראַנען ווערן פאַר־פייניקט אין די גאַסן, אין די הייזער... אָבער דער מלך „באַדויערט" עס נאָך און עטלעכע פּאָגראָם־פירער ווערן אַפילו געמשפּט. זאָל מען וויסן, אַז „פּאָר־טוגאַל" איז פּאָרט נישט „שפּאַניע". זאָלן נאָר די מאַראַנען אַרויסווייזן מער טריישאַפט, מער אינערלעכע אויפלייזונג און נישט פאַרלירן דעם גלויבן.

אין די באַהעלטענישן מעג מען זיך טאַקע שושקען, אַז דער נייער מלך — יאָהאַן דער דריטער — איז אַ פאַרביסענער שונא־ישראל. אויך די מאַ־ראַנען האָסט ער נישט ווייניקער. אָבער דאָס זענען נאָר קלאַנגען. ווי קען דאָס מעגלעך זיין, אויב זיינע ראַטגעבער זענען ליבעראַלן און צווישן ז יי דרייען זיך אַרום עטלעכע מאַראַנען? דאַרף מען בלויז ווייטער מאַכן דעם אָנשטעל פון גוטע קריסטן — און אין האַרץ קען מען סייווי קיין שומרים נישט אַריינזעצן.

דער מלך האָט טאַקע געשאַפן אַ געהיימע פּאָליציי, וואָס שפּירט נאָך יעדן שריט. אָבער דאָרט גופא איז איינער פון די גדולים — אַ מאַראַן... וועט טאַקע זיין יידיש האַרץ נישט אויפציטערן? יאָ, יענער משומד ווייסט וויאַזוי צו געפעלן דעם מלך: קודם כל מסרט ער זיין אייגענעם ברודער! אָבער עס איז פּאָרט אַנדערש ווי אין שפּאַניע און צו קיין פולער אינקווי־

זיציע קומט עס נישט. האָט ער נישט צוגעלייגט קיין באַהאַלטענעם פינגער? האָט ער טאַקע גאָרנישט צוגעהאָלפן, אַז דאָ זאָל פּאָרט לייכטער זיין?

קיין „שפּאַנישע" מעשים ווערן נאָך דערווייל אין פּאָרטוגאַל נישט אָפּגעטאָן. די מאַראַנען היטן נאָך אַפילו אָפּ אַביסל יידישע ספרים — און מלכות קוקט דורך די פינגער. זאָלן זיי האָבן די איינריידעניש, אַז דאָ דער־לויבט מען זיי נאָך אָנצוהאַלטן אַביסל פאַרשטעלטע יידישקייט, אויפן שפּיץ מעסער. דאָס קען דערווייל קוויקן די נשמה. אלא שפּעטער? וועט גאָט מוזן רחמנות האָבן. ווייניק ניסים האָבן שוין געטראָפן מיט יידן? און דער נס האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן באַוויזן: ערגעץ ווייט, אויף די קאַנאַלן פון וועד־נעדיק, האָט זיך באַוויזן אַ סודותדיקער ייד מיט אַן אייגענער פאַן, וואָס איז אויסגעהאַפטן מיט העברעאישע אותיות... אומעטום באַווייזט ער זיך, שטאָלץ און אומדערשראָקן. דער פּויפּסט אַליין האָט אים אויפגענומען, הגם יענער וויל צונויפזאַמלען אַ יידישע אַרמיי... און דאָס וויכטיקסטע: דער מלך יאָהאַן גופא — וואָס פלאַקערט פון האַס אַפילו צו אייגענע מאַראַנען — ווייזט יענעם אַרויס גרויס פריינטשאַפט. אַ סברא, אַז ער וויל אים אַפילו געבן געווער פאַר זיין ווייט־יידישער אַרמיי. שאַ, אָט האָט ער אים אַפילו איינ־געלאַדן צו זיך — קיין ליסאַבאָן! באַלד וועט ער דאָ קומען, אַ שטאָלצער און גלייכער — מיט זיין יידישער פאָן — און דער מלך גופא וועט אים דריקן די האַנט... יאָהאַן דער דריטער? יאָ, ער אַליין! גאָטעניו! ענדלעך האָסטו פּאָרט רחמנות באַקומען אויף דיינע אנוסים... און דער נס קומט, ער פּאָרט, ער שיפט זיך איבערן ים... אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם, פאַר דיין גרויסן חסד!

ה.

און דאַן זענען געווען אין רוים 45 מוסרים און גאָט האָט אַריינגע־געבן תשובה אין זייער האַרץ... און עס זענען אויך געווען שטאַרקע יידן אין רוים און אין מלכות איטאַליע, פּעאיק צו מלחמה און העלדן — און זייער האַרץ איז ווי דאָס האַרץ פון אַ לייב צו יעדער זאַך. און די יידן פון ירושלים, מצרים און אינעם גאַנצן קעניגרייך פון ישמעאל האָבן ווייכע הערצער, מורא און פּחד — און זיי טויגן נישט צו מלחמה ווי די יידן פון איטאַליע... (פון ראובנים רייזע־באַשרייבונג).

...איז ער געקומען, דער קליינער און אָפּגעברענטער מאַן פונעם ווייטן לאַנד מיט זיין יידישער שווערד. איבער אַ שטיק אייראָפּע האָט מען שוין געהערט זיין נאָמען. דאָס גרויסע מלכות פון טערקיי האָט געהאַט שונאים. און וויבאַלד דער יידישער קריגס־מאַן איז געקומען און געזאָגט: קאַמף מיטן מוזולמענישן שונא! — האָט די פּויפּסטלעכע שטול פאַרגעסן אין זיין יידישן

צייכן; האָט אויך דער פּאָרטוגעזישער שליח ביי דער ווענעציאַנישער מדינה מודיע געווען זיין האַר און מלך: טאַקע אַ ייד — אָבער עפּעס אַן אַנדערער... דער שונא, וואָס רעגירט איבער אַ גאַנצער אימפּעריע, וועט פון אים קיין נחת נישט האָבן. זאָל ער נאָר האָבן געבוג וואָפן און שיפן צו פאַרשטאַרקן זיין אַרמיי... ווילאַנג איז דער שיעור, אַז דאָס מוזולמענישע קעניגרייך זאָל וואַקסן? אויב דער סולטאַן זאָל טאַקע פאַלן — קענען אַלע נעמען ירושה... און מיטן קליינעם ייד וועט מען זיך שוין שפּעטער געבן אַן עצה. דאַרף מען אים דערווייל אויפנעמען מיט גרויס כבוד — און זאָל ער אַרויסשאַרן די ערשטע קאַשטאַנעס פון פייער...

ווער איז דער דאָזיקער ייד אַליין? פון וואָס טראַכט ער און וועגן וואָס חלומט ער? קען מען טאַקע ליב האָבן זיינע פרייע יידן פון כייבאַר־לאַנד? נישט איצט איז די צייט פאַר אַזעלכע חקירות. זאָל ער נאָר אָפּריידיקן דעם וועג. אויב ווענעדיק האָט אים אַריינגעלאָזט און קלעמענטי דער זיבעטער פון רוים האָט אים אויפגענומען בכבוד — טאָר יאָהאַן דער דריטער נישט אַרויס־פאַלן פון שפּיל. וועלכן כוח פאַרמאָגן זיינע „דריי הונדערט טויזנט קריגס־לייט"? זענען זיי ערגעץ פאַראַן, אָדער זיי לעבן אין די מקומות וואָס עק־זיסטירן בכלל נישט? דאָס גייט דערווייל קיינעם נישט אָן. סיי ווי קענען זיי נוצן ווי אַ גוטע שילד: אי מען קען, צוליב זיי, זיך וואַרפן אויפן שונא — און דערצו נאָך וועט מען עס טאָן אין נאָמען פון אַ גערעכטער זאַך. דעם יידישן האַרס ברידער ווערן דאָרט נעבעך געפּייניקט און מען מוז זיי העלפן באַקומען די פרייהייט. אויב דער ייד האָט נאָך דערווייל נישט קיין אַרמיי — קען ער זי האָבן. אונטער זיין פאָן קענען שפּעטער זעגלען קריסטלעכע פּאָרטוגעזן און ווענעציאַנער, פראַנצויזן און שפּאַניער. ער דאַרף בלויז אָנ־הייבן. עס זענען נאָך פאַראַן אין אַ סך לענדער רייכע יידן, וואָס די איג־קוויזיציע האָט זיי נישט דערגרייכט — און דער ייד האָט אויפגעפלאַקערט זייערע הערצער. זיי שיקן אים מתנות, געלט און זיי זענען עקזאַלטירט. קען טאַקע פון זיין לעגענדע נישט ווערן קיין נוצלעכע ווירקלעכקייט?

וויאַזוי קען פּאָרטוגאַל וועלן באַפרייען מיטן גאַנצן האַרצן די יידן פון וייטן כייבאַר — בעת ביי זיך אין לאַנד ברענט זי זייערע טריט? דער קלוג־גער ייד, וואָס איז געהילט אין אַזויפיל סודות, ווייסט, אַז מען טאָר אַזעלכע שאלות נישט פרעגן. אויך יאָהאַן גופא מאַכט זיך נישט־וויסנדיק. דאָס שפּיל פאָדערט צו פאַרגעסן אַלע חשבונות. ווען דער ייד שיקט אַ בריוו און בעט אַנערקענונג — נעמט אים יאָהאַן אויף מיט אָפענע אָרעמס. ער וויל שיפ־כלים? אדרבא... אפשר וועט מען טאַקע נעמען לאָדן די שיפן. אַביסעלע גע־דולד בלויז, אַ טראָפּן ישוב הדעת...

משיחס צייטן! אָבער אין פּאָרטוגאַל דרייען זיך אַרום אַזויפיל אנוסים... זיי פילן, אַז בקרוב וועט זיך די שווערד הייבן איבער זייער קאָפּ. זיי זענען יידן אין הארץ, מיט אַ צלם איבערן האַרץ. מוזן זיי זיך רייסן, בענ־קען, פאַרכאַפּט ווערן, חלומען פון אַראָפּוואַרפן דעם פרעמדן שמד־מאַנטל און שרייען „שמע ישראל" איבער די גאַסן. וויאַזוי־זשע קען זיך אַרומדרייען צווישן זיי איין ייד — מיט אָפנסטן צייכן פון זיין שטאַם — און דאָך פאַרגעסן אין זיי? בייטאָג זויגן זיך איין זייערע בליקן אין אים, בעטן זיך שטומער־הייט, פאָרשן און שרייען אָן ווערטער: איז עס טאַקע אמת? קומסטו טאַקע צום מלך? שמועסט ער טאַקע מיט דיר וועגן געוועזער פאַר דיינע ברידער, פאַר אונדז? ווייסט ער טאַקע, אַז דו ביסט אַ ייד מיטן העברעאישן לשון אין מויל — און דאָך גיט ער דיר אָפּ כבוד? און אויב דאָס איז וואָר — פאַר־וואָס־זשע טאָרן מיר קיין יידן נישט זיין? פאַרוואָס קומט אונדז די העכס־טע שטראָף, אויב מיר ברענגען דעם יידישן קלאַנג אויף די ליפּן? דו ביסט דאָך דער יידישער האַר — און דיך קען נישט שרעקן דער מאַנאַך מיט דער לאַנגער סוטאַנע — פאַרוואָס־זשע שווייגסטו? פאַרוואָס פרעגסטו אים נישט? פאַרוואָס וואַרפסטו אַפילו נישט דיין בליק צו אונדז? פאַרוואָס נעמסטו אונדז נישט צו זיך? מיר וועלן אַקערן דיין ערד, טון די שווערסטע מלאכות — אַבי נעם אונדז אַרויס! אויב דער מלך וויל דיר באמת העלפן — קענען מיר דאָך פאַרשטאַרקן דיין כוח!

טייל פון זיי האָבן שוין מער נישט געקענט וואַרטן און זיך געלאָזט צו די גרענעצן, צו פאַרגנבעטע שיפן. אַנדערע האָבן שטילערהייט מודיע געווען זייער קרובים אין שפּאַניע: ער איז דאָ... ער גרייט זיך... ער וועט... און טייל האָבן מער קיין כוח נישט געהאַט, נאָר צוגעפאַלן מיט די ליפּן צו זיינע הענט אין קניענדיקן געבעט, פאַר אַלעמען אין די אויגן...

פון אַלע ווינקלען האָבן זייערע בליקן אים נאָכגעפאָרשט, געוווּנדערט זיך: פאַרוואָס באַהאַלט ער זיין בליק? פאַרוואָס צאַפּלט ער נישט פון באַגע־געניש־פרייד? פאַרוואָס טרייסט ער אונדז נישט לכל־הפּחות מיט אַ ווונק פון זיין אויג? זייער שטומער צער בייזערט זיך און גלעט, בעט זיך און וואָרנט: זיי קענען נישט מער! אָט באַלד וועלן זיי אים נאָכלויפן ביז צום מלכס פּאַלאַץ, זיך אַריינרייסן ביז אין די טיפעניש פון די שרעקלעכע טויערן און אים פאַלן צו די פיס. זאָלן דערנאָך אַרויסקומען די באַהאַלטענע אינקווי־זיטאָרן! זאָלן זיי אַלע קומען און זען. זאָלן זיי דערנאָך טאָן וואָס זיי ווילן נאָר — אַבי איינמאָל אָנצורירן דעם זוים פון זיין בגד, שפּירן דעם ריח פון זיין געזאַלבטער האַנט; כאָטש אָנטאַפּן אַ פינגער פון אַ פרייען יידנס גוף... זען אַז אַזעלכער איז נאָך ערגעצוו פאַראַן. עס איז גוט צו פילן די אָפענע

וואַרעמקייט פון אַזעלכן, וואָס פירט מיט זיך דעם טלית ביז צו דער לעצטער גרענעץ פון רשעות — — — און וואָס וועט טאַקע זיין, אויב זיי וועלן זיך מער נישט קענען באַהערשן?

ער וואָלט געמעגט לאַכן, דער יידישער פּרינץ, ווען ער קען: אָט האָט ער זיך פריער געבייזערט, אין אַנדערע לענדער, פאַרוואָס די יידן ווילן אים נישט אויסהערן, ווילן אים נישט גלויבן, נישט מיטגעריסן ווערן... זיין גאַנ־צע שליחות האָט ער דאָך נאָר אונטערגענומען, ווייל ער האָט געוואָלט אויפ־טרייסלען די יידן פון זייער גליוועך! אָבער איצט... איצט ציטערט ער גאָר ווייל יידן גלויבן אים; ווייל זיי ווערן פון אים צופיל עקזאַלטירט; ווייל זיי קענען מער נישט באַהערשן זייער חשק צו גיין מיט אים, צו פאָלגן אַלע זיינע באַפעלן — — —

ער איז אַ פּחדן, משיח... ער איז אַזוי פריי און דאָך האָט ער אַזויפיל אימה. אויך ער? פאַרוואָס־זשע האָט ער געהאַט אַזויפיל שפּאָט פאַר די יידן פון אַראַביע, אַלעקסאַנדריע, קאַאירא און ירושלים? דערפאַר וואָס זיי האָבן אים נישט נאָכגעפאָלגט? ער ציטערט, דער אויסלייזער פון די געשיכטע־בלעטער. איצט טאָר ער גאָרנישט זען, גאָרנישט הערן און גאָרנישט וויסן. אויב ער זאָל נאָכגעבן זיין האַרץ — וועט מלך יאָהאַן אַריינפאַלן אין צאָרן; וועלן מער קיין שיפן נישט זיין און קיין געווער וועט אים נישט געגעבן ווערן; וועלן אַלע זיינע האָפענונגען זיך מוזן אויסלעשן...

מוזן זיינע אויגן ווערן נאָך פרעמדער; מוז זיין בליק נאָך שאַרפער וואָ־רענען און נישט־דערקענען; מוז ער זיי טרייבן מיט זיין אימפעט נאָך האַרבער ווי פריער... אלא דאָס האַרץ? זאָל גאָט אַליין נאָר באַווייקן און דאָרט ליי־נען דאָס פאַרהוילענע.

ו.

און אויך נעכט זענען פאַראַן אין פּאָרטוגאַל — פינצטערע און ליכ־טיקע. ער קען נישט איינשלאָפן, דער יידישער שליח. אָט האָט ער געהאַט אַ טאָג פון פרייד: דער מלך האָט עפּעס געזאָגט, מרמז געווען, געשמייכלט צו אים... וויל ער נישט פאַרפאַלן ווערן אין די אָרעמס פון שלאָף, נאָר טיילן זיין פרייד און זיין דערוואַרטונג מיט דער סאַמעטענער נאַכט: ווען שוין? און טיילמאָל ווערט יאָהאַן ווייט פון אים, פאַרגעסט כאילו אין אים, רופט אים נישט מער — נעמט אים ווידער נישט קיין שלאָף. עס שווייגן די קעניג־לעכע דינער און ער דאַרף מער נישט פרעגן: מסתמא איז ווידער געקומען אַ בייזער מסירה־בריוו...

ביז דער מלך וועט זיך שוין האָבן מיישב געווען — וואָלט ער דערווייל

געקענט כאַפּן דעם אָטעם, זיך גרייטן צום לעצטן געראַנגל. ער וואָלט גע־קענט שפּאַצירןביים שיין פון דער לבנה, ביי דער זייט פון איינגעשלאָפענע הייזער און טראַכטן זיינע מחשבות — וואָס קיינער האָט נאָכנישט באַוויזן דורכצודרינגען... ל אָ ז ן ז יי נ י ש ט.

שאָטנס שאַרן זיך פאַרביי, רירן אָן דעם קאַלירטן פלאַטער פון זיין מאַנטל. זיי פאַרזינקען טאַקע באַלד אין דער אַרומיקער טונקלקייט — אָבער זייער שאָרך זאָגט עפּעס אָן און לאָזט איבער אַ פּחדימדיקע אומרו. דאָס איז נישט קיין שאָטן פון איינעם, וואָס פאַרשווינדט שוין אויף שטענדיק. זיין ציטער בלייבט ווייטער הענגען איבערן קאָפּ מיט אַנזאָג: מיר וועלן זיך נאָך זען, שמועסן... איך באַגלייט דיך סייווי! און יענער — ווער עס זאָל נישט זיין — טאָר אים נישט באַגלייטן. ראובני האָט נאָך פאַר אים קיין איין וואָרט נישט... און טאָמער יאָ — מוז ער עס דערשטיקן.

נאָר איינמאָל, נאָנט צום בלייכן פאַרטאָג, קלאַפּן שטילע פינגער אין זיין טיר. ווי געשריגן! דעם קעניגס יועצים האָבן אים שוין עטלעכע מאָל געלערנט: אַמבאַסאַדאָר! דו ביזט אונדזער גאַסט, ווייל דיין לאַנד קען ווערן אונדזער פריינט. די קריגער פון דיין ברודער, דעם ווייטן מלך פון כייבאַר, וועלן אפשר מאָרגן שטיין צוזאַמען מיט אונדז אויפן פעלד פון מלחמה קעגן די אומגלייביקע. נעמען מיר דיך אויף. דו קענסט אַרומגיין פריי, עסן דיין כשר מאכל און זיך הילן יעדן פרימאָרגן אין דיין יידישן תפילה־בגד... מיר ווייסן עס — און דערפאַר הערן מיר אַזוי גערן אַפילו דיין העברעאיש לשון, וואָס מאַכט אויפציטערן אונדזערע גלחים. אָבער געדענק: דו ביסט נאָר דער שליח פון ד יי נ ע ווייטע ברידער. די מאַראַנען זענען אָבער א ו נ ד ז ע־ר ע. פאַרגעס־זשע אַלע חלומות, וועגן קענען ריידן אויך אין ז יי ע ר נאָמען — ווייל דו ווייסט דיינע פליגל איבער זיי נישט קענען אויסשפּרייטן. זיי ווייסן, ווו דו מעגסט זיך מישן און ווו דיין צונג דאַרף געהילט ווערן אין שווייגן. דו זעסט די דאָזיקע מאַראַנען? צען מאָל האָבן מיר שוין געצונדן די שייטערן פאַר זייערטוועגן און צען מאָל האָבן מיר זיי שוין אויסגעלאָשן. אַז מיר ווילן — דרייען זיי זיך ווייטער אויף אונדזערע גאַסן; און אַז אונדזער טראָן וועט וועלן — קענסטו זיי נאָך מאָרגן זען צווישן די פלאַמען, באַלעקט פון רויכיקע צונגען. אָבער דאָס אַלץ געהערט זיך מיט דיר נישט אָן. דאָס זענען נישט דיינע אונטערטאַנען נאָר אונדזערע. טאָ היט זיך, העברעאישער שלאַכט־מאַן! דו קומסט פון יענער זייט סמבטיון און נאָר וועגן יענע חיילות ווילן מיר פון דיר הערן. טאָמער ווילסטו איינעם פון אונדזערע מאַראַנען באַגורטלען מיט דיין שווערד — איז ווי צו דיר און דיינע פּלענער. בלייב טויב און שטום צו די מאַראַנען, וואָס זיי און זייערע עלטערן נויגן זיך צום

ליסבאָנער פּאַלאַץ. זיי זענען דיינע ברידער? זיי דינען צום זעלבן גאָט וואָס
דו אין זייערע קעלערן? פאַרגעס אין דעם, אויב דו ווילסט נישט, אַז אויך
דיך זאָלן אונדזערע פלאַמען פאַרצערן...

היט ער זיך! נאָר אין יענער טיפער נאַכט, ווען די שטילע פינגער
פויקן אַריין זייער שטום קלאָגליד אין זיין טיר — באַהאַלטן זיך אַלע ניכ־
טערנע פּחדים אין אַ האַרץ־ווינקל. זיין גאַנצע איינגעצוימטקייט לייזט זיך
אויף — און אויף איר אָרט קומט דער דערשטיקטער בייגער, דער פאַרבענק־
טער רוף פון גאַנצן לעבן זיינעם: זיי קלאַפּן... זיי קומען... קיין שום טויף־
וואַסער האָט נישט באַוויזן אָפּצושווענקען דעם יידישן חותם פון זייער נפש!
ווער קען דען איצט טראַכטן פון די ווייטע אַרמייען — אַז אָט־דאָ שטייט
איינע פון זיי? זי איז פאַרגנבעט און שטיל; וואַרט אויפן מינדסטן צייכן,
אויפן דינסטן רמז... מען טאָר טאַקע נישט. אָבער ער מוז פאָרט הערן וויאַזוי
זיי לעבן דאָ; וויאַזוי זיי בענקען און וואַרטן; וויאַזוי דער ייד אין זיי נערט
זיך בלויז מיט אַביסל האַרץ און טרוים — און דאָך גייט ער נישט אויס...
ער מוז וויסן, וויאַזוי זיי ווילן אויסגעלייזט ווערן דורך זיינע הענט... מוז
ער דערפאַר כאָטש עפענען אַ שפּעלטעלע; כאָטש איינמאָל זען דאָס פּנים פון
דער אייגענער אַרמיי, וואָס וואַרט אויף אים אין שאָטן... גאָט, די נאַכט איז
אַזוי פינצטער און שלינגט איין אַזויפיל סודות פון מענטשלעכער שוואַכ־
קייט — וועט זי דען אויך מיין סוד נישט קענען פאַרבאָרגן?

עפנט ער די טיר... און דערנאָך ווייסט ער אַליין נישט, פאַרוואָס זיין
האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט: פון איבעראַשטער שרעק? פון איבערמאָסיקער
פרייד? זע נאָר, ווער ס'איז געקומען! דאָס איז דאָך ער, דער ייִנגער סעקרע־
טאַר פון דער מלכה אַליין... אינעם בלייכן שפּיגל פון דער אַשמורה לויכט
זיין איבערמענטשלעכע שיינקייט נאָך טיפער און שטראַליקער. אָט שטייט
ער נאָך עטלעכע רגעס אין זיין גאַנצער, אַדורכגעלויכטענער הויך אַנטקעגן־
איבער דעם נידעריק־פעסטלעכן פּרינץ. אָבער באַלד לאָזט ער זיך אַראָפּ ביי
דער שוועל; וויל ער קניען, פאַלן, לעקן דעם שטויב פון משיחס טריט... ניין
און ניין! זאָל ער נישט וואַגן קיין איין טריט ווייטער! אָבער... גאָט מיינער!
ווי גרויס עס איז די באַהאַלטענע פרייד! אויך ער, דער שיינער צויבער פון
הויף־דאַמען און מלכהס — דיעגאָ פּירעס!?

די גוט־אַדורכגעטראַכטע שרעק פון הייס־בלוטיקן מלוכה־מאַן שרייט אי־
בער אַלע קעמערלעך פון זיין געדאַנק: טרייב אים! מאַך זיך טויב! שליס
דיינע ליפּן און דיין טיר! דו קענסט דאָ געווינען איין ייד און דערמיט פאַר־
לירן דיין גאַנצע שליחות... אָבער די ליכטיקע בלאַסקייט, אין לבנה־שפּאַלט
פון דער טיר, טרייסלט זיך שוין אין פאַרטראָגענער חלשות: רבי! האַר!

משיח! טרוים מיינער! און איבער דער גאַנצער שרעק שפּרייט זיך אויס אַזאַ איידעלע זיסקייט; אַ מין כישוף, וואָס מאַכט פאַרגעסן אין אַלץ און אַלעמען: זאָל אַ גאַנצע וועלט פאַרלוירן־גיין, אַבי צו קענען איינמאָל אַוועקלייגן די האַרט־אָדערדיקע האַנט אויפן יינגלעריש־צאַרטן קאָפּ און שפּירן זיין באַגייס־טערטן אָטעם אויף זיך איין רגע, איין שטיק פליענדיקע אייביקייט... דאָס מאַכט גרעסער דיין וואַקלדיקן כוח, צעטרייבט אַלע דיינע ספיקות און גיסט דיך אָן מיט שיכורן שטאָלץ: גאָט, א ו י ך ע ר? אויך אים האָט מיין חלום באַגוועלטיקט?

און די האַנט פונעם יינגן, איינגעשלאָסענעם פּאָליטיקער האָט צאַרט און נישט־דאָאיק אַרומגענומען דעם אייגענעם חלום, וואָס האָט שטיל אַריינ־געיאָמערט אין דער נאַכט דאָס ליד פון אַזויפיל פאַרלוירענע לעבנס.

ז.

און אַז מען טאָר נישט — איז וואָס? אין יענער נאַכט איז נאָך דיעגאָ פּירעס קיין ייד נישט געוואָרן. דער האַר אַליין האָט עס אים פאַרבאָטן, גע־בעטן זיך ביי אים, באַשווירן ביי גאָטס הייליקן נאָמען. עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ מאָרגן; און מאָרגן ווערט די בענקשאַפט נאָך גרעסער, נאָך שרעק־לעכער. זי שלייכט זיך אַריין אין אַלע נאַכטיקע חלומות און שרייט מיט מאַיימדיקע קולות: דיעגאָ! צוויי און צוואַנציק יאָר פון דיין לעבן האָסטו אָפּגעגעבן דער טומאה... וויפל איז דער שיעור? זי ווערט געשטאַלט, די בענק־שאַפט. זי גנבעט זיך אַריין אין זיין שלאָף. פירט ביי דער האַנט שטראַליקע זקנים, וואָס האָבן מער מאַכט ווי טויזנט געהיטענע משיחים. זיי נעמען אים ביינאַכט צו די חורבות פון ירושלים, ווייזן אים דאָרט מילך־ווייסע טויבן און שוואַרצע קראָען. די ווייסע פליען אין אַ ווייטן קרייז צו די הימלען — און די שוואַרצע לאָזן זיך אַראָפּ אין שאול אַריין מיט צוויי און צוואַנציק פינצ־טערע זעק, די באַפלעקטע יאָרן זיינע — און פיקן פון דאָרט אַרויס מיט די מיאוסע שנאָבלען זיין האַרץ. עס לויפן אָן פייערדיקע פערד מיט אָנגעגליטע שפּיזן, אָבער זיי קענען דאָס קראַקעדיקע חשכות נישט פאַרטרייבן. ערשט אַ „מגיד" פון הימל זאָגט אים אָן: אַ סוף! אַ סוף זאָל עס נעמען...

אויב ראובני גלעט אים און טרייבט אים; אויב ער בעט זיך ביי אים מיט האַרטן געבייזער, אַז ער זאָל ווייטער טראָגן זיין טאָפּלט פּנים, אַז ער זאָל קיין חשד נישט וועקן; אויב ע ר וויל נישט און טאָר אים פאַר קיין ייד נישט מאַכן — וועט עס טאָן אַ באַהאַלטן מעסער, אַ שאַרפער קיזל־שטיין. דער פלאַטער פון אַן אויסגעהאָפּטענער מלוכה־פאָן מיט העברעאישע געניייעכצער און פיר־עקיקע אותיות איז שטאַרקער פון אַלע פעכיקע שטור־

קאַצן און קירכע־פּויקן... וועט ער ווידער קומען, דער מלאכים־שיינער ייִנג־לינג! נעכט זענען פאַראַן געגנוג און דער וועג צו ראובנים אכסניה איז נישט ווייט...

ווען די טריט שפּרייזן מיט יידישער פאַרשווערונג — דאַרף אויך אַ מלוכהש חן־יינגל ציטערן. אָבער אַז די האַנט באַרירט שוין די טיר — פאַר־גייט דער גאַנצער פּחד אויך ביים האָר און זי ווערט פאַרשווענקט פון יענעמס התלהבות: אויסלייזער! יידישער העלפער! משיח!!! ווידער מוז זיך עפענען די טיר און ווידער מוז ראובנים האַרטע דלאָניע דריקן די ווייסע צערטל־האַנט פון זיין נאַכטיקן גאַסט: דיעגאָ פּירעס, גאָט איז מיט אייך... פאַרוואָס זענט איר ווידער געקומען? איך טאָר אייך פאַר קיין ייד נישט מאַכן! איך בין דאָ בלויז אַן אָרעמער שליח... מיין שווערד ביי דער זייט מעג דאָ נאָר ריידן די שפּראַך פון שלאַכט אין אונדזער ווייטן מלכות — אָבער זי קען נישט דינען ווי אַ מוהל־מעסער פאַר די אנוסים פון היגן לאַנד... אַנטלויפט אין דער נאַכט אַריין, פּירעס...

דער שאָטן־געהילטער גאַסט איז אָבער קראַנק, ייד־קראַנק. אַ שווע־רע היץ שלאָגט אַרויס פון די צעלויכטענע אויגן. אפשר האָט ער צוליב דעם פאַרלוירן זיין געדאַנק, זיין געוואָרנטקייט? ווען נישט — וואָלטן זיך אפשר זיינע ווונדערלעכע ליפּן נישט אויסגעקרומט מיט אַזויפיל חוזק: פּ י ר ע ס? אַ ייד שטייט דאָ איצט! אַ געפלאָגטער ייד און גאָטס אַ קנעכט: שלמה מולכו, דער געמלטער גר־צדק — — — און איידער ראובני באַווייזט אַוועקצוגע־מען זיין קילע האַנט פון יענעמס צעהיצטן שטערן — גיט אַ לויכט־אויף אין דער חדר־טונקלקייט דער ווייס־רויטלעכער פלעק, דאָס אַרומגעהילטע לייוונט, דאָס אייביקע בלוט־געשריי איבער שלמה מולכוס געוועזענער ערלה.

ח.

...איך פאַרמאַך האַסטיק דאָס געשיכטע־בוך פון מיין זכרון: וווהין בין איך עס פאַרפלויגן? ביי וואָס האָב איך פריער געהאַלטן? אַהאַ: ביי מאָס־קווע. ביים אָנקומען פון גאָלדע מאירסאָן צום דאַווענען אין דער גרויסער שיל. וויאַזוי בין איך אַריבער צו די צוואַנציקער יאָרן פון 16טן יאָרהונדערט? זיך דערמאָנט: אין דער זעלבער מאָסקווע האָט אַ שרייבער־מאַראַן אין יענער צייט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיינס אַ נייער דראַמע. וואָס האָט דער מאָסק־ווער דוד בערגלסאָן געוואָלט פונעם „פּרינץ ראובני״?

דער ייד פון רוסלאַנד, וואָס האָט זיך דערווייל באַוויזן אויסצושווייגן, נעמט ווידער דאָס וואָרט:

— ס׳איז פאַרגעקומען אַ קבלת־פּנים אין איינעם פון די מאָסקווער זאַלן.

די שליחה פון מדינת ישראל נעמט אויף געסט. אין דער אמתן האָט זי גע־וואָלט זען יידן, די יידישע שרייבער מ י ט הויכע סאָוועטישע אָרדנס און אָן זיי... ווי זאָגט איר? די שלמה מולכוס! האָבן זיך געדרייט אַרום איר די מאַסקירטע איציקס און דודס, די פּרצס און משהס... זיי האָבן גאָרנישט גע־זאָגט. געוואָלט אַרויסברענגען עפּעס אַ וואָרט און באַלד זיך געכאַפּט: מ׳טאָר נישט... אפשר שפּעטער, ווען קיינער וועט נישט זען... אַט לויפט גאָר צו איר אַ מאַן מיט גרוילעכע האָר. ער בלייבט שטיין גאָר־נאָענט און זיין מויל באַזוימט זיך מיט שוים. ער זאָגט עפּעס גיפטיקס, בייזס. אַ סימן: זי ווערט בלייך, דערשראָקן. ס׳איז דער גלגול פון אַמאָליקע אינקוויזיציע־משומדים; אַ שאָטן פון כעראָנימאָ דע סאַנטאַ פע; פון שלמה דע סאַנטאַ מאַריאַ אָדער ענריקע נוניעס. איצט הייסט ער א י ל י אַ... איציק און דוד, משה און פרץ פאַרשטייען שוין: דער גיפט שפּריצט אויף זיי, כאָטש ער פאַרווייסט גאָר א י ר פּנים. זיי נעמען זיך ציען צוריק... זאָלן זיי שטיין וואָס ווייטער פון יענעם אָרט, ווו ראובני מיט מאַמע־אויגן טראָגט אויס זייער חרפּה. זיי שווייגן — אָבער פון זייער צעפּיבערט אויג לייכט אַרויס דער בלוטיקער פלעק פונעם יידיש־באַשניטענעם האַרץ... טאַקע נאַרוואָס באַשניטן. אויך זיי וועלן אפשר אָפּוואַרטן ביז דאָס מסור־אויג וועט פאַרשווינדן און ביינאַכט וועלן זייערע פינגער פויקן אויף איר שויב: גענוג! — — —

און דאָס ייִנגל פון בוקאַרעסט דערציילט די צווייטע העלפט פון דער מעשה:

— האָט מען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס פאַרבאָטן. די הכשרה־קיבוצים זענען זיך צעפאַלן און די לאָקאַלן זענען איבערגענומען געוואָרן פון קאָמוניסטישע הענט. אָבער איין טרייסט איז געבליבן. ע ר איז דאָ. מען דאַרף נאָר אָנשרייבן אַ בקשה און דער ישראל־אַמבאַסאַדאָר וועט שוין אַרויס־נעמען... טויזנטער יידן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צו זיין אָרט, רייסן זיך צו זיין באַהעלטעניש. איינער האָט געשריבן זיין בקשה אויפן צווייטנס אַקסל און זי איבערגעגעבן ווייטער. באַלד האָבן עס געהערט יידן פון דער פּראָווינץ און געצויגן אין דער הויפּטשטאָט. די צוגן קיין בוקאַרעסט זענען פול גע־וואָרן. פון די עליה־בקשות איז געוואָרן אַ באַרג, נאָך איינער... בערג מיט יידישן צער און יידישער בענקשאַפט. טויזנטער האָבן געוואַרט אויף די אַרו־מיקע גאַסן; נאָך טויזנטער האָבן זיך געריסן נענטער, זיך אַריינבאַקומען אין הויף: אפשר פּאַרט?

נאָר די טויערן האָבן זיך פאַרהאַקט. די פענצטער אויך. די באַאַמטע לויפן פאַרביי און ענטפערן נישט, מיידן אויס דעם בליק. פאַרוואָס ווייזט זיך נישט ער אַליין? פאַרוואָס לאָזט ער נישט הערן כאָטש איין וואָרט: ו ע ן?

נאָר זיי וויסן: אויך די מדינה אַליין איז לייכט נישט אָנגעקומען. מעג מען זיך אָנגאַרטלען מיט אויסדויער. האָבן זיך אויסגעשטעלט לאַנגע רייען. גאַנצע טעג זענען זיי געשטאַנען און ביינאַכט אָנגעלענט דעם מידן קאָפּ אינעם געדראַנג; איינער אינעם צווייטן... נאָר פון יענער זייט גאַס האָט זיך באַוויזן אַ צווייטע מחנה: זינט ווען מאַכט מען עס דעמאָנסטראַציעס ביי יענעם אין לאַנד? וואָס ווילן רומענישע בירגער ביי די טויערן פון אַ פרעמדן פאַרשטייער? דער באַהאַלטענער ראובני שרעקט זיך: קוים אָנגעהויבן די פּאָליטישע באַציאונגען... קען אַפילו אַ ווונק מיטן אויג ווערן געפערלעך. טאָר ער זיך נישט מישן. אָבער דורך די פאַרצויגענע פויערהאַנגען קען ער זען די פאַרזאַמלטע מחנה. ער זעט אויך די פּאָליציי, וואָס צעטרייבט דעם עולם. באַלד וועט ער שוין מעגן אַרויסגיין — און די טרויעריקע אויגן וועלן מער נישט עקבערן, נישט מאָנען... צי וועלן זיי טאַקע גאַרנישט איבערלאָזן פון זייער שטעכיקן יאוש אין הארץ? וועט זייער אויג נישט רופן פון די זייטיקע פענצטער, פון ווייטלעכן טראָטואַר?

דאָס רומענישע בחורל האָט שטיל פאַרענדיקט: איר ווייסט? איך אַליין בין דאָרט אָפּגעשטאַנען צוויי מעת־לעת... אין די גרויסע פרעסט פון פעברואַר 1949... יאָ, ווען ראובני פון בוקאַרעסט האָט שוין געהערט, וויאַזוי די כמאַרע איבער די מאַסקווער אנוסים האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

ט.

...ער האָט זיך נישט אומזיסט געשראָקן, דער שר ראובני. די אנוסים פון ליסאַבאָן האָבן מער נישט געקענט. איינער פון זיי, מיט דער באַשניטענער ערלה, ליגט שוין אין אַ באַהאַלטענער אכסניה און שמועסט זיך אויס מיט די מלאכים אויף קבלה־לשון. ער איז זיכער, אַז דאָס רוימישע מלכות מוז פאַלן און אַז דער נחש הקדמוני וועט באַלד געפאַנגען ווערן אין זיין שטייג. ווען דאָס זאָל, חלילה, דערגיין צו רוים! ראובני וואָלט אפשר געקענט צוימען דאָס מויל פון איין שלמה מולכו. אָבער וויפל פון זיי לויפן אים נאָך, גרייטן זיך אַראָפּצוררייסן די פאַרשטאָפּונג פון זייער הארץ? באַהאַלטענע פריינט אין קייסערס הויף האָבן אים שוין עטלעכע מאָל געוואָרנט: זיי וויסן, אַז דאָ וואַקסט אַן אויפרודער — און דו וועסט זיין דער חייב. די לייט פון יידישן גאַט גייען דיר נאָך. איינער רירט אָן דיין מאַנטל און לויפט אַוועק. באַלד באַפאַלן אים צענדליקער און קניען פאַר אים, בלויז דערפאַר, ווייל דיין פּאָלע האָט אים געגלעט: וואָס האָט ער דערביי געשפּירט? אַרויסגעהערט? די פּאָרטוגעזישע קרוין און די שפּאַנישע אינקוויזיציע וועלן זיכער נישט שווייגן...

אוודאי נישט! בפרט ווען אַזאַ חשובער מאַן ווי דיעגאָ פּירעס האָט אי־בערגעלאָזט אַלע כיבודים און אַנטלאָפן קיין טערקיי. דאָרט דרשנט ער קעגן קאַטוילישן גלויבן און זאָגט אָן גאָטס נאָנטן טאָג. נאָך אים זענען אַוועק אַנדערע אנוסים. די מאַראַנען פונעם מאַיאָרקאַ־אינדזל האָבן שוין אַפילו גע־מאַכט אַן אָפענעם רעוואָלט. דער יידישער פּרינץ ווייסט שוין פון די בייזע בריוו, וואָס שפּאַנישע אינקוויזיטאָרן שרייבן צום מלך: שולדיק איז דער פרעמדער ייד... דאָס האָט ע ר אויפגערודערט די הערצער.

יאָהאַן האָט שוין געהאַלטן ביי געבן — אַזוי האָט ער לכל־הפחות גע־זאָגט — עטלעכע שיפן און טויזנטער שיס־כלים. איצט האָט ער אויפגעהערט צו ריידן פריינטלעכע רייד. אַלץ קען צעשטערט ווערן. פאַרשטייען עס נישט די מאַראַנען? ווייסן זיי נישט, אַז ראובני קען קיין יחידים נישט העלפן? זיי געהערן אָבער נאָך אַלץ צום אויסטערלישן פאָלק: אָדער עס וואַרט יאָרהונ־דערטער אויף גאָטס חסד, פאַרלירט די בעסטע געלעגנהייטן זיך צו ראַטע־ווען, לאָזט זיך ברענען אָדער אויסשמדן — אָדער עס קען דערהערן דעם קלאַנג פון איין העברעאיש וואָרט און וויל מער קיין מינוט נישט וואַרטן... זיי האָבן נאָך מיט די אייגענע אויגן פון אים גאָרנישט געזען. אַפילו אין זיין גיין צום מלכס פּאַלאַץ האָבן זיי געמעגט דערקענען זיין שוואַכקייט. אָבער ער קען זיי פאַרשטיין: מיטאַמאָל האָבן זיי דערזען אַ פרייען ייד — זאָל זיין פון סמבטיון־לאַנד. דאָס איז גענוג. ער גייט דאָ אַרום — און שוין מיט זיין מאָדנעם העברעאיש פאַרכישופט ער די גאַסן. האָט ער טאַקע מיטן פויפסט אַליין געשמועסט אויפן דאָזיקן לשון? דאָס אַליין דערמאָנט זיי שוין גענוג אין זייער מאַראַנישן גורל.

האָבן זיי געוואָגט. אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד. אָבער דאָס וועט קאָסטן, מוז קאָסטן קרבנות. אויב יאָהאַן האָט נאָך ביז איצט נישט איינגעפירט די פולע אינקוויזיציע — וועט ער שוין האָבן אַ גילטיקן תירוץ. ראובני האָט אַנדערע שליחותן. ער דאַרף אויפשטעלן זיין אַרמיי, באַוואָפענען זי — און נישט מעסטן די יידישקייט אין באַגראָבענע הערצער. האָט ער זיי אויסגע־מיטן — און ס׳האָט אים פאָרט נישט געהאָלפן. דער מלך האָט שוין אַראָפּ־גענומען פון אים זיין חסד. ער איז אַ פאַרשטייער פון אַ פרעמד לאַנד — און די פאָרטוגעזישע תפיסות מיינען נישט א י ם. אָבער ער מוז אַוועק וואָס שנעלער. זיין פאָן מוז צונויפגעוויקלט ווערן און באַלד וועלן זיינע זעגלען ווידער פלאַטערן מיט ווילדער וויט — ווייטער פון יעדער האָפענונג, וואָס די מאַראַנען האָבן אויסגעטראָגן; ווייטער פון אַלע הבטחות... אויך אין פּאָר־טוגאַל נעמען גליען די כלים פון פּיין.

ו.

שווער איז דער וועג פון איין פרייען ייד צווישן אַזויפיל אומבאַפרייטע. דערפאַר וועט ראובני, מיט דורות שפּעטער, באַלאַדן ווערן פון אַלערליי טענות: פאַר טייל וועט שוין אייביק בלייבן דער פאַרדרוס קעגן אים, פאַרוואָס ער איז געקומען און מיט זיין בלויז דערשיינען אויפגעוועקט די איינגעדרימלטע חלומות. די מאַראַנען האָט ער ווייניק געהאָלפן — אָבער דערפאַר האָט ער צוגעאיילט, הגם נישט לגמרי אַרויסגערופן, די פּאָרטוגעזישע אינקוויזיציע. די זעלבע טענה גייט מסתמא נאָך די ראובניס פון אונדזער צייט אויף אַ שטילן אופן: וואָס האָט געטויגט זייער מעכטיקער אויפרודער אין די סאָוועטישע לענדער — אויב קיין באַפרייאונג איז סייווי נישט געקומען?

ווען דער אַלטער ראובני זאָל קענען ענטפערן — וואָלט זיין תשובה זיכער געווען אַ קורצע און אַן אייביק־אַקטועלע: די אינקוויזיציע וועט אַלע מאָל מאָרדן — מיט אָדער אָן אַ תירוץ... יאָהאַן דער דריטער פון אַמאָל, אָדער איוואַן דער שרעקלעכער נומער צוויי אין רוסלאַנד, וואָלט סייווי געמוזט אָנצינדן די פייערן. דאָס איז געווען אויסגעשטעלט אין זיין פּלאַן — אַפילו ווען דער שליח פונעם אייביקן ישראל זאָל נישט געווען קומען און אויפטרייסלען די מאַראַנישע הערצער. אויב איינער איז פון זיין נאַטור נישט קיין דורשטער נאָך בלוט — וועט אים דאָס אויפטויכן פון אַ יידישן משיח פאַר קיין מערדער נישט מאַכן. אויך דער יידישער פלאַם אין האַרץ פון אייביקן שלמה מולכו דאַרף נישט האָבן קיין תירוצים: ראובניס קומען האָט זיכער צוגעאיילט די באַגייסטערטע תשובה פון דיעגאָ פּירעס — אָבער זי וואָלט סייווי געקומען. שלמה מולכו איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו דינען רוצחים. ער קען עס טאָן אַ שטיק צייט, ווען זיי זענען נאָך אַ סך מילדער — אָבער סוף־כל־סוף מוז ער רעוואָלטירן. מוז עס קומען צום איבערברוך. נעמען אַ גאַנץ פאָלק — אָדער אַ גרויסן טייל פון אים — און דערשטיקן זיין געוויסן מיט פייער איז נישט מעגלעך. דער גייסט פון יאָרטויזנטער לעשט זיך נישט אויס פון קיין בייטש... מעגן אויך די ראובניס פון אונדזער צייט הערן דעם נישט־דערזאָגטן ענטפער פון זייער ערשטן פאָרגייער: נישט איר זענט שולדיק, וואָס צווישן שווערד און מלאך — האָט שלמה מולכו זיך פאַרט פאַרבענקט צו די ריינע פליגל!

נישט אַנדערש איז עס מיט די פאָרוואורפן פון אַ פאַרקערטער זייט: פאַרוואָס האָט ער אַזוי ווייניק געוויזן דאָס פּנים? פאַרוואָס האָט ער אַזויפיל געשוויגן? דוד הראובני איז געווען פון די קלוגסטע יידן אינעם מיטלאַלטער. פון זיין גאַנצער פאַרהוילנקייט וויקלט זיך אַרויס אַ מענטש מיט אַ שטאָלענעם כאַראַקטער און ווילן; אַ רעאַליסט ביז פיינלעכער אומהיימלעכקייט —

און דאָך פול מיט מיסטישער אַסקעטישקייט און איבערנאַטירלעכן גלויבן; אַ פּיאָנעריש־יידישער דיפּלאָמאַט, וואָס איז געקומען מיט עטלעכע יאָרהונדערטער צו־פרי. ער איז אפשר געווען דער טעאָדאָר הערצל פונעם 16טן יאָרהונדערט — נאָר אָן זיין געצוימטקייט, אָדער פּאָליטישער בויגעוודיקייט און אַרומגערינגלט מיט מער יידישער טראַגיק. האָט ער דען — מיט זיין ניכטערנעם אויג — נישט געקענט פאַרשטיין, אַז אַ שנאה־מלכות קען נישט מיט איין האַנט שלעפּן יידן צום טויף־בעקן און מיט דער צווייטער האַנט העלפן בויען אַ יידישע מדינה? אַז די דאָזיקע סתירה וועט זיך סוף־כל־סוף אויפלייזן לטובת דער רשעותדיקער זייט? אויב אים איז שוין יאָ באַשערט געווען צו קומען אינעם לאַנד, ווו עס צאַפּלט זיך דער לעצטער יידישער אָדער — האָט ער געדאַרפט מער וועקן ווי באַרואיקן; נישט קוקן ווי ווייט ער וועט אַדורכפירן זיין „מלוכהשע שליחות — און בעסער טראַכטן וועגן זיין יידישער. ער האָט געדאַרפט אַריינברומען שטילערהייט, וועמען ער וואָלט נאָר באַגעגנט: אַנטלויפט... ראַטעוועט זיך איבער דער גרענעץ, ווייל די אינקוויזיציע וועט איר סייווי נישט אויסמיידן — — — זייט שטיל, איר באַשולדיקער! הערט בעסער אויס דאָס יידישע מעשהלע פונעם רוסישן 1948.

אַהער זענען נישט געקומען קיין שלאַכט־לייט פונעם אויסגעטראַכטן לאַנד. דוד הראובני פונעם 20טן יאָרהונדערט האָט נישט געדאַרפט צוזאָגן, אַז זיינע יונגע גיבורים וועלן זיך ערשט גיין שלאָגן מיטן בשותפותדיקן שונא. זיינע חיילות, מיטן יידישן צייכן פון קריג, האָבן נאָך פריער זיך געוואַלגערט אויף אַלע שלאַכטפעלדער פון אַפריקע און אייראָפּע קעגן בשותפותדיקן שונא פון פויפּסט און מלך. די פאָרשטייער פון יידישן מלכות זענען געקומען פון בלוט־אויסגעווייקטע תהומות; פון פעלדער, וואָס זייער שווייס האָט אויפגעגרינט און פון שטעט וואָס זייער האַנט האָט אַוועקגעשטעלט בלויז מיט דער ברכה פון אָרעמקייט. זיי האָבן נאָר צעעפנט זייער טויער פאַר די, וואָס די נייע אינקוויזיציע האָט נישט באַוויזן צו פאַרצערן — און דעם פרייז פאַר דער דאָזיקער רעכט האָבן זיי נאָך פריער געסילוקט מיט ריינסטן, מזומנעם בלוט. ראובניס זעלנער האָבן נאָך פריער אָפּגעגעבן זייער לעבן — און „יאָהאַן” האָט זיך ווייטער נישט געהאַלטן פאַר זיין בעל־חוב.

דער שאָטן פון חנה סענעש האָט נישט געוועקט די האַרן פון בודאַפּעסט. ווער ווייסט? אפשר זענען הונדערטער אַנדערע חנהס געשטאַנען ביים פאַרזיגלטן טויער און נישט געקענט אַרויס? און ווער קען דערציילן, וויפל טרומפּעלדאָרס עס האָבן אויפגעריסן די טרויעריקע אויגן אין יענעם מאָסקווער שבת — און קיינער פון די מושלים האָט זיך נישט דערמאָנט אין

זיין צאַפּלדיקער האַנט, וואָס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן פאַר רוסלאַנד. קען זיין, אַז אין יענער צונויפגעדרעגנגטער מאַסע זענען אויך געשטאַנען די שאָטנס פון טויזנטער יידישע גיבורים אויף די רוסישע שלאַכטפעלדער און די לע־בעדיקע סילועטן פון צענדליקער טויזנטער חברים זייערע — און יאָהאַן האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. איין יידישער ברום זייערער האָט אַרויסגערופן די תליות פון אַלע ווינקלען...

ראובני פון אונדזער צייט איז געקומען מיט טויזנטער רעאַלע וועקסלען אין דער האַנט — און זיינע ליפּן האָבן ווידער געמוזט בלייבן געשלאָסן. ער האָט שלמה מולכון נישט געקענט ברענגען די באַגערטע טרייסט, נישט גע־קענט אויפנעמען ביי זיך אין חדר; אַפילו נישט געקענט אים ווייזן קיין פּשוט ספר, וואָס איז געדרוקט אין ירושלים אָדער תל־אביב... נצחונות אי־בערן צורר היטלער, איבער די אַראַבישע שונאים, איבער אַזויפיל אייגן־אָפּ־געקילטע הערצער — און ווידער בלייבט דאָס קאַלטע שווייגן ווי אַ חותם אויף די ליפּן; עס מוז בלייבן — ווייל אַנדערש לעשן זיך לעבנס, פאַר וועלכע קיינער וויל קיין אחריות נישט טראָגן...

מיט געוואַלט־פאַרחתמעטע ליפּן ביי דוד הראובני פון 1948... טאָ ווי אַזוי זאָל מען נישט פאַרשטיין דעם שווערן שלאָס איבערן מויל פונעם כייבאַ־רער פּרינץ, אין דער גרויסער תפיסה ליסאַבאָן מיט 420 יאָר פריער? וואָס נאָך קען מען ביי אים מאַנען פון די פאַרגעלטע בלעטער אַרויס?

יא.

דוד הראובני פּאַלט אַדורך דערפאַר וואָס אין די אינקוויזיציע־מקומות זענען די באַהאַלטענע יידן צופיל פאַרכאַפּט פון זיין געדאַנק; רייסן זיך צו ווערן זיינע מיטגייער — הגם עס איז נאָך צו־פרי... זיי טאָרן עס נאָכנישט. אָבער אין יענעם לאַנד, ווו מען ברענט נישט קיין יידן און ער וואָלט שטאַרק באַגערט, אַז זיי זאָלן אים יאָ נאָכפאָלגן — זענען די צרות פון גאָר אַ פאַר־קערטן כאַראַקטער.

אין יענעם לאַנד האָבן זיך געראַטעוועט אַ סך אַנטלאָפענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. זיי זענען געקומען מיט שרעק אין די אויגן, אָבער ביסלעכ־ווייז זיך דערשלאָגן צו פאַרמעגנס און אַנזען. אַ שפּאַנישער ייד האָט זיך דאָרט אַפילו געקענט אַוועקזעצן און אָנשרייבן זיינע „דיאַלאָגן פון ליבע״. אויב יידן האָבן דאָרט דאגות — געהערן זיי מער־ווייניקער צום נאָרמאַלן לעבן פון יענע יאָרן. זיי וואָלטן גיכער געקענט אַרויסווייזן זייער ליבשאַפט צום יידישן שליח און העלפן אים אַדורכפירן זיין שליחות.

איז טאַקע אמת: אַ סך יידישע טירן האָבן זיך צעעפנט פאַר אים. ער

האָט באַקומען נישט ווייניק הילף, כבוד און באַגייסטערונג. עס איז אָבער דאָרט פאַראַן דער רייכער דאָקטאָר י ע ק ב מ א נ ט י נ אָ. אויך ער זאָרגט פאַר יידן און וויל זייער טובה. פון וועגעדיק ביז רוים האָט ער אַ סך יידישע קעגנער. מען האַלט אים פאַר אַ מענטש, וואָס זאָרגט קודם־כל פאַר זיך און צוליב דעם פירט ער אַלערליי מחלוקתן. ער איז אָבער אַ ייד און אויך פאַר אים איז בעסער די פרייקייט פון ווענעציע — איידער צו מאַכן אַ קאַריערע אונטערן מאַנטל פון שמד. אָבער דווקא דערפאַר שרעקט זיך אַזוי דער רייכער אַריסטאָקראַט פאַרן אומבאַגרייפלעכן ראובני: ער האָט זיך שוין ווידער באַוויזן, דער פאַנטאַזיאָר פון יידישן מלכות! פון פּאָרטוגאַל האָט מען אים פאַרטריבן — אָבער ס׳איז פון דאָרט אויך געקומען דער פלאַמיקער מקובל, מיט מאַגיערן וואָס פאַרכאַפּן דאָס אַריסטאָקראַטישע האַרץ פון די גוישע שררות... און מאַנטינאָ ביטערט דאָס האַרץ: אויב קיינער פון די יידן וועט נישט אָפּוואַרפן זייערע רייד — קענען קומען גרויסע צרות. די שרים און קויפלייט פון דער מדינה קענען נאָך בייז ווערן און זאָגן: אָט האָט איר דאָך אייערס אַ מלוכה! אייערע פאָרשטייער קומען דאָך צו אונדז וועגן העלפן באַפעסטיקן זייער לאַנד. טאָ וויאַזוי קענט איר דאָ האַנדלען און וואַנדלען, בעטן מער רעכט און מאַכן פאַרמעגנס? און פאַרוואָס ביסטו, יעקב מאַנטינאָ, דער פאָרשפּרעכער פון דיינע ברידער אין לאַנד — אויב דער מאַן אין גאָלד־געשטיקטע בגדים קומט גאָר אין נאָמען פון יידן, בכדי צו שטאַרקן דאָס יידישע מלכות ערגעץ אַנדערש? אמת: היינט וויל ער באַווייזן, אַז די טובה פון אונדזער מדינה איז די זעלבע ווי די טובה פון זיינער. אָבער וואָס וועט זיין, וויבאַלד עס וועט זיך אַמאָל מאַכן פאַרקערט? אויב דאָס האַרץ פון איטאַליעס יידן וועט זיין מיט אים — וויאַזוי קען עס פילן טריישאַפט אויך צו אונדז?

קיינער האָט עס נאָך מאַנטינאָן נישט געפרעגט. אָבער ער מוז פאַרלויפן דעם וועג און עס פרעגן זיך אַליין אין זייער נאָמען. אַז עס וועט קומען צו די שרים אין מויל אַריין, וועט שוין זיכער מער נישט טויגן... און מאַנטינאָ האָט צונויפגערופן די רייכע לייט פון דער יידישער אמונה און צו זיי געזאָגט אַזוי: מיר קענען די דאָזיקע צוויי מענער נישט שטיצן, ווייל די האַרן פון לאַנד וועלן הערן און צאָרענען אויף אונדז. זיי אַליין מעגן עס טאָן. דער פויפסט גופא מעג אויפנעמען דעם יינגן ענטוזיאַסט מיט גרויס פריינטשאַפט. גויים זענען אַנדערש — ווייל אויף זיי וועט דער חשד פון טאָפּלטער טריישאַפט נישט פאַלן. אָבער מיר האָבן מיט גרויס מי געקויפט אונדזער ביסל פרייען אָטעם צווישן די גויים. עס פעלן אונדז נישט קיין שונאים און נישט־פאַרגינער. דאַרפן זיי בלויז הערן, וויאַזוי די מענטשן פון אונדזער עדה גייען אים נאָך און שלינגען זיינע רייד... מיר מוזן דערפאַר זאָגן, אַז דער שליח

פון פּאַרוואָרפענעם שבט זאָל נעלם ווערן פון אונדזערע שטעט און מער נישט האַלטן זיינע צינד־דרשות אין אונדזערע דאַוון־הייזער. זאָל ער אויפהערן צו פאַרשפּרייטן אומרו און מער נישט ריידן וועגן אויפזאַמלען יידן פון געטאָס און קלויסטערס, בכדי די האַרן פון אונדזער לאַנד זאָלן נישט בייז ווערן. קאַרג צרות האָט ער געבערענגט אויף די באַהאַלטענע ברידער אין פּאָרטוגאַל? דאַרפן מיר אים אויסמיידן, וואָרענען און נישט צוהערן זיך צו זיינע רייד. זאָל ער בעסער גיין אין די דייטשע מדינות, ווו יידן לעבן סיוווי איבער דעם טאָג מיט נסים און זייערע רעכט הענגען אויף די ליפּן פון זייער שתדלן יוסף פון ראָזלהיים. זיי האָבן אפשר ווייניק־וואָס צו פאַרלירן. אָבער נישט ביי אונדז... און טאָמער וועט ער זיך צו אונדזערע עצות נישט צוהערן — לאָמיר בעטן ביי די האַרן, מ׳זאָל אים נעמען אין תפיסה; לאָמיר אַליין אים פאַר־סמען די שפּייז פון זיין טאָג און איבערשרעקן דעם שלאָף פון זיין נאַכט... די האַרן וועלן דאַן זען, אַז אונדזער האַנט שטעקט נישט אין זיין פעלשונג און דאָס דראָענדיקע שלעכטס וועט זיך אָפּטאָן פון אונדז באַצייטנס...

און מאַנטינאָס רייד האָבן זיך געלייגט אויפן האַרץ פון אַ צאָל יידן מיט אומרו אין האַרץ. האָבן זיי געשיקט שליחים צום שר ראובני און צו זיין נביא מולכו. זיי האָבן געוואָרנט די אויפטרייסלער פון געמיט פאַרן קול, וואָס זיי לאָזן הערן אין די אויערן פון יינגעלייט און יונגפרויען — וואָס ווערן באַ־צויבערט פון איינעמס שיין געשטאַלט און דעם צווייטנס שאַרפער שווערד. און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָבן זייערע מיילער דערציילט אין די גאַסן: שקר דערציילן אייך די דאָזיקע פאַרבלענדער. דאָס ווילן זיי פאַרפירן יינגע גיבורים אויפן ים און אין דער מדבר, בכדי צו מאַכן פון זיי שפּייז פאַר די פיש און אַ תאווה־מאַכל פאַר די ציין פון שאַקאַלן... און צום שבתדיקן דאַווענען זענען מאַנטינאָס צוהערער געגאַנגען און געוועקט דאָס האַרץ פון פאָלק צו זאָגן: די דאָזיקע מענטשן וועלן ברענגען אומגליק אויף אונדזער קאָפּ! און מאַנטינאָ אַליין האָט געקלאַפּט אין די טירן פון הויכע שררות און מודיע געווען: געדענקט, אַז זייערע רייד זענען נישט אונדזערע און זייערע מחשבות זענען נישט מיינע און נישט פון מיין הויזגעזינט...

און ווען די האַרן האָבן צו זיין קול נישט געוואָלט הערן, כאָטש ער האָט געהאַט גרויס אָנזען ביי זיי, איז ער אַוועק שליסן אַ שותפות מיטן שליח פון לאַנד פּאָרטוגאַל. ער האָט דערביי געמאַכט פאַרגעסן זיין האַרץ, אַז דאָס בלוט פון זיינע ברידער קלעפּט אויף יענעמס הענט... און ווען אויך יענער האָט אים נישט צוגעהערט מיטביידע אויערן — האָט מאַנטינאָס בייזקייט געזוכט אַ וועג צום האַרץ פון דער אינקוויזיציע. און ווען אויך דאָס האָט נישט געפירט צום ממלא־זיין די תאווה זיינע — האָט ער גענומען

שרייבן בריוו פון מסירה; באַווייזן, אַז דער מקובל שלמה האָט שוין איינמאָל פאַראַטן זיין קריסטלעכן גלויבן; אַז איצט וויל ער אומברענגען אויך די הייליקע שטול פון רוים און זיין אָרט איז אויפן שייטערהויפן...

ער איז זיכער געווען מאַנטינאַ, אַז נאָכן פאַרברענען מולכון, וועט אויך זיין האַר מיטן אָפּגעברענטן פּנים זיך מער נישט באַווייזן ווי אַ שטאַרקער; וועט ער מער נישט דערציילן די ייִנגע יידן און באַצויבערטע פרויען, וויאַזוי הענט מיט תפילין אויף די מוסקולן ציען אָן די שיס־בויגנס און קענען וואַרפן שפּיזן נישט צו פאַרפעלן אין ציל... ער וועט נאָך ווידער שלאָפן מיט אַ רואיקן קאָפּ, יעקב מאַנטינאַ. אויב ער וועט ביי דעם פּויפּסט נישט פּועלן — זענען זיינע טעג געציילטע. אויף זיין אָרט וועט קומען אַ נייער, וואָס האָט נישט אַזויפיל חסד אין האַרץ צו די דמיון־שליחים. וועט מאַנטינאַ זיך שטעלן ביי זיין זייט. אָבער דערווייל וויל ער כאָטש באַווייזן די אויפגערודערטע יידן דאָס גרויסע געוואַר פון די אַליין־געקרוינטע משיחים. ער וועט זיי דערמאָנען אין די רעות, וואָס זיי האָבן געברענגט אין אַנדערע מדינות און געראַטעוועט האָבן זיי נישט קיינעם. דאָס ביסל געמאָסטענע רעכט אין פּאָרטוגאַל איז פאַרלוירן געגאַנגען. די אַנטלאָפענע פון דאָרט האָבן אַפילו נישט געהאַט וווּ אָנצולענען דעם קאָפּ: פראַנקרייך האָט זיי נישט געלאָזט איבער דער שוועל, פלאַנדריע האָט זיי געזעצט אין תפיסות און אויף די דייטשע בערג זענען זיי סתם אויסגעגאַנגען פון הונגער און קעלט... און וויפל איטאַליענישע פּיראַטן האָבן זיך אָנגעזויפט מיט זייער בלוט? טאָ זאָל מען געוואָרנט זיין, טרייבן זיי פון יעדער יידישן הויז — — —

יב.

צוויי שאַרפע קולות רייסן זיך אַדורך די געדיכטעניש פון דער יידישער געשיכטע און ווילן האָבן צווישן זיך אַ משפט. דער ערשטער קומט צום וואָרט דער תקיפותדיקער יעקב מאַנטינאַ:

— ביסט בייז אויף מיר! דיין פעדער זוכט אַ וועג, וויאַזוי אַדורכצושטעכן מיט ירגזון מיין ווייט האַרץ. אָבער איך האָב געמיינט, אַז העכער פיר הונדערט יאָר שפּעטער וועסטו מיך בעסער פאַרשטיין. איך ווייס, אַז דיינע היסטאָריקער מאַכן מיך פאַר אַ פחדן, מיט אַ פאַרדאַרבענעם ווילן. זאָל עס זיי וויל באַקומען. דער אמת איז, אַז איך בין טאַקע געווען אַ פחדן. ס'איז אויך אמת, אַז ווען ראובני מיט מולכון האָבן געמוזט פאַרלאָזן די גרענעצן פון מיין לאַנד — האָב איך אויפגעהויבן מיינע הענט, מיט דאַנק צו גאָט. איך האָב מורא געהאַט פאַר זיך, פאַר מיין משפחה און פאַר אַלע יידן פון גאַנץ איטאַליע. איך האָב זיי נישט געוואָלט זען אַוועקשיפן זיך אין די

אומבאַקאַנטע פינצטערנישן, אויסגעשטעלט צו יעדער רויב־חיה אויפן וועג. איך האָב געקענט דעם פויפסט קלעמענטי און זיין וואַקלדיק האַרץ, וואָס אַט נעמט אַרום זיין האַנט די צוויי יידישע שליחים און אַט מוז ער געבן זיין ברכה די פייערן פון אינקוויזיציע. האָב איך נישט געוואָלט מסכן זיין אַלע יידישע לעבנס אויף די פליגל פון צוויי צעטראָגענע דמיונות. איך האָב מורא געהאַט איינצושטעלן דאָס ביסל רעכט וואָס מיר האָבן דערגרייכט און אַוועק־פליען צוזאַמען מיט זיי. מיין ניכטערנער קאָפּ האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז צום הימל וועלן מיר סייווי נישט דערגרייכן, אָבער דער באָדן פון דער ערד קען אונדז אַוועקגעריסן ווערן. וואָס האָב איך דען געוואָלט? פּאַרהיטן פונעם אומגליק, וואָס שבתי־צבי האָט געבערענגט מיט אַנדערהאַלבן יאָרהונדערטער שפּעטער...

— אָבער איך בין דאָך יעקב מאַנטינאָ, דער רייכער רופא און בעל־מחלוקת. איר וועט פון מיר באין־אופן נישט וועלן אַראָפּנעמען דעם חשד, אַז דאָס האָב איך נאָר געזוכט מיין אייגענע טובה; און מיין כעס האָט נאָר געברענט, ווייל זיי האָבן פאַרטונקלט מיין גלאַנץ. ביסטו מיר נישט מחוייב צו גלויבן. אָבער וואָס איז מיטן פרומען מאַן און הייליקן ייד, ר׳ יאָסלמאַן פון ראָזנהיים? אים קענסטו שוין זיכער נישט חושד זיין אין שלעכטע כוונות: ער האָט דאָך זיין גאַנץ לעבן געשטרעקט פאַר יידן און מיט דער הויט צווישן די ציין געגאַנגען אין לייבישע מיילער אויסבעטלען אַ טובה פאַר יידנס־וועגן. פאַרוואָס־זשע האָט ער זיך דערשראָקן? פאַרוואָס האָט ער געוואָרנט מול־כון, זיך נישט צו ווייזן פאַר דייטשן מלך? פאַרוואָס האָט ער אויסגעמיטן ראובנין און אים אַפילו נישט געוואָלט באַקענען? הייַנט מעגסטו שוין וויסן, וועד עס איז געווען גערעכט: ראובני האָט זיינס נישט דערגרייכט. אין דייטשן רעגנסבורג האָט ער פאַרלוירן זיין גרויסע פאָן — און דער הייליקער שתדלן האָט זי אַפילו נישט געוואָלט באַמערקן. פון דאָרט האָט מען אים און מולכון גישט אַרויסגעלאָזט מיטן לעבן ווי אין מיין לאַנד — נאָר דער דייטשער מלך האָט זיי אַוועקגעפירט גלייך צו דער שפּאַנישער אינקוויזיציע... ווערמען זענען נייטיק געווען זייערע קרבנות? און פאַרוואָס האָט ר׳ יאָסלמאַן נישט אייננ־געשטעלט זיין לעבן און זיי אַפילו נישט געפּרוווט ראַטעווען? נאָך אַ נס, וואָס דאָס איז נישט געווען אין מיין מדינה. אַנדערש, וואָלט איך שוין פונעם יידיש־געשיכטלעכן גיהנם נישט אַרויס! אָבער ווען אַזאַ ייד מיט מסירת־נפש ווי דער ראָזנהיימער האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק — מוזסטו אויך מיין פּחד פאַרשטיין, אַריינגיין אין מיין הויט. קענסטו מיך דען נישט דערקענען אַפילו פון דיין אייגענער צייט? האָבן דען אַ סך יידן פון דיין תקופה נישט געזאָגט דאָס זעלבע ווי איך? און צווישן זיי זענען געווען נישט ווייניק וואָ־

רעמע הערצער — מיט טריישאַפט צו יידן פון אַ ר׳ יאָסלמאַן. צי האָבן דען נישט אַ סך יידן פון וואַרשע און בוקאַרעסט, מאָסקווע און פּראָג געמוזט אַפּווענדן זייער פּנים פון יידישע מלכות־פאַרטרעטער? און דאָס זענען געווען פאַרשטייער פון אַ דערגרייכטער מדינה און נישט פון קיין אויסגעטראַכטן לאַנד, וואָס מלאכים האָבן באַשאַפן אין זייער וויזיע... און וויפל מאַנטינאָס קענסטו אויסציילן אין די פרייע לענדער פון אייראָפּע? פון אַמעריקע? יאָ, זיי וויסן, אַז יעקב מאַנטינאָ לעבט אייביק. ער איז אומשטערבלעך — ווייל ער האָט פּאַקטיש געטראָגן אַ גרויסן אמת אין זיך: דעם אמת פון יידישער געוואָרנטקייט און די גרויסע מורא נישט צו פאַרלירן דאָס גאַנצע פאָלק אין איין שלאַכט. איר ווילט מיך משפטן? אדרבא. אָבער מיט גערעכטיקייט. סייווי וועט איר מיך אַלעמאָל מוזן אַרויסרופן פון די טיפענישן — ווייל גענוג תלמידים מיינע וועלן אַ ל ע מ אָ ל אויפטויכן און א ו מ ע ט ו ם; זיי וועלן אייך אַלעמאָל פרעגן דאָס זעלבע רעטעניש: צי זאָל מען טאָקע אַלצדינג בויען אויפן מויל פון ראובנין — אָדער לאָזן אַ שטיקל באָדן אויך פאַר די ניכטערע מאַנטינאָס און יאָסלמאַנס... טאָמער חלילה פאַרלירט ער־געץ ראובני זיין שווערד? זאָגט נישט מיט קיין לייכט געמיט: היסטאָרישע צעשטערער! אַדורכגעבויערטע קנעכט צו דער שוועל פון יידישן גלות! ראובני מיט מולכון זענען געקומען עטלעכע הונדערט יאָר צו־פרי. אין אַנדערע צייטן וואָלט איך אַליין אפשר נאָכגעטראָגן זייערע מאַנטלען...

ר א ו ב נ י : איך בין קיינמאָל נישט צו־פרי, מאַנטינאָ! אַפילו די וואָס זענען געקומען פּאַר מיר מיט דער ענלעכער שליחות — האָבן עפּעס איבערגעלאָזט אינעם פאָלק. איך האָב בלויז געלערנט פון זייערע חסרונות — אָבער באַין־אופן זייערע מעלות נישט פאַרגעסן. איך האָב געוואָלט זיין באַ־רעכנטער פאַר זיי, געשיקטער, דיפּלאָמאַטישער... איך בין נאָך אַלץ זיכער, אַז ווען נישט דו און טויזנטער ענלעכע צו דיר — וואָלטן מיר געווען אַדורכ־געבראָכן די אייזערנע יסורים־וואַנט... דו האָסט מורא געהאַט פאַר קרבנות, ווייכהערציקער מאַנטינאָ! אָבער די דאָזיקע קרבנות האָט אונדזער פאָלק סייווי נישט אויסגעמיטן. לאָמיר זיך שטעלן פאַר אַ משפט און אויסרעכענען וויפל יידישע לעבנס מיין פּלאַן וואָלט געדאַרפט קאָסטן — און וויפל עס האָט אונדז סייווי געקאָסט, שוין נאָכדעם ווי איך בין אויסגעגאַנגען אין מיין צע־פּייניקטער איינזאַמקייט ביי די שפּאַניער... קען זיין, אַז דאַן וואָלט מיר נאָך אַרויסגעקומען אַ רעשט פון מיליאָנען. און אויב איך וואָלט דאַן געפירט יידן צו דער עקידה — וואָלט עס געווען אַ טויט, פון וועלכן פעלקער וואָלטן אויפגעטרייסלט געוואָרן: אויך זיי וואָלטן באַצאָלט דעם פּרייז — און זיך דערפאַר אפשר גענוג מיישב געווען, איידער זיי גרייטן־צו זייערע רציחות.

יאָ, איך האָב געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל האָבן געווער אין יידישע הענט. איך האָב געוואָלט זען וויאַזוי די אינקוויזיטאָרן וועלן זיך באַציען צו אונדז — בעת אויך מיר זענען באַוואָפנט. איך האָב געגלויבט, אַז דאַן וועלן זיי אַליין זיך אָפּהאַלטן פון ברענען אונדז מיט אַ לייכט האַרץ. ווי נאָר איך וואָלט איינמאָל באַקומען געווער — וואָלט איך עס אַזוי לייכט נישט אַרויס־געלאָזט פון דער יידישער האַנט... און אויב איך האָב עס נאָר געקענט באַ־קומען פון אונדזערע אייגענע מערדער — בין איך געווען גרייט אויך דערצו. איך האָב פאַרהאַנדלט מיטן מלך פון פּאָרטוגאַל, געוואָלט באַקומען די הסכמה פון דייטשן מלך — און איך וואָלט אויך געפּאָרן קיין שפּאַניע, ווען מ׳זאָל מיך דאָרט געוואָלט אַריינלאָזן. אָבער דו, יעקב מאַנטינאָ, האָסט זיך דערשראָקן. דעם יידישן גורל מעסטו בלויז מיט די מאָסן פון דיינע טעג. אויב דו וועסט קענען שלאָפן רואיק אַ פּאָר יאָר — מעגן שפּעטער ווידער קומען פלאַמען און הריגות. דיך וועט עס מער נישט אָנרירן. דערפאַר מאַכסטו אַ טעות, ווען דו זאָגסט: מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער וואָלסטו אפשר נאָכגעטראַגן מיין מאַנטל. ביזט שוין גיכער גערעכט מיט דיין זאָג: יעקב מאַנטינאָ איז איי־ביק... ער איז געווען אין מיין צייט — און אויפגעשטאַנען תחיית המתים מיט פיר הונדערט יאָר שפּעטער. עס וועלן קיינמאָל נישט פעלן קיין בעלנים צו ירשענען דיין מאַנטל פון „באַרעכנטקייט״. פרעג אונדזער וויטן צוהערער — און ער וועט דיר זאָגן, וואָס ער האָט געזען מיט הונדערטער יאָרן נאָך אונדז!

— אויך איך, זאָלסט עס ויסן, האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון מיט ווענען איך הייב זיך אָן און וועלכע כוחות איך קען דערמיט אויפרודערן. אָבער דווקא דערפאַר האָב איך עס געוואָגט. איך האָב געוואָלט, אַז מיט שפּאַניע און פּאָרטוגאַל זאָל עס זיך טאַקע ענדיקן. איך האָב נישט אויסגעמיטן דעם טויט פון פיין — און אוודאי נישט מיין צעהימלטער באַגלייטער מולכו. איך האָב אָבער געוווסט, אַז אויב א י ך וועל נישט קומען מיט מיינע מחשבות אין מיין יאָרהונדערט — וועלן מיינע „פאַנטאַזיעס״ מוזן ווערן פון שלאָף די שפּעטערדיקע דורות. איך האָב געוווסט, אַז קרבנות וועלן דאַן סייווי מוזן פאַלן. דער חילוק צווישן מיר און דיר איז פאַקטיש אַ פּשוטער. איך האָב גע־זאָגט: אויב סייווי קרבנות — פאַרוואָס נישט איצט? פאַרוואָס נישט איינ־שפּאָרן די ווייטערדיקע? בין איך געגאַנגען צום פייער. דו אָבער האָסט גע־מאַכט דעם חשבון פאַרקערט: אויב די קרבנות קענען אָפּגעלייגט ווערן אויפן געשיכטלעכן „מאָרגן״ — פאַרוואָס־זשע דווקא איך? אויך דו האָסט דאָך סוף־כל־סוף נישט געקענט באַוואָרענען פאַר כמיעלניצקי און מיידאַנעק. דו האָסט נאָר אָוועקגעטריבן די סכנה פון דיין אייגענער הויט.

— האָסט געלאַכט פון מיר, מאַנטינאָ! אָבער די ווייטערדיקע דורות

האָבן געוויינט און זענען געשטאָרבן דערפֿאַר, וואָס דו האָסט מיך אַפֿילו נישט געלאָזט פּרוּוון: אפשר קען איך פֿאַרט איינשפּאָרן זייער געוויין און שאַנד? דו האָסט עס נישט באַנומען — אָבער יידישע מענער מיט יאָרהונ־דערטער שפּעטער האָבן נאָכאַמאָל געוואָלט דאָס זעלבע ווי איך: נעמען אַ לעגענדע און איר אָנטאָן הויט און ביין. וווּ איז געוועזן מיין יידישע אַרמיי? דאָרט ווו די שפּעטערדיקע נאָכפֿאָלגער מיינע האָבן געזען זייערע: אין די טיפֿעניִשן פֿונעם יידישן געמיט. אויב זי איז געשאַפֿן געוואָרן שפּעטער — איז אַ סימן, אַז זי איז אַלעמאָל דאָרט געווען. דו אָבער האָסט זי אין מיין צייט נישט געזען — און דיינע גלגולים האָבן זי נישט געוואָלט באַמערקן, אַפֿילו ווען זי איז מיר שפּעטער אַנטקעגן־געקומען.

— קום און זע: נאָך אינעם צווייטן טייל פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונ־דערט מוז איך שוועבן צו אינקוויזיציע־רעזשימען. נאָך איצט טרייבן מיך דיינע הויטן — און אויך די ניצוצות פֿון יענעם פּרומען מאַן אין רעגנסבורג מיידן מיך אויס; נאָך איצט זוכן מיך אין באַהעלטענישן אַזויפֿיל מולכו־אויגן און איך קען זיי טיילמאָל וויינִיק העלפֿן — פּונקט ווי אַמאָל. אויך איצט פֿרעגן זיי אָפּט נישט קיין עצה ביי מיר און שניידן די ערלה פֿון זייער האַרץ מיט אומגעזעענע מילה־מעסערס. יענע שלאַכט, וואָס איך האָב אָנגעהויבן אין זעכצנטן יאָרהונדערט האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט פֿאַרענדיקט. זי וועט זיך נאָך ציען און ציען. ווען מיר זיך נישט איינמאָל נאָך באַגעגענען אויף די שלאַכטפֿעלדער, יעקב מאַנטינאָ! איך בין אַלעמאָל גרייט דיך צו דערבליקן אויף יענער זייט. דו וועסט מיך קיינמאָל נישט דערקענען און מיין מאַנטל נישט נאָכטראָגן. אפשר ביסטו גאָרנישט מסוגל דערצו. אַלעמאָל ווען דיינע אויגן אַרומטאַפּן די לופֿט, זען צי זי וועט נישט אַ קראַץ טאָן דיין הויט; אויב מ׳וועט דיך נישט חושד זיין אין טאָפּלטער טריישאַפֿט. וועט דאָס נישט צעבלאָזן אַ נייע אינקוויזיציע? כאָטש דיין פֿאַרזיכטיקייט האָט נאָך פֿאַר קיין שום פֿייער נישט באַוואָרנט. דיין פּחד איז אַן אייביקער, רייכער אַריסטאָ־קראַט פֿון ווענעדיק! דו מוזסט אַלעמאָל שטיין קעגן מיר און נישט מיט מיר...

— דערמאָן זיך: הונדערט יאָר נאָך דיר, האָט אַן ענגלישער טעאַטער־גאָט דווקא דיר צוגעקלעפּט אַ שאַנד־נאָמען... שײַלאָק, דער סוחר פֿון דיין ווענעדיק. נאָך אים האָט נאָכגעברומט אַ גאַנצער וואַלד; דיר נאָכגעשפּיגן און נאָכגעוואָרפֿן די מעסערס. איך פֿאַרשטיי דיך אָבער, מאַנטינאָ: שטילערהייט ווילסטו דאָך אַליין אַ שטיקל הילף, ווילסטו באַפֿרייט ווערן פֿון דיין פּחד. בין איך דיר מבטיח: עס איז דאָ, ווער עס זאָל טראָגן מיין מאַנטל. די אַרמיי וואָס איך האָב געוואָלט אויפֿשטעלן — איז שוין אויפֿגעשטאַנען. זי האָט

שוין דיין פחד איבערגעלאָזט אויף אַלע וויסטע פעלדער. יאָהאַן דער דריטער? דער דייטשער רוצח, וואָס האָט מיך מיט מולכון געפירט צום טויט? טאָרקוועמאַדאָ? ענריקע נוניעס? אויך זייערע שאָטנס באַגלייטן מיך ווייטער. אָבער מיין געפאַלענע פאָן אין רעגנסבורג איז ווידער אין פעסטע הענט. מער וועט זי נישט אַרויספאַלן. פאַרזיכער איך דיר: ווען גאָט וועט העלפן און מיר וועלן פאַרביימאַרשירן דיין באַהעלטעניש — וועלן מיר אויך דיינע ביינער מיטנעמען מיט זיך. מיר וועלן אויך דיין פחד וועלן אויסהיילן... שלאָף זשע רואיק, מאַנטינאָ — וועק נישט דיין אַלטע הויט. אפשר וועט דערנאָך אונדזער בייער צוזאַמענטרעף זיין אַ סך פרידלעכער — און מיט מער מזל...

פאַריז, 1949־51.

אַ דערשראָקענער נביא אַנטלויפט פאַר גאָט

א.

טיילמאָל דוכט זיך מיר, אַז דער סך־הכל פון אונדזער גאַנצער געשיכטע איז שוין פאַרשריבן אין ספר הספרים. יעדער דור פירט נאָר אויס אַ ראָל, וואָס איז שוין איינמאָל געלעבט געוואָרן; און יעדער תקופה קלויבט זיך נאָר אויס אַ תנ״ך־אָפּשניט, וואָס אי ר איז לייכטער אויסצושפּילן. נאָך מער איז עס וואָר, ווען מען איז מצרף צו די תנ״ך־פּסוקים דעם פּירוש פון דער יידישער אגדה. אין די שעהן פון אַזאַ „דוכטעניש״ הערט אויף דער באַגריף פון „אייביקן תנ״ך״ צו זיין נאַציאָנאַלע מליצה, נאָר בפירושער פּאַקט.

וואָס איז דען „אייביקייט״? אַ קוואַל, וואָס טויזנטער יאָרן קענען פון אים שעפּן — און דאָך זאָל פון אים גאָרנישט געמינערט ווערן. צייטן עלטערן זיך און ער בלייבט פריש. אויב אַזוי קען מען גיין לערנען ביים תנ״ך, וואָס אייביקייט מיינט. עס וועט אַמאָל כדאַי זיין צו מישן אַ בלעטל תנ״ך ביי דער זייט פון אַ בלעטל לעבן — און דאָס באַווייזן בולט פאַר יעדנס אויג. מיר דוכט זיך, אַז עס איז לייכט אַנצווייזן אויף הונדערטער שאלות, וואָס מיר פרעגן זיך יעדן טאָג — און די תשובה איז שוין דאָרט לאַנג געגעבן געוואָרן.

די גרויסקייט פון תנ״ך! עס האָבן שוין וועגן דעם געזונגען די זינגער און עס האָבן וועגן דעם שוין געשריבן די שרייבער. ווייס איך נישט, אויב מיין מעדיטירן מיט דער „אַקטואַליטעט״ פון אונדזערע אור־שפּילן וועט עמעצן אַזוי מיטרייסן ווי מיך אַליין. סוף־כל־סוף זעט אויס דער תנ״ך צו־פיל באַקאַנט — און יעדער נייע „אַנטדעקונג״ ווערט באַגלייט מיט אַ סקעפּ־טישן שמייכל. דאָך בין איך זיכער, אַז אַ סך פון זיינע שטעגן ליגן נאָך אין דער טיפער פאַרבאָרגעניש — בפרט דאָרט, ווו עס זענען אָנגעצייכנט אונ־דזערע אייגענע טריט.

די אייביקייט פון אונדזער גרעסטן ספר ליגט דווקא אין זיין נישט־אָפּנקייט — וואָס ווערט צניעותדיק אַנטפּלעקט בלויז פאַר די, וואָס זוכן זי אַרום. קיין שום גרויס ווערק איז אפשר נישט געהילט אין אַזויפיל טויזנטער פאַלדן ווי דער יידישער תנ״ך. אַלץ אין אים בלייבט קלאָר און דאָך פאַר־הוילן; אַזוי מוראדיק פאַרשטעלט און דאָך אַזוי העל און דורכזיכטיק. דאָס

האָבן פאַרשטאַנען אונדזערע תּלמודישע חכמים, וואָס אין יעדער צייט פון גייסטיקער נויט האָבן זיי צעעפנט אַ בלאַט פון אייביקן ספר און פון דאָרט אַרויסגעלייענט וואָס זיי דאַרפן.

דער תּנ״ך לייגט זיך נישט אַרויס אָפן מיט זיין גאַנצער חכמה. ער וואַרט אויף די, וואָס קומען שטורעמען זיין וואָרט ווי אַ פעסטונג; זיך איינגראָבן אין זיינע באַהעלטענישן און אים אַנטדעקן אויפסניי פאַר יעדן דור. די געטלעכע חכמה האָט דאָרט געלאָזט אָרט פאַר יעדן איינעם, וואָס איז גרייט צו פאַרנעמען זיין פאַרבאָרגן געזאַנג און אַדורכאַקערן די גענייאַלע קאַנאַלן פון זיין צווייבערנדיקער לאַנדשאַפט. דאָס איז דער זין פון אונדזערע בעלי־הלכה און בעלי־אגדה, וואָס האָבן יעדן טאָג געוואָלט זען די תּורה אין איר אַקטועלער באַנייטקייט.

אַז מען וויל זוכן — איז דאָרט „אַלץ״ פאַראַן. ווער עס האָט דאָרט עפּעס נישט געפונען — האָט מסתּמא ווייניק געזוכט. דאָס איז דער אמתער כּישוף־שלאָס מיט אומצייליקע טירן. דער לייענער פון דער דאָזיקער שריפט מעג בפירוש האַלטן דעם שרייבער פאַר זיינס אַ בעל־חוב — ביז ער וועט פאַר אים נישט אויפוויקלען אַ צאָל אייביקע ווינקעלעך, וואָס ער האָט „אַנטדעקט״ אויף זיינע תּנ״ך־עקסקורסיעס. איצט אָבער מוזן מיר זיך באַגרענעצן צו איין ביישפּיל: אַ סך האָבן שוין אָנגעוויזן אויפן מאַנגל פון הומאָר און סאַטירע אין גאָטס ערנסטן ספר. דערמיט האָבן זיי געוואָלט באַווייזן, אַז ער איז ווייט פון אַלזייטיקייט. זיי האָבן אָבער פאַרזען דעם עלעמענטאַרן אמת, וואָס אונדזערע מפרשים האָבן אַזויפיל אַרויסגעהויבן: די „אַלזייטיקייט״ פונעם אייביקן ספר מוז מען קענען אַרויסציען ווי פון אַ טיפן ברונעם. ער איז עקשנותדיק־פאַרשלאָסן און דאָך בלייבט ער אַזוי מילד און נאָכגיביק. מען דאַרף נאָר פּרוּוון מיט אַלע כּוחות. איין ביישפּיל פון תּנכישער סאַטירע איז אונדז נייטיק פאַר די ווייטערדיקע רייד:

מיר זעען, וויאַזוי אַ יידישער גואל ווערט געבוירן און וואַקסט אויס צו זיין נביאישער ראָל. אין אַנדערע ליטעראַטורן וואָלט אַזאַ געשעעניש זיך אויסגעשפּרייט אויף גאַנצע מגילות. דער תּנ״ך דערציילט עס אָבער מיט עטלעכע קאַרגע שטריכן. די ערשטע פּסוקים פון ספר שמות ווייזן אונדז דעם פאַרגייער פון אַלע וועלט־דיקטאַטאָרן, פ ר ע ה מ ל ך מ צ ר י ם. ווי יעדער פאַרשקלאַפער פון אַ פרעמד פאָלק, האָט אויך ער מורא פאַרן קומענדיקן גואל. דאָס בעסטע וואָלט, בכן, געווען: צו פאַרטיליקן יעדן מענלעכן מיטגליד פונעם דאָזיקן פאָלק. די פרויען וועלן שוין במילא אונטערטעניק ווערן די האַרן.

די יידישע אגדה ווייסט, אַז די עצה איז געבוירן געוואָרן ביי זיינע שטערן־זעער און יועצים: זיי האָבן געזען, אַז בקרוב דאַרף געבוירן ווערן דער

יידישער אויסלייזער. מוז מען וואַרפן יעדן ניי־געבוירן יינגל אין נילוס — און די סכנה וועט פאַרביי. פּרעה וויל בכן אַנטלויפן פון באַשטימטן גורל דורך זיין גזירה. אָבער מיט זיין ווילן דערווייטערן די סכנה — דערנענטערט ער זי גאָר צו זיך. דווקא ווייל ער הייסט וואַרפן די זכרים אין וואַסער — ווערט דער אמתער גואל געבערענגט אויפן זיכערסטן שוץ־אָרט: זיין שונא, וואָס ער זוכט אַרום איבער אַלע שטערן, ר אַ ט עווע ט זיך גאָר אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ און ווערט דערצויגן דורך זיין אייגענער טאָכטער. צוליב דער מוראדיקער גזירה האָט דער שפּעטערדיקער גואל אַלע געלעגנהייטן צו באַקענען דעם הויפּט־שונא פון דער נאָנט און וויסן, וויאַזוי מען קען אים בעסער שלאָגן.

דאָס איז אפשר איינע פון די טיפסטע איראָניעס איבער טיראַנען. פון די „טרוקענע" תנ"ך־שורות קוועלט אַ דינער הומאָר, אַ טיף־סאַטיריש גורל־שפּיל און אַ מעכטיקער חוזק איבער דעם שלעכטן הערשער — הגם דער האַמערישער שווונג איז איבערגעלאָזט געוואָרן אין אַ זייט. דער גראָטעסק קומט אָבער סייווי אַרויס מיט דער גאַנצער אָפּנקייט. מען קען אָנווייזן אויף צענדליקער אַזעלכע שטעלן, וואָס הייבן אַרויס דעם תנכישן הומאָר און לייקענען במילא אָפּ זיין „הומאָרלאָזע" לעגענדע.

אָבער דאָ זענען מיר נאָר אויסן אָנצווייזן אויף דער „טענדענץ" פון יענער תנכישער סאַטירע: פון גאָט און זיין באַשטימונג אַנטלויפט מען נישט. וואָס מער איינער וויל זיך פון איר דערווייטערן דורך מענטשלעכע עצות — אַלץ מער דערנענטערט ער זיך צו איר, דווקא מיטן אַנטלויפן גופא. דאָס, וואָס ווערט דאָ אָנגעוויזן ברמז — באַשטעטיקט מער ווי אַלץ די טראַגעדיע פון יונה הנביא, וואָס וויל אַנטלויפן פון גאָט און זיין שליחות. דערפאַר מוזן מיר דאָס דאָזיקע קאַפּיטל לערנען מיט אָפענע אויגן.

ב.

קען עמעצער גלויבן אין גאָט — און דאָך פון אים ווען אַנטלויפן? איז דען די גאָט־באַקענטעניש נישט דאָס העכסטע גליק? קען אַן אמתער נביא זיך דערשרעקן? נאָך איידער איך האָב פאַרשטאַנען אַ פּסוק תנ"ך ווי געהעריק, האָט שוין מיין יינגלערישער שכל זיך געוואָלט באַוואָרענען מיט אַ תשובה: ניין, אַ מענטש וואָס גלייבט — וויל זיין נאָנט צו גאָט; און אַ נביא קען קיין פּחד נישט האָבן. די אומדערשראָקנקייט גופא איז אַ טייל פון זיין נביאישער שליחות.

וואָס איז דען שרעק? אַ שוואַכקייט פון מענטשן, וואָס זענען אויסגע־

שטעלט אויף זיך אַליין. אויב איינער אַנטלויפט — האָט ער נישט קיין צו־טרוי צום געטלעכן כוח. אָבער אַן אמתער נביא רעדט מיט גאָט — און במילא ווייסט ער, ווי שטאַרק גאָט קען אים באַשיצן. קען ביי אים קיין פּחד נישט געמאָלט זיין. ווען איך למשל, האָט די קינדערישע פאַנטאַזיע זיך גע־צויגן, זע נאָר איינמאָל אַ בלויזן מ ל א ך — וואָלט שוין קיין שום מורא אויף מיר נישט שולט געווען. איך וואָלט שוין דאַן געוווסט אויף זיכער, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט — און אַלץ וואָס ס'געשעט איז צום גוטן.

אַלע טראַכטעניש פון דעם מין זענען שוין אויסגעשעפּט געוואָרן פון איין תנכישן פּסוק (תהלים כג): ג ם כ י א ל ך ב ג י א צ ל מ ו ת ל א א י ר א ר ע, כ י א ת ה ע מ ד י. אויב גאָט איז מיט מיר — טאָר מיך אַפילו דער טאָל פון טויט מער נישט שרעקן, ווייל מ י ט גאָט איז גאָר קיין טויט נישטאָ... דערפאַר מסתמא האָט אַזוי שרעקלעך ווי גע־טאָן, ווען גאָטס אייגענער ספר האָט שפּעטער אויסגעזאָגט דעם אומהיימלעכן סוד: א ו י ך נ ב י א י ם ה א ב ן מ ו ר א. יאָ, אַפילו דער בעל־התהילים אַליין האָט זיך טיילמאָל מענטשלעך געשראָקן... אָבער לאָמיר זיך נישט פאַרלויפן דעם וועג.

די ירושה פון דער קינדהייט באַגלייט אונדז דאָס גאַנצע לעבן. דערפאַר זענען אַזוי פריש אין זכרון די ערשטע מעדיטאַציעס: אַלע זינד אויף דער וועלט נעמען זיך דערפון, וואָס דער מענטש איז אין אייביקן ס פ ק. אַפילו ווען ער איז פרום און גלייביק — פאַרלירט ער די אמונה אין דער שעה פון חטא. בכל־אופן ווערט דאַן זיין גלויבן פאַרנעפּלט. די יידישע חכמים האָבן עס אויסגעדריקט אויף אַזאַ אופן: אַ מענטש זינדיקט נישט, סיידן עס גייט אין אים אַריין אַ רוח־שטות. דער דאָזיקער „נאַרישער גייסט", הייסט עס, פאַרבלאָסט אין אים די גלייביקע איבערצייגונג. מיט גאָט פאַר די אויגן — קען מען נישט זינדיקן און עס גלוסט זיך נישט אים ווידערצושפּעניקן.

עס דערמאָנט זיך אַפילו אַ לאַנג־פאַרפלויגן בילד: אונדזערס אַ גאָסל־שכן איז געשטאָרבן. די חברה־קדישא האָט אים שוין אָפּגעהויבן און זיך גע־גרייט צו דער טהרה. דאָס ווייב און קינדער האָבן געיאָמערט עד לב השמים און אַלע שכנים האָבן מיטגעוויינט. אָבער מיטאַמאָל איז אַריינגעקומען דער פרומער ד יי ן פון שטעטל, זיך איינגעקוקט אינעם מת און קנאהדיק אַרויס־געזיפצט: א י ם איז גוט... ע ר ו יי ס ט ש ו י ן ד ע ם ג אַ נ צ ן א מ ת ! און אַלע געוויינען האָבן זיך ראַפּטום אָפּגעשטעלט. דער טוי־טער איז געוואָרן אויס פאַרגליווערטער מת, נאָר אַ מיסטישער גאַסט פון דער אמתער וועלט. פונקט ווי די אַמאָליקע נביאים — שטייט ער שוין פנים אל פנים מיטן העכסטן סוד. ע ר קען שוין מער נישט האָבן יענע ספיקות, מיט

וועלכע אַפילו דער פרומער דיין ראַנגלט זיך שטילערהייט. וואָס וואָלט געווען, ווען עמעצער וועקט אים אויף אַ צ י נ ד ? ווען ער קען פון זיך אַרויסברענגען כאָטש עטלעכע ווערטער: יידן, ס׳איז ט אַ ק ע אמת!... קיינער וואָלט שוין זיכער מער נישט געטראַכט פון זינדיקן.

דאָס איז נישט געווען בלויז מ יי ן השערה. שפּעטער האָב איך געפרעגט מיין רבין די אַלטע שאלה: פאַרוואָס באַווייזט זיך גאָט נישט צו אונדז כאָטש איין מאָל? דאָס וואָלט דאָך געווען די בעסטע רפואה קעגן יצר הרע... אָבער ער האָט זיך צעלאַכט: נאַרעלע, ס׳וואָלט דען דעמאָלט געווען אַ קונץ צו זיין ערלעך? דאַן וואָלטן מיר דאָך שוין געמוזט זיין פרום, בלית ברירה. די מענטשלעכע ב ח י ר ה וואָלט מער קיין האַפט נישט געהאַט. וועלכע הנאה וואָלט שוין כביכול געקענט האָבן פון אונדזערע מעשים־טובים?

הכלל: דער אַליין־אויסגעווייל־טער ג ל ו י ב ן איז אַ העכערע מדרגה ווי דאָס זיכערע וו י ס ן. בלויז אַ טויטער — ווייסט שוין... אָבער טאַקע דער־פאַר קען ער מער נישט געהערן צו דער לעבעדיקער וועלט פון נסיון. ואף על פי כן האָט אַ חדר־ייִנגל ווייטער ״מקנא״ געווען די אבות און נביאים פאַר זייער וו י ס ן. זיי זענען געווען זיכער אין גאָט נאָך פ אַ ר ן טויט. פאַרוואָס האָבן ז יי נישט מורא געהאַט צו פאַרלירן די בחירה? און פאַרוואָס האָט גאָט פון זייערע מעשים יאָ הנאה געהאַט? אָבער נאָך אַלעמען בין איך נישט נתפעל געוואָרן פון די צען נסיונות, מיט וועלכע אברהם אבינו איז געפּרווט געוואָרן: ער האָט זיך געלאָזט וואַרפן אין קאַלך־אויוון? ער האָט געפירט זיין בן־יחיד, פון שרהן, צו דער עקידה? נו, מיט אַזאַ וויסן ווי זיינעם איז לייכט צו גיין פאַר גאָטס וועגן אין אַלע פייערן... מיר וואָלט עס אויך נישט אָנגעקומען שווער.

ערשט מיט יאָרן שפּעטער זענען געקומען די תנ״ך־פסוקים און אַרויס־געפירט פונעם טעות: אַפילו ווען מ׳זעט גאָט, בלייבט מען ווייטער אויס־געשטעלט צו שווערע נסיונות. די יידישע חכמים ווייסן אַפילו, אַז וואָס גרעסער איינער איז — אַלץ גרעסער איז ביי אים דער יצר־הרע. וויאַזוי קען דאָס מעגלעך זיין? דער שכל באַנעמט עס טאַקע נישט. אָבער דער באַשעפער פונעם מענטש האָט געוואָלט באַוואָרענען, אַז ער זאָל נישט פאַרלירן זיין בחירה, זיין פרייוויליקן אויסוואַל. דערפאַר האָט ער אויך אינעם נביא איינ־געפלאַנצט אַזויפיל שרעק, ביז זי שטעלט זיך אין גלייכן פאַרמעסט מיט זיין גאַנצן וויסן. די גלייכוואָג מוז אָנגעהאַלטן ווערן. דאָס איז אַ רעליגיעזער ״פאַקט״, הגם דער לאָגישער חידוש ווערט דערפון נישט קלענער. דערמיט ווערט ביי אונדז אויך אָוועקגענומען די קנאה צו גדולים: ניין, צוליב זייער

גרויסקייט ווערט זייער גייסטיק לעבן גאָרנישט גרינגער! אויך זיי מוזן פירן שווערע מלחמות מיט זיך אַליין, איידער זיי זיגן. טאָרן מיר במילא נישט טראָגן אין זיך די אומצופרידנקייט, אַז אונדז איז געגעבן געוואָרן אַ שווע־רערער יאָך ווי דעם נביא אָדער גרויסן מנהיג. אויך די אחריות ווערט ביי אונדז ממש די גלייכע ווי ביים גרעסטן נביא.

ג.

בלייבט אונדז אַ כלל: נביאים האָבן אויך מורא און מענטשן וואָס קענען גאָט — זינדיקן ווייטער. דער דאָזיקער תנכישער לייט־מאָטיוו קען דערשיטערן — אָבער אויך טרייסטן. נישטאָ קיין העכערע און מינדערווערטיקע בנוגע דער מעגלעכקייט צו זיין גוט אָדער שלעכט. דאָס וויסן דעם אמת און דאָס האַלטן זיך ביי אים — זענען צוויי באַזונדערע זאַכן. די תלמודישע מפרשים באַווייזן עס אויף אומצייליקע ערטער, אָבער מיר דאַרפן נישט גיין אַזוי ווייט. שוין ממש די ערשטע תנ״ך־פסוקים זאָגן עס אונדז אָפן: ווער איז נאָך גע־ווען אַזוי נאָנט צו גאָט ווי דער ערשטער מענטש? אדם הראשון האָט דאָך זיכער געוווסט, ווער עס האָט אים געוועקט פונעם ערדישן שלאָף — און דאָך האָט ער געבראָכן דאָס איינציקע געבאָט, וואָס גאָט האָט אים געגעבן.

אויך זיין זון קין האָט געהערט גאָטס קול פון וואָרענונג — און דאָך האָט אים זיין מענטשלעכע קנאה געמאַכט פאַר אַ רוצח. די „בני האלהים״ האָבן זיכער געוווסט ווער עס הערשט איבער די הימלען — און דאָך זענען זיי פאַרפירט געוואָרן פונעם מענטשס שיינע טעכטער. פונעם צירן זיך מיט׳ן באַשאַף פון מענטש, ביז צו דער געטלעכער חרטה, איז אַ קורץ־תנכישער מהלך. מיר זעען דאָרט, וויאַזוי גאָט ברענגט אַ מבול און ווייזט דערמיט זיין מעכטיקע האַנט. אָבער דאָס שרעקט נישט נחס מיטלסטן זון צו זען דעם טאַטנס שאַנד. אויך די לייט פון שנער שרעקן זיך נישט צו בויען זייער מרידה־טורעם. די יינגע וועלט פון גאָטס ספר איז פול מיט זיין נאָנטן אָטעם — און דאָך בלייבט אַפילו אונדזער עלטער־זיידע, תרח, אַ געצנדינער ביז צום טויט. גאָטס באַליבטער מאַן, אברם, ראַטעוועט דורך נסים די סדום־מלכים פון טויט — און דאָך טוען זיי שפּעטער זייערע רשעותן, וואָס שטייגן אויף ביז צו די הימלען...

און אברהם? גאָט שמועסט מיט אים, גיט אים זיינע ברכות און הבטחות אויפן וועג — אָבער ער ציטערט ווייטער ביי דער מינדסטער סכנה. ווי נאָר ער דערנענטערט זיך צו די טויערן פון מצרים — מוז ער אָפּנאַרן. ער בעט די מוטער שרה, אַז זי זאָל זיך אויסגעבן פאַר זיין שוועסטער — ווייל אַנ־דערש וועט מען אים הרגענען. דאָס זעלבע חזרט זיך שפּעטער איבער, ווען

ער קומט קיין גרר צו אבימלכן... אויך ער האָט מורא פאַרן לעבן — מיט גאָט ביי דער זייט.

ווי נאָר די פסוקים האָבן זיך צעוויקלט אינעם קינדישן מוח, האָט זיך איין אַנטוישונג געקייטלט אין דער צווייטער: יעקב הערט גאָטס קול — און דאָך האָט ער מורא פאַר עשון און לבנען. משה איז גאָטס שליח — און ער שרעקט זיך פאַר פרעהן. די יידן פון מצרים זעען אַפילו געטלעכע נסים — און זיי ציטערן פאַר די עגיפּטישע רייטוועגן ביים ים. שמואל הנביא ווערט געשיקט פון גאָט אַליין צו זאַלבן ישיס זון פאַר אַ מלך (שמואל א, טז) — און ער איז ווייטער פול מיט פחד: „וויאַזוי זאָל איך גיין? און שאול וועט הערן און מיך הרגענען"...

איבער אַלע ספרים פון תנ"ך ווייסן אַזויפיל מענטשן דעם העכסטן אמת — און דאָך בלייבן זיי מענטשלעך־דערשראָקן. אויך די ווייסער זינדיקן. לבן הארמי זעט גאָט „אין חלום פון דער נאַכט" — און בלייבט ווייטער אַ שווינדלער. די יידן פון דער מדבר זעען יעדן טאָג גאָטס האַנט — און ווערן געשטרויכלט ביי יעדער זינד. בלעם רעדט מיט גאָט און פאַרבלייבט נאָך אַלץ דער גרויסער רשע... נישטאָ קיין באַוואָרעניש פאַר דער מענטשלעכער שוואַכקייט, אַפילו אין גאָטס שויס.

זעט איר, אַז דאָס גופא וויל אונדז דער תנ"ך לאָזן הערן: שוין נאָך דעם גרויסן וויסן, בלייבט דער מענטש אַליין, מיט זיין אייגענעם גערעַנגל. וויפל גאָט אַליין זאָל זיך צו אים נישט באַווייזן — שיקט ער פאָרויס זיינע נעפלען, בכדי דער אויסדערוויילטער זאָל נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין קיין מעכאַנישער כלי פון גוטסקייט. דערפון דרינגט במילא אַרויס, אַז אויב אייגער פון זיינע פרייע קנעכט איז בייגעשטאַנען אַ נסיון — איז עס געווען זיין אייגענע דערגרייכונג. אויב אַ נביא האָט זיך פאַרט נישט דערשראָקן — האָט ער עס באַוויזן דורך זיין אינערלעכן כוח. וויפל דער בן־אדם זאָל נישט אַרויפשטייגן אויף דער לייטער פון וויסן — קלעטערט דאָרט צוזאַמען מיט אים זיין בלוט און פלייש. אַזוי איז דאָס געזעץ אויף גאָטס שווערער ערד. דאָס וואָרט שענקט גאָט — אָבער די מעשים באַשאַפט דער מענטש אַליין... און בלויז זיי זענען די מאָס פון זיין גרויסקייט אָדער קליינקייט. נישטאָ קיין מיוחסים און קיין ספּעציעלע פאַנצערס פאַר אויסדערוויילטע. יעדער הייבט אָן זיין מאָראַלישן גאַנג ביים זעלבן בראשית.

ד.

מהאי טעמא מעגן מיר שוין באַוואונדערן יענע תנ"ך־געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך אין אַ נסיון־שעה נישט דערשראָקן. אויב אויך פאַר זיי גילט דער

פחד — באַנעמען מיר ערשט דעם מוט פון אַזאַ נביא ווי דער פּאַסטוך עמוס: ווען דער זינדיקער כהן אמציה (עמוס ז) ראָט אים צו אַנטלויפן קיין יהודה — דערשרעקט זיך נישט עמוס פאַר זיין מאַכט. ער אַנטלויפט נישט דאָרט, ווו עס קען אים לייכטער זיין — נאָר ער זאָגט אמציהן גופא אַ שווערע נביאות אויפן אָרט. איצט ווייסן מיר שוין, אַז דאָס איז זיין אייגענע גבורה.

נישט וויניקער יראת־הכבוד רופט ביי אונדז אַרויס, צוליבן זעלבן טעם, דער נישט־נביא נחמיה. ווען שמעיה בן דליה הייסט אים זיך אויסבאַ־האַלטן, ווייל מען וויל אים הרגענען (נחמיה ו) — ענטפערט ער פשוט און קלאָר: צי (דען) זאָל אַזאַ מענטש ווי איך אַנטלויפן? זיין מענטשלעכע חשיבות לאָזט אים נישט זיין קיין פּחדן. ער בויט ווייטער ירושלים ביי אַלע סכנות, הגם אַפילו „נביאים" ווילן אים אָפּשרעקן („גם לנועדיה הנביא וליתר הנביאים, אשר היו מיראים אותי"). ביים וויסן, אַז די מענטשלעכע אימה מיידט קיינעם נישט — פאַרשטייען מיר ערשט די גרייס פון זיין נסיון.

דער יידישער גאָט פון תנ"ך גיט זיינע טרייע דאָס העכסטע וויסן — אָבער דעם מוט מוזן זיי אַליין באַשאַפן אין זיך. אַנדערש וואָלטן זיי קיין רעכט נישט געהאַט צו פאָדערן פון זייערע צוהערער קיין גרויסע קרבנות. יעדער פון זיי וואָלט געקענט קומען מיט טענות צום נביא: נישט מיט אונדז האָט גאָט גערעדט; און נישט אונדז האָט ער אַזוי געלייטערט ווי דיך. האָט גאָט גערעדט צום נביא אָבער אין זיין שליחות איז שוין געגאַנגען דער מענטש.

מחמת דעם קען זיך אַפילו משה, דער אדון הנביאים, קלאָגן פאַר גאָט: „איך קען נישט טראָגן, איך אַליין, דאָס דאָזיקע גאַנצע פאָלק — ווייל עס איז צו־שווער פאַר מיר..." (במדבר יא). און נאָך פריער: „וואָס זאָל איך טאָן צום דאָזיקן פאָלק? נאָך אַביסל — און זיי וועלן מיך פאַרשטיינען" (שמות יז). די מסקנה ליגט אַן אָפענע: אויך דעם גרעסטן נביא קומט אָן שווער זיין שליחות. דערפאַר מוז אויך אליהו אַנטלויפן פאַר איזבלן, ווייל ער האָט מורא פאַר זיין לעבן (מלכים א, יט). אָבער דווקא ווייל אַזאַ מורא איז דאָ ביי אים — באַנעמען מיר די גרויסקייט פון זיין אויסגעשריי צום מלך אחאב: דו האָסט געהרגעט און דו ווילסט אויך ירשענען? אַזוי איז עס אויך מיטן נאָמענלאָזן נביא (מלכים א, יג), וואָס גייט שטראָפן דעם בייזן מלך ירבעם; און נישט אַנדערש איז עס מיטן נביא אחיה (דאָרט יד), וואָס שרעקט זיך נישט אָנצוזאָגן דעם מלך דורך זיין ווייב: „דער וואָס וועט שטאַרבן פון ירבעמען אין שטאָט — וועלן (אים) עסן די הינט — און דער וואָס וועט שטאַרבן פון ירבעמען אין פעלד, וועלן (אים) עסן די פייגל פון הימל"... און

דווקא ווייל מיר ווייסן, אַז שמואל האָט מורא געהאַט פאַרן מלך שאול — וואַקסט אויס זיין מוט, בעת ער שטראָפט אים אַזוי האַרב. שמואל איז דאַדורך ווייט פון יענעם שטאַרקער, וואָס טיראַניזירט דעם שוואַכערן מלך — ווי אַ טייל פון אונדזערע ליטעראַטן האָבן עס געוואָלט פאָרשטעלן — נאָר אַ דערשראָקענער נביא, וואָס האָט פאָרט גובר געווען זיין פּחד.

דער ספר הספרים וויל אונדז לערנען, אַז גאָט מאַכט נישט פון זיינע ווייסער און נביאים קיין בלוטלאָז געפּעס פאַר זיין טרייסט אָדער צאָרן. ער וויל גאָרנישט, אַז זיי זאָלן זיין אַ טייל פון דער איבערמענטשלעכער מאַכט — מעג דאָס זיין משה אָדער שמואל, אליהו אָדער ישעיה. די שווערע וואָגשאָל פון נסיון מוז זיך וויגן אויך אין זייער האַרץ. זיי זענען נאָר גרעסער פאַר אַנדערע — אויב זיי באַווייזן אַדורכצורייסן אַלע בשר־ודמישע מחיצות מיטן אייגענעם כוח. אַנדערש וועלן זיי נישט ביישטיין אַלע זעאונגען און געזאַלבטקייטן.

ה.

פאַרוואָס איז דער נביא געבליבן גאָטס מויל? מיר ענטפערן זיך אַליין: ווייל ער איז דורך אַלע דערנער דערגאַנגען צו זיין שלימות. עס איז אונדז נאָר גענוג צו וויסן, אַז ער איז אַן אמתער נביא — און מיר טאָרן מער נישט מהרהר זיין נאָך זיינע מידות. דער נביא קען בכן נישט זיין קיין אויסגעטיילטער מלאך, נאָר דער אינטימער בייַשפּיל. ער איז דער סימבאָל אויך פון אונדזער וואַכן געוויסן. ער איז אונדזער גרויס אויג, וואָס קוקט פאָרויס אין אַלע טיפענישן. ער איז איינער פון אונדז — און דאָך רעוואָלטירט ע ר, ווען מיר שוייגן אָדער זינדיקן־מיט. ער איז געוואָרן האַרץ, ווען מיר זענען געבליבן פלייש. מיר דרימלען, בעת ער וואַכט איבער דער נשמה פון דער וועלט. ער איז געוואָרן דינע ליכט, ווען מיר זענען געבליבן גראָבער חומר.

היות אָבער ווי אַזאַ קאָנפראָנטאַציע מאָנט עפּעס ביי אונדז, טוט אונדז ווי און באַאומרואיקט דאָס געוויסן — ווילן מיר זיך כסדר רעהאַביליטירן דורכן אַ נ ט פ ל יי ש ן אים; דורכן אַרויסרייסן דעם נביא פון זיינע פאַרזענלעכע שוואַכקייטן. מיר ווילן אים אַוועקשטעלן א י ב ע ר דער מענטשלעכער טבע, בכדי צו קענען אויסטראָגן אונדזער קליינקייט אָן אַ שולדיק געמיט. אָבער דער תנ״ך — און נאָך מער דער תלמודישער קראַנץ אַרום די פּסוקים — לאָזט אונדז נישט פאַרוויגן זיך אין אַזאַ לייכטער רו. זיי לאָזן אונדז נישט פאַרזינקען אין דער אומשולד פון מענטשלעכער שוואַכקייט, דורכן מאַכן פונעם נביא אַן איבערמענטש.

אמת: דער נביא פון תנ״ך דערשיינט אָפט ווי אַ הייליקער ווינט און

בלייבט כמעט כולו־וואָרט. זעלטן־ווען מיר באַגעגענען אין תנ״ך ביאָגראַפיש־לייבלעכע פּרטים פון זייגע נביאים — סיידן ווען זייערע איבערלעבענישן אילוסטרירן גאָטס וואָרט דורך אַלעגאָרישן פאַרגלייך. דער רוב נביאים טויכט טאַקע אויף ווי פון אַ סודותפולן ים, זאָגן אָפּ זייערע ווערטער און ווערן ווידער נעלם אין די פּסוקים־טיפענישן. בכדי דאָס זאָל נישט אויסזען ווי אויסער די מענטשלעכע גרענעצן, האָבן די יידישע אגדות גופא אַרומגעוועבט אַ סך פלייש און בלוט אַרום די פאַרהוילענע נביאים, וואָס דער תנ״ך באַהאַלט אויס אין פּערזענלעכער פאַרבאָרגעניש. אָבער שוין אין תנ״ך גופא ווערט אַלעמאָל אויפגעהיטן עפּעס אַ מענטשלעכער פּונקט, וואָס פאַרקלאַמערט דעם נביא אין דער ערד.

אַזוי למשל ווייסן מיר גאָר ווייניק וועגן נביא נ ת ן, וואָס באַווייזט זיך ביים מלך דוד און שטראָפט אים מיטן שניידיקן משל וועגן געגזלטן שעפּסעלע פון אָרעמאַן (שמואל ב, יב). ווו האָט ער גענומען די אומדערשראָקנקייט צו שרייען דעם געזאַלבטן מלך אין פּנים אַריין: א ת ה ה א י ש... דאָס ביסטו דער מאַן!? עס זענען אָבער געגוג עטלעכע פּשוטע שטריכן פונעם זעלבן נביא (מלכים א), ווו ער קאָכט זיך אין דער סכנהדיקער הויף־פּאָליטיק — בכדי מיר זאָלן וויסן: אויך ער האָט געמוזט זיין פּאָרזיכטיק, זיך היטן פאַרן צאָרן פון מלך און זיינע קינדער; באַטראַכטן צוזאַמען מיט בת־שבען, וויאַזוי דעם מלך ווייכער צו מאַכן. ווייסן מיר שוין, אַז דער מוט זיינער האָט געשטאַמט פון אַ מענטשלעך־געלייטערטן קוואַל. אויך דער „פרי־וואַטער״ ישעיה ווערט אונדז כמעט ווי נישט געוויזן. זיין ספר הייבט זיך תיכף אָן מיטן ח ז ו ן און זיינע ווערטער שלינגען איין זיין פּערזענלעך לעבן. ער טרעט אויף איינגעהילט אין אַזויפיל סודות — אַז שפּעטער איז די ביבל־קריטיקער אַפילו לייכט אים צו טיילן אין צווייען (פּונקט ווי דאָס טוט, אגב, זיין אייניקל מנשה, פון דער יידישער אגדה, מיט אַ גראָבער זעג). אָבער אין זיין גאַנצער אַנאָנימקייט פאַרגעסט נישט דער תנ״ך צו ווייזן אים גופא, ווי דורך אַ בליץ. ווען ער דערזעט גאָט אויף זיין שטול (ישעיה ו) דערשרעקט ער זיך פאַר דער צו־הויכער שליחות. ער שרייט אויס „ווי איז מיר, ווייל איך בין פאַרשניטן; ווייל אַ מענטש מיט טמא ליפּן בין איך און צווישן אַ פאָלק מיט אומריינע ליפּן זיץ איך...״ ערשט ווען אַ מלאך רייניקט אים די ליפּן מיט אַ פייערדיקער קויל, איז ער גובר זיינע וואַקלענישן און שרייט אויס: ש י ק מ י ד!

דער תנ״ך לאָזט אָפּט איבער דעם נביאס פּערזענלעכקייט פאַר אונדזער דמיון. דער כוח פון זיין וואָרט איז איבערגענוג, מיר זאָלן פון דאָרט אַ ל ץ אַרויסהערן און „ער״ אַליין זאָל אונדז מער נישט אויספעלן. עס ווערט אָבער

בדרך כלל, באַוואָרנט, אַז ער זאָל דורך אונדז נישט אַרויסגעשליידערט ווערן פון זיין נאַטירלעכער ראַם. ערשט ווען מיר ווייסן, אַז דער נביא איז מענטשלעך — באַקומט זיין וואָרט די געהעריקע חשיבות. דער תנ״ך לאָזט אונדז הערן, אַז הגם זיין נביא איז אויסגעשטעלט צו אַלע שוואַכקייטן — בלייבט ער פּערזענלעך צונויפגעגאָסן מיטן וואָרט וואָס ער ברענגט. אַנדערש וואָלט ער נישט ראוי געווען עס צו טראָגן. דאָרט ווו דער נביא האָט נאָר אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן אָפּנויג — האָט עס די תנכישע האַנט באַלד פאַרצייכנט. דאָס האָט שוין במילא אָנגעזאָגט: מער ווי ד ע ם אָפּנויג האָט ער נישט אַרויס־געוויזן. און דאָרט ווו עס איז גאָרנישט פאַרצייכנט — איז אַ סימן, אַז דער נביא מיט זיין וואָרט זענען געוואָרן איינס (אגב, איז דער דאָזיקער געדאַנק אָנגעוויזן אומדירעקט אין אַ מדרש).

די הויפּט־ביאָגראַפיע פונעם נביא איז בכן געוואָרן ז יי ן ו ו אָ ר ט — אָבער אין אייגענעם זכות. פון זיין נביאישער גבורה ווייסן מיר שוין במילא זיין מענטשלעכע גרייס. דערפאַר מעג זיך דער תנ״ך דערלויבן צו שפּאָרן מיט פּערזענלעכע פּרטים און זיי באַגרענעצן צו געציילטע שורות. איין אויס־נאַם ווערט בלויז געמאַכט מיט אַ באַשטימטן נביא, וואָס זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען שלינגען כמעט איין אַלע זיינע נביאישע ווערטער און זיינע מעשים אין נאָמען פון גאָט. אמת: אויך ביי אים ווייסן מיר ווייניק וועגן זיין אָנהייב און סוף. אָבער נאָך דעם דאָזיקן חסרון פאַרנעמט די דערציילונג ו ו ע ג ן אים כמעט זיין גאַנץ ספר. דאָס גופא נעמט ביי אים אַוועק יענע גרויסקייט, וואָס אַנדערע נביאישע נעלמים האָבן נאָך זיך געלאָזט. מיר זעען אים צופיל — און דאָס מינערט גאָר זיין געשטאַלט.

דער דאָזיקער נביא איז יונה בן אמתי. פאַרוואָס איז ער געוואָרן דער אויסנאַם? אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס די דערציילונג וועגן אים איז געוואָרן אַ טייל פון דער געטלעכער נביאות: זי חזרט איבער די גרויסע וואָרענונג, אַז פון גרויסע שליחותן קען מען נישט אַנטלויפן, וויבאַלד מען איז דערצו באַשטימט. טאָמער וויל עס איינער באַווייזן, הגם ער איז אַ נביא — בלייבט ער סייווי דאָס וואָס ער איז, אָבער אַ ש ו ו אַ כ ע ר נביא, מיט קליינלעכער שרעק אין די מידע אויגן.

ו.

יונה הנביא איז אַן אויסנאַם אויך אויף אַן אַנדער שטח. אַלע נביאים האָבן, נאָך אַלע נסיונות און מכשולים אויפן וועג, זיך דערהאַלטן ביי גאָטס וואָרט. די וואָס האָבן עס נישט געקענט — זענען פאַרפאַלן געוואָרן אין דער נאָמענלאָזער אַרמיי פון נביאי־השקר. זייער שטראָף איז געקומען פאַרן גרויסן

חטא פון מורד זיין אין גאָט. אָבער יונה איז אַנטלאָפן דערפון, וואָס דער אמת האָט אים באַפוילן — און דאָך איז ער געבליבן גאָטס שליח. דערמיט האָט דער תנ״ך אַזויווי אָנגעוויזן: עס קען זיין אַ נביא, וואָס זאָל באַנעמען גאָטס וואָרט און דאָך רעוואָלטירן קעגן דעם. אָבער שוין נאָך זיין מרידה זאָל ער קיין נביא־שקר נישט פאַרבלייבן. ער קען אַריינוואַקסן אין די הימלען, בעת די מינוטן פון חסד זענען זיך אויף אים מרחם און קלויבן אים אויס פאַר זייער געזאַלבטן. ער גייט, ווען גאָטס קול צעשטורעמט זיך אין אים — און ער בלייבט שטיין, ווען עס דערווייטערט זיך פון אים און ער מוז עס ווייטער טראָגן מיט זיין אייגענעם כוח. יונה ווייזט אַרויס פחדנות, הגם גאָטס גליענ־דיקער צייכן ברענט נאָך אויף זיין שטערן.

אין דער יידישער טראַדיציע איז דאָ אַ כלל: אויפן וועג וואָס אַ מענטש וויל גיין — דאָרטן פירט מען אים. ווייל איינער זיך רייניקן — עפנט זיך פאַר אים אַ ריינע טיר. ווייל אָבער איינער זיך מטמא מאַכן — קריגט ער אויך דערויף די העכערע הילף. אַפילו דעם געוויינטלעכן מענטש ווערט נישט אָנגעוואָרפן קיין העכערקייט בגוואַלט און ער מוז אַליין אויסקלויבן צווישן גוטס און שלעכטס. ווער שמועסט נאָך — נביאות! נישטאָ דוכט זיך נאָך אַ נביא אין תנ״ך, וואָס ווייל אַנטלויפן פון גאָט — און קען עס נישט. בלויז יונה זעט אויס ווי אַן אַרויסגעפאַלענער פון דער בחירה־קאַטעגאָריע: ער אַנט־לויפט — און עס העלפט אים נישט. ער איז איינמאָל אויסדערוויילט געוואָרן צו זיין גרויס — און גאָטס שטורעם זוכט אים אַרויס אַפילו דאָן, ווען ער וויל זיך באַהאַלטן אין זיין הילפלאָזער קליינקייט. די אויסדערוויילטקייט קומט אים אַנטקעגן און וואַרפט זיך אויף אים אַן בעל־כרחו. ער איז דוכט זיך דער איינציקער וואָס מוז בלייבן נביא. ווערט פון זיין ברכה מער מאַטערניש ווי אינערלעכע פרייד מיט דער נביאישער גרויסקייט.

ער האָט זיך פון דער נביאישער הויט נישט אַרויסגעריסן, אָבער היות ווי ער האָט עס פאַרט גוואַלט — בלייבט ער אַן אַרויסגעשטויסענער, הגם ער בלייבט ווייטער אינעווייניק. דערמיט איז ער טראַגישער פאַר אַלע געשלאָגענע פון עלנט; ווייל יענע פאַרמאָגן כאָטש נישט די הויכע שפּירונ־גען און במילא ווייסן זיי אַפילו נישט, ווי ווייט זייער עלנט דערגרייכט. מחמת דעם מעגן מיר באַטראַכטן דאָס ספר יונה ווי אַ תנכישע טראַגע־דיע, הגם זי ווערט דערציילט אַזוי עפּיש, האָט אַ גליקלעכן סוף און קיין איין טראָפּן בלוט ווערט דאָרט נישט פאַרגאָסן. מיר קענען זיך נישט פרייען פון פולן האַרץ, וואָס מידת הרחמים איז דאָרט גובר; וואָס די זינדיקע שטאָט ווערט געראַטעוועט — ווייל די הנאה ווערט אויפגעגעסן פון אַ שרעקלעכן ווייטיק. מער ווי אומעטום, זעען מיר דאָרט וויאַזוי אויך אַ נביא קען ווערן

קליין, זיך פאַרלירן אויפן וועג... וואָלטן מיר שוין גיכער מסכים — מיט אונדזער קליין־מענטשלעכן שכל — אַז גאָט זאָל לגמרי צורר־לאָזן יונהן און אים נישט שיקן בגוואַלט. פאַרוואָס טאַקע זאָל ער זיין דער טראַגישער אויס־נאָם?

אין דעם אייביקן וויכוח צווישן מענטש און גאָט — שטעלן מיר זיך אַלעמאָל שלא בכוונה אויף דער זייט פון מענטש. אויב אברהם, איוב, משה אָדער דער תהלים פרעגן אַמאָל שאלות אויף גאָט — קומען זיי אויך פון אונדזער מויל. מיר רעזיגנירן ערשט בלית ברירה, ווען אויך אונדזערע פאַר־גייער ראַטעווען זיך אין זייער פרומקייט פון גלויבן. אָבער אין ספר יונה טוישן זיך די ראָלן: דאָרט זעען מיר ווי גאָט שטעלט זיך גאָר אויף דער זייט פונעם מענטש, בעת דער נביא קלאַמערט זיך אין דער שטרענגער בייטש פון געטלעכן גזר־דין. דערפאַר בלייבט יונה אָפּגעזונדערט פון גאָט, אָבער אויך דער מענטש קען אים נישט אויפנעמען אין זיך. דער נביא איז אַלעמאָל אונ־דזער טרייסט, ווייל ער שטעלט זיך אויף אונדזער אָרט צום משפט מיט גאָט. אָבער יונה שטעלט זיך גאָר קעגן „אונדז", ביז גאָט גופא מוז אים צוימען — און במילא ווערט ער אַרומגענומען פון טאָפּלטער איינזאַמקייט: אַנטלאָפן פון גאָט און אויך צום מענטש נישט דערלאָזן.

אויך אַנדערע נביאים האָבן געליטן צער און פיין — אַפילו מער פאַר יונהן. אָבער נישט ירמיהס קייטן און נישט ישעיהס אָפּגעבריטע ליפּן קענען זיך פאַרגלייכן צו יונהס יסורים. מיט זיי איז גאָט געווען אין אַלע טיפענישן און אויך מיר באַגלייטן זיי אַהין מיט אונדזער גאַנצן האַרץ. אַפילו אין די מוראדיקסטע פורעניותן זענען זיי געבליבן שטאַרק, גאַנץ מיט זיך, פול מיט דער זיכערקייט פון זייער שליחות. יונה הנביא איז געבליבן ווייט פון גאָט און מענטש — און דערצו איז דער אייגענער גייסט אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון שטאַמלדיקער שטומקייט. דערמיט ווערט ער דער טראַגישסטער נביא פונעם גאַנצן תנ"ך. צי זענען אָבער נישט געווען קיין טיפערע סיבות פאַר זיין באַזונדערן וועג? אַ נביא וואָס רעדט מיט גאָט, קען נישט זיין קיין סתם־אַנטלויפער. אַנדערש וואָלט ער טאַקע קיינמאָל נישט איינגעקריצט געוואָרן אין דער נביאים־ריי. דערפאַר האָט ער געמוזט פאַרמאָגן אַ מין אייגענע — און גאָר־הויכע גערעכטיקייט, וואָס האָט פאַר אים אויפגעהיטן לעולמים זיין געזאַלבטקייט. וועלכע?

ז.

יונהס שליחות קיין נינוה איז נישט געווען די ערשטע. נאָך אַ סך פריער האָט ער געהאָט אַ געלעגנהייט צו באַקענען גאָטס רחמנות („פריער" —

אויב מיר קענען סוף־כל־סוף באַשטימען דעם מוקדם־ומאוחר אין תנכישן ספר). אין זיין צייט האָט איבער ישראל געהערשט דער שלעכטער מלך ירבעם בן יואש, וואָס איז אין זיין רשעות פאַרגליכן געוואָרן צו אַ פריערדיקן ירבעם (בן נבט). אָבער דווקא צום דאָזיקן רשע איז יונה געשיקט געוואָרן מיט אַ פריילעכער בשורה: אַז די גרענעצן פון דער זינדיקער מלוכה ישראל וועלן אויסגעברייטערט ווערן. דער פסוק (מלכים ב, יד) דערציילט אונדז אָפן פאַרוואָס גאָט האָט געגעבן אַזאַ שליחות „זיין קנעכט יונה בן אמתי, דעם נביא פון גת חפר":

> ווייל גאָט האָט געזען די פיין פון ישראל, אַז זי איז זייער ביטער... און ס'איז נישטאָ קיין העלפער צו ישראל. און גאָט האָט נישט געזאָגט אָפּצומעקן דעם נאָמען ישראל פון אונטער די הימלען. און ער האָט זיי געהאָלפן דורך דער האַנט פון ירבעם בן יואש...

יונה האָט פון דער דאָזיקער שליחות געקענט זען, אַז גאָט מאַכט אים פאַר אַ נביא פון רחמים. אויב ער האָט בעסער געוואָלט טראָגן צו מענטשן גאָטס וואָרט פון דין — פאַרוואָס האָט ער שוין דאַן נישט פאַרפירט זיין וויכוח? נאָך מער: אין זיין שליחות צו ירבעמען האָט ער אַפילו נישט גע־דאַרפט וועקן און רופן צו תשובה; נישט וואָרענען וועגן קיין נאָענטער סכנה... אָבער ער האָט דאַן נישט רעוואָלטירט, נאָר שטיל אויסגעפירט זיין גאַנג. פאַרוואָס־זשע האָט ער ביי נינוה אַנדערש געהאַנדלט?

שוין דאָ, זעט אויס, האָט יונה געהאַלטן, אַז ישראל פאַרדינט יאָ רחמים פון גאָט. דאָס איז ביי אים געווען נאַטירלעך. ער האָט נישט געזוכט צו אַנטלויפן, ווייל דאָס יידישע לאַנד פאַרדינט ברייטערע גרענעצן — אַפילו ווען עס זינדיקט. גאָט האָט אים געוואָלט צוגרייטן מיט אַביסל רחמים, איי־דער ער וועט גיין קיין נינוה — אָבער יונה לערנט דערפון עפּעס אַנדערש: בלויז ישראל איז ראוי צום געטלעכן חסד און נישט קיין אַנדערע פעלקער.

זיין טעות האָט ער אפשר געלערנט ביי גאָט אַליין: פאַרוואָס האָט ער אים צו ישראל נאָר געשיקט מיט אַ בשורה און נינוה האָט ער געדאַרפט דערמאָ־נען חטאים? איז דאָס נישט קיין סימן, אַז גאָט אַליין מאַכט אַ חילוק בנוגע תשובה בין ישראל לעמים? פון דער ערשטער שליחות האָט יונה געלערנט, אַז ער איז דער נביא פון גוטע בשורות. במילא קען ער נאָר זיין אַ יידישער נביא און נישט קיין מוכיח פון פעלקער. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כוח צו דינגען זיך מיט גאָט, אַזוי ווי משה בשעתו, און זאָגן אַז די שליחות איז נישט פאַר אים. לכתחילה האָט ער געהערט און אַזוי ווי מסכים געווען. ערשט שפּעטער, ווען ער איז געבליבן מיט זיך אַליין, האָט זיך אָנגעהויבן

דער ספק; דאָס אַנטלויפן... אפשר דערפאַר איז זיין שטראָף געווען גרעסער און ער האָט געמוזט אַראָפּנידערן פונעם נבואה־שטאַפּל.

אַז יונה איז געווען אַ גרעסערער נביא פאַרן אַנטלויפן ווי דערנאָך, קענען מיר זען אין פסוק גופא: ביים ערשטן רוף האָט אים גאָט געמאַכט פאַר זיינס אַ צוהערער. פונקט ווי אַנדערע נביאים — און ווי ביי זיין אייגענעם גאַנג צו ישראל — האָט ער נאָר באַקומען דעם ציל פון זיין שליחות. די גאַנצע זעאונג איז געווען זיינע און ער האָט פון איר געקענט אַרויסציען — אָדער „אימפּראָוויזירן" — די געהעריקע ווערטער אין גאָטס נאָמען. גאָט האָט אים דערציילט, וואָס עס געשעט — און ער ווייסט דערפון וואָס און וויאַזוי צו ריידן. מיטן לשון פון תנ"ך: „קום לך אל נינוה, העיר הגדולה, וקרא עליה". דאָס מיינט, אַז דער רוף גופא ליגט אין זיין רשות. אָבער נאָך זיין אַנטלויפן — ווען ער מוז סיווי קומען קיין נינוה — נעמט ביי אים גאָט צו די פרייע באַנוצונג פון וואָרט און באַפעלט אים נאָר איבערצוחזרן פּינקטלעך די רייד, וואָס גאָט לייגט אים אַריין אין מויל („קום לך אל נינוה, העיר הגדולה, וקרא אליה את הקריאה אשר אנכי דובר אליך"). פונעם פרייען צוהערער ווערט ער אַ באַגרענעצט מויל.

דערביי איז די שליחות אַ שווערע — אפשר די שווערסטע וואָס אַ יידישער נביא האָט אַמאָל געהאַט. ווי פאַרדאַרבן די יידן זענען טיילמאָל געווען — האָט אַ נביא פאַרט געוווסט, וויאַזוי צו דערגרייכן זייער האַרץ. עס איז פאַרט געווען זיין פאָלק, וואָס ער קען. אָבער דאָ איז ער געגאַנגען צום ערשטן מאָל זאָגן נביאות פאַר אַ פרעמד פאָלק — צו יענעם אין אומבאַקאַנטן לאַנד אַריין. נישט ער קען דאָס פאָלק און נישט דאָס פאָלק קען אים. האָט ער זיך געמוזט פילן אַ סך פרעמדער אַפילו פאַר משהן, וואָס איז געגאַנגען צו פּרעהן: דאָרט האָט דער נביא כאָטש געקענט דאָס לאַנד פון פריער, געוווסט אַ סך וועגן פּרעהס מנהגים און געהאַט דאָרט אַ סך פון זיינע ברידער. אָבער יונה האָט אפשר נישט געקענט וויסן, אויב עמעצער אין נינוה האָט אַמאָל געהערט גאָטס נאָמען.

דער נביא האָט געוווסט: אויך פאַר יהודה און ישראל, וואָס זענען דורך לאַנגע דורות פאַרהיימישט געוואָרן מיט גאָטס וואָרט, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך רייד — און אויך זיי האָבן נישט אַלעמאָל אומגעקערט דאָס פאָלק אויפן ריכטיקן וועג. טאָ וויפל געטלעכע רייד דאַרף מען שוין האָבן צו ווייטע געצנדינער? און אויב צווישן יידן האָט מען געדאַרפט האָבן לאַנגע יאָרן, איידער זייער האַרץ האָט זיך באַוועגט פון אָרט — טאָ וויאַזוי קען ער באַקערן דאָס פרעמדע נינוה אין ווייניקער פון פערציק טעג?

בכדי צו גיין קיין נינוה און שטראָפן אירע איינוווינער האָט אים גאָט

געדאַרפט געבן אַ גרויסן אוצר ווערטער אין מויל. זיי מוז מען אַ סך האַר־בער וואָרענען ווי יידן; אַ סך שטאַרקער אויסלאַכן די זינד און אַ סך מעכ־טיקער אויסלויבן דעם גוטן וועג. אָבער אין תנ״ך טרעפן מיר נישט קיין שפּור פון יענע ווערטער, וואָס יונה האָט צוגעגרייט פאַר זייערטוועגן. האָט אים גאָט זיי נישט געגעבן? אויב אַזוי — פאַרוואָס זאָלן זיי ערגער זיין ווי ישראל, הגם מען פאַרלאַנגט פון זיי דאָס זעלבע? האָט ער אים זיי יאָ גע־געבן? טאָ פאַרוואָס זענען זיי נישט פאַרשריבן געוואָרן ווי די ווערטער פון אַנדערע נביאים?

די יידישע טראַדיציע שטעלט פעסט אַ כלל: אין תנ״ך זענען נאָר פאַר־שריבן געוואָרן יענע נביאישע רייד, וואָס זענען נייטיק פאַר ווייטערדיקע דורות. די ווערטער, וואָס האָבן נאָר געהאַט אַ שייכות צו זייער צייט, זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן. צי זענען אָבער די ווערטער, וואָס רופן די גוישע וועלט צו תשובה, נישט געווען נייטיק פאַר אַנדערע דורות? פעלן זיי אונדז דען נישט אויס אין אַלע צייטן? טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע נישט וויסן, וויאַזוי אומצוקערן אַנדערע פעלקער פון זייער שלעכטן וועג?

די לאָגישע ספערע פון גאַנצן ספר יונה זאָגט אונדז אָן, אַז דער נביא האָט אַזעלכע ווערטער יאָ באַקומען. דאָס גיין אַזאַ ווייטן וועג, צו אַזאַ גרויסער שטאָט פון „דריי טעג גאַנג", קען נישט באַגלייט ווערן פון עטלעכע געציילטע און טרוקענע ווערטער. דער נביא, וואָס דאַרף ממש איבערקערן נינוה, קען נישט אַרומשפּרייזן אַ גאַנצן טאָג איבער די פרעמדע גאַסן מיטן מאָנאָטאָנעם געשריי: „אין פערציק טעג אַרום ווערט נינוה איבערגעקערט". וויפל קען דאָס אויפקלערן, אויב ער דערציילט נישט פאַרוואָס דאָס מוז אַזוי געשען? און אויב ער האָט זיי נישט געזאָגט, וואָס זיי דאַרפן טאָן — פונוואַנעט האָבן זיי געוווסט, אַז מען דאַרף זיך פייניקן, פאַסטן און אומקערן דאָס גערויבטע? אָבער דאָס נישט־פאַרשרייבן זיינע רייד איז טאַקע אַ טייל פונעם גאַנצן עונש. אויב ער איז אַנטלאָפן — ווערן שוין אַפילו זיינע אמתע רייד אומוויכטיק פאַר דורות. דער פסוק וויל אונדז דערביי לערנען: אויב דער נביא פערזענלעך איז אומגערעכט, מוזן אַפילו זיינע געטלעכע רייד איינגעשלונגען ווערן אין די פסוקים — פונקט ווי ער אַליין ווערט אריינגע־כאַפּט אינעם פישס אינגעווייד. זאָל מען דערנאָך נישט טייטלען מיט די פינגער: הער נישט די נביאים, ווייל זייער אייגענע שוואַכקייט איז פון די דאָזיקע ווערטער נישט באַזיגט געוואָרן.

בלייבט דאָס גופא אַ האַרבע וואָרענונג צו אַלע צייטן קעגן די, וואָס ווילן געבן זייערע ווערטער אַ נביאישן אָרעאָל — אָבער זיך אַליין נעמען זיי אַלע פּריווילעגיעס פון די שוואַכע.

ח.

די טראַגעדיע בלייבט אָבער נישט ביי יונהן אַליין. זי איז אונדזער אַלע־מענס. מיר האָבן געקענט פאַרמאָגן נאָך איין שטאָלצן נביא — צווישן די געציילטע, וואָס דער תנ״ך האָט אונדז איבערגעלאָזט — וואָס זיין וואָרט האָט אַזוי מעכטיק דערגרייכט אויך צו נישט־יידן; און אַפילו באַוויזן צו פאַר־וואַנדלען געצנדינער אין בעלי־תשובה. זענען דאָס נישט געווען די סאַמע־שטאַרקסטע ווערטער, וואָס א נביא האָט אַמאָל אַרויסגעברענגט? מיר האָבן געקענט האָבן אין אונדזער אוצר דאָס ליכטיקע געשריי צו דער וועלט, אוי־סער אונדזערע גרענעצן — און נישט זוכה געווען. גאָטס ברענענדיקער רוף האָט זיך צוריק איינגעוויקלט אין דער געהיימער יריעה. פאַר אונדז איז נאָר געבליבן די דערציילונג וועגן אַ מידן, איינגעדרימלטן מאַן אויף אַ צעשטו־רעמטן ים. ער האָט מיט זיין וואָרט געקענט ראַטעווען הונדערטער־טויזנטער — אָבער צום סוף נישט געקענט באַשיצן אַפילו די קליינע שיף, זיין אייגן ווינקל...

אָבער פאַרוואָס איז טאַקע יונה ווייטער געבליבן גאָטס נביא? פאַרוואָס האָט דער תנ״ך אים נישט געלאָזט לגמרי פאַרגעסן ווערן? אויך דערויף גיבן אונדז די פסוקים אַ קלאָרן ענטפער: ווייל גאָטס נביא איז אומגעוויינטלעך־גרויס — אויך אין זיין אַנטלויפערישער שוואַכקייט. אַפילו דאַן זעען מיר אים אין זיין גבורה. אַלע אויף דער ברוך־אויסגעשטעלטער שיף שרעקן זיך, שרייען צו אַלע געטער — אָבער נישט דער נביא, וואָס קען דעם אמתן גאָט. אויך דאָ ווייזט ער אַרויס זיין שטאָלצע מרידה: וויבאַלד ער איז איבערצייגט, אַז ער דאַרף אַנטלויפן פון גאָט — וועט ער צו אים נישט מתפלל זיין, אַפילו ווען ער וועט צוליב דעם פאַרלירן זיין לעבן. ער טוט עס נישט, אויך דאַן ווען דער שיפס־קאַפּיטאַן וועקט אים צו תפילה... אַט דער דאָזיקער פאַרצווייפלטער מוט באַווייזט נישט ווייניקער נביאישן כאַראַקטער, ווי בעת ער פאָלגט גאָטס באַפעל.

די פסוקים באַוויזן אונדז דערמיט, אַז יונה אַנטלויפט נישט פאַר גאָט צוליב קליינלעכער פחדנות. אדרבא: אין דער שעה פון סכנה, שפּילט ביי אים זיין אייגן לעבן קיין שום ראָלע נישט. זיין מענטשלעכע גרויסקייט וואַקסט דאָ אַרויס אינעם גאַנצן פאַרנעם. ווען דער גורל פון שולדיקן פאַלט אויף אים — בעט ער נישט אויף זיין לעבן און בייגט זיך נישט פאַר גאָט, ער זאָל רחמנות האָבן אויף אים. ער דערציילט די פרעמדע מאַטראָסן גאָר אָפן זיין יידישן אָפּשטאַם — וואָס קען זיכער צווישן געצנדינער קיין מעלה נישט זיין... און דווקא אין אַזאַ שעה, ווען יעדער אויף דער שיף וויל לעבן בשלום מיט אַלע געטער — דערציילט ער זיי וועגן זיין מרידה אַקעגן גאָט:

האָט ער צו זיי געזאָגט: אַן עברי בין איך און פאַר גאָט, דעם גאָט פון די הימלען האָב איך מורא... האָבן די מענטשן געהאַט אַ גרויסע שרעק... ווייל די מענטשן האָבן געוווסט, אַז פאַר גאָט אַנטלויפט ער, ווייל ער האָט זיי געזאָגט...

עס זעט אויס אַזויווי די פּסוקים גופא — הגם זיי שילדערן אַזוי בולט זיין שוואַכקייט — ווילן אונדז וואָרענען: מיינט נישט, אַז גאָט קלויבט אויס סתם־וועמען און לויפט אים נאָך מיט שטורעם, בכדי אים צו דערהאַלטן ביי זיין נביאות! אַפילו צום פירן קריג מיט גאָט דאַרף מען זיין ראוי. יונה בלייבט דער נביא, ווייל ער האַלט אָן זיין רעוואָלט אַפילו ווען גאָט בייטשט דעם ים אין זיין צאָרן. אויב ער האַלט זיין אַנטלויפן פאַר גערעכט — וועט ער זיין גערעכטיקייט נישט אויפגעבן, אַפילו ווען זיין לעבן שטייט אין קאָן. אויך דאָ גופא, אין מיטן שטורעם, אַנטלויפט ער ווייטער פון גאָטס שליחות: ער האָט אים געשיקט אומקערן געצנדינער צו גאָט — און יונה שטייט איצט פאַר אַנדערע געצנדינער און דערציילט זיי גאָר, וויאַזוי ער אַנטלויפט פון אים. זאָל אַפילו גאָט ווייטער שליידערן מיט דער שיף, זי צעברעכן...

יונהס שרעק איז בכן... אַ מוטיקע, פול מיט אייגענעם אמת — פאַר וועלכן ער איז גרייט אָפּצוגעבן דאָס לעבן. ער וויל בלויז נישט, אַז עס זאָלן צוליב אים פאַלן אומשולדיקע קרבנות. אויב זיי אַליין ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט אים — וועט ער זיי זאָגן... און דאָס וואָס ער זאָגט — איז נאָך אַלץ הימליש־דערהויבן, נביאיש־גרויס און ווייט פון פּערזענלעכער פּחדנות:

האָבן זיי געזאָגט צו אים: וואָס זאָלן מיר טאָן — און דער ים זאָל זיך איינשטילן פאַר אונדז?... האָט ער געזאָגט צו זיי: הייבט מיך אויף און וואַרפט מיך אין ים... ווייל איך ווייס: צוליב מיר איז דער דאָזיקער גרויסער שטורעם אויף אייך...

די תנכישע גערעכטיקייט וויל נישט פאַרלירן קיין האָר פון דער אמתער וואָגשאָל: אויב ער באַהאַלט זיך אויס פאַר גאָט — קומט אים אַ שטראָף. אָבער וויבאַלד ער בלייבט גרויס אַפילו אין זיין באַהעלטעניש — טאָר מען אים זיין שכר נישט פאַרהאַלטן. אויב ער וויל בעסער געשליידערט ווערן אינעם ים — איידער צו גיין אין אַ שליחות וואָס ער אָנערקענט נישט — איז ער פאָרט אַ מאַן פון מדרגה. דערפאַר וועט אים גאָט פאַר אויס נביא נישט מאַכן, נאָר אים אַרויסציען פון אַלע טיפענישן.

אָבער די שטראָף קומט סייווי: פון זיין גרויסן, נביאישן גאַנג הילכט נאָר אַריבער צו אונדז זיין קורצער און טרוקענער רוף פון פינף געציילטע ווערטער. נישטאָ ביי אים דער מראהדיקער חזון און דער מרכבהדיקער פלאַם פון אַנדערע נביאים... און אַ נביא מיט אַזוי ווייניק שניידיק־קאַלטע רייד מוז ביי אונדז גיכער אַרויסרופן רחמנות, איידער באַוווּנדערונג.

ס'איז כמעט נישטאָ קיין נביא אין תנ"ך, וואָס האָט נישט מיטגעמאַכט קיין שווערע יסורים. אָבער קיין רחמנות קענען זיי אין אונדז נישט אַרויס־רופן. דאָס וואָלט זיי קלענער געמאַכט אין אונדזערע אויגן. האָבן מיטלייד אויפן מויל פון גאָט? אויף אַ טייל פון יענער אומענדלעכקייט, וואָס פייער און וואַסער ווערן צעמורשט פון איר אָטעם? די פּיין פון אַנדערע נביאים קען אונדז אָנגיסן מיט צער און צאָרן — אָבער דער ווייטיק בלייבט אונ־דזערער און נישט זייערער. מיר קענען אַפילו ווייזן דערויף, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן צו באַווירקן דאָס פאָלק — אָבער אויך די טרערן זענען נאָר אונדזערע: פאַרוואָס האָבן די טעמפּע הערצער פון אונדזערע אבות זיי נישט פאַרשטאַנען? ישעיה איז נאָך אַלע יסורים ווייטער געבליבן דער גאָט־באַ־גליקטער זוכה־בגורל. און צי קען זיך דען קלעפּן קליינלעכע רחמנות צו אַזעלכע זעער ווי ירמיה, יחזקאל אָדער עמוס? אַלע זייערע ליידן זענען אַפילו נישט קיין ציבעלע־שאָל אַרום דער אייביקייט, וואָס שטראַלט פון זיי. איז דען זייער צער, געווען אַ צ ע ר ווי מיר באַנעמען אים? זענען דען זייערע יסורים גופא נישט געווען קיין חלק פון דער געטלעכער מיסטעריע? בלויז ביים נישט פאַרשטיין דעם מהות פונעם נביא — זענען מיר אים גרייט צו שענקען במתנה די שוואַכע יסורים פון מיטגעפיל. ער איז אָבער העכער פאַר זיי און פאַר אונדז. אויב זיי רייסן אונדז נאָר מיט אויף איין רגע — ווערן מיר גליק־לעך זיין צו האָבן אַ חלק אויך אין זייערע ליכטיקע יסורים.

אַנדערש איז אָבער מיט יונהן. די פּסוקים גופא בעטן פאַר אים רחמים. זיינע אייגענע געשרייען פון דער ענגשאַפט וועקן אונדזער קליינעם מיטגע־פיל. אויב ער אַליין פרייט זיך „אַ גרויסע פרייד" מיט דער אָרעמער סוכה; און אויב ער גופא חלשט, ווען זיין טאָגיק בלעטל דאַרט איבער זיין קאָפּ — קענען מיר זיך נישט העלפן. מוזן מיר אויף אים רחמנות האָבן — און דאָס שיילט פון אים אָפּ די גרויס־נביאישע הויט אין אונדזער מוח. מיט אַ קקיון איבערן קאָפּ פירט מען נישט קיין וויכוחים מיט גאָט און מען צינדט נישט אָן דערמיט קיין פייערן אין דער אייביקייט... דאָס אַליין איז אפשר די שווערסטע נקמה פון גאָט אין זיין מוטיקן, אָבער אַנטלויפערישן נביא.

ט.

אַנטלויפט טאַקע יונה פאַר גאָט? דער פּסוק זאָגט עס אָפן ביים סאַמע־אָנהייב. אָבער מיר זעען זיין גרויסקייט — און במילא קענען מיר נישט באַנעמען, וואָס ער טראַכט דערביי: האָט ער טאַקע געגלויבט, אַז ער ק ע ן אַנטלויפן? אַפילו אין זיין מורדישן מוט אויף דער שיף גיט ער צו, אַז ער האָט מורא פאַר גאָט. טאָ וויאַזוי האָט ער עס געמיינט אַדורכצופירן?

ערשט די ווייטערדיקע פסוקים גיבן אונדז מער ווי אַ רמז, אַז נישט אַנטלויפן — נאָר פּ ר אָ ט ע ס ט י ר ן קעגן גאָט האָט יונה געוואָלט. דאָס קען שוין אַפילו אַזאַ גאָט־ווייסער ווי אַ נביא. נישט פון גאָט, נאָר פון זיין שליחות קיין נינוה וויל יונה אַנטלויפן — און דאָ האָט ער נישט ווייניק ד ע ר ה ו י ב ע נ ע סיבות.

„גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט". ביי דעם פאַל מיט יונהן גיבן מיר עס צו, אַפילו אָן פרומער גאָטספאַרכטיקייט. אָבער אויך דעם נביא מעגן מיר פאַרשטיין. דאָרט לויכט אַ שטאָט מיט צוועלף מאָל צען־טויזנט מענטשן. זי איז פול מיט זינדיקע רייצן און כישופן. אַ שוימיקער שטראָם ציט פאַרביי. אומצייליקע פענצטער רופן און ווינקען צום פאַרביי־גייער מיטן לשון פון אומשולדיקער הפקרות. די גאַסן זענען פאַרכוואַליעט מיט טויזנטער לעבנס־שיכורע, וואָס שטרעקן די הענט צו אַלע תענוגים אין דער וועלט. קיין אַנדער לשון ווי דאָס זינדיקע קענען זיי גאָרנישט. ס'איז אַ שטאָט, וואָס קען אָדער זינדיקן אָדער אונטערגיין. קיין מיטל־וועג איז פאַר איר נישטאָ. יונה האָט שוין זיכער געהערט וועגן נינוה אַזעלכע זאַכן, וואָס זיין נביא־חבר נ ח ו ם ה א ל ק ו ש י האָט וועגן איר דערציילט:

> דורך די גאַסן ווילדעווען די רייטוועגן, זיי שטורעמען דורך די מערק, זייער אויסזען איז ווי פלאַקערן, ווי בליצן לויפן זיי אַרום — — — ווי, די בלוטיקע שטאָט! זי איז אין גאַנצן פאַרלייקענונג, מיט רויב פול. עס טוט זיך (פון איר) נישט אָפּ די פאַרציקונג. אַ קול פון דער בייטש און אַ קול פון רויש פון אַ ראָד, פון אַ שפּרינגענדיק פערד און טאַנצנדיקן רייטוואָגן. אַ רייטער וואָס הייבט זיך אַרויף, דער פלאַם פון אַ שווערד און דער בליץ פון אַ שפּיז און אַ סך דערשלאָ־גענע און די שווערקייט פון פגרים. און פון צופיל זנותן פון דער גוט־חנעוודיקער זונה, די האַרין פון כישופן וואָס פאַרקויפט פעלקער מיט אירע אויסגעלאַסנקייטן און משפחות מיט אירע כישופן. (נחום ב׳ און ג׳).

דאָס בילד וואָס נ ח ו ם גיט אונדז אין זיין נינוה־חזון איז גרויליק און אומהיילבאַר: אַ שטאָט וואָס פאַרזויפט זיך און פאַרבלוטיקט זיך איבערן האַלדז. טרוקן איז איר געביין פון די שרפנדיקע זינד — ביז זי שטייט גרייט צום פאַרניכטן ווי טרוקן שטרוי. אַפילו אַנדערע פעלקער נעמט עקלען פון איר. איז עס דען אין יונהס צייטן אַנדערש געווען? זיכער זענען דאָרט גע־ווען די זעלבע פנימער, וואָס זענען צעפלאַמט פון זינד; די זעלבע זנות־פאַר־קויפעריגס און כישוף־טרייבערינס; און דער זעלבער בלענד פון שווערד און שפּיז... קען אַ יידישער נביא דאָרט עפּעס ענדערן? איז דען יונה נישט באַ־רעכטיקט צו טראַכטן, אַזוי ווי דער אַמאָליקער משה: אויב די בני ישראל ווילן מיך נישט הערן — טאָ וויאַזוי וועט מיך הערן דאָס שיכורע נינוה?

ער איז ווייט פון אומרעכט, אויב אים איז שווער צו גלויבן, אַז אַ נביא

קען זיך דאָרט באַווייזן. ווער וועט הערן דעם באָרוועסן וואָרענער מיטן לעדער־נעם גאַרטל און מאַנטל פון פעל, ווען ער וועט נעמען שרייען איבער די צערוישטע קעפּ: טוט תשובה, ווייל די סכנה איז נאָנט! טוט אָן זעק אויף די קעפּ, וואַלגערט זיך אין אַש, עסט נישט, שלאָפט נישט, ליבט נישט קיין פרוי, זאַמלט נישט קיין פאַרמעגנס פאַר דער שווערד... ז י י ? די מענטשן פון דער גיבורים־שטאָט, וואָס איז פול מיט געפּאַנצערטע רייטוועגן און זונות?

קען זיין, אַז עטלעכע וואָלטן זיך אָפּגעריסן אַ רגע פונעם צעזויפטן רויש. אַ פענצטער וואָלט זיך אפשר צעעפנט און אַ קאָפּ וואָלט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים. אפשר וואָלטן עטלעכע אָנגעגאָסן־צעשמייכלטע אויגן אים געשענקט אַ מינוט פון פאַרחידושטן נייגער; אויפגעכאַפּט זיין צעגליטן בליק און באַטראַכט זיין צעווינטיקטע באָרד. אפשר וואָלט גאָר קיינער קיין צאָרן נישט אַרויסגעוויזן ווי די יידן — ווייל י ע נ ע טוט נאָך דער נביא שטילערהייט וויי מיט זיין וואָרט. נינוה איז זאַט, אָנגעגאָסן מיט ווייַן און הנאה־גלוסטע־נישן — וועט זי נישט אויפברויזן, ווייל דער אָפּגעריסענער מאַן קען גאָר איר רו נישט צעשטערן. עס קען זיין, אַז ער וועט בלויז נאָך מער צעגליען איר מידע לוסט: אויב עפּעס אַ וויַיטער גאָט וויל זי פאַרבאָטן, וויל זי אַרויסרייסן ביי אירע לייט — וועט זי ערשט נעמען ציען שטאַרקער, געבן מער תענוג...

עס קען אָבער טרעפן, אַז ביי טייל וועט זיין וואָרט פאַרפלאַנצט ווערן אינעם פינטעלע שרעק. וויל ער טאַקע צורויבן זייער רו? אויסלעשן זייער פרייד? דאַן קענען זיי אַריינפאַלן אין כעס: וואָס וויל ער, דער פרעמדער קלאָגער? צי קומט ער פאַרסמען זייער לעבן? אַזעלכע זענען נאָך געפערלע־כער: זיי קענען אים פאַרלייגן דערנער אויף די הענט, בינדן אים, רייסן שטי־קער פון זיין אַנטבלויזט לייב פון גרויס פחד פאַר זיין זעעריש וואָרט...

„שטיי אויף און גיי קיין נינוה". וויל ער דען נ י ש ט ־ ג י י ן צוליב פחד פאַר זיין אייגן לעבן? יונה אַליין האָט שפּעטער געוויזן, אַז ד י מורא קען אים נישט אָפּהאַלטן. גיכער שרעקט ער זיך פאַרן פ אַ ר ש וו ע כ ן ג אָ ט ס וו אָ ר ט א י ן אַ ז ע ל כ ע ע ר ט ע ר. אויב זיי וועלן אים נ י ש ט הערן — וועט גאָטס וואָרט תיכף באַשפּיגן ווערן; און טאָמער וועלן זיי י אָ הערן און בשעת־מעשה תשובה טאָן — וועט עס סייווי לאַנג נישט דויערן. שפּעטער וועלן זיי סייווי לאַכן פון זיך און פון גאָט: דערשראָקן זיך פאַרן ווינט... א ש ו ר קען נישט בלייבן קיין לאַנד פון צדיקים. אירע גוטע פערד, די געשליפענע שווערדן און די געפּאַנצערטע רייטוועגן וועלן זי ציען צום בלוט — ווי דעם וואָלף צום וואַלד. גאָט קען דאָרט נאָר איינקריצן זיין

ווילן מיט האַרטע ריטער און נישט מיט קיין ווייכער צונג. וועט דער נביא סייווי קיין גוטס מיט זיין וואָרט נישט ברענגען... וואָסזשע איז דער תכלית פון גיין אַהין?

יונה ווייסט: ס'איז גוט צו זיין אַ נביא צווישן אייגענע „בני הנביאים". אמת, אויך צווישן יידן שליידערט אים די זינדיקע גאַס און חוזקט פון זיין וואָרט. אָבער דאָרט איז פאַראַן אַ הויז, וווהין מען קען אַנטלויפן נאָך דעם אָדורכגעלעבטן בזיון. דאָרט ווערט מען אַרומגערינגלט מיטן דורשט פון די יינגע אויערן, וואָס קומען מיט דערוואַרטונג און געבעט: זאָג, רייד, דערצייל וואָס גאָט האָט דיך געבאָטן... אָבער ד אָ ר ט ? אין דרויסן ווערט דאָס וואָרט אויפגענומען מיט שפּאָט. ווי נאָר די נבואה וועט פאַרהאַלטן ווערן אין וועג און נישט מקויים ווערן אויפן אָרט — וועלן אַלע בייזע לייט תיכף נעמען וואַרפן די שוים אין זיין פּנים אַריין: ליגנער! אויסטראַכטער... און וווהין צו אַנטלויפן אין אַזאַ פרעמד לאַנד איז נישטאָ... נינוה ווייסט נישט פון קיין יינגע נביאים־קרייזלעך — ווי ישראל, אַפילו אין אירע זינדיקסטע צייטן.

איז אפשר דאָס בעסטע צו אַנטלויפן פון נינוה באַצייטנס צום ים? אויב גאָט וויל דווקא שיקן אַ נביא צו גויים — זאָל ער אויסקלויבן דערצו איינעם פ ו ן ז יי. פאַרוואָס האָט ער געשיקט ב ל ע מ ע ן? איז עס נישט קיין סימן, אַז זיי דאַרפן האָבן אַן אייגענעם גאָט־ריידער, וואָס האָט פאַר זיי דאָס גע־העריקע לשון? יונה וויל אויף זיך דעם נסיון נישט נעמען. ווערן אַ נביא ביי נינוה, הייסט במילא: פאַרשטיין נינוהס וועלט, זי פריער אויפנעמען אין זיך. צו איר קען מען נישט ריידן אין נאָמען פון אַ ירושה, וואָס אבות האָבן אי־בערגעלאָזט; און אין נאָמען פון נסים, וואָס גאָט האָט אַמאָל באַוויזן. דאָ דאַרף ער אַלצדינג אָנהייבן פון בראשית. קען ער עס? וועט עס דען האָבן אַ האַפט?

י.

„און יונה איז אויפגעשטאַנען צו אַנטלויפן קיין תרשיש פאַר גאָט.
און עד האָט געגידערט קיין יפו און געטראָפן אַ שיף, וואָס גייט קיין תרשיש. און ער האָט באַצאָלט איר שכר און אַראָפּגענידערט אין איר, צו קומען מיט זיי קיין תרשיש פון פאַר גאָט..."

קען דען אַ נביא נישט וויסן, ווי ווייט גאָטס מאַכט דערגרייכט? ס'קען שוין גיכער זיין, אַז יונה וויל טאַקע אַראָפּנידערן בכיון, בכדי גאָט זאָל אים מער נישט האַלטן פאַר ר א ו י צו זיין שליחות. אויב גיין קיין נינוה — איז ער מוחל די נביאישע גרויסקייט. איצט וויל ער ווערן אַ פשוטער מענטש, זיך אויסמישן מיט יענע פאַרער איבער די ימים, וואָס זונדערן זיך אָפּ פון דער

גאַנצער וועלט. נישט ער וועט זינדיקן און נישט ער וועט שטראָפן; נישט ער וועט שטיין פּנים אל פּנים מיט גאָט און נישט ער וועט זיך דערנאָך דאַרפן שטעלן אויג אויף אויג מיט דער נאַקעטער פּרעכטיקייט... יונה וויל נישט אַנטלויפן צו דער אייגענער צעבראָכנקייט, נאָר פאַרקערט: ער וויל אויסגלייכן דעם חשבון. ער וויל מער נישט האָבן דעם שטורעם פון ביידע זייטן: נישט דעם געטלעכן און נישט דעם געפּאַלענעם. ער איז גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון צו זיין גאָטס נביא, אַבי ער זאָל דערנאָך זיך נישט דאַרפן רייסן מיט דער אויסגעלאָסנקייט. טאָר דען אַ נביא זיך נישט פאַרבענקען צו דער שטילער ריינקייט פון אַ פּשוטן מענטש? טאָר ער זיך קיינמאָל נישט זאָגן: גענוג? פון איצט אָן וויל איך זיין ריין בלויז פאַר זיך אַליין? און ווי קען ער נאָך זיין אַזוי אומשולדיק־ריין, ווי בעת ער איז ווייט פון יעדער שטאָט, פון יעדער רויש, בלויז צווישן הימל און וואַסער?

אָבער גאָט זיצט סיווּי אינעם נביאישן האַרץ — און קיין שום שיף קען אים מער פון דאָרט נישט אַוועקפירן. אַנטלויפן אויך פון אייגענעם האַרץ? אפשר האָט יונה אויך דאָס געוואָלט. אין אַ ווינקעלע פון אַ שיף וועט זיין שטיל ביי אים און אַרום אים. קען ער זיך איינריידן, אַז אויך אויף דער גאַנצער וועלט איז שטיל און מ'דאַרף מער נישט קיין נביאים. אויך דאָ זענען פאַראַן מיט אים מענטשן, מאַטראָסן — אָבער זיי האָט ער שוין באַצאָלט דאָס זייעריקע, וועט ער קענען בלייבן אַליין, מיט זיך. נישטאָ מער קיין נינוה צווישן די כוואַליעס פון ים און במילא איז מער נישטאָ דער אינערלעכער ווייטיק. גאָט וועט זען ווי ווייט ער איז אַוועק פון אים און זיין שטורעם — וועט ער צונעמען פון אים די נבואה. דערנאָך וועט ער קענען צוזען, וויאַזוי דער ים איז גלאַט; ווי אַזוי די כוואַליעס גלעטן איינס דאָס אַנדערע מיט ליבשאַפט און די שיף גליטשט זיך אַזוי רואיק איבער זייערע ווייכע רוקנס. ווו נאָך קען זיין אַזוי גוט צו דרימלען, ווי אויפן אָפּגעזונדערטן ים? דאָ האָט ער פאַר זיך אַ שווימענדיק אינדזל; און אפשר וועט ער גאָר קענען דינען גאָט מיט זיינע שטילע חלומות, בעסער ווי אין דער צעברויזטער שטאָט?

די וועלט? זאָל זי זינדיקן! זאָל זי תשובה טאָן! זאָל זי אונטערגיין! ער בלייבט נאָר דער נביא פאַר זיך אַליין. אויב ער האָט שוין דערגרייכט דאָס העכסטע און גערעדט מיט גאָט — וועט ער גיין צווישן זונות און שיכורים? צוליב דעם האָט ער געדאַרפט קלעטערן אַזויפיל יאָרן צום מענטשלעכן שפּיץ? יונה האָט פיינט נינוה, האָסט איר קעניג און האָסט אירע קליינע לייט. נישט צוליב זיי האָט ער זיך געלייטערט אַזויפיל יאָרן, געגרייט זיך צום באַגעגענען גאָט... ער האָט נישט אַרויסגעטריבן פון די בלוטן דעם לעצטן טראָפּן זינד — בכדי שפּעטער זאָל ער זיך דרייען צווישן קופּעס פוילער תאווה און

אַלע נאַקעטקייטן זאָלן אים שטעכן אין די אויגן אַריין. ווער זאָגט עס, אַז ער אַנטלויפט פון גאָט? דאָס וויל ער זיך דאָך גאָר דערנענטערן צו אים, פילן זיין אָטעם אין דער קרישטאָלענער שטילקייט פון די ווייטן...

אָבער דער תנכישער גאָט וויל דערפון נישט וויסן: אויב יונה אַנטלויפט פונעם שטורעם — קומט דער שטורעם צו אים... און אויב ער מיינט, אַז מיט אַנטלויפן פון יעדער באַריר מיט דער זינדיקער נינוה ווערט ער דערהויבענער, נענטער צו גאָט — קומט דאָס געטלעכע ספר און דערמאָנט: י ע ד ע ר נ ב י א וואָס אַ נ ט ל ו י פ ט פ ו ן נ י נ ו ה — אַ נ ט ל ו י פ ט ב מ י ל א פ ו ן ג אָ ט... מעג ער דערביי האָבן די שענסטע כוונות. אַפילו דער ים — אָט די מעכטיק־צעכוואַליעטע און שטיל־געקרייזלטע, שטור־מע לאַם — באַקומט מיטאַמאָל מיליאָנען צונגען. ער צעברומט זיך, צעשליי־דערט זיך און דערמאָנט יונהן גאָטס גרויסע וואָרט: נ יי ן.

יא.

פון גאַנצן ספר יונה גראָבן מיר בלויז אַרויס די יחידישע מאָטיוון פאַר זיין אַנטלויפן. עס איז אָבער גאַנץ מעגלעך, אַז יונה האָט דערביי אויך גע־האָט זיינע נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע סיבות. אין זיינע צייטן האָט שוין אויפגע־שיינט דער מעכטיקער און גרויזאַמער שטערן פונעם לאַנד אשור. נינוה איז געוואָרן די הויפטשטאָט פון אַ לאַנד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט מיט בלו־טיקע וואונדן אין דער געשיכטע פון ישראל.

אין יונהס צייטן, אָדער אַביסל שפּעטער, האָט זיך אשור אַריינגעוועבט אין ישראלס גורל — אַזויווי רוים אין די צייטן פון די חשמונאים: לכתחילה זוכט ביי איר מנחם, דער מלך פון ישראל, הילף קעגן אינערלעכע שונאים. אָבער ווי נאָר די טיר פון ישראל האָט זיך געעפנט פאַר אשור — האָט זי מער זיך נישט געקענט צומאַכן. אויב דער קעניג פ ו ל ציט זיך צוריק אַרויס פון לאַנד; רייסט שוין אָפּ זיין נאָכפאָלגער ת ג ל ת פ ל א ס ר אַ צאָל שטעט פונעם יידישן מלכות. נישט בלויז ישראל, נאָר אויך יהודה ווערט צו אים אונטערטעניק. דער מלך אחז גיט אַוועק צו אשור נישט בלויז דאָס גאָלד — נאָר נעמט ביי איר איבער דעם לעבנס־שטייגער. פון דאַן אָן שאָטנט די אשור־מלוכה איבערביידע יידישע לענדער מיט דער גאַנצער האַרבקייט. נישט בבל נאָר אשור איז די ערשטע וואָס מאַכט חרוב די יידישע זעלבסטשטענדיקייט.

דאָס מלכות פון נינוה איז אַ סך שרעקלעכער ווי די פריערדיקע שונאים; פון די פלשתים, עמון און מואב — ווייל די אשורים שטעלן זיך נישט צו־פרידן מיט קליינע נצחונות איבער יהודה אָדער ישראל. זיי קען מען אויך נישט אָפּקויפן מיטן אַנגענומענעם מיטל פון קאָנטריבוציע, וואָס לייזט אויס

די זעלבסטשטענדיקייט. די אשורישע קעניגן ווילן דעם פּ ו ל ן חורבן פון ישראל און יהודה. זיי שטעלן זיך נישט אָפּ אין מיטן. נאָכן צערייבן ישראל מאַרשירט־אויף דער מלך פון אשור אויפן לאַנד יהודה. די אשורישע חיילות ווילן נישט אָפּהאַלטן בלויז אַ מיליטערישן נצחון. נ י נ ו ה איז די ערשטע וואָס פאַרמעסט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט אויך אויפן יידישן ג אָ ט. דאָס ערשטע מאָל אין תנ״ך באַגעגענען מיר זיך מיט דער פּ ס י כ אָ ל אָ ג י־ ש ע ר מלחמה קעגן יידן ביי דער זייט פון דער מיליטערישער. זי ווערט געפירט דורך נינוה.

דער אשורישער גענעראַל רבשקה, וואָס באַלאַגערט ירושלים מיט אַ גרויסער אַרמיי, האַלט אויך ציניש רעדעס, בכדי צו אַנטמוטיקן דעם גייסט פון יהודה־פאָלק און זיין מלך חזקיה. זיין פּראָפּאַגאַנדע (מלכים ב, יח) קען נאָך היינט דינען ווי אַ קלאַסישער מוסטער, וויאַזוי מען שוואַכט אָפּ די שטימונגביים קעגנער צו קעמפן.

ווען מען באַקענט זיך בלויז מיטן ספר יונה אַליין — בלייבט דער נביא אומגערעכט און גאָטס רחמים אויף נינוה ווערט פון אונדז אויפגענומען מיט יובל: ג ע ר אָ ט ע ו ו ע ט אַ ג ר ו י ס ע ש ט אָ ט פ ו ן א ו נ ט ע ר־ ג אַ נ ג ! דאָס דאָזיקע ספר שליסט זיך מיט דער גרויסער הכנעה פון נינוה צו גאָט; און עס קען בלייבן דער איינדרוק, אַז זי איז שוין געבליבן גוט און פרום אויף אַלע צייטן. אָבער דאָס ג אַ נ צ ע, געשיכטלעכע בילד — ווי עס שילדערט אונדז דער תנ״ך גופא — גיט שוין פולע רעכט דווקא צום שטרענגן י ו נ ה ה נ ב י א. מיר באַנעמען שוין פאַרוואָס ער האָט געהאַט אַזויפיל צער, וואָס נינוה האָט זיך געראַטעוועט; פאַרוואָס יונה איז אַפילו אַנטלאָפן צו די כוואַליעס פון ים — אַבי נישט צו גיין קיין נינוה און זי אומקערן פון איר שלעכטן וועג. צי וואָלט דען טאַקע נישט בעסער געווען, אַז אשור זאָל האָבן אונטערגעגאַנגען נאָך א י י ד ע ר זי האָט חרוב געמאַכט אויף אייביק דאָס מלכות ישראל? נאָך איידער אירע מלכים האָבן אָנגעטאָן אַזויפיל צרות ביידע יידישע לענדער און אויך איינגעפלאַנצט אַזויפיל גיפט אין די הער־צער פון זייערע יידישע צוהערער?

יונה בן אמתי איז אַ נביא. ער קען במילא אַפילו מיטן אייגענעם כוח אַריינבליקן אין דער צוקונפט. שפּירט ער בחוש, וואָס פון דער זינדיקער נינוה קען שפּעטער אַרויסקומען. ער פילט, אַז דאָס גיין קיין נינוה מאַכט צונישט זיין פריערדיקע שליחות: ער איז געשיקט געוואָרן צום מלך פון ישראל מיט דער בשורה, אַז ישראלס גרענעצן ווערן אויסגעברייטערט — ווייל גאָט וויל דעם נאָמען פון ישראל נ י ש ט אָפּמעקן. אָבער נינוה וואַקסט, עס מערן זיך אירע חיילות, עס זאַמלען זיך אירע רייטוועגן — א ו ן ז י ו ע ט

ש ו י ן י אָ אָ פּ מ ע ק ן ד ע ם נ אָ מ ע ן י ש ר א ל; און זי וועט שוין פאַרשלינגען דאָס גאַנצע לאַנד „עד היום הזה" און נישט בלויז די ברייטערע גרענעצן...

מעג ער גיין קיין נינוה? מיטן הייניטיקן לשון וואָלט מען געקענט זאָגן: אין יונהן האָבן זיך געראַנגלט צוויי געפילן. דאָס ר ע ל י ג י ע ז־נביאישע האָט געזאָגט: אויב גאָט הייסט גיין — גיי! אויב ער שיקט דיך קיין נינוה — ווייסט ער בעסער פאַר דיר, וויאַזוי צו פירן די וועלט... אָבער דאָס נ אַ־ צ י אָ נ אַ ל ע געפיל און דער פּאָליטישער פאַרשטאַנד האָבן געזאָגט: נ י י ן, פּראָטעסטיר! דו דאַרפסט נישט גיין. א י צ ט וועסטו אפשר פועלן ביי זיי דעם גוטן אומקער — אָבער דאָס קען פירן צום אויפהאַלטן נאָך אַ קעגנעריש פאָלק ביי ישראלס גרענעצן. דאָס קען שפּעטער ברענגען אַ גרויסן חורבן... דערפאַר — אַנטלויף פאַר גאָט! אפשר וועט איבער דער צייט פול ווערן דאָס מעסטל פון אשורס זינד און ישראל וועט נישט פאַרלוירן־גיין...

פאַרשטייען מיר טאַקע נישט דאָס געמיט פון נביא יונה, בעת ער פירט אַ געראַנגל מיט גאָט און זיין שליחות?

יב.

מיר האָבן ביים אָנהייב געזאָגט: וואָס מער איינער אַנטלויפט פון גאָט און זיין ציל — ווערט ער צו אים דערנענטערט דווקא דורכן אַנטלויפן גופא. נישט אַנדערש איז עס געווען מיט יונהן. אויך דורך זיין אַנטלויפן פירט אים גאָט צו זיין העכערן ציל. ס'איז בכן נישט געווען קיין צופעליקייט.

יונה נידערט אַראָפּ קיין יפו, ווייל ער גלויבט נישט די מענטשן פון נינוה. אפשר האָט ער שוין קיין צוטרוי נישט אויך צו די מענטשן פון ישראל. ער איז אַנטוישט אינעם מענטש בכלל, דער נביא. ווו באַהאַלט ער זיך? אויף אַ שיף וואָס גייט קיין תרשיש, דעם לאַנד פון גאָלד. אין וועמענס הענט טרויט ער אָן זיין לעבן? ער זעט פאַר זיך פרעמדע פּנימער, מיטן הפקר פון ים־ווינטן אויפן שטערן. דאָס זענען מענטשן, וואָס דער שפּיל פון לעבן און טויט איז זייער טעגלעך ברויט. זיי זענען אים אומבאַקאַנט — און זיי האָבן מיט אים נישט אָנגעבונדן קיין שום פריינטשאַפט. זיי געפינען זיך צווישן הימל און וואַסער, ווו קיין שטראָפנדיקע האַנט פון געזעץ קען זיי נישט צוימען. מיט וואָס זענען זיי מער באַגלייבט ווי די לייט פון נינוה? פאַרוואָס פילט ער זיך מיט זיי זיכערער? דער פּסוק שווייגט מיט אַ קלוג שווייגעניש וועגן דעם. עס קומט נאָר אַ שילדערונג פונעם מענטשלעכן כאַאָס אויף דער שיף, וואָס מאַכט די רעטעניש נאָך גרעסער:

דער ים צעשטורעמט זיך און די מאַטראָסן ווערן אויפגערודערט פאַר

מורא. יעדער איינער פון זיי האָט אַ באַזונדערן גאָט. זיי ווייסן, אַז די סכנה איז גרויס און וואַרפן די טייערע שיפס־כלים אין וואַסער. אַלע שטרענגען אָן די לעצטע כוחות זיך צו ראַטעווען. דאָס זענען „אַוואַנטוריסטן”, וואָס נאָר די סכנה פּאַרייניקט זיי. וואָלט דען געווען אַ וווּנדער, ווען זיי נעמען דעם איינעם צווישן זיי, דעם פרעמדן יונה און הרגענען אים פון גרויס כעס? אָט בעט יעדער איינער צו זיין גאָט, לויפט, טוט עפּעס בכדי לייכטער צו מאַכן — און ער דרעמלט גאָר, ווי אים וואָלט גאָרנישט אָנגעגאַנגען. ווי קען איינער שלאָפן אין אַזאַ צייט? האָט ער לגמרי קיין גאָט נישט? ווייסט ער נישט, וואָס עס מיינט תפילה? אין צערייצטע מינוטן קענען אַפילו די רוּ־איקסטע געמיטער ווערן צאַרניק און ווילד. יונהס גאַנצע התנהגות מוז דער־פירן צו אויפרייצונג, צום ציען אויף זיך דעם גאַנצן כעס. אָבער דאָ געשעט דאָס אומפאַרשטענדלעכסטע: זיי זעען אין אים דעם פרעמדן, דעם וואָס איז שולדיק אין זייער גאַנץ אומגליק — ווייל ער האָט זיי צוגעאיילט צו דער סכנהדיקער נסיעה; דעם רייכן מאַן, וואָס קען אַפילו אין שעהן פון אומגליק זיך נישט מישן מיט די אָרעמע; דעם גאָטלאָזן, וואָס וויל אַפילו איצט נישט בעטן די הימלען... ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געאיילט — און דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז מיט אים איז נישט גלאַטיק; אַז עפּעס פירט ער מיט זיך אַ באַהאַלטענע זינד... אַ מענטש, וואָס קען באַצאָלן פאַר דער גאַנצער שיף — האָט געקענט זיצן רואיק ביי זיך אין לאַנד און נישט לויפן צו די הפקר־דיקע שטורעמס... ער האָט זיי באַצאָלט? אָבער אָט האָבן זיי שוין אַריינגע־וואָרפן די כלים אינעם ים און היזק געהאַט מער וויפל זייער לוין האָט באַ־טראָפן. טאָ וויאַזוי קען מען אים פאַרשווייגן? אָבער זעט נאָר, מיט וויפל וווּנדערלעכן און געצוימטן טאַקט עס רעדט צו אים דער קאַפּיטאַן!

און די געצנדינערישע מאַטראָסן פון יענעם אַלטן פאַרצייטנס? מען דאַרף האָבן גאָר אַ סך גייסטיקע גלייכוואָג, בכדי נישט ווילד צו ווערן אין אַזעלכע שעהן. אָבער זיי בלייבן אַפילו אין מינוטן, וואָס רופן דעם מענטשן שגעון. זיי האָבן נאָך דאָס געדולד צו פאָרשן, ווער עס איז דער שולדיקער:

> און זיי האָבן געזאָגט אַ מאַן צו זיין חבר: גייט און לאָמיר וואַרפן גורלות און מיר וועלן וויסן צוליב וועמען איז די דאָזיקע שלעכטס אויף אונדז. און זיי האָבן געוואָרפן גורלות און געפאַלן איז דער גורל אויף יונהן...

איז דאָס נישט גענוג? איז שוין נישט די העכסטע צייט אויסצולאָזן דעם גאַנצן שטורעם אויפן פרעמדן און שולדיקן אינעם גאַנצן אומגליק? ניין. פאַר יענע פּרימיטיווע מאַטראָסן איז עס נאָך ווייט נישט־גענוג. זיי מוזן אים ערשט אויספאָרשן, פרעגן ווער ער איז און וואָס פאַר אַ רשעותן ער האָט עס אָפּגעטאָן... ער איז אַ ייד, זאָגט ער? אַ ייד, וואָס אַנטלויפט פאַר גאָט? איז

דען דאָס נישט גענוג, אַז מען זאָל א י ם מאַכן פאַרן שעיר לעזאזל? וואָס נאָך מוז מען וויסן, איידער מען באַשטראָפט אים? אָבער פאַר יענע „הפקר־לייט" אויפן ים איז נאָך אַלץ צו־ווייניק. ער גופא זאָגט זיי, אַז דער גאַנצער שטורעם איז צוליב אים — און זיי זענען זיך נאָך אַלץ מיישב מיט אים: זאָל ער אַליין זאָגן, וואָס זיי האָבן צו טאָן מיט אים! ער אַליין לייגט זיי שוין פאָר, מען זאָל אים וואַרפן אין ים — נאָר זיי ווילן נאָך אַלץ נישט פאַרלעשן אַ זינדיק אָבער דאָך מ ע נ ט ש ל ע ך ל ע ב ן. נאָך אַלעמען פּרוּוון זיי ערשט אויפסניי צורודערן צו דער יבשה, אָבי אויסצומיידן אַ מאָרד איבערן פרעמדן, ייד און שולדיקן... ערשט ווען אויך דאָס געלינגט זיי נישט און דער שטורעם בושעוועט נאָך שטאַרקער — בעטן זיי אויפסניי אַ תפילה:

> מיר בעטן דיך, גאָט: לאָמיר נישט פאַרלוירן גיין פאַר דעם לעבן פונעם דאָזיקן מאַן און זאָלסט נישט ברענגען אויף אונדז דאָס ריינע בלוט — ווייל דו, גאָט, וויאַזוי דו האָסט געוואָלט האָסטו געטאָן...

זיין בלוט איז נאָך אַלץ פאַר זיי ר יי ן בלוט, וואָס קען פאָדערן נקמה און שטראָף!

און שוין נאָכדעם ווי זיי האָבן אים אַריינגעשליידערט און געזען, וויאַזוי דער ים האָט זיך באַרואיקט — איז זייער געוויסן נאָך אַלץ אויפגערודערט: זיי האָבן מורא פאַר גאָט, ברענגען קרבנות, גיבן זיך נדרים — — — יענע אומבאַקאַנטע לייט, וואָס האָבן זיך קיינמאָל מיט קיין הויכע תורהס נישט אָפּגעגעבן און מיט קיין נביאותן זיך נישט פאַרנומען.

דאָס אַנטלויפן אויף דער שיף איז במילא נישט געווען אומזיסט. יונה האָט פון זיי געקענט לערנען דאָס סאַמע־פשוטסטע: אויב זיי ציטערן אַזויפיל פאַר א יי ן זינדיק לעבן — וויאַזוי דאַרף ער שוין ציטערן פאַר צענדליקער־טויזנטער זינדיקע לעבנס אין נינוה? און אויב זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַזויפיל איידלקייט אין מיטן ים און שטורעם — איז אפשר אַ סימן, אַז דער מענטש איז נאָך אַלעמען נישט אַזוי שלעכט ווי יונה מיינט; הגם יענער האָט אַן אַנדער לאַנד ווי ער און אַן אַנדער גאָט? איז דען נישט געקומען דער גאַנצער שטורעם, בלויז דערפאַר בכדי צו ווייזן יונהן, אַז אויך פון נינוה טאָר מען זיך נישט אָפּזאָגן ביז דער לעצטער מינוט?

יג.

אפשר איז דאָס אַנטלויפן גופא געווען אַ טייל פון דער צוגרייטונג צו זיין שליחות: יונה האָט געדאַרפט ז ע ן דאָס בילד פון דער שיף, בכדי דאָס צווייטע מאָל זאָל ער מער נישט ווידערשפּעניקן. עס האָט זיך געשלאָסן אַ וויכוח צווישן נביא און גאָט, הגם ער איז די אַלט־יידישע ספרים שפּעטער

סייווי קאַפּויער־געקומען: דאַרף מען אַדורכבליקן אַ פֿאָלק ביז אין די ווייטס־טע דורות — און אויב מען זעט ביים סאַמע שפּיץ אַ געוויסע רשעות (אַפֿילו איינע פֿון די גרעסטע), טאָר מען עס שוין איצט נישט ראַטעווען? מעג מען אָנווענדן אַ פּרעווענטיווע קריג קעגן אַ פֿאָלק, בכדי אויסצומיידן דאָס נאָך־גרעסערע שלעכטס פֿון שפּעטער?

ווי שווער עס זאָל אונדז נישט זיין אָנצונעמען דעם דאָזיקן אמת פֿון גאָט — בלייבט ער אַ טייל פֿון יידישן געדאַנקען־גאַנג: מען טאָר נישט משפּטן נינווה פֿאַר אירע זינד פֿון שפּעטער. ווי קלאָר מיר זאָלן נישט זען די צוקונפֿט — דאַרף מען נאָר שטראָפֿן פֿאַר מעשים, וואָס זענען שוין געטאָן געוואָרן און נישט פֿאַר די וואָס וועלן ערשט געטאָן ווערן. כל זמן גע־וויסע פֿאַרברעכנס זענען נאָכנישט באַגאַנגען געוואָרן — איז דאָ אַ מענטש־לעכע בחירה; און מיר מוזן אָננעמען, אַז דאָס באַשטימטע פֿאָלק האָט נאָך אַ ברירה זיי אויסצומיידן. דער נביא האָט נישט קיין רעכט צו קוקן ווייטער פֿון גאָט אַליין, נאָר ער מוז „גיין קיין נינוה". זאָל דערווייל פּאַסירן דער נס פֿון תשובה פֿאַר איין דור.

דער נס פֿון דער שיף האָט זיך אויך אין נינוה איבערגעחזרט. היינט זעט עס אויס ווי אַ פּלא: איין פֿרעמדער מענטש טויכט אויף אין אַ זינ־דיקער שטאָט; ער באַווייזט אַפֿילו נישט אַדורכצושפּרייזן די גאַנצע שטאָט נאָר אַ דריטל — און אַפֿילו די פֿאַרדאָרבענע הויפּטשטאָט פֿון אשור ווערט אויפֿגערודערט:

> און די מענטשן פֿון נינוה האָבן געגלויבט אין גאָט און זיי האָבן גערופֿן אַ תענית. און זיי האָבן אָנגעטאָן זעק, פֿון זייער גרויסן ביז זייער קליינעם. און די זאַך האָט דערגרייכט צום מלך פֿון נינוה. און ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין שטול און אַראָפּגענומען דעם מאַנטל פֿון זיך און זיך צוגעדעקט מיט אַ זאַק און זיך געזעצט אויפֿן אַש.

איין נביא, נאָרוואָס אויסגעשפּיגן פֿונעם פֿיש, באַווייזט איבערצוקערן אַזאַ שטאָט פֿון זינד אין אַ פֿעסטונג פֿון חרטה און תשובה. איז דאָס נישט קיין טריאומף־מאַניפֿעסטאַציע פֿאַרן גרויסן וואָרט? איין אומבאַקאַנטער מענטש דרייט זיך אַרום איבער אַ שטאָט פֿון „דריי טעג גאַנג" די גרויס — און אָקערט זי אַדורך מיט עטלעכע ווערטער! אפֿשר צוליב דעם אַליין — אַפֿילו ווען די תשובה ווערט אויסגעוועפּט מיט יאָרן שפּעטער — האָט זיך געלוינט דער גאַנג? אלא די ווייטערדיקע דורות? זאָלן זיך וועגן זיי זאָרגן זייערע נביאים.

קען זיין, אַז דער תנכישער שרייבער איז אַזוי ווייט דאַנקבאַר געווען דער איבערגעקערטער נינוה פֿאַר אַזאַ מאַניפֿעסטאַציע — ביז ער האָט אַזוי

עקשנותדיק און דיסקרעט אויסגעמיטן צו דערציילן איבערן גאַנצן ספר יונה די נאָנטע שייכות צווישן נ י נ ו ה און דעם גרויזאַמען מ ל כ ו ת א ש ו ר. דאָס ספר ענדיקט זיך מיט אַ גוטן סוף, אַזוי־ווי נינוה וואָלט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אומגעקערט צום שלעכטן וועג.

אַזאַ כוח פונעם אייגענעם וואָרט וואָלט געמעגט דערפרייען דאָס האַרץ פון יעדער נביא. אָבער נישט יונהס. ער פאַלט גאָר אַריין אין מרה־שחורה צוליב זיין נצחון. איז אויך דאָס געוואָרן אַ טייל פון זיין גרויסער טראַגעדיע.

יד.

אָפּגעשלאָסן דעם וויכוח אַרום זיין אַנטלויפן — קומט אַ צווייטער וויכוח צווישן יונהן און גאָט, וואָס ווערט אייגנטלעך דער טראַגישער ריס אין דער נשמה פון גאָר אַ סך נביאים און גרויס־זעער.

נישט דער יחיד און נישט קיין גאַנץ פאָלק קענען כסדר לעבן מיט דער שמחהדיקער ריינקייט פון די ערשטע, אויפגעברויזטע טעג פון נס. פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? אפשר ליגט עס אין דער מענטשלעכער טבע; אפשר איז עס דערפאַר, וואָס יעדער דור טאָר נישט בלייבן פאַרכישופט פון די נסים און פאַרלירן זיין בחירה; און אפשר זענען דאָ מיטשולדיק אויך די נביאים. דער א י ב ע ר ב ר ו ך איז אַלעמאָל פייערלעך, פול מיט דער דראַמע פון נייקייט; פון ווידער געפינען זיך אַליין. אָבער אַזאַ הערלעכע שפּאַנונג קען לאַנג נישט אָנהאַלטן — סיי ווען זי איז אויפגעקומען בעת אַ גרויסער פרייד, אָדער בעת אַ גרויסער צרה. אָבער דער נביא, וואָס האָט אויפגערודערט אַ פאָלק מיט דער חורבן־וויזיע אין מויל — קען טיילמאָל מער נישט שלום־מאַכן מיט דער שפּעטערדיקער שטילקייט. טיילמאָל בענקט ער צו דער א י י ב י ק ע ר צ ר ה־ ש פּ אַ נ ו נ ג, בכדי צו האַלטן דאָס פאָלק אין יענער איינמאָליקער צעפּי־בערטקייט פון אומבאַגרענעצטן גלויבן. עס פאַרדריסט אַפילו אַזעלכע נביאים שטילערהייט, פאַרוואָס די אימה פון פאַרלענדונג האָט אויפגעהערט — הגם זיי זענען זיך דערין נישט מודה אַזוי אָפן ווי יונה...

איז דאָס די שליחות פון אַ נביא? אין זיין אומעט איז יונה מתפּלל צו גאָט מיט תרעומות. פאַרוואָס קומט טאַקע נישט דער חורבן? און אויב נינוה איז נ י ש ט חרוב געוואָרן — פאַרוואָס־זשע דאַרף ער זיין דער נביא פון וו אָ ר ע נ ע ן? פון די פּסוקים־ווינקלען וואַקסט אַרויס יונהס גרויסע געשטאַלט — אָבער ער ווערט פאַרט פאַרקלענערט צוליב דעם, וואָס ער וויל איינשפּאַנען דאָס העכסטע וואָרט בלויז אינעם רייטוואַגן פון חורבן און פאַרניכטונג. עס פאַרדריסט אים אַזוי שטאַרק, וואָס גאָט ווייזט אַרויס רחמים — ביז ער גיט צו מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט:

איך בעט דיך, גאָט, נעם צו מײַן נפש פון מיר, ווייל עס איז בעסער מײַן טויט פון מײַן לעבן...

דער טויט — בעסער פונעם הײלנדיקן טריאומף פון זײַן וואָרט? אָט דאָ איז דער שורש פון יונהס אייגענער זינד. ער האָט זײַן שליחות אַדורכ־געפירט שוין נאָכדעם, ווי ער האָט אויפן אייגענעם לײַב אַדורכגעמאַכט אַלערליי סכנות; פריער האָט ער גופא געשריגן פון דער ענגעניש. אַליין אַ געראַטעוועטער דורך נסים — האָט ער געדאַרפט דאַנקען פאַר יעדער רע־טונגס־נס, וואָס פאַסירט אומעטום. וויאַזוי־זשע האָט גאָר געקענט קומען צום ווײַטערדיקן וויכוח מיט גאָט? וויאַזוי האָט ער נאָך געקענט דורשטן און הונ־גערן נאָך ווײַטערדיקן אומקום?

דער ענטפער איז נאָר איינער: גאָט און דער נביא ווילן ביידע דאָס זעלבע — אָבער אַנדערש. „ביידע" האָבן פיינט דאָס שלעכטס. אָבער גאָט וויל עס היילן דורך זײַן דראָענדיק וואָרט, בעת יונה וויל די דראָאונג גופא פאַרוואַנדלען אין נעם הויפּט־אמת. אויב די נביאות מוז זיך אָנלענען אין דער וויזיע פונעם אונטערגאַנג — איז עס ביי גאָט נאָר אַ מיטל צום דערוועקן הערצער. גאָט איז גרייט אָפּצולייקענען דעם דאָזיקן אמת פון מיטל לטובת דעם גרעסערן אמת פון ציל. צווישן קליינעם אמת פון סכנה און דעם גרויסן אמת פון רחמים, מוז דער גרעסערער באַזיגן דעם קלענערן, נישט אַזוי ביי יונהן: אויב זײַן נביאישער „פּראָגראַם" מוז זיך באַנוצן מיט חורבן־אָנזאָגן — וויל ער, אַז אויך דער חורבן זאָל קיינ־מאָל נישט אָפּגעלייקנט ווערן.

ביי גאָט זענען „שתים עשרה רבוא" נישט קיין שטאָף פאַר וואָרט־עקס־פּערימענטן, נאָר לעבנס צום באַשיצן. זאָל מען אַפילו זאָגן, אַז זײַן וואָרט איז פאַרלייקנט געוואָרן — אַבי די לעבנס פון ווייטן נינוה זאָלן ווײַטער אָטע־מען מיט ריינקייט. יונה וויל אָבער פון זײַן נביא־וואָרט גאָרנישט מינערן. גאָרנישט דערפון מעג אָפּגעלייקנט ווערן — אַפילו ווען צוליב דעם מוז קו־מען פאַרלענדונג אויף אומצייליקע נפשות. דער פינאַל פון ספר יונה איז אָבער געווען קלאָר: אויב אַ נביא וויל בויען זײַן נביאות בלויז אויף חורבן — אַנטלויפט ער במילא פון גאָט, אַפילו ווען ער קלאַמערט זיך אין אים.

דער שטורעם איז שוין אַריבער. נינוה האָט זיך שוין באַרואיקט — אָבער יונה האָט נאָך מיט גאָרנישט שלום געמאַכט. ער זיצט נאָך אַלץ אין זײַן סוכה מיט אָנגעשטעלטע אויגן און אָנגעשפּיצטע אויערן „ביז ער וועט זען, וואָס עס וועט זײַן אין שטאָט". אפשר וועט פאָרט קומען דער חורבן און דערפרייען זײַן וואָרט? דערווייל פאַרגעסט ער אַפילו, אַז אויך צו די שטאָט־

לייט, וואָס זענען אַרויס פון סכנה האָט ער עפּעס צו זאָגן; אַז ער קען זיי לערנען וויאַזוי צו לעבן ווייטער אין זייער אויסגעבעסערטקייט.

גאָט מוז אים שלאָגן מיט נייע קלעפּ, בכדי ער זאָל פילן אַז חורבן טוט וויי; אַז אויב איין בלאָט איז אַ שאָד — מוז אַ גאַנצע שטאָט אַרויס־רופן נאָך מער באַדויער... צי האָט דערפון יונה געלערנט? דער פּסוק שווייגט וועגן דעם. גאָט האָט דאָס לעצטע וואָרט: פאַר יעדער חורבן מוז פאָרויסלויפן זיין דערבאַרעמונג. און אַפילו די העכסטע און אמתע נביאים קענען אויף בלויזער חורבן־לוסט קיין ליכטיקע וועלט נישט באַשאַפן. אדרבא: זיי אַליין ווערט שווער צו לעבן מיט אַזאַ אייביקער וואַרטעניש.

טו.

כ׳האָב אָנגעהויבן מיטן רמז אויף דער אַקטועלער זייט פונעם ספר הספרים. זענען דאָ אויסגעלאָזט געוואָרן יענע רעיונות וועגן ספר יונה, וואָס געהערן גיכער צו דער אַבסטראַקטער עסיי איידער צום שמועס מיט דער היינטיקער צייט. דאָ זענען נאָר געמישט געוואָרן עטלעכע בלעטלעך פון אונ־דזער היינט. וועלכע? דאָס מוז מען שוין איבערלאָזן צו יעדן איינעמס מחשבה באַזונדער. איז יענער נביא ווייטער צווישן אונדז? שווימט ער ווידער אויף גוט־באַצאָלטע שיפן, בכדי צו אַנטלויפן פאַר גאָט? דרימלט ער נאָך אַלץ אין געקויפטן ווינקל איבערן אייגענעם באַרג געוויסן, ווייל דער שטו־רעם האָט אים נאָך נישט אַוועקגעפירט צום וועקן די וועלט? האָפט ער נאָך אַלץ אויפן חורבן, וואָס זאָל זיין וואָרט באַקרעפטיקן?

מיר וועלן עס נישט דערזאָגן ביזן סוף. דאָ זענען נאָר אָנגעגעבן זייערע סימנים. אָבער ווו ער זאָל נישט זיין, דאָרט איז נאָך אַלץ פאַראַן אַ רעשטל פון יענע פשוטע אָבער גוטהאַרציקע שיפסלייט. מעגן זיי נאָכאַמאָל צוגיין, אים אַ וועק טאָן פון זיין עטלעכע־טויזנט־יעריקן שלאָף — ביז ער וועט זיך אויפכאַפּן פון דער שאלה: מה לך נרדם!?

און אויף אַזויפיל האָבן אַפילו פשוטע מאַטראָסן דעם געהעריקן כוח.

פּאַריז, 1950.

שומרים פאַר ווערטער

א.

האָט געזאָגט דער מחבר: דעם דאָזיקן חיבור האָב איך נישט צו־נויפגעשטעלט צו לערנען מענטשן וואָס זיי ווייסן נישט, נאָר בכדי זיי צו דערמאָנען דאָס, וואָס זיי ווייסן שוין פון לאַנג און עס איז ביי זיי באַקאַנט מיט גרויס פרסום. ווייל דו וועסט נישט געפינען אין דער מער־הייט פון מיינע רייד, נאָר זאַכן וואָס דער רוב מענטשן ווייסן זיי און האָבן אין זיי בכלל קיין ספק נישט. אָבער אויף וויפל זיי זענען אַזוי באַקאַנט און אויף וויפל זייער אמת איז אַן אָפענער פאַר אַלעמען, אַזוי איז דאָס פאַרהוילן זיך פון זיי פאַראַן און די שכחה איז אַ גרויסע... (ר׳ משה חיים לוצאַטו, הקדמה צו „מסילת ישרים״).

...דער ירושלימער אויטאָבוס איז אין דער שפּעטלעכער שעה געווען האַלב־ליידיק. אין מיין ווינקל האָב איך קוים געזען די האַלב־געבויגענע פיגור פון מיין חסידישן באַגלייטער. ער איז געזעסן און דערציילט נסים פון די לעצטע יאָרן, זינט ער האָט זיך באַזעצט אין דער הייליקער שטאָט: הכלל, גיי און גלויב נישט אין חסדי השם!

פלוצים האָט ער אָפּגעהאַקט און זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר. אינעם צווייטן ווינקל האָט ער דערקענט זיינעם אַ ידיד פון „מאה שערים״. האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צו אים מיט שעמעוודיקע טריט. איך האָב פאַרשטאַנען: דאָס וויל ער זיך מתנצל זיין, פאַרוואָס ער זיצט און טענהט אַזוי היימיש מיט אַ פאַרשוין, וואָס גייט בגילוי ראש.

איך האָב געזען, ווי ער שושקעט עפּעס יענעם אין אויער אַריין און דער צווייטער פאַרקנייטשט פרעגנדיק מיט אַ ברעם. דערנאָך האָט זיך אויך יענער ייד אויפגעשטעלט און האַסטיק זיך אַ לאָז געטאָן אין מיין זייט. מיין פרו־מער ידיד האָט זיך איבער די פאָר שריט נאָך אַלץ געהאַלטן אין פאַרענט־פערן. איך האָב נאָר געכאַפּט עטלעכע ווערטער־ברעקלעך, וואָס האָבן יענעם געדאַרפט דערקלערן „מיט וועמען ער האָט דעם כבוד״: ס׳איז נישט חלילה עפּעס אַ לאַפּיטוט, נאָר אַ שרייבער פון חיבורים און ל אַ נ ג ע מאמרים. דאָס וואָרט „לאַנגע״ האָט ער בכיון אויסגעצויגן — אַזוי ווי אין דער לענג פון די מאמרים וואָלט געלעגן גאָר אַ באַזונדערע חשיבות; ס׳איז נישט גלאַט אַ רייב געטאָן מיט דער פעדער און פאַרטיק... קיי און שפּיי.

אָבער דער פרעמדער ייד האָט אים שוין כמעט נישט געהערט. נאָך פון עטלעכע שריט מרחק האָט ער אויסגעשטרעקט אַ דאַרע האַנט. זיין „שלום עליכם" איז געווען ווי צו איינעם, וואָס ער קען שוין מכמה יאָרן — ממש זינט מיר ביידע זענען געשטאַנען אונטערן באַרג סיני. ער האָט די באַגריסונג אַ צי געטאָן פון אַ וואָרעם האַרץ־ווינקעלע, מיט אַ פּאַראַדיקן צושריי — גלייך ווי ער וואָלט שוין לאַנג אויסגעקוקט די אויגן אויף מיר. בלויז אין זיין אָנגעשטעלטן בליק האָב איך דערקענט דעם טראַציקן גלאַנץ פון „כבדהו וחשדהו".

מיין ידיד האָט דרך־ארצדיק געשוויגן און דער גאַנצער שמועס האָט זיך שוין געפירט צווישן מיר און דעם פרעמדן ייד מיט די געפּלעשלטע פּיאות, בזה הלשון:

ע ר: מען זאָגט, אַז איר זענט אַ שרייבער. וואָס־זשע שרייבט מען אַזוינס?

א י ך: וואָס עס מאַכט זיך... מ׳קען זאָגן — וועגן אַלץ.

ע ר (ניגונדיק): אויב אַזוי, שרייבט איר דאָך אַ סך!

א י ך (אַביסל נערוועז): אוודאי...

ע ר: יעדן טאָג?

א י ך: אַז מען דאַרף...

ע ר: פאַרטאָג? צו חצות?

א י ך: ווען ס׳איז נייטיק...

ע ר: זאָגט־זשע מיר, זייט מוחל: גלויבט איר טאַקע אין יעדעס וואָרט, וואָס איר שרייבט?

א י ך: ווי דען אַנדערש?

ע ר (מיט התלהבותדיקן שפּאָט): אויב אַזוי, טוט אַ טובה אַ ייד און זאָגט מיר: ווו נעמט איר אַ ז ו י פ י ל אמונה?

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער ייד האָט דערביי תמעוואַטע געחוזקט: הער נאָר אַ מעשה! ע ר האָרעוועט טאָג און נאַכט איבערן ביסעלע אמונה און נישט אַלעמאָל קען ער עס דערגרייכן. צום סוף זעט ער פאַר זיך איינעם, וואָס וואַרפט פון זיך אַרויס יעדן טאָג גאַנצע פלאַכטעס אמונה — ווען ער וויל נאָר... וויאַזוי מאַכט ער עס טאַקע?

אין זיין באַהאַלטענעם שפּאָט איז אויך געלעגן אַ מין קינדעריש־פאַרוואונדערטע נאַאיוויטעט: אפשר ווייסן פאַרט די אפיקורסים פון עפּעס אַ פאָרטל, וויאַזוי אָנצוכאַפּן ז יי ע ר אמונה און זי צווינגען צו דינען דאָס האַרץ, ווען נאָר עס פאַרגלוסט זיך? צוזאַמען מיטן חוזק, האָט ער אויך באַהאַלטן אַביסל קנאהדיקע אומרו: וויאַזוי פאַרמאָגט מען עס אַזויפיל באַגלויבטע ווערטער,

ממש צו יעדער געלעגנהייט? אַ וואָרט ווערט דאָך נישט געבוירן פון זיך אַליין. עס מוז דאָך פון ערגעץ אַרויספּראַלן; וואָרצלען אין די טיפענישן פון אַ באַהאַלטענעם אוצר. טיילמאָל מוז מען עס האַקן פון אַ פעלדז, אויב מען וויל ס'זאָל האָבן אַ האַפט. טאָ ווו וואַקסן ביי „זיי" אַזעלכע פעלדזן איבער נאַכט?

די זעלבע, תמימותדיקע פאַרוווּנדערונג האָב איך שפּעטער אָנגעטראָפן ביי אַ חסידישן רבין:

— געוואַלט און געשריגן, מיין ליבער שרייבער — וויאַזוי מאַכט איר עס?! אָט זיץ איך גאַנצע שעהן איבער אַ בלעטל פון די פריערדיקע, ביז איך בין תופס דעם רעיון... ביז איך גלויב זיך אַריין. מיר דוכט זיך, אַז אַפילו אין אַ מיליאָן דורות וועט מען זיך נישט דערשלאָגן ביזן דנאָ פון די אַלטע ווערטער. צום סוף זיצט איר יעדן טאָג און באַשאַפט זיך ניי ע. פרעג איך נישט: אויף וואָס דאַרפט איר די נייע, ווען איר האָט נאָך די אַלטע נישט־צעקייט. איך וויל בלויז וויסן: ווו נעמט איר אַזאַ קוואַל, אַזאַ כוח־החידוש, אַזויפיל אמונה — בכדי אָנצולאָדן מיט איר יעדן טאָג אייערע נייע דיבורים?

איך האָב זיך דערביי דערמאָנט דעם מקור פון גרויסן דרך־ארץ, וואָס מיר האָבן אין די נאַאיווע ישיבה־יאָרן אַרויסגעוויזן צו יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַלטן אַ פעדער אין האַנט: פאַרוואָס נישט? אויב יענער קען שטיין ביים סאַמע קוואַל פון ווערטער און דאַרט שעפּן אָן אַ מאָס...

ב.

„גלויבט איר טאַקע אין יעדן וואָרט, וואָס איר שרייבט"? דוכט זיך, אַז יענעם נטורי־קרתאניק האָב איך געענטפערט שטאָלץ און זיכער. איך בין אַפילו כמעט אין כעס געוואָרן, פאַרוואָס ער איז מסופק דערין. אָבער בינו־לבין־עצמי: וואָס קען איך ענטפערן זיך? בין איך שוין טאַקע פּטור פון דער נאָגנדיקער שאלה?

מיר לעבן היינט אין אַ וואַלד פון געשריבענע דיבורים. אַלע קומען פון ערגעץ און דערגייען ערגעצוו. מען שעפּט זיי פון איין האַרץ און מען שיקט זיי איבער צו טויזנטער. מיר פּראָדוצירן יעדער טאָג מיליאַרדן ווערטער — און דאָס מוז דאָך מיינען, אַז מיר פאַרמאָגן קוואַלן פון גלויבן, וואָס שעפּן זיך גאָרנישט אויס. זענען זיי טאַקע פאַראַן?

יענער ירושלימער ייד איז נישט געווען דער איינציקער, הגם נישט אַלע האָבן די שאלה געפרעגט מיט נאַקעטע ווערטער. אַ סך מער האָב איך זי אַרויסגעהערט פון מעשים. אויף נסיעות איבער אַמעריקאַנער שטעט האָב איך געוואָלט וויסן אַ סך זאַכן: פאַרוואָס, למשל, גייט די יידישע פּרעסע אַזוי

באַרג־אַראָפּ? פאַרוואָס האָט זי קיין קליינעם פּראַצענט פון נייעם דור נישט מיטגעריסן? אָבער מיטאַמאָל איז מיר די תשובה געגעבן פון אַן אַ שיעור אויגן.

אומעטום טרעפט מען נאָך רעשטלעך פון יענע „קוראים ותיקים", וואָס זוכן אין געשריבענע ווערטער די באַהאַלטענע אמונה. אָבער אַ סך פון זיי האָבן שוין אויפגעגעבן דאָס זוכן. על פּי רוב ווייסן זיי שוין מיט דער גאַנצער זיכערקייט: אַ שאָד די מי. דאָס זענען נישט מער ווי בערג מיט נאַקעטע ווערטער, וואָס האָבן זיך ערגעץ געבאָרגט אַ הייסן מלבוש אויף אַ רגע... דערנאָך איז געקומען עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ סך מער ווי בלויז אַ נ ט ו י־ שו נ ג. אַזאַ ייד האָט זיך טיילמאָל געפילט פּערזענלעך באַ ל יי ד י ק ט : וואָס הייסט? א י ם גייט מען עס געגאַרן? פאַרוואָס? און דערצו נאָך — ו ע ר ! אין פּשוטן מסחר וואָלט מען דאָך יענעם אויסגעדראַפּעט די אויגן!

אונדזער גרויסער באַרג שריפטן בכל תפוצות ישראל האָט שוין געלאָזט הינטער זיך צענדליקער טויזנטער אַזעלכע „קרבנות". זיי האָבן שפּעטער גאַרנישט געזאָגט, נישט געשריגן — נאָר אויפגעהערט נעמען ערנסט דאָס וואָרט. דאָס איז געווען אַ שטילע שריפה, וואָס פון קוימען האָט מען אַפילו קיין רויך נישט געזען. ס'איז געווען אַ באַהאַלטענער גט אין אייגענעם האַרץ, פאַר וועלכן עס זענען אַפילו קיין צוועלף שורות נישט געשריבן געוואָרן. דערפאַר האָט מען געהאַלטן אין איין אַרומזוכן די „אמתע סיבות" און שטיין־געבליבן ביי דער זעלבער רעטעניש.

עס איז מיר אויסגעקומען אַ סך צו הערן וועגן געוויסע שרייבער אין אַמעריקע מיט יאָרן צוריק: אוי, וועלכע השפּעה זיי האָבן עס געהאַט! די שענסטע אינטעליגענץ איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן. אָבער ווען איך האָב אויסגעזוכט אַלטע קאָמפּלעטן מיט „זייערע" שריפטן, איז געקומען עפּעס פון שאַרפער אַנטוישונג: די זעלבע גע־דאַנקען ווערן טיילמאָל נאָך היינט געפּרעדיקט. נישט מער: אַפילו דער דורכשניטלעכער שרייבער פון היינט האָט אַפּט מער לשון, מער סטיל און מער חוש פאַר קינסטלערישן אויס־דרוק. טאָ ווו זענען די וואָרצלען פאַר דער געבליבענער לעגענדע?

איך קען דעם פּשוטן ענטפער: צייטן האָבן זיך געביטן! אָבער איך האָב געטראַכט וועגן נאָך עפּעס: יענע האָבן טאַקע געגלויבט. פון זייער אָרעמלע־כער שפּראַך און באַגרענעצטע שורות־רייען האָט אַ פלאַטער געטאָן מיט האַרץ און עכטקייט. אפשר איז דאָס לשון געווען ביי זיי אַזוי אָרעם, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אַרויס פון די אייגענע ראַמען?

ווער ווייסט. אפשר ליגט דאָ דער סוד, פאַרוואָס טייל ספרים האָבן זוכה

געווען געדענקט צו ווערן אויף לאַנגע דורות — הגם דאָרט איז קיין שום שפּור פון מיטרייסנדיקער „קינסטלערישקייט" נישטאָ? און אפשר ליגט דאָ דער שפּור צו דער טראַגעדיע, וואָס אונדזער אויסגעצערטלט־קינסטלעריש וואָרט אויף יידיש מאַכט איצט אַדורך? די ווערטער האָבן אַריבערגעשפּרייזט אַלע זייערע אינערלעכע ראַמען און דאָס האַרץ האָט זיי אויפגעהערט צו דעקן. דערפאַר האָבן מיר פון איין זייט אַזאַ מוראדיקע וואָרט־אינפלאַציע און פון דער צווייטער זייט אַזאַ שרעקלעכע גלייכגילטיקייט... אפשר?

ג.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט גראָד אַ לינקער ישראל־שרייבער דער־שפּירט די גרויסע רעטעניש: ער איז געווען אויף דער לוויה פונעם „חזון איש" און דאָרט געזען אַן אויסטערליש בילד. צענדליקער טויזנטער יידן האָבן באַ־גלייט דעם פאַרשטאָרבענעם גאון מיט בכיות און יללות. דער נפטר האָט אַריינגעלעבט אין אַ טיפער עלטער און יעדער פון די פרומע מלווים איז זי־כער געווען, אַז ער איז גאָר אַריבער צום אייביקן ל ע ב ן. דאָך האָבן זיך אַ סך ממש געריסן די האָר פון קאָפּ פון גרויס צער. דאָס וויינען איז געווען אַזוי האַרצרייסנדיק־ערלעך, אַזויווי דאָ וואָלט געשטאָרבן אַ טייל פון זייער אייגענעם „איך".

דער שרייבערישער עדות האָט זיך ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט אין די קיל־געצוימטע לוויות פון אַ צאָל גרויסע און וועלטלעכע שרייבער: ווער פון דער מאַסע האָט נאָך זיי אַ ז ו י געוויינט? ווער האָט געשריגן און ווער האָט דען קריעה געריסן? ווער האָט געפילט די אבידה ווי אַ פּ ע ר ז ע נ ל ע ך אומגליק?

לאָזט זיך מאַכן אַ פאַרגלייך? יענער שרייבער איז אַוועק אין אַ ביב־ליאָטעק און אויסגעזוכט דעם נפטרס ספרים. אפשר וועט ער פון דאָרט דער־גיין דעם סוד פון זיין באַזונדערן צויבער. האָבן זיך אים אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן אַ מאַסע טרוקענע הלכה־שורות. וואָס קען דאָרט אויפרודערן דאָס האַרץ און צוציען מענטשן מיט ליבשאַפט? ער האָט דאָרט נישט געזען קיין „קינסטלערישן" אָטעם, קיין מייסטערישע וויזיע. עפּעס ווערן דאָרט באַ־האַנדלט ענינים, וואָס האָבן אפשר געקענט וועקן דעם אינטערעס אין די צייטן פון בית־שני. טאָ ווו איז פאָרט געלעגן זיין צויבער? דער שרייבער האָט זיך דערביי דערמאָנט וויפל „איבערלעבערישן" שטאָף דער פּאָעט פּלוני, אָדער דערציילער אלמוני, האָט געגעבן דעם אינטעליגענטן לייענער. וויפל קינסט־לערישע קראַפט! וויפל געגוס! טאָ פאַרוואָס האָט מען ז יי באַגלייט צו דער אייביקער רו מיט אַזויפיל שטילער גלייכגילט? יאָ, מען האָט באַדויערט. אָבער

דערנאָך איז יעדער איינער אַוועק ווי אַ גאַנצער. עס האָט זיך גאָרנישט אָפּגעריסן אין די אינגעווייד. צום ערשטן יאָרצייט וועלן נאָך קומען געציילטע אויף אַן הזכרה — און דעם פינפטן וועט מען שוין לגמרי פאַרגעסן...

למען־האמת טאָר מען נישט מאַכן קיין טעות: דער ייד פונעם רעליגיעזן לאַגער האָט נישט קיין „בעסער״ האַרץ פאַרן וועלטלעכן. אויך זיינע עמאָציעס זענען נישט טיפער. דער חילוק אינעם באַקלאָגן די אבידות ליגט אָבער אויף גאָר אַן אַנדער שטח: עמעצער קען קוקן אויף די „שאַפונגען״ פון הרב קאַרעליץ וויאַזוי ער וויל. ער מעג אַפילו בלייבן אַנטוישט. ער וועט אָבער מוזן צוגעבן: הינטער יעדן וואָרט זיינעם איז געשטאַנען ער אַליין. עס האָט גאָרנישט געקענט מעגלעך זיין קיין סתירה צווישן אים און זיין כתב. וואָס ער זאָל נישט האָבן געפּסקנט — האָט זיין אייגענע פּערזענלעכקייט קאָווירט דעם פּסק־דין. דערפאַר אָבער איז אין אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור געשאַפן געוואָרן אַ תהום צווישן דער „דיכטונג״ און דער פּערזענלעכער „וואָר״. דער כוח פונעם יידישן וואָרט שטאַרבט דערפאַר אַ סך פריער ווי דער מחבר. דער שרייבער האָט נישט־זעלטן אַראָפּגענידערט צו דער מדרגה פון אַ פּאַראַוויילער און צייט־פאַרטרייבער. דער לייענער זיינער פילט נישט קיין טיף־נשמהדיקע אבידה — ווייל מאָרגן וועט ער וויסן וויאַזוי צו לעבן נישט ווינציקער ווי נעכטן.

ווי ביטער די דאָזיקע חשבונות זאָלן נישט זיין — מוזן מיר זיי אַמאָל מאַכן. מיר אַליין האָבן זיך געשאַפן אַ רעכט צו לעבן אַנדערש ווי אונדזער וואָרט באַפעלט, אָבער די קאָנסעקווענצן ווילן מיר נישט טראָגן. אדרבא: מיר ווייטיקן כסדר דערויף, וואָס מען גיט נישט אונדז פּערזענלעך די קרוין, וואָס אונדזער וואָרט האָט אויסגעהאַמערט. מיר קענען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַן דער אינערלעכער ווערט — קען דאָס וואָרט מער נישט האָבן יענעם מאַגישן כוח פון „אַמאָליקע צייטן״. איז נישטאָ ווער עס זאָל עס טראָגן אין האַרץ מיטן גאַנצן פייער; ווער עס זאָל זיך דערפאַר מוסר־נפש זיין און ווער עס זאָל עס איבערנעמען בירושה.

ד.

מיטן גאַנצן דרך־ארץ און באַוווּנדערונג פאַר אונדזערע ליטעראַטורן טאָרן מיר נישט פאַרזען געוויסע „רעאַליטעטן״ פון דער יידישער נשמה. וויפל טייל פון אונדז האָבן זיך נישט געוואָלט לייכט מאַכן דאָס פּראָבלעם פון יידישן געפיל און פאַרעלייגט מען זאָל „דאַווענען אַ בלעטל פּרץ״ — וועט זיך נישט דאַווענען. טאָמער פאַרבענקט זיך אַ ייד נאָך אַ תפילה, וועט ער אַוועק אויף אַ שעה צו ר׳ אברהם־ישעיהס סידור און נישט צו פּרצס.

נישט אונדזערע קלאַסיקער זענען געווען אויסן צו שרייבן סידורים און נישט דער נייער ייד וועט פון דאָרט אַרויסציען דאָס דאַוונעריש־אינטימע.

וויפל דער מאָדערנער ייד וויל עס נישט ברענגען אויף די ליפּן — מוזן די הינטערקוליסן פון זיין מוח אויפגערודערט ווערן פון דער שאלה: צי איז דען אונדזער וווּנדערלעכער מייסטער אַליין נאָכגעקומען דעם רוף פון זיין פעדער? צי האָט לאהס רוף און ר׳ שלמהס חלום אַריינגעבערענגט די „גאָל־דענע קייט" אויך אין זיין אַלטאָג? און פּרץ איז נאָר דער סימבאָל פאַר אונדזער גאַנצן דור וואָרט־שעפער. מען דאַוונט נישט קיין קונסט נאָר עכט־קייט.

ווען עמעצער זאָל וואַגן אַדורכצופירן אַן אויספאָרשונג, וויפל שייכות די אידייען פון אונדזער שיינער ליטעראַטור האָבן מיט זייערע מחברים פּער־זענלעכקייט; וויפל זיי אַליין האָבן פּרעזענטירט די אמונה פון זייער וואָרט — וואָלטן מיר אפשר פאַרשפּאָרט אַ סך מי ביים זוכן סיבות פאַר אונדזער טראַגישן מצב. אויב אַפילו מיר זאָלן אָננעמען דעם אַלטן תירוץ פון פּאָעטי־שער ליצענץ, די אַלט־אויסגעדראָשענע רעכט פון אַ קינסטלער צו שאַפן פּיי־געלעך אין דער לופט, הגם ער אַליין איז נישט קיין פליער — איז דאָס אָבער באין אופן נישט נוגע דער ריין־אידייאישער פּובליציסטיק.

אָבער די סתירה צווישן דיכטונג און וואָר האָט זיך אויך ברייט באַזעצט אין אונדזער טעגלעכער שרייבעריי. זעלטן־ווער עס באַטראַכט נאָך זיין גע־שריבן אַרטיקל פאַרן גייסטיקן פּאַספּאָרט פון זיין אינערלעכער וועלט. דער־פאַר זענען מיר אַזוי רייך אין קוריאָזן, וואָס קיינער באַמערקט שוין רעכט נישט זייער טראַגישן קאָמיזם. פּלוני קען זיך יעדן טאָג דערקלערן אין ליב־שאַפט צו די יידישע טראַדיציעס — און אין אייגענעם הויז נישט האָבן זייער מינדסטן סימן. אַ צווייטער קען אין פּריוואַטן לעבן נישט וויסן פונעם מינדסטן ייד־צייכן — אָבער זיין „פּראָפּעסיע" הייסט אים דערציילן זיין לייענער, אַז דער קלענסטער צדיק פון שטעטל האָט געקענט מחיה־מתים זיין. אַ דריטער ווידער קען וויסן ברה כחמה, וואָס עס טוט זיך אין קאָמוניסטישן גיהנום — און דאָך זאָל ער טאָג־טעגלעך באַגרינדן (אַפילו צוליב זיין ציוניזם) דעם חוב פון געטריי־זיין דעם דאָזיקן מאָנסטער. אַ פערטער קען כסדר אַגיטירן פאַר יידישער דערציאונג — און זיין אייגן קינד נישט ווייזן קיין צורת־אלף... די נאַטירלעכע גרענעצן צווישן וואָרט און ווערט זענען שוין לאַנג אויפ־געגעבן. מיר לעבן אין אייביקן מיש־מאַש פון חלומות — אָבער מיר ווילן, אַז די מחנות זאָלן נאָכשפּרייזן אונדזער וואָרט אויף דער וואָר.

דער „חשובער לייענער" האָט קיין אַנדער עצה נישט, ווי אויסצוהערן אונדז. אָבער דערנאָך מאַכט ער אַלץ אַוועק מיט דער האַנט: מילא, וואָס זיי

שרייבן דאָרט! אמת: ס׳איז אַ מכת מדינה. דערמיט זינדיקט נישט בלויז אונ־דזער יידישע פּעדער. אָבער מיר ווילן דאָך דערהאַלטן אונדזער קיום אין זכות פון אַ נ ד ע ר ש ק ײ ט!

ס׳ווערט אָפּטמאָל מאָדנע: איר זעט מענטשן, וואָס אין פּריוואַטן לעבן ווילן זיי אָנגיין ווי וואָרט־מענער. ווען איר ווערט איינעם פאָרוואָרפן, אַז ער איז אַ ליגנער — ווערט ער אייך רודפן עד־חרמה. ע ר? אָבער אין שרייבן — וואָס דאַרף גאָר זיין דער ה ע כ ע ר ע ר אויסדרוק פון דער אייגענער פּער־זענלעכקייט — ווערט ער זיך דערלויבן אויף בפירושע שקרים. נישט איינמאָל איז מיר שוין אויסגעקומען צו שמועסן מיט אַזעלכע זייער אָפן. אָבער אַפילו די אָרנטלעכע צווישן זיי האָבן פּשוט צוגעגעבן: מען דאַרף זיין „טאַקטיש"... אָדער: די פּאָליטישע ליניע פון מיין ריכטונג פּ אָ ד ע ר ט אַזוי. אַזאַ מענטש ווערט זיך פון אייך אָפּטרייסלען, אויב איר ווערט אים הייסן גנבענען אַ ציי־בעלע ביים צווייטן. ע ר זאָל ווערן אַ גנב? אָבער דאָס גנבענען ביי אַ סך מענטשן מיטאַמאָל דעם אמת און דעם צוטרוי געהערט צו די נאָרמאַל־פּאַר־שטענדלעכע דערשיינונגען.

איך ווייס נישט, ווער עס האָט דער ערשטער געגעבן בירגער־רעכט דער דאָזיקער צינישער סתירה. אָבער מיט די פּשוטע צוהערער און לייענער האָט פּאַקטיש קיינער קיין אָפּמאַך נישט געשלאָסן, אַז אויך זיי זאָלן זי אינערלעך אַקצעפּטירן. יאָ: אַזאַ איינער קען ווייטער אויסהערן אונדזערע רייד, לייענען מיט הנאה דעם חן פון אונדזער שריפט און אַפילו באַוואונדערן אונדזער בריה־שאַפט. אָבער קיין תורה ווערט ער דערפון נישט מאַכן. איך האָב טיילמאָל דעם איינדרוק, אַז דאָס ביסל געבליבענע לייענער אין אַמעריקע באַטראַכטן זייער שרייבער — אַפילו דעם פּובליציסט — נישט אַנדערש ווי אַ גוטן אָדער שלעכטן אַ ק ט י אָ ר. ער ווערט אים אַפּלאָדירן, אויב די „פאָרשטעלונג" גע־פעלט אים — אָבער עס ווערט אים קיינמאָל נישט איינפאַלן צו פאָדערן פון אַ מלך אויף דער סצענע, אַז ער זאָל אויך בלייבן מלכותדיק נאָכן אַראָפּנעמען דעם גרים... דערפאַר ווערט ער אויך זיינע שענסטע ווערטער נישט אויפנעמען ווי דאָס „געזעץ פון מלך".

ה.

דאָס ווערן קינסטלערישע ראַליסטן אויף דער שרייבערישער סצענע האָט אונדז באַפרייט פון אַ סך אחריותן. אונדזער פּובליציסטיק איז טיילמאָל אַרי־בער צום צווייטן עקסטרעם: אַנשטאָט דער שרייבער זאָל „אָנוואָרפן" זיין דעה דעם לייענער און אים איבערצייגן — פּאָרשט ער טיילמאָל, וואָס זיין לייע־נערישע מאַיעסטעט וויל — און קומט אים נאָך. ער שרייבט אָפט אַ ז ו י,

ווייל דאָס איז דער ווילן פונעם קורא נכבד — און נישט ער גיט צו פאַר־שטיין דעם לייענער וואָס ער דאַרף וועלן. אין אַ טייל פון דער יידישער פּרעסע האָט לאַנגע יאָרן געהערשט דאָס נישט־געשריבענע געזעץ: קיינעם גייט נישט אָן, וואָס דו פילסט, נאָר וואָס דער קונה וויל, אַז דו זאָלסט פאַר אים פילן. דער אָפּנעמער פון וואָרט איז כמעט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליענט, וואָס דו מוזסט אים צופרידנשטעלן. דאָס וואָרט בכלל איז געוואָרן אַ ריזיקע אינדוסטריע; אַ מין מאַרק־פּראָדוקציע — און הגם דאָס יידישע וואָרט איז נישט אַרויס פון די ראַמען פון אַ היימיש פאַבריקל, איז עס אָבער פּאָרט „אינדוסטריאַליזירט" געוואָרן ווי ביי לייטן. די אמונה אין די אייגענע ווערטער האָט געמוזט אָפּגעטעמפּט ווערן — ווייל דער געדאַנק איז נישט אָנגעשטעלט געוואָרן צום אייגענעם האַרץ, נאָר צום געשמאַק פון אָפּנעמערישן אַנאָנים.

דאָס האָט אפשר טיילמאָל געקענט געפעלן דעם לייענער, אָבער באַ־צוווּנגען ווערן פון זיין שרייבער האָט ער נישט געקענט. אפשר דערפאַר איז אויסגעוואַקסן אַזאַ מהלך צווישן אונדזער ריזיקער כוואַליע ווערטער און זייער מאָגערער השפּעה. זיכער איז שווער אַרומצוגיין אין אַ צערוישטן ווערטער־וואַלד מיט אויסגעטועטע שיך פון יראת־הכבוד צו יעדער אות. עס האַנדלט זיך אָבער אינעם נישט אַריינפאַלן אין אַ צינישן מצב; אַז אונדזערע רייד זאָלן כאָטש האָבן דעם מינדסטן קאָנטאַקט מיט זייער טאָטן.

מיר זענען אָבער ביסלעכווייז געפאַנגען געוואָרן פון פּאַרטיקע שאַבלאָ־נען און היפּער־שרייאיקע פאָרמען. דערפאַר מוזן מיר שוין טיילמאָל ריידן מיט אַ קוויטש, הגם עס ווילט זיך גאָר שווייגן; שטורעמען פּעסטונגען וואָס עקזיסטירן גאָרנישט און צילן ווערטער, וואָס נישט דער מענטש און נישט די צייט האָבן צו זיי אַ שייכות. איז פשוט אומגלויבלעך, אַז דאָס וואָרט האָט אַמאָל סימבאָליזירט די העכסטע, מאָראַלישע צוואַנג; אַז גאָט אַליין איז אַמאָל באַצייכנט געוואָרן ווי וואָרט („אנוס על פּי הדיבור") און אַז מיט עשרה מאמרות איז אַמאָל באַשאַפן געוואָרן די וועלט.

ו.

אין אַ שמועס צווישן שרייבער, האָט איינער אַמאָל אַוועקגעשטעלט אַזאַ מין באַנאַלע שאלה:

— וואָס וואָלסטו, פּלוני ופלוני געטאָן, ווען דו האָסט פאַר זיך אַזאַ ברירה: דו האָסט טאַלענט צו שרייבן אויף אַ שטייגער, וואָס זאָל דיר ברענ־גען מיליאָנען לייענער. דו וועסט דערפון האָבן געלט, כבוד, תענוגים — אָבער דערביי וועסטו וויסן, אַז דיין שרייבן טויג נישט. דערפאַר אָבער איז

דיין טאַלענט מסוגל אַרויסצוברענגען וויכטיקע ווערק. יעדעס וואָרט באַזונ־דער קען זיין דער קינסטלערישער אמת אַליין — אָבער קיינער וועט עס נישט נעמען אין דער האַנט. דו וועסט אַפילו וויטן, אַז ביז צו דיין טויט וועט דיך קיינער נישט אָנערקענען... וואָס וואָלסטו אויסגעקליבן?

איינער פון דער גרופּע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ווי אין פאַנטאַסטישן טראַנס: אוי, מיליאָנען לייענער! באַלד האָט ער זיך אָבער פאַרשעמט און צוגעגעבן: ס׳וואָלט געווען אַ פּוסט, אומגליקלעך לעבן...

טעאָרעטיש איז אַ יידישן שרייבער לייכט גובר צו זיין אַזאַ נסיון — אויב אַפילו זיין כוח איז אַזוי אַלזייטיק. סיי ווי שטייען נישט קיין מיליאָנען און וואָרטן אויף זיין באַשלוס. אָבער אין פּראַקטישן לעבן ווייסן מיר, ווי שווער עס איז צו פילן זיך גליקלעך בלויז מיטן דערגרייכן דעם אייגענעם אמת — אויב מען מוז דערביי בלייבן עלנט און נישט־דערהערט. ואָף על פּי כן איז נישטאָ קיין אַנדער עצה פאַר אונדזער וואָרט, ווי אויסקלויבן די צווייטע זייט פון דער ברירה. דער שרייבער מוז ווידער שפּירן דאָס גליק פון דער בלויזער דערגרייכונג — אָדער פון קענען אויסדריקן אַלץ וואָס עס איז אין הסכם מיט זיין געוויסן — אַפילו ווען ער זאָל דערביי פון קיינעם „נישט פאַרשטאַ־נען" ווערן. אָנשטאָט גיין „צום פאָלק" — וואָס איז אין דעם פאַל סיי ווי קליין — מוז ער ווידער נעמען רופן דאָס „פאָלק" צו זיך. עס וועט קיין אַנדער רפואה פאַר אונדז נישט זיין, סיידן דאָס אומקערן דעם שרייבער צו די פאָדערונגען פון זיין אייגן וואָרט. ער וועט מוזן גובר זיין אין זיך דעם הונגער צו באַוווּנדערונג און צום לייענערישן קאָמפּלימענט ביי יעדער גע־לעגנהייט. בלויז דורכן אויפהערן צו זיין דער שרייבערישער שקלאַף פון פּאָ־פּולאַריטעט — קען ער אָנהייבן צו ווערן לערער.

דער דאָזיקער כלל איז נוגע סיי די שרייבער פון די גלות־לענדער און סיי דעם שרייבער פון מדינת ישראל. איך בין אָבער מסופק, אויב ער אַליין וועט האָבן דעם כוח דערצו, אָן דער מיטהילף פונעם בעסערן לייענער. איך זע בכן די רפואה צו דער דאָזיקער מאָראַלישער מכה אויף אונדזער קולטור אינעם שאַפן אַ מין גרופּע פון שומרים איבער ווערטער.

אין יעדער לאַנד מוזן זיך צונויפנעמען אַ צאָל יידן מיט אָפענע אויגן און וואַכן איבערן וואָרט, וואָס ווערט געשריבן אָדער געזאָגט. זיי מוזן קענען איבערנעמען דעם קאָנטראָל איבער פּראַזן און נישט אויפהערן צו פרעגן מיטן גאַנצן כוח ביי זייער באַשעפער: וואָס מיינט עס? וועלכע דעקונג גיסטו דערויף? איך בין זיכער, אַז זיי וואָלטן מיט דער צייט געקענט אַרויסרופן אַ מין אויטאָ־דיסציפּלין, אַפילו אויף די וואָס האָבן שוין אַ מנהג צו וואַרפן ווערטער אין דער לופט ווי קונציקע זשאָנגלירער. דאָס אומקערן צום

וואָרט די געהעריקע קראַפט איז גאָרנישט אַזאַ אַבסטראַקטער ענין, ווי טייל קענען מיינען. דאָס איז איצט פאַרבונדן מיט די גורלדיקסטע פראַגן פון דעם באַציאָנאַלן קיום. נישטאָ קיין שטח פון יידישן לעבן, וואָס זאָל איצט נישט צעפרעסן ווערן פון דער דאָזיקער ווערטער־אויסגעהוילטקייט. די „שומרים פאַר ווערטער" קענען אפשר אַ סוף מאַכן אויך צום איינגעבירגערטן טעות, אַז מיטן ריידן הויכע מליצה־פראַזן איז מען שוין אויך יוצא דעם חוב פון הויכע מעשים.

ז.

פאַראַן חלומות, וואָס זענען נאָנט צו יעדנס האַרץ. אָבער דאָך באַפאַלט אַ מידקייט, געמישט מיט שרעק, ווען מען הערט וועגן זיי ריידן איבער דער מאָס. טיילמאָל דוכט זיך אַפילו, אַז וואָס מער מען רעדט וועגן זיי — אַלץ ווייטער ווערט דער וועג צו זייער פאַרווירקלעכונג. דאָס איז נישט־ווייניק גילטיק בנוגע די פּאָפּולערע רייד וועגן קיום פון פאָלק, המשך, יידישקייט, נאַציאָנאַלע געפילן וכדומה. דוכט זיך, אַז קיינמאָל האָבן מיר נישט געהערט אַזויפיל ריידן וועגן זיי — אָבער דאָך ווערט זייער רעאַלער באָדן אין די תפוצות אַלץ שוואַכער און שוואַכער. איז עס נישט אַמאָל דערפאַר, וואָס מיר לאָדן זיך אַזוי שטאַרק אויס אין די רייד — ביז מיר זענען דערמיט יוצא פאַר מעשים? ווערטער זענען אייגנטלעך ווונטשן; חלומות וואָס מ'הערט און מ'זעט. אויך זיי קענען זעטיקן בענק־שאַפטן און שאַפן די אילוזיע, אַז מ'האָט זיי שוין דערגרייכט.

איך האָב געקענט אַ מענטש, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געוואָרעמט אַ חלום וועגן אָנשרייבן אַ גרויס ווערק. ער האָט דעם פּלאַן אויסגעאַרבעט ביז דעם מינדסטן פּרט. אָבער יאָרן זענען פאַרפלויגן און ער האָט גאָרנישט געשאַפן. זיין קאָפּ איז שוין גרוי געוואָרן און די הענט האָבן גענומען ציטערן, אָבער זיין חלום האָט ער נישט אויפגעגעבן. אומעטום האָב איך אים באַגעגנט, אין אַלע קרייזן איז ער געזעסן און דערציילט מיט באַגייסטערטן ברען וואָס ער גרייט זיך צו באַווייזן אין זיין ווערק. ער האָט זיך עקזאַלטירט מיט די אייגענע רייד; ממש געשטראַלט פון נחת, וואָס אָט־שוין קערט ער איבער אַלע אָנגענומענע מיינונגען אין דער וועלט; מאַכט פשוט אַ רעוואָלוציע אין מיליאָנען מוחות... ער האָט שוין דעם גרעסטן טייל פון זיין פרייד מיטן ווערק אָפּגענומען — נאָך איידער ער האָט עס געשאַפן. גאַנצע טעג האָט ער גע־קענט אָפּזיצן, מיטרייסן זיינע פאַר צוהערער און אויך אַליין פאַרטויבט ווערן פון זיי. האָט זיך דער פייערדיקער דראַנג אויסגעברענט אין די ווערטער; די גאַנצע התלהבות איז צעשטויבט געוואָרן און אירע ברעקלעך זענען שטעקן

געבליבן מיט סטערילער מאַכטלאָזיקייט אין טויזנטער אויערן. ביז צום זעצן זיך שרייבן — האָבן אַלע אימפּולסן שוין אָפּגעגעבן זייער לעבן די הוילע רייד. און ווען ער האָט זיך צוגערירט צום פּאַפּיר איז ער שוין געווען קאַלט און אויסגעליידיקט.

איך האָב אָפט געטראַכט: ווען דער דאָזיקער מענטש זאָל נישט ריידן אַזויפיל וועגן דעם, נאָר צוימען זיין גלי אין זיך; ווען ער זאָל שפּאָרן זיין התלהבות פאַרן שאַפן גופא — וואָלט ער אפשר געווען פאַרווירקלעכט אַ טייל פון זיין חלום. אָבער ווען ער שטורעמט זיך כסדר אויס אין די העכסטע ווערטער — ירשנט אים דער פּוסטער חלל און דער בלויזער עפעקט...

שפּעטער האָב איך באַוויזן צו זען נישט ווייניק גרויסע אידייען, וואָס צופיל ווערטער וועגן זיי האָבן באַרויבט זייער אינערלעכן דראַנג; אויסגעזאָגט זייער אינהאַלט און איבערגעלאָזט פאַר זייער לעבן גופא דאָס הוילע שפּינוועבס. דאָס איז געוואָרן די גרויסע טראַגעדיע סיי פאַר אַ ריי יחידים און אויך פאַר אומצייליקע גרופּן. שוין דער יידישער פאָלקלאָר האָט עס באַמערקט און איראָניש געזאָגט וועגן דעם: אויב מיר האָבן נישט קיין בראָנפן, לאָמיר כאָטש ריידן וועגן בראָנפן. דאָ בעט זיך אָבער אַ שטיקל פּאַראַפראַזע: ווייל מען רעדט צופיל וועגן בראָנפן — האָט מען אים נישט. אויב דאָס ריידן וועגן אים קען טיילוויז „פאַרטרעטן" די הנאה פון טרינקען, ווערט אָפּגעשוואַכט דער ווילן אים צו זוכן מיטן גאַנצן שטורעם און באַגער...

נו, דער לייענער מעג וויסן, אַז דער פאַל מיט בראָנפן גופא איז אַנדערש: אַן אמתער שיכור וועט זיך נישט צופרידנשטעלן מיט רייד. ער וועט אַזוי לאַנג נישטערן, ביז ער וועט געפינען. אָבער ביים גייסטיקן נמשל איז עס פאַרט אַזוי: עס זענען פאַראַן געגנוג אַדורכגעפאַלענע אין לעבן, וואָס זייער אומגליק איז געווען דאָס אויסרוישן זיך אין די אייגענע רייד.

פאַר מיר אַליין, בכל־אופן, איז קלאָר — אַז מען מוז אָוועקשטעלן אַ גרענעץ פאַר אידייען: ווי ווייט זיי מעגן זיך באַנוצן מיט צעפליגלטע ווערטער. אַנדערש טראָגן זיי אין דער פאַלע זייער אייגענעם מלאך־המות.

ח.

אין מינוטן פון ספיקות דוכט זיך מיר, אַז די טראַגעדיע פון דער יידישער קולטור און איר קיום באַשטייט טאַקע דערין, וואָס מען האָט זי צופיל אַנגעפּלוישט מיט רייד. דערפאַר ווערט איר קאָנקרעטער קערן פאַרפלייצט פון אומקלאָרע פראַזן. מיר ריידן וועגן איר צופיל, שילדערן זי אין די סאַמע שענסטע פאַרבן פון אַנדערע וועלטן און פילדערן אַזוי שטאַרק וועגן אירע ווייטיקן — ביז עס פונדעוועט זיך איין אַ געדאַנק: יידישע קולטור מיינט

— רוישן וועגן איר. דאָס קלאַפּן כסדר טרעוואָגע פאַרנעמט די מזרח־וואַנט. מיר האַלטן אין איין אָנזאָגן, וואָס „מען דאַרף", מען מוז, מען וועט און מען האָט בדעה צו טאָן. דער איבערגעלאָדענער מבול רייד, אויף גרויסע און קליינע אסיפות, קאָסט אַזויפיל פייער און ענערגיע — ביז עס בלייבט נאָר ווייניק פאַרן עיקר. עס דערמאָנט אין רב הלל׳ס זאָג: אין משיח ליש־ראל, שכבר אכלוהו בימי חזקיה. וויאַזוי קען מען עס „אויפעסן" משיחן? היינטיקע צייטן ווערט עס פאַרשטענדלעך: מען נעמט דעם גרעסטן משיח־געדאַנק און מען עסט אים אויף ביי כלערליי באַנקעטן און אסיפות — טאַקע לכבוד אים. מען פאַרשווענדט זיין כוח ביסלעכווייז, אין דער איבערמאָסי־קער רייד־זאָרג, אין דעם געפּילדער אַרום גרויסע ענינים. מען פאַרגעסט דער־ביי דעם אַלטן כלל פון תנ״ך: נישט אינעם רעש איז גאָט...

פאַראַן אַ יידישע מסורה, אַז משיח דרייט זיך אַרום צווישן די מענטשן פון יעדער דור באַזונדער. אויב זיי זענען זוכה — אַנטדעקן זיי אים. טאָמער נישט — שטאַרבט ער צוזאַמען מיט יענעם דור, בכדי אויפצולעבן נאָכאַמאָל אינעם קומענדיקן. אָבער וואָס איז זיין שליחות צו יענע דורות, וואָס האָבן נישט זוכה געווען? איז טאַקע מעגלעך, אַז משיח זאָל פאַרלירן אַזויפיל „צייט" אומזיסט? דאָס לייגט זיך נישט אויפן שכל. גיכער לאָזט ער עפּעס איבער אין יעדן דור באַזונדער. מיר דוכט זיך אַפילו, אַז דער „משיח פון יעדן דור" צאַפּלט אין די גרויסע אידייען פון יענער צייט. נישטאָ קיין דור אָן משיחישע געלעגנהייטן אויפן גייסטיקן שטח. אויב מען איז זוכה — ווערט פון דער אידיי אַ באַרג פון קאָנקרעטע מעשים. טאָמער נישט — בלייבט פון אים אַ הויפן פון משיחישער פּאָעזיע.

קען זיין, אַז דער סוד פון יידישן קיום אין אַזויפיל דורות האָט זיין ענט־פער אינעם „משיח פון יעדער דור". משיח איז אַלעמאָל געשטאַנען אין זיין פאַרהוילענעם לבוש; און יעדער דור, וואָס האָט אויפגעהיטן דעם קיום פאַר דעם ווייטערדיקן — האָט געהאַט משיחן צוקאָפּנס. דאָס האָט ער זיך אויס־געמישט מיט אונדזער קיום־מיסטעריע און איר געגעבן רעאַלן כוח. אָבער דווקא אין גרויסע דורות האָט מען ווייניקער געדרשנט וועגן יידישן קיום, נאָר אים פּשוט אויפגעהאַלטן — אַפילו ווען מען האָט פאַר אים געדאַרפט בפועל־ממש אָפּגעבן דאָס לעבן. אַן אַקט פון קידוש־השם איז אַמאָל נאָר באַגלייט געוואָרן פון צוויי פייערדיקע ווערטער: שמע ישראל! עס זענען אָבער פאַראַן צייטן, ווען דער משיח־הדור קען אויפגעגעסן ווערן, צע־ריבן ווערן אין דער איבערגעטריבענער זאָרג, אַז ער זאָל זיך באַווייזן פאַר די אויגן. די צרה נעמט זיך דאַן דערפון, וואָס די ווערטער אַליין שילדערן שוין דעם פולן משיח — עס זאָל דאָס פעלן אַ האָר! איז מען דערמיט יוצא.

זיכער איז גוט, וואָס עס איז לכל־הפּחות פאַראַן די אומרו פון רייד. אָבער זי איז נאָר גוט ווי אַ כוח־הדוחף, ווי אַ סטימול. אָבער ווען די אומ־רואיקע רייד ציען זיך אויס, וואַקסן אַריבער זיך אַליין — בלייבן זיי אָן דעקונג... און רייד וואָס זייער באַשעפער קען נישט אילוסטרירן מיט זיך אַליין — בלייבן אונדזער גרעסט אומגליק. זיי פאַרוואַנדלען זיך אין אַ ווילד־ וווקס אויפן חשבון פון דער פּרי. די סכנה באַשטייט קודם־כל אין דעם, וואָס דאָס פאָלק ווערט פון זיי מיד, איבערגעגעסן: „מיר האָבן שוין וועגן דעם אַזויפיל געהערט!" עס פאַרלירט זיך דער עפעקט פון טאָטלעכער איבע־ראַשונג.

ווערטער און באַגריפן, ווי טייער זיי זאָלן אונדז נישט זיין, פאַרלירן די טיפקייט פון זייער רושם — אויב מ׳שלעפּט זיי צופיל פון מויל צו מויל. מען ווערט פון זיי זאָט און מ׳גריזשעט דערמיט אָפּ זייערע פליגל. זייער צייט־לעכע „פּאָפּולאַריטעט" שלעפּט זיי אין שאול תחתיה.

אונדזער יידישער דור פאַרמאָגט שוין אַ גאַנצן בית־עולם פון אַזעלכע משיח־באַגריפן, וואָס האָבן נאָך מיט יאָרן צוריק אויפגעטרייסלט יעדנס האַרץ. נישט איין פאַרהייליקטער טערמין איז מיט דער צייט געוואָרן דער סינאָ־נים פון איראָניע. לאָמיר נעמען ווי אַ משל אונדזער גרעסטן חורבן: וויפל גלייכגילטיקייט מען ווייזט שוין אַרויס צו זיין זכרון! איז עס דערפאַר, וואָס מען האָט צו־ווייניק גערעדט, געשריבן און דערציילט וועגן אים? חלילה! גיכער איז עס דערפאַר, וואָס מען האָט עס געטאָן צופיל, ביי יעדער פּאַסיקער און נישט־פּאַסיקער געלעגנהייט. צופיל — ווייל נישט־וויר־דיק, נישט אין הסכם מיט דער גרייס פונעם נאַציאָנאַלן אומגליק.

דאָס שם־המפורשדיקע און קדושהדיקע פון די ווערטער „זעקס מי־ליאָן קדושים" האָט פאַרלוירן דעם גרויסן אימהדיק־אומה־דיקן ציטער — נישט דערפאַר ווייל מען האָט זיי ווייניק דערמאָנט. גראָד פאַרקערט: זיי האָבן פאַרלוירן דעם טראַגישן פלאַטער, ווייל מען האָט זיי פאַרברויכט, מיסברויכט און פאַרנוצלעכט אויף יעדן גראָשן־זאַמלערישן שטויב. דאָס האָט געדאַרפט ווערן דער שווייגנדיק־שטומער צער פון אונ־דזער זכרון; די גרויסע ווונד וואָס טאָר נישט צעלייגט ווערן אויף אַלע יריד־דים און געמאַרקן. דאָס האָט געדאַרפט ווערן אונדזער הייליקסטער שם, וואָס בלויז דער כהן־גדול מעג דערמאָנען איין מאָל אין יאָר: אינעם היי־ליקסטן טאָג, אויפן הייליקסטן אָרט. אַ „הוגה את השם באותיותיו" איז אַמאָל ביי יידן געווען חייב מיתה. עס איז געווען אַ טראַדיציע פון העכס־טער פּיעטעט פאַר הייליקע ווערטער. דער טויט פון גאַנס פאָלק האָט זיכער פאַרדינט אַזויפיל קדושה ווי זיין נאָמען. אָבער פון אונדזער טראַגעדיע האָט

יעדער איינער געקענט שינדן די הויט — אַפילו מיט גוטע כוונות — אומ־באַשטראָפט. מען האָט זי אַוועקגעשטעלט נאַקעט אויף יעדער צייטונגס־ווינקל; מען האָט זי איינגעפּלאַכטן אין שונד־ראָמאַנען און געמאַכט פון איר „געלונגענע" קעפּלעך פאַר רעקלאַמע־אַנאָנסן. יעדער איינער, ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער „צוואה פון די זעקס מיליאָן קדושים". איינער האָט דערמיט געבויט אַ הויז, דער צווייטער האָט איינגע־מאָנט שטייערן און דער דריטער האָט געזאַמלט פאַר אַ זשורנאַל. יעדער איינער האָט געוווסט, מיט דער גאַנצער געניוקייט, וואָס „זיי" האָבן גע־וואָלט און וואָס זיי האָבן אונדז „אָנגעזאָגט". זיי זענען אַרויסגעשלעפּט גע־וואָרן פון זייערע קברימלאָזע פאַרהוילנקייטן, בכדי צו דעקאָרירן אַ זאַל, אַ באַנקעט, אַ קליינע צדקה־פּושקע... ווער עס האָט נאָר געוואָלט — האָט געשריבן „צוואות" אין זייער נאָמען, איינקאַסירט זייער לעצטן ווילן לויטן אייגענעם טעם און געשמאַקלאָזיקייט. קיין יאָר שווייגן האָט מען זיי אַפילו נישט פאַרגינען.

אויך אונדזער נאַציאָנאַלער חורבן האָט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אינעם מ אָ ר אַ ל י ש ן מ ש י ח פאַר די לעבן־געבליבענע. מיר האָבן אָבער נישט פאַרהיטן זיין פאַרשוועכונג. ס'קען זיין, אַז ווען מיר זאָלן גע־ווען איינהאַלטן דעם אָטעם; איינצוימען אַביסל דעם מבול רייד — וואָלט זיך געווען אָפּגעשטעלט מער יראת־הכבוד. וואָס ווינציקער מען וואָלט אים געווען אַרויסגעטראָגן אויף די מאַסן־ירידים, אַלץ מער וואָלט ער שטעקן געבליבן אין האַרץ. איצט אָבער צאָלט מען זיך אויס ביי זיין זכרון מיט נדבות און עס בלייבט ווייניק חוש פאַר יענעם טיף־אינערלעכן שווייגן. נישט אומזיסט האָט די יידישע טראַדיציע באַשטימט בלויז עטלעכע מינוט פאַר „יזכור" און בלויז געציילטע מאָל אין יאָר. עס איז אירע געשטאַלטער גוט באַקאַנט געווען דער כלל פון „כל המוסיף — גורע"; ווער עס גיט צו — נעמט אַראָפּ.

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל, פאַרוואָס עס זענען אַזוי נייטיק אַ צאָל פון וו ע ר ט ע ר ־ ש ו מ ר י ם. זיי וואָלטן געמוזט וואַכן איבער אַ סך יידישע ווערטער און טערמינען, בכדי מען זאָל זיי נישט פאַרבילִיקן און פאַרפלאַכן. זיי וואָלטן געמוזט פאַרשפּרייטן דעם באַוווסטזיין אין פאָלק, אַז טייל באַ־גריפן זענען נ אַ צ י אָ נ אַ ל א יי ג נ ט ו מ ; זיי שטעלן מיט זיך פאַר גאַנצע וועלטן און עפּאָכעס; זיי זענען אונדזערע נשמה־פענער, וואָס מען קען נישט אַרויסהענגען יעדן טאָג איבער אַלץ און אַלעמען. אַזעלכע „שומ־רים" וואָלטן געמוזט האַלטן וואַך איבער אַ ריי אָפּגענוצטע פראַזן ווי: צוויי טויזנט יאָר גלות... גאולה־דערגרייכונג... משיחישע עפּאָכע... קדושה...

נשמה... וכדומה. עס מוז זיין אַ באַזונדערע צייט און באַזונדער אָרט — ווען מען מעג זיי באַנוצן. בכל אופן טאָרן זיי נישט ווערן קיין שאַנטאַזש־מיטל, וואָס דאַרף ביי יעדער געלעגנהייט צאַפּן טרערן, אַפּלאָדיסמענטן און מטבעות.

ט.

איז נישט אַמאָל דאָס זעלבע מיטן ענין יידישע קולטור און יידישער קיום? עס איז ביי אונדז פאַרלוירן־געגאַנגען די הלכה פון במה מדליקין און במה אין מדליקין; ביי וואָס מען מעג יאָ אָנצינדן די הערצער און ביי וואָס נישט. מען האָט נאָך אַלץ נישט איינגעשטעלט קיין כלל, ווער און ביי וואָס עס מעג באַנוצן די דאָזיקע טערמינען. יידישע קולטור, יידישער קיום און יידישקייט בכלל האָבן לעצטנס באַקומען צופיל רעטונגס־בריגאַדעס. ווער עס האָט נאָר אַ טיש מיט אַ פעדער — וואַרפט זיך צום „ראַטעווען". עס איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז טיילמאָל איז מען נאָר אויסן צו ראַטעווען אַ קליין פּיצל שונד — און דאָס דאַרף הייסן: ראַטעווען דעם קיום פון גאַנצן פאָלק ישראל... קיין האָר נישט ווינציקער.

אַזעלכע ווערטער ווי ק י ו ם און ה מ ש ך ווערן אַזויפיל דערמאָנט, ביז זיי פאַרלירן די אייגענע טיפקייט. אָפטמאָל ווערן זיי צוגעקלעפּט ווי אַן עטיקעט צו יעדער פלאַש, וואָס אַפילו אירע בעלי־בתים אַליין ווייסן נישט וואָס דאָרט איז פאַראַן. אַלץ ווערט געטובלט אינעם דאָזיקן וואָרט־קעסל פון קולטור און פּרעטענדירט, מאַנט און פאָדערט — ווייל דער יידישער קיום איז אין סכנה און די יידישע קולטור מוז מען דאָך דערהאַלטן ביים לעבן.

די דאָזיקע קולטור, וואָס מ׳דאַרף ראַטעווען, האָט אָבער אַזויפיל פּנימער — ביז מ׳קען זי אין אַ קריטישער מינוט נישט דערקענען. ביי טייל גייט זי אין פיינע מלבושים, געהילט אין ווייכן זייד — און ביי אַנדערע איז זי דיק, צעווירן און טומלט מיט אַ גראָב־שרייאיק קול. נישט אַלע, וואָס שרייען אַפילו מיט גראָבע קולות, זענען נאָר אויסן דעם בלויזן טומל. טייל מיינען עס בלוטיק־ערנסט. אָבער זיי לעבן שוין אין אַ וועלט פון אויפגעלייזטע גרעניצן. אינעם גרויסן רעש מוז מען שוין אָנשטעלן דאָס העכערע, איבערנאַטירלעכע קול — בכדי זיך אַדורכצורייסן. טיילמאָל קען נאָר די געשוואָלענע גוזמא זיך צושלאָגן ביז צום האַרץ־פּינטעלע פון יחידים. איז די איבערטרייבונג גופא געוואָרן אַ טייל פון דער נאַטירלעכער נויטווענדיקייט. דערפאַר מוזן פויקן די פויקן און יעדער וואָרט מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַראַבאַן; דערפאַר ווערט די יידישע קולטור־תשוקה נישט פאַרדייט אויף אַ געזונטן אופן, נאָר בלייבט שווער לאַסטן ביז זי פאַרמאַטערט.

דאָס איבערמאָסיקע ריידן האָט נאָך אַ געפערלעכן פונקט. כ׳מיין דאָ די פּאַניק־שטימונג, וואָס דאָס ברענגט מיט זיך. דאָס וואָרט „ראַטעווען" האָט זיך פּשוט ביי אונדז איינגעבירגערט אויף טריט און שריט. לשם עפעקט, אָדער ווייל מיר האָבן שוין נישט קיין ברירה, שטעלן מיר אַרויס ביי יעדער געלגענהייט די שווערסטע אַרטילעריע: אָדער איר גיט אַ סכום פאַר דעם־און־דעם צוועק אָדער מיר גייען אונטער. אויף טייל ווירקט עס טאַקע ווי אַ באָמבע און דאָס האַרץ גיט זיך אַ טרייסל. אָבער פאַר יינגערן דור ווירקט עס גרויזאַם און אָפּשטויסנדיק. דאָס אַנוואַרפן כסדר אַ פּחד און אַנשטעלן די מינע פון אַ געפערלעך־קראַנקן נעמט איינמידן די אַלע, וואָס דאַרפן אַריינשפּרייזן אין יידישקייט מיט זייער צוקונפטיקן לייב און לעבן.

מהאי טעמא איז אונדזער שטענדיקער אַלאַרם־טאָן, ווי שווער דער מצב זאָל נישט זיין, געפערלעך פאַרן נייעם דור. קיין שום יינגער מענטש, מיט לעבעדיק בלוט אין די אָדערן, וויל נישט אייביק ווערן מיט אַ וועלט וואָס וויגט זיך אויף משקולתן; וואָס מען מוז כסדר אָפּמינטערן ביים ראַנד פון אונטערגאַנג. ער וויל נישט הענגען כסדר צווישן לעבן און טויט.

אויב מען וויל אַזאַ דור געווינען — מוז מען אים שטאָלץ מאַכן מיטן אייגענעם פאַרמעגן און מיט געמאָסטענער חשיבות. דערפאַר קענען אונדזערע ראַטעווט ־ געשרייען גיכער פאַרטרייבן איידער צוציען. אַ פרישע יוגנט קען נישט האָבן קיין דרך־ארץ פאַר אַ קולטור, וואָס בייגט זיך ביז די קנעכל; וואָס בעט זיך אומעטום אַ טראָפּן אַנערקענונג; וואָס לעבט זיך אויס מיטן וואָרט, הגם זיינע שעפער גופא זענען עס נישט מקיים. אַ יינגע נשמה לאָזט זיך נישט נאַרן, הגם איר רעאַל לעבן קען זיין פּוסט און גייסטלאָז.

מיר קענען די ווירקלעכקייט נישט פאַרלייקענען — און זי איז גענוג טראַגיש. אָבער אויך האַרבע רעאַליטעטן קען מען אויפנעמען מיט אַ חשיבות וואָס מאַכט אַן איינדרוק; און אַזאַ חשיבות הייבט זיך קודם־כל אָן ביים קאָנטראָלירן דאָס אייגענע וואָרט; פון אַנאַליזירן די טיפערע ווערט פונעם געזאָגטן און די אייגענע התחייבות. אָן דעם וועלן מיר קיינמאָל צו קיין תכלית נישט דערגיין.

י.

דווקא אַ רב פון דער אַלטער וועלט האָט מיר געזאָגט אַ געדאַנק, וואָס גייט נישט אַרויס פון זכרון:

— דער חילוק צווישן אונדז פרומע און אייך, די וועלטלעכע יידן, איז היינט אַ פּשוטער: מיר זענען עגאָאיסטיש, בעת איר זענט צופיל אידעאַליסטיש. איך זאָג דאָס אָן איראָניע: מיר פאַרגעסן קיינמאָל נישט

אין זיך אַליין, בעת איר פאַרגעסט אין זיך לטובת דער וועלט. נעמט מיך למשל: פאַרוואָס בין איך פרום? נישט ווייל איך וויל דערהאַלטן דאָס גאַנצע פאָלק ישראלביים לעבן. דאָס איז נישט מיין דאגה. אויב דער רבונו של עולם וויל זיך האָבן אַ באַזונדער פאָלק — זאָל ער דערפאַר זאָרגן. ער האָט אַזויפיל דורות אויפגעהיטן — וועט ער אויך ווייטער בלייבן דער שומר ישראל. איך דאַרף אים געבן עצות? אויב געבוירענע יידן וועלן מער נישט וועלן היטן קיין יידישקייט, וועט ער אַריינשיקן אַ געדאַנק־צו יאַפּאַנער אָדער איטאַליענער — און זיי וועלן זיך מגייר זיין. ער וועט שוין וויסן ווו צו געפינען „מאַטעריאַל“ פאַרן נצח ישראל. איך האָב בטחון, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אונטערגיין מיט מיר, אָדער אָן מיר. אלא פאַרוואָס האָב איך אַזוי? פאַרוואָס היט איך יידישקייט און לערן עס אויך מיט מיינע קינדער? איז דער תירוץ: צוליב ריינעם עגאָאיזם. איך פיל ווי גוט עס איז צו זיין אַ ייד און דערפאַר וויל איך נישט אונטערגיין. וואָס מער איך לערן, אַלץ מער ווייס איך וויאַזוי יידישקייט איז דאָס בעסטע פאַר מיר און מיינע קינדער. אויב איך וועל זיי נישט לערנען — און זיי וועלן דערגיין צום דאָזיקן סוד דורך אַנדערע — וועלן זיי עס מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין. דערפאַר וויל איך זייער גוטס. קלאָמער איך זיך אין מיין יידישקייט מיט אַלע כוחות. וואָס וואָלט איך דען געוועזן אָן מיין יידיש לעבן? בין איך גרייט צו צאָלן דעם העכסטן פרייז פאַר מיין גליק. אַנדערש איז אָבער מיט אייך, וועלטלעכע יידן. אייך שטייט נישט אַנדערש אָן, ווי צו באַזאָרגן די גאַנצע וועלט אָדער דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. ווי דער שטייגער איז ביי גרויסע אידעאַליסטן — זאָרגט איר גיכער פאַר יענעם איידער פאַר זיך אַליין. איר ווילט דווקא איבערנעמען אַ מלאכה, וואָס נאָר דער רבונו של עולם אַליין מעג אויף זיך נעמען. טאָמער רעדט איר וועגן יידישקייט, וועט איר גאָרנישט אַראָפּלאָזן פונעם מקח: איר מוזט פאַרבלייבן יידן, בכדי צו ראַטעווען דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. איר פאַרגעסט דערביי, אַז די תורה אַליין רעדט כמעט אַלעמאָל צום מענטש בלשון דו. דאָס דאַרף זאָגן: טו מיר נישט קיין טובה און זיי נישט צופיל אידעאַליסטיש. זאָרג קודם־כל פאַר זיך אַליין. די תורה הייסט דיך ראשית־כל דערקענען, אַז יידישקייט מיינט לעבן, און ערשט דערנאָך הייסט זי דיך ציען די מסקנה: ובחרת בחיים... יאָ, טאַקע דו, ווי אַ יחיד, קלויב אויס דאָס לעבן. אייער דורכפאַל אויף פאַרשיידענע שטחים שטאַמט טיילמאָל דערפון, וואָס איר ווילט נישט געדענקען אין די „אייגענע אינטערעסן“. איר זאָרגט נאָר וועגן כלל און ראַטעוועט נאָר די גאַנצע מענטשהייט מיטאַמאָל. פון גרויס בהלה פאַרגעסט איר טיילמאָל אין דער אייגענער

טובה אָדער אינעם אייגענעם קינד. אייער מצב איז אַזוי טראַגיש, ווייל יידיש־קייט איז ביי אייך כסדר אין קריגס־צושטאַנד, אין שטענדיקער אונטערגאַנגס־פּאַניק — ווען מען דאַרף נאָר האָבן גאַנצע אַרמייען פון פּאַרטיידיקער. דערפאַר פאַרגעסט איר אָפט וויפל פּערזענליכע לעבנס־פרייד און יחידישע רו אמתע יידישקייט קען געבן; אַז זי איז נאָך אַלעמען אַ תורת חיים...

האָט ער דערמיט אויסגעדריקט די לעבנס־פילאָזאָפיע פון דער אָרטאָ־דאָקסישער וועלט? זיכער נישט. אויך אין די פרומע רייען זעט מען טייל־מאָל נישט די גרויסע שמחה מיט דער אייגענער יידישקייט; אויך דאָרט פּייפט טיילמאָל דער ווינט פון יאוש און עס איז חושך אין אַלע ווינקלען. אָבער מען מוז צוגעבן, אַז ער האָט באַמערקט אונדזער היינטיקן הויפּט־חסרון: מיר זאָרגן אַלעמאָל בלויז „פאַרן פאָלק". ווען איר פרעגט איינעם, וואָס שרייבט אַ מאָראַלישע דרשה, וועלכע ער אַליין האָט נישט בדעה צו היטן, וואָס ער זאָגט צו אַזאַ סתירה — האָט ער אַ פּאַרטיקן תירוץ: מען טאָר קיין אידעאַלן נישט מעסטן לויט יחידים. איך אַליין קען זיין אַ חולה־מסוכן, אָבער דאָך זאָל איך קענען זען די רפואה פאַרן גאַנצן פאָלק. מיר דענקען צופיל אין נאַציאָנאַלע קאַטעגאָריעס. טיילמאָל שטייט אונדז גאָר־נישט אָן צו זיין אַזוי קליינלעך און זאָרגן בלויז פאַר זיך, ווען די גאַנצע אומה איז אין סכנה... אָבער די ווירקונג איז אַ פאַרקערטע: ווילנדיק אָדער נישט, פאַלן מיר אַריין אין אַ הייליקער היפּאָקריזיע.

דאַרפן מיר קודם־כל נאָכאַמאָל קנעלן יידישקייט פון יענעם בראשית, וואָס זעט אונדז פּערזענלעך. נישט דער גרויסער „עם כל הנערים" איז איצט דאָס וויכטיקסטע (הגם דער „אל תפרוש מן הציבור" איז אַ יסוד פון יידיש־קייט), נאָר דער באַזונדערער איך און דו. מיר מוזן אַרויסזוכן אַזויפיל פּערזענלעכס אינעם יידישן וועלט־באַנעם, ביז עס זאָל אונדז גופא אַ שאָד זיין צו פאַרלירן דאָס יידישע גליק. דאַן וועלן מיר נישט מוזן כסדר בעטלען אַביסל אָנגעהעריקייט אין נאָמען פון אונדזער אונטערגאַנג־אומגליק, נאָר פּשוט ווייזן יעדן איינעם די שעדלעכקייט פון פאַרליר. דאָס מוז ווערן אונדזער נייער צוגאַנג צום נייעם דור. אַנדערש וועט ער אויף אונדז קוקן ווי ניטשע אויף יעזוסן און אויסשרייען דאָס זעלבע: עפּעס זעען זיי נישט אויס ווי קיין דערלייזטע.

יא.

חשיבות פון אַן אידיי ליגט נישט אין דער אויסשפּרייטונג פון אירע ווערטער. דער יידישער שעפער מוז קענען אַנהאַלטן זיין אמת אַפילו אין אַ

מדבר. אויב ער שאַפט אים נאָר פאַר יענעם — מוז ער בלייבן אומגליק־לעך, וויבאַלד ער בלייבט מיט אים אַליין. ווען ער איז אָבער באַשטראַלט מיטן העכערן „עגאָאיזם" — האָט ער שטענדיק זיין שכר ביי דער זייט: זיין מי איז נישט אומזיסט, ווייל... זי ראַטעוועט דאָך קודם־כל אים אַליין.

אָן דעם העכערן עגאָאיזם — ברענגען מיר כסדר קרבנות. דער שרייבער, וואָס שאַפט אויף יידיש — למשל — טוט כסדר אַ טובה דעם גאַנצן כלל. ער האָט דאָך געקענט נעמען זיין ליד און „אויף אַן אַנדער לשון זינגען". אויב ער האָט עס נישט געטאָן — איז אים דאָס גאַנצע פאָלק ישראל שולדיק אַ חוב, נישט צום אויסצאָלן. אויך דער עסקן, וואָס רייסט אָפּ פון זיינע שעהן לטובת הכלל, ברענגט אַ פּערזענלעכן קרבן. מיר לעבן אָפטמאָל אין אַן אַטמאָספערע פון אייביקע טובות און פון שטענדיקע קרבנות. אָבער דאָס אַליין איז אַ סימן, אַז מיר גופא לעבן נישט איבער די פרייד פון אונדזער טאָט און אונדזער געדאַנק. ווען אונדזערע מעשים זאָלן אַדורכגיין דעם „עגאָאיסטישן" קאַנאַל — וואָלטן מיר דאָך קודם־כל אַלץ געטאָן פאַר זיך אַליין; און וואָס קען אונדז שוין שפּעטער אַרן, אויב עס הערן אונדז אַ סך אָדער ווייניק? דעם הויפּט־ציל האָבן מיר דאָך סייווי דערגרייכט. אדם קרוב אצל עצמו. דער מענטש איז נענטער צו זיך ווי צו אַנדערע — און זיך אַליין האָט ער דאָך שוין פאַרזאָרגט.

שוין אין אונדזערע יינגסטע צייטן האָט אונדזער דין געפּסלט אַ קרבן מיט אַ מום: בלינד, הינקעדיק אָדער אַפילו אַ שפּעלטל אויף אַ ברעם. אָבער דער גרעסטער מום ביי אונדזערע אַלע קרבנות לטובת־הכלל מוז בלייבן דאָס פעלן פון זיך אַליין. דאָס איז מער חסרון ווי אַן אָפּגעהאַקטער אבר. מיר טאָרן מער נישט ברענגען קיין קרבנות לטובת אַ פאַרהוילענעם אַנאָנים, אַפילו ווען זיין נאָמען איז פאָלק. אַנדערש וועלן אַלע אונדזערע קרבן־מעשים פּסי־כאָלאָגיש „אונטערהינקען" אָדער בלייבן בלינד.

מיינט דאָס, אַז מיר מוזן ווערן אַ פאָלק פון געלייטערטע צדיקים? הלוואַי וואָלט עס מעגלעך געווען. אָבער מיר זענען עס נישט אויסן. יידישקייט האָט זיך אַלעמאָל גערעכנט מיט דער מענטשלעכער טבע און במילא געוווסט דאָס פאַרקערטע: נישטאָ קיין מענטש אָן זינד. עס טאָר זיך אָבער נישט שאַפן קיין אַטמאָספערע, אין וועלכער דאָס טראָפן ערלעכקייט איז די העכסטע טוגנט. אין אַמעריקע קומט אויס נישט־זעלטן צו הערן וועגן אַ געוויסן עסקן אָדער שרייבער די התפּעלותדיק־אויסטערלישע באַוווּנדערונג: ער האָט זיין אייגן קינד געשיקט אין אַ יידישער שול... ער אַליין איז נאָנט צו יידישקייט! דער פּערזענלעכער מאָמענט ווערט אַרויסגעברענגט מיט אַזויפיל יראת הכבוד און ג. ס. גלייך ווי דאָס וואָלט געווען אַן אומנאַטירלעכער און זעלטענער אַקט.

אַט די דאָזיקע באַוווּנדערונג איז אפשר דער שרעקלעכסטער סימן פון דער פאַרלוירענער חשיבות.

מיר האַלטן בכן בלויז ביי אייגן־יידישער איבערלעבונג: ביי אַ חשיבות וואָס פאַרטראָגט נישט קיין אָפענע צביעות. זי איז ווייט פון טובה־טוערײ, עמעצן אָדער דעם גאַנצן פאָלק — פונקט ווי זי איז ווייט פון פוסטער גאווה, באשר־ובכן מען קען בעסער אויסצאָצקען אַ וואָרט פאַר יענעם. יידישע חשיבות איז ווייט פון גרויסהאַלטערישער באַרימערײ אָדער צופרידנקייט מיט אַ טראָפּעלע אויסערלעכער דעקאָראַציע. זי וואָרצלט אין דער צניעות פון אַ תלמיד חכם, וואָס איז חייב־מיתה פאַר אַ פלעק אויפן בגד — בפרט נאָך פון אַ פלעק אויף דער נשמה. זי איז אויך ווייט פונעם ביליקן כבוד־געיעג: פאַר יעדער געטוענער אָדער נישט־געטוענער טאַט. אַזאַ מין כבוד־זוכן מיינט: פאַר זיך גופא האָב איך גאָרנישט געטאָן — און במילא מוזן מיר **אַנדערע** באַצאָלן. דער אמתער כיבוד איז אָבער, ווען מען זוכט דעם שכר אין דער אייגענער דערגרייכונג.

יב.

אין אונדזער ליטעראַטור (און וווּ נישט?) איז אויסגעגאָסן דער גאַנצער צאָרן אויפן כבוד־זוכער, הגם זעלטן־וועד עס איז אַליין באַפרייט פון דער דאָזיקער מכה. מען קען אָפילו זאָגן וועגן **דער** מידה פונקט ווי וועגן דעם יצר־הרע: אָן איר וואָלט אפשר די וועלט חרוב געוואָרן... כבוד־זוכערײ איז געוואָרן אַ שטאַרקער קאָנקורענט צום נאַציאָנאַלן געפיל ביים בויען די מדינת־ישראל און דאָס יידישע לעבן פון אומעטום. דאָס מיינט: דער דאָזיקער כוח העלפט בויען גרויסע זאַכן. שוין בלויז צוליב דעם אַליין מוז מען זיך שאַפן אַ רעאַלן בליק אויף דער דאָזיקער מידה.

צוליב וואָס יאָגט זיך אַ מענטש נאָך כבוד? פאַראַן אַזעלכע, וואָס זעען אין אַזאַ געיעג אַ פסיכישע אומנאָרמאַלקייט: אַ מענטש, וואָס וויל זיין מער ווי דאָס וואָס ער איז. דערויף קען מען אויסבויען אַ גאַנצע טעאָריע, מיט אָפּצווייגן און גריבלענישן. אַנדערע זעען עס גאָר פשוט: אַ לעכץ צו פיזישן תענוג. ווען מען איז שוין זאַט און איבערגעגעסן, וויל מען אויך פילן דעם טעם פון **אַזאַ** מין פאַרגעניגן. ביי טייל איז עס אַ פועל־יוצא פונעם פאַרדרענגטן לעכץ נאָך מאַכט. אין לענדער וווּ מען קען דעם זיסן טעם פון מאַכט נישט דערגרייכן מיט דער בייטש — זוכט מען אים צו דערגרייכן דורך יענעמס ווילן אָדער מאָראַלישן צוואַנג דיר אָפּצוגעבן כבוד.

למען האמת איז אָבער דער וואָרצל פון כבוד־זוכערײ אַ טיף־גייסטיקער. די מענטשלעכע נשמה **בענקט נאָך חשיבות**. דאָס ליגט אין

דער מענטשלעכער נאַטור. דער מענטש אַליין איז קיינמאָל נישט זיכער אין זיך, ביז ער זעט נישט אָפּגעשפּיגלט אין אַנדערע אויגן זיין ווערט. דער דראַנג צו האָבן כבוד איז בכן — אין נאָרמאַלן אורשפּרונג — אַ נשמה־געשריי, אַ גייסטיקער זשעסט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. אַבער דאָ געשעעט אָפט ווי מיט אַ סך גוטע מתנות, וואָס דער מענטש האָט באַקומען: זיי זענען באַשאַפן געוואָרן גלייך און ער אַליין פאַרקרומט זיי.

דער כבוד, וואָס אַ מענטש זוכט דורך חשיבות, איז אַ נאַטירלעכער און ציט זיך צו די ריינערע פּעדעם פון גייסט. חשיבות אין דעם פאַל מיינט: קודם־כל אַרויסרופן אין זיך גופא די באַזע, בכדי ראוי צו זיין צו איר. כבוד בחשיבות מיינט במילא: פאַרדינען דעם פולן דרך־ארץ דורך זיך אַליין און אים נישט אַרויסרייסן אָדער אויסבעטלען פאַר אַ שיבוש. פאַראַן אָבער אַ כבוד־געיעג פון לייכטערן מין, וואָס ציט זיך צו דער אייגענער הכנעה און אַפילו געפאַלנקייט. דאָס איז אַ קאַריקאַטור פון די אינערלעך־נשמהדיקע לעכצן. אין די קאָמוניסטישע לענדער — ווי אין דיקטאַטורן בכלל — האָט מען איבערגענומען די קאַריקאַטור אָנשטאָט דעם נאַטירלעכן בילד: אַ נאַגייקע אָדער אַ רעוואָלווער שטייט איבערן קאָפּ פון יעדן איינעם, וואָס וויל נישט געבן דעם כבוד מיט גוטן. די דאָזיקע סיסטעמען דאַרפן נישט דאָס האַרץ, נאָר דעם אויסערלעכן פאַרבייג, דאָס קניען... נישט אַנדערש איז דער מענטש, וואָס פאָדערט דעם כבוד וואָס אים קומט גאָרנישט; און אוודאי איז עס אַזוי מיטן כבוד פאַר אַן אידיי, וואָס בלייבט נאָרביים הויכן וואָרט.

אויך דער רבונו של עולם כביכול וויל האָבן כבוד פונעם מענטש. אָבער ער וויל עס פון איין קוואַל: פונעם מענטשלעכן האַרץ (רחמנא ליבא בעי). אָן דעם געפיל איז דער אויסערלעכער זשעסט גאָרנישט ווערט.

בכדי צו דערגרייכן אַזאַ מין כבוד פון חשיבות — מוז מען מצרף זיין די אייגענע נשמה צום מנין. מיר קענען נישט פאָדערן קיין „כבוד פאַר יידישקייט״ אָדער גאָר אַ „דרך־ארץ צו דער יידישער קולטור״ — ווען מען פאַרלירט דערביי די אינערלעכע חשיבות. די מוסרניקעס האָבן געהאַט אַ ווערטל: דער מענטש איז גרייט אויסצושטיין די גרעסטע בזיונות פאַרן ביסעלע כבוד. דאָס לעבן גופא באַשטעטיקט אונדז אויף שריט און טריט די דאָזיקע פּאַראַדאָקסאַלע הנחה. נישט אַנדערש איז עס מיט גרופּן און אידייען: מען שטעלט זיי טיילמאָל אויס אויף ביזוי־בזיונות, בלויז דערפאַר ווייל מען וויל פאַרטיידיקן זייער כבוד.

אויך אין אונדזערע מאָן־מעטאָדן לטובת דעם כבוד פון אַלדאָס־יידישע — האָבן מיר טיילמאָל פאַרלוירן דעם וועג פון חשיבות. אנשטאָט באַווייזן, דורך לאַנגער און סיסטעמאַטישער מי די אָפּגעפרעמדטע קרייזן וואָס מיר פאַר־

מאַגן, לויפן מיר טיילמאָל פּשוט שנאָרען כבוד — וואָס יענע מוזן טייל־מאָל געבן אָן האַרץ און איבערצייגונג. מיר קלאַפּן אָפּטמאָל אין פרעמדע טירן מיט אַ רחמנות־פּנים: דערבאַרעמט אייך און שענקט אונדז אַביסל כבוד, אַ האַרעלע אָנערקענונג... וואַרפט אַראָפּ פון אייערע הויכקייטן, וואָס נאָר אייער האַרץ וויל: אַ חנדל, אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט, אַ גלעט. קיינער פרעגט אייך נישט, וואָס איר טראַכט דערביי — אַבי האָט רחמנות און זייט אונדז מכבד! מיר שטעלן זיך טיילמאָל מיט געבויגענע רוקנס פאַר די האַרן פון פרעמדלעכע טריבונעס און בעטן זיך, זיי זאָלן באַוויליקן און לאָזן פאָרלייענען אַ פּאָעט צוויי פערזן אויף יידיש; כאָטש אָנצייכענען אין יידיש אות אויף זייער שטענדער. דערנאָך באַלעקן מיר זיך מיט די טרוקענע ביינער און שרייען פון גרויס גליק, וואָס מיר האָבן דערגרייכט אַזאַ נצחון: געראַטעוועט ברוך השם דעם כבוד פון אונדזער קולטור!... אין אַמעריקע, למשל, איז דאָס שוין כמעט ווי געוואָרן אַ נאַטירלעכער שטריך פון אונדזער קולטור־כאַראַקטער. אָבער קיין שום ישועה אין תּכליתדיקן פּרט קומט נישט דערפון.

דאָס האָט נאָר געקענט געשען דערפאַר, ווייל מיר האָבן אויפגעהערט צו באַנעמען דעם זין פון די אייגענע ווערטער. מיר זוכן דעם עפעקט פון דעמאָנסטראַציעס, הגם הינטער זיי איז אַלץ פּוסט און שפּלדיק. יענע „שומרים פון ווערטער", וואָס עס איז כדאַי אויסצוזוכן אומעטום, וועלן במילא אויך מוזן זיין די שומרים פון „ווערטן". זיי וועלן מוזן זיך אַוועקלאָזן צום שורש פון יעדער זאַך און זען, וויפל עס איז דאָרט פאַראַן נשמה און וויפל הוילער וואָרט־שפּיל, וואָס לאָזט הינטער זיך גאַנצע בית־עלמינס.

* * *

דער מחבר רייסט דאָ איבער זיין חשבון אין סאַמע־מיטן. דאָס איז אַ מין אייגענע צענזור. ער טוט עס מיט אַ כיוון: אויב די פריערדיקע רייד זענען נישט בכוח קלאָר צו מאַכן דעם ענין — וועלן די צאָל ביישפּילן, וואָס ער האָט נאָך בדעה געהאַט צו ברענגען, אויך זיין איבעריק. טאָמער יאָ — מעג מען זיי אוודאי לאָזן אינעם אַרכיוו, צווישן יענע טויזנטער זאַכן וואָס מען באַהאַלט אויף „הלוואַי זאָל מען עס נישט דאַרפן".

.1948־56

ביימער אין דער מדבר

א.

ערשט די טעג האָט ער זיך ווידער באַוויזן. ער איז אַראָפּגעפאַלן קיין ניו־יאָרק אויף עטלעכע טעג און מיך תיכף אויסגעזוכט אינעם טעלעפאָן־בוך. טרעפן זיך? אוודאי! אָבער ער וויל עס נישט מאַכן אין קיין קאַפע־הויז און נישט אין קיין ביורא. ער מוז מיט מיר זיצן אויג אויף אויג אין מיין דירה — אויב איך האָב אַזעלכע... ער האָט אַ ספּעציעלן טעם דערביי.

זיצן מיר. דאָס איז אייגנטלעך אַביסל איבערגעטריבן: מיר האָבן זיך נישט אַזוי שנעל אַוועקגעזעצט. לכתחילה האָט ער נישט געקענט איינזיצן. ער האָט שוין באַוויזן צו זען די אָפּגעריבענע טרעפּ אינעם אַלטן הויז, דעם טונקעלן אַריינגאַנג, דעם שלאָס אויף דער טיר וואָס זאָגט אָן איינזאַמקייט... איצט האָט ער באַטראַכט דעם טיש, דאָס בעט, דאָס מעבל — אַזויווי ער וואָלט אַלץ געוואָלט אָפּשאַצן פאַר גאָר אַ וויכטיקן צוועק: ד י י נ ס ? ניין, גאָרנישט איז דאָ מיינס. אַפילו נישט די קליינע סערוועטקע אויפן נאָך־קלעי־נערן טישל. אַ ז ו י ג אָ ר ? זיינע ליפּן האָבן געשמייכלט געהיים, ווי נאָך אַ באַהאַלטענעם נצחון. ער איז געוואָרן אויפגעהייטערט און שטעכיק: זאָג מיר, די ג ע ד אַ נ ק ע ן זענען כאָטש יאָ דיינע אייגענע?

איך האָב געשוויגן אַ ווייל. איך מוז פריער אַדורכברעכן אַ סך ווענט פון אָנגעזאַמלטער ווייטקייט, איידער איך קען אים עפּעס זאָגן. האָט ער דער־ווייל די איבערהאַנט. ער באַשיט מיך מיט ווערטער, מיט היץ, מ׳קען זאָגן: מיט עפּעס אַ מיר־אומבאַקאַנטער נ ק מ ה. איך קוק דערווייל אויף זיין פריש פּנים, דעם עלעגאַנטן אָנצוג, דעם „ברילאַנט“ אין קראַוואַט... עס זעט אויס, אַזויווי דאָס האָט ער זיך ספּעציעל אויסגעפּוצט. ער איז געקומען מי־יודע פון וועלכע מרחקים, בכדי מיר צו ווייזן וואָס ער פאַרמאָגט. וואָס איז ער אויסן? איך קען עס זיך נאָכנישט ענטפערן. מסתמא וועט ער אַליין עס דערזאָגן. כ׳פיל, אַז דערויף איז ער געקומען. טראַכט איך בלויז וועגן נעבנטערע ענינים: וויפל קען ער איצט אַלט זיין? איך וויל אים מיט אַלע כוחות אַרויסוויקלען פונעם זכרון־נעפּל; דערמאָנען זיך יענעם, דעם אַ מ אָ ל י ק ן פ ת ח י ה. פּרוביר איך אָפּשיילן פון אים די אָנגעוואַקסענע פרעמדקייט, די נייע מלבו־שים, דאָס זיכערע קול. ס׳איז אַ שווערע אַרבעט: אַראָפּקראַצן פון אים אַ

פערטל יאָרהונדערט אין געציילטע רגעס! אָבער ער דרייט זיך איבער דער שטוב מיט נערוועזער צופרידנקייט, באַהאַלט דאָס פּנים און באַווייזט עס ווידער. איך וואַנדער נאָך אַלץ אין די אָפּגעמעקטע ווייטקייטן: ס׳איז טאַקע ער? נאָך וואָס איז ער דאָ געקומען?

ער איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. איך האָב אים געלאָזט באַטראַכטן די שטויסן ביכער, די בערג פּאַפּיר מיט אָנגעהויבענער שריפט און דאָרט אויסשמייכלען זיין גאַנצן חוזק. מיין זכרון האָט דערביי געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצווויקלען פון די פאַרבאָגענישן איין שטריך נאָכן צווייטן:

דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן אין דער קיך פון אַ ווייטער ישיבה. עס איז געווען אויפן צווייטן טאָג פון מיין קומען אַהין. ער איז שוין דאָרט געווען אַ גאַנצער יחסן און מיר האָט נאָך געבריט די בושה אין די טריט. ביים אויסטיילער איז נאָך געווען אַ ספק, אויב מיר קומט שוין מיין פּאָרציע. האָט ער זיך גדלותדיק אונטערגערוקט און מיר דערלאַנגט אַ נדבה: צוויי קלעצלעך צוקער! איך האָב עס אים לאַנגע יאָרן נאָכגעטראָגן מיט אַ דאַנק. דאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דערמיט האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט איבער מיר אויפן גאַנצן לעבן. ער וועט עס שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ביי מיר האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם זיסן טעם פון אָנהייב: די גמרא, די פאַרשטיקטע לופט, די שווערע גריץ, דאָס דאַרע ברויט, דער ניגון... זיי אַלע האָבן געפירט צו עפּעס אַ גרויסן וועג, אַ פּאַלאַץ מיט אָן אַ שיעור טירן. זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט איין און איינציקן, גרויסן חלום: אויסוואַקסן! אָבער ער איז געווען עלטער מיט גאַנצע צען יאָר. די ישיבה האָט שוין ביי אים געהאַט אויפגעגעסן אַלע יוגנט־יאָרן און אים פּאַמעלעך צוגעפירט צו מיליטער־דינסט.

ער האָט נאָך געברומט פונעם ספר אַרויס, נאָך אָנגעשטעלט אַן אויער צום ראש־הישיבהס שיעור, נאָך געפּרוווט זיך קוויקן מיט אַ חידוש — אָבער דאָס גאַנצע האַרץ זיינס האָט שוין מיד און געלאַסן אָפּגעפּסקנט: פאַרענדיקט. ער האָט שוין דאָ מער גאָרנישט געהאַט וואָס צו זוכן. דער יאוש האָט אים שוין געהאַט צעלעכערט אַלע געדאַנקען. דערפאַר האָט אים מיין האָפּערדיק און פאַרבענקט ניגונדל אַזוי גערייצט, אויפגערעגט...

פון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער זיך גענומען פילן ווי מיין אַפּוטרופּוס. עס איז אים אָבער פאָרט נישט אָנגעשטאַנען צו פירן לאַנגע וויכוחים מיט אַן עלף־יעריק יינגל. פאַראַן זאַכן, וואָס בלויז יאָרן קענען געבן צו פאַרשטיין. אין מיין עלטער זינגט נאָך דאָס געמיט און די פאַנטאַזיע בויט שלעסער אין דער לופט — קען ער מיט זיי קיין שלאַכטן נישט פירן. איך האָב

געפילט, אַז עפּעס בויערט זיין האַרץ — אָבער כ׳האָב אים נישט געוואָגט צו פרעגן. ער איז מיר אויסגעקומען ווי אַ זקן, וואָס האָט שוין אַדורכגעשפּרייזט אַ וועג, צו וועלכן איך וועל אפשר קיינמאָל נישט דערגיין. איין און צוואַנציק יאָר? איז עס דען נישט כמעט ווי די אייביקייט אַליין? דערביי איז נישט אַזוי לייכט געווען צו כאַפּן אַ שמועס. צווישן די בענק האָט זיך געדרייט אַן אויפגערעגטער משגיח און די אויערן זיינע זענען אָנגעשטעלט אויף אַלע זייטן. מיט עפּעס אַ באַזונדערן חוש דערשפּירט ער, ווען מ׳רעדט נישט אין לערנען.

פּתחיה האָט אָבער פאָרט רחמנות געהאַט אויף מיר: אַ פרישער קרבן אויפן מזבח... כמעט נאָך אַ שוואַלב, וואָס ווייסט נישט וווהין זי פליט. דער־פאַר האָט ער אַריבערגעטראָגן זיין גמרא צו מיין זייט, האַרט צוגערוקט זיין שטענדער צו מיינעם — און ווען די ישיבה האָט זיך צערוישט אויף די העכסטע קולות, האָט ער מיר שטיל אַריינגעזונגען אין אויער, פונעם ספר אַרויס:

ס׳איז אַ ליגנט, ס׳איז אַ ליגנט —
ס׳איז אַ פוסטער טרוים!
דער מדבר האָט קיין פעלד נישט,
קיין זאַנג און קיין בוים...
דער מדבר האָט קיין פעלד נישט,
קיין זאַנג און קיין בוים...

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָט אַן אַקער געטאָן אין מיין האַרץ די מאַכט פון ליד. ער האָט גאָרנישט געזאָגט קלאָר, נישט אָפּגעטייטשט וואָס ער מיינט: ווו איז די מדבר? ווער איז דער בוים? נאָר אַפילו מיטן קינדישן אינסטינקט האָב איך מיטאַמאָל דערפילט, ווו איך האַלט מיט אים. נאָך מער האָב איך עס פאַרשטאַנען, ווען ער איז מיטאַמאָל נעלם געוואָרן פון ישיבה. וווהין? יעדער איינער האָט געוווסט עפּעס אַנדערש. איינער האָט געזאָגט: ער האָט נישט געוואָלט דינען אין פוילישן מיליטער און דערפאַר געגנבעט די גרענעץ. אַ צווייטער האָט געוווסט בסוד־סודות: די היים זיינע איז אָרעם ווי די נאַכט. דערפאַר איז ער אַוועק אין אַ גרויסער שטאָט, זיך באַקענט מיט אַן אַלט אָבער רייך מיידל און חתונה געהאַט... און אַ דריטער האָט געהערט: ער איז אַוועק קיין וואַרשע, זיך אויסגעמישט מיט עפּעס אַ פּאַרטיי — און ער הערט נישט אויף צו פירן די מלחמה מיט אַלע הימלען: ס׳איז דאָרט גאָרנישט פאַראַן... אומעטום איז אַ זאַמדיקער סטעפּ; און ווי איז דעם, וואָס ווערט דאָרט פאַרפאַלן. דאַרף מען זיך נישט לאָזן, דאַרף מען נישט.

ב.

יאָרן זענען געלאָפן און איך בין פאַרוואָגלט געוואָרן קיין וואַרשע. עס האָט שוין געשמעקט מיט מלחמה און סכנות. אָבער איך האָב עס נישט גע־פילט. דוכט זיך, אַז איך האָב אַפילו אין קיין צייטונג נישט אַריינגעשמעקט. יענע חלומות מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן שוין געהאַט אויסגעוועפּט — דערפאַר אָבער זענען געקומען אַנדערע. איך האָב געטרוימט וועגן... אַרויסגעבן אַ ספר. האָב איך זיך געדרייט אַרום אַ דרוקערײַ, נישט ווייט פון אַ וואַר־שעווער גאָרטן, אַריינגעאָטעמט דעם זיס־סמיקן ריח פון פאַרב און צוגעזייער־טע מאַטריצן; געזען וויאַזוי אַ נ ד ע ר ע גייען אַריין יעדן טאָג אין מיין פאַ־פירענעם גן־עדן.

מיטאַמאָל איז ער מיר אַנטקעגן־געקומען. דוכט זיך, אַז איך האָב גע־וואָלט כאַפּן אַביסל לופט אין גאָרטן פונקט דאַן, ווען ער איז פון דאָרט אַרויס. ס׳איז געווען תחילת־אָוונט. דער שטויב פון די וואַרשעווער נאַלעווקעס האָט זיך אַנגעזעצט אויף די פאַרחלשטעביימער, אָפּגעפּודערט מיט מידקייט זייע־רע בלעטער... און מיטאַמאָל — ער! ס׳האָט פון אים געיאָגט מיט זאַטער פרישקייט, מיט עפּעס אַן אַדורכגענומענער צופרידנקייט: געוואָלט אויז גע־שריגן, ו ע מ ע ן זע איך דאָ!?

ס׳האָט געדויערט אַן אייביקייט, ביז איך האָב זיך געכאַפּט, אַז ער זאָגט עס צו עמעצן אַנדערש. א ו י ף פּ ו י ל י ש. אין האַלבן טונקל פון וויטלעכן נאַכט־לאַמטערן האָב איך געזען אַ מיידל, וואָס ער האַלט ביי דער האַנט. איז זי שיין געווען? אפשר. ס׳קען אויך זיין, אַז די גאַנצע וועלט האָט ביי מיר דעמאָלט נאָך אויסגעזען שיין. דערפאַר האָט עפּעס אויפגעשטראַלט איבער אים מיט אַזויפיל ציענדיקן גליק. ביידע צוזאַמען האָבן אויסגעזען אַזויווי צונויפגעגאָסן. נאָר ביי מיר האָט דער געדאַנק נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געזעענעם. ער איז נאָך אַלץ געווען דער ישיבהשער „סימאָווער“; דער בחור ביים צעוויגטן שטענדער, נעבן וועלכן אַ דעקאָלטירט מיידל קען נישט שטיין... עס איז פּשוט נישט מעגלעך. דערפאַר מסתמא האָב איך פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט עפּעס דערציילט דעם מיידל וועגן מיר, אָבער איך האָב עס נישט געהערט; פּשוט נישט געקענט הערן.

קען זיין, אַז דעם נייעם אָנצוג האָט ער נאָר־וואָס געקויפט אין אַ ביליקער קראָם. די שיך, דער נייער קאַפּעלוש, דאָס העמד מיט גלאַנציקע ספּינקעס זענען נאָר אַ פאַרבלענדעניש, אַ צודעק... און דאָס מיידל? אפשר איז זי נישט מער ווי אַ דינסט אין אַ רייך הויז. אָבער אַנטקעגן זיי האָט מיין הילוך מיך אַראָפּגעוואָרפן אין סאַמע תהום. איך בין געשטאַנען און געוווּנדערט זיך: פאַר־

וואָס שטייען זיי נאָך? פאַרוואָס שמענן זיי זיך נישט מיט מיר? שוין אַ לאַנגע צייט בין איך נישט באַוועלטיקט געוואָרן פון אַזאַ שפלות־געפיל.

נאָר פּתיחה האָט מיך גאָר געצויגן ביי דער האַנט; געבעטן, אַז כ׳זאָל זיך מיט זיי אַוועקזעצן אויף אַ באַנק... אַפילו אָנגעהויבן ריידן יידיש לכבוד מיר. דאָס מיידל האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג, געהנדלט זיך פאַרשעמט און צוריקגעהאַלטן. דערנאָך האָט ער דווקא געוואָלט אויסדערציילן אַלע זיינע גליקן: ער האָט געמאַכט אַביסל געלט, פאַרדינט נאָך איצט נישט שלעכט... ער האָט אַ שיינע דירה און — — — דאָס מיידל מיט איר שווייגן האָט דערזאָגט דאָס ווייטערדיקע. וואָס מער ער האָט דערציילט, אַלץ מער האָב איך דערפילט ווי ע ר וויל דערמיט עפּעס איבערשרייען, פאַרטושן. איך בין געווען צופרידן, וואָס מיר זיצן אין נאַכטיקן שאָטן; וואָס דיביימער באַהאַלטן אויס מיט זייער אַראָפּגעוואָרפענעם מאַנטל מיינע אויסגעדרייטע שיך. אָבער ער קלאָמערט זיך גאָר אין מיר; דערמאָנט, וויאַזוי מירביידע זענען געזעסן אָט־דאָרט — — —

אינעם טשאַד פון דער צעפאַרעטער נאַכט איז מיר מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן דאָס גאַנצע רעטעניש: ער האָט די טעג דערזען מיין נאָמען, מיט פּיצלעך אותיות, אין אַ ווינקל פון אַ צייטונג.

ג.

באַגעגעניש פירט צו באַגעגעניש. מיר האָבן זיך שפּעטער געטראָפן אין גאָרטנס און אין גרויע הייף. אַלעמאָל האָט ער געפּרווט מיך אַראָפּזעצן צו דער ערד, באַווייזן דעם שיינעם רינג אויף זיין פינגער, אָנגליען מיין דמיון מיט די מיידלעך וואָס לויפן אים נאָך, בלייבן מיט אים. איך האָב אים געוואָלט מקנא זיין און נישט געקענט, ער אַליין האָט נישט געלאָזט. צי עס איז אים גוט? וואָס דען, דאָרט איז גוט געווען? ווען ער גיט זיך אַ דערמאָן אין יענע ישיבה־יאָרן, ווען מען האָט אים צוגעטיילט דריי דינע קלעצלעך צוקער אַ טאָג...

נאָר בעיקר וויל ער דערגיין: וואָס פאַר אַ טעם שפּירט מען, ווען מען דערזעט דעם אייגענעם נאָמען אָפּגעדרוקט שוואַרץ אויף ווייס... ווו דו גיסט זיך אַ דריי — קענסטו צוגיין, קויפן אַ צייטונג, צעעפענען און... דערזען זיך אַליין! אַזוי אין וואַרשע, אַזוי אין קראָקע און אַזוי — אין יענעם שטעטל, ווו ער האָט נאָך די מאַמע און דריי שוועסטער. ס׳איז אַ משל צו איינעם, ביי וועמען עס זענען מיטאַמאָל אָנגעוואַקסן פליגל און ווו ער וויל — דאָרט פליט ער. און ער — מיט אַלעם גוטן, שפּרייזט ער נאָך כסדר אויף דער ערד! ער ווייסט, אַז דאָס אַלץ איז גאָרנישט. נעכטיקע טעג. איינמאָל פילן אַ שווערע

קעשענע געלט, אַריינגיין מיט אַ מיידל אין אַ צוקערניע און דערנאָך אַרומ־פירן זיך מיט איר אין גאָרטן — איז גאָר קיין דמיון נישט. וואָס האָט מען, כ׳בעט איבער פאַר די רייד, פון די פאָר פליגן־פינטעלעך? און ס׳ציט... ס׳ציט ווי אַ כישוף און מאַכט ביי דיר צונישט די גאַנצע עולם הזה!

דערפאַר טאַקע איז ער נישט איינמאָל בייז געוואָרן, געגאָסן שוועבל אויף מיין קאָפּ, באַוויזן אויף דער האַנט אַז... יענע פאָר שורות, וואָס איך האָב אַזויווי אַרויסגעריסן פונעם הימל, זענען מיין אומגליק. פונקט ווי ביי אים די ישיבה — וועלן זיי ביי מיר אויפעסן די בעסטע יאָרן. כ׳וועל אַפילו דעם טעם פון לעבן נישט וויסן. מיטאַמאָל וועל איך זיך אַרומזען, אַז פון אַזאַ כבוד יאָגט אַ מדבר־ווינט. ס׳וואַקסט דאָרט גאָרנישט. נאָך גוט, וואָס ער האָט באַצייטנס שכל געהאַט. בעט ער זיך בלויז, ווי אַ גוטער פריינט: וואָס טויג עס דיר, צו אַלדע גוטע יאָר!?

זיינע רייד האָבן מיך נישט איינמאָל אָנגעגאָסן מיט סם, מיט יסורים. איך האָלט נאָך אַפילו נישט ביי יענעם גליק — און ער האָט שוין אָנגעשריבן,ביים סוף פון דער נישט־דערגרייכטער גרענעץ, דאָס אימהדיקע וואָרט: ג אָ ר־נ י ש ט ! אַביסל האָט געטרייסט, וואָס הינטער אַלע זיינע רייד האָט פאָרט געיאָמערט די אייגענע בענקשאַפט; דאָס אַליין וועלן זיך איינקריצן אין די שורות פון יענעם פאַרהוילענעם און זינלאָזן אייביק־ווערן. נאָר דאָך וואָלט מיר בעסער געווען, ווען איך טרעף אים נישט, מייד אים אויס, באַהאַלט זיך...

אָבער ס׳איז דען שייך אַ באַהאַלטן זיך? פּתיחה סימאָוועט איז טאַקע מיטאַמאָל אויסגערונען, אַזויווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען. אַפילו זיך נישט געזעגנט. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט יורשים. איך האָב זיי באַגעגנט אומעטום: אין אָרעמע קעלערס און אין רייכע היימען. זיי האָבן אָנגעהויבן פונקט ווי ער, באַוויזן זייער גלאַנץ, זייער הנאה פון לעבן, זייער שעפּן מיט פולע עמערס פון אָפענע קוואַלן... אָבער נאָך דעם אַלעמען האָבן זיי זיך גע־נומען אַראָפּלאָזן, ווערן הכנעהדיק, קוקן אין די אויגן אַריין מיט געבעט. וואָס ווילן זיי? גאָרנישט. אַבי מען זאָל זיי נאָר „באַשרייבן”; געבן זיי אַ שטיקל אָרט צווישן די שורהלעך פון עפּעס אַ שריפט, מיט וועלכער מען וועט מאָרגן איינפּאַקן אַ הערינג.

אַליין אַ באַזעסענער פון דער דרוק־מאַגיע, האָב איך פון דעסטוועגן בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין: פעלט עס זיי? פאַרוואָס קענען זיי קיין רו נישט געפינען אין דער וואַרעמער שויס פון זאַטן לעבן, ביז זיי פילן נישט דעם פאַרביקן קיצל איבער זייער נאָמען?

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם רייכן ייד פון וואַרשע: ער האָט מיך געשלעפּט גאָר אַ ווייטן וועג ביז צו זיין פּאַלאַצל, געוויזן מיר האַלב־

פלעגמאַטיש די דירה, דאָס מעבל, די דיוואַנעס און אַפילו דאָס אויסטערלישע קעצל... אָבער זיינע אויגן האָבן זיך ערשט צעפייערט, ווען ער האָט מיך צו־געפירט צו אַ וואַנט: דאָרט איז געווען פּראַכטפול־איינגערעמט אַ ציטונגס־אַנאָנס מיט אַ גליקווונטש צו אים... אַזויווי צום ערשטן מאָל האָט ער זיך איינגעגעסן מיטן בליק אין די פעטע אותיות, וואָס האָבן צונויפגעשטעלט זיין נאָמען — און אין טיפער שיכרות האָט ער אַ פרעג געטאָן: איר זעט? גאָט מיינער, וויפל „פּאַלאַצן" וואָלט ער באותה הרגע אוועקגעגעבן, אַבי ער זאָל כאָטש איין יאָר געפייניקט ווערן מיט דער פיין פון אונדזערס־איינעם, וואָס נעמט יעדן טאָג די פעדער אין האַנט מיט אַן אינערלעך געוויין — — —

דער גרויסער נאַר וואָס איך בין — האָב איך אַזוויי פאַרגעסן, אַז דער מענטש האָט אַ נשמה... און זי רייסט זיך פון אַלע קלאַטקעס, וויל נישט נעלם ווערן מיט יעדער פאַרשווונדענעם טאָג; וויל זיך ערגעץ איינקריצן מיט דער גאַנצער עקשנות אין אַ פּאַפּיר, אָדער אין אַ שטיין: איך בין דאָ אַ מאָל געווען... דאָס אַליין טאָקע באַווייזט, אַז דער מענטש איז נישט בלויז פליש און תאווה. זינט דער ערשטער מענטש האָט אויסגעהאַקט זיין בילד אין האָלץ אָדער אין אַ וואַנט — האָט ער אַנגעזאָגט פאַר אַלע דורות: איך בין נישט בלויז דאָס, וואָס איר זעט. פאַראַן אַן „עפּעס" אין מיר וואָס לאָזט זיך נישט אָפּמעקן; וואָס וויל בלייבן איינגעטוליעט אין אייביקייט. דאָס אַליין זאָגט אָן, אויף אַלערליי לשונות און אין די פאַרשיידנסטע ווינ־קעלעך פון דער וועלט — פון אָנהייב־מענטש ביז אחרית הימים: איך וויל ערגעץ־ווו פאַרבלייבן, ווייל מיין עלעמענט איז אַ בלייבנדיקער...

ד.

... דער פרעמדער און היימישער אין מיין צימער האָט מיטאַמאָל אויס־געדרייט דעם קאָפּ אין מיין זייט: דו שאָקלסט זיך נאָך אַלץ איבער ספרן! דורך די פאַר ווערטער זיינע איז מיטאַמאָל גע־שען איין זאַך נאָך דער צווייטער; ס'האָבן מיטאַמאָל פּאַסירט לאַנגע יאָרן. און דאָך האָבן זיי אָפּגעווישט, ווי מיט דער האַנט, אומצייליקע שטחים און פאַראַנענקייטן. איך דאַרף אים אַפילו מער נישט אויספרעגן, ווו ער איז גע־ווען איבער אַלע מלחמה־יאָרן און ווו ער האָט געלעבט די גאַנצע צייט נאָך זיי. סיידווי איז אַלץ אַ ליגנט. ס'איז אַפילו שקר, אַז ער האָט מיט מיר אַרויפ־געקלעטערט אין מיין אָפּגעזונדערטער דירה. דאָס זיצן מיר נאָך אַלץ אין וואַרשע, אָדער אפשר גאָר אויף דער ישיבה־באַנק. באַלד וועט ער זיך נאָכאַ־מאָל גיפטיק צעזינגען:

— ס'איז אַ ליגנט, ס'איז אַ ליגנט —
ס'איז אַ פּוסטער טרוים — — —

דאָס רעוועוו פון אָפּגייענדיקע שיפן ביים ניו־יאָרקער פּאָרט, עטלעכע צענדליק שפּאַן פון מיין פענצטער, לאָזט אָבער גאָרנישט איוועקווישן. געדענק איך, וויאַזוי מען דאַרף אויפנעמען אַ גאַסט אין הויז. מיין מוח מאָביליזירט שנעל אַלע אויסגעלערנטע מאַניערן במשך פון יאָרן — און זיי דאַרפן מיך וואָרענען פאַר אַן איבעריק וואָרט, אַ בייזן ברום. שמייכל איך שוין, אַפילו ווען ער צעשאַרט מיט די הענט אַ שטויס ביכער און טיקעט מיר בייז אין די אויגן אַריין: דו... ווערסט זיך שוין אייביק אַזוי שאַקלען... אַלעמאָל און אור־מעטום. ווי ווייט דו זאָלסט נישט אַפּלויפן — ווערסטו בלייבן זיצן ביי דער גמרא און ביים שטענדער... און שטענדיק ווערסטו שוין בלייבן אין אָפּגעזונ־דערטן שטיבל, נישט לאָזן, אַז די זון זאָל דיר אַ קוש טאָן... און אַלעמאָל ווערסטו שוין עסן אין דער אָרעמער קיך פון עפּעס אַ ישיבה — כאָטש קיין גאָט איז דאָרט נישטאָ. דו מיינסט, אַז איך ווייס נישט? פאַר אַלע אייערע ביכער קלאַפּט מען ווייטער אין צדקה־גדולה פּושקעס. איר אַלע קוקט ווייטער יעדער גבאיטע אין די אויגן מיט תחנונים; און עס קען גאָר זיין, אַז באַלד וועט איר אַרויסנעמען קינדער פון יתומים־הייזער און זיי וועלן נאָכגיין יעדער לוויה אין אייער נאָמען: צדקה לפניו יהלוך! וואָס האָט דיר געטויגט דאָס גאַנצע אַנטלויפן? וווהין ביסטו עס דערלאָפן?

אַמאָליקע יאָרן איז ביי אונדז געווען אַזויוי אָפּגעמאַכט אַן ווערטער: זיין עלטער און די ערשטע צוויי שטיקלעך צוקער האָבן אים געגעבן אַלע רעכט צו זאָגן מיר „דו". איך אָבער האָב אים כסדר דערווידערט אויף „איר" ביז צו זיין נעלם ווערן. איצט בין איך דאָס ערשטע מאָל אַריבער די גרענעץ: וואָס אַרט עס דיך? ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן ווי אַ געבונדענער אין שטייג: ווען עס זאָל מיך נישט אַרן, וואָלט איך נישט געקומען. איך פרעג דיך בלויז: וואָס ווילסטו פון מיר?

ניו־יאָרק האָט איר אייגענעם, שטיינערנעם ריטם. ווער עס לעבט צווישן אירע מויערן אַ פּאָר יאָר, זאַפּט אין זיך איין איר געדולדיקן רויש פון בייטאָג און די געוואַנטענע שטילקייט פון אירע אָפּגעלעגענע גאַסן ביינאַכט. עס איז פאַראַן אַזויוי אַ נישט־געשריבענער אָפּמאַך צווישן מענטש און זיין שכן, צווישן „מיר" און דער גאַס: זי מעג זיך וויגן אין רויש און איך מעג זיך אָפּשליסן וויפל איך וויל. איך וועל דעם טומל נישט רייסן ביי דער פּאָלע און ער וועט זיך אין מיינע חלומות נישט פאַרטשעפּען. איז זיין אויסברוך פאַר מיר אַ טייל פונעם גרויסן טומל, וואָס פּויקט אין מיין דאַך: זאָל ער! הער איך בלויז. נאָר ער איז נישט געקומען פון ווי־ווייט, בכדי צו הערן מיין שטילקייט. דערפאַר ציט זיך אויס זיין האַנט, כאַפּט מיך ביי אַ לאַץ:

— איך זוך דיך אַרום שוין יאָרן און וויל צוענדיקן מיין נקמה. וואָס

איך האָב צו דיר? גאָרנישט. באמת גאָרנישט. האָסט מיר דען צוגענומען דאָס
ווייב? אלא פאַרוואָס בין איך געקומען? מעגסט עס הערן: כ׳בין רייך גע־
וואָרן! פרעג נישט וויאַזוי. דער עיקר: קענסט עס זען. דער משגיח הערט זיך
מער נישט אונטער — מעג איך זאָגן וואָס איך וויל. ווייסט, וויאַזוי איך האָב
געמאַכט אַ פּאַרמעגן? טרעף בעסער נישט. כ׳האָב פשוט פאַרגעסן אין
אַלץ. ווילסטו — פאַרשטיי וואָס איך מיין. ווילסטו נישט — מאַך זיך
המעוואַטע. הלמאַי זאָל איך זאָגן? ס׳איז מיר גוט געווען. וואָס איך וויל —
האָב איך. ווען איך דאַרף — וויל איך. ווייסט? זינט איך האָב געגעבן אַ גט
די חלומות, קום איך אַפילו נישט צום בענקען. ווער בענקט דען? נאָר
דער וואָס האָט נישט... און ביי מיר קומט אַלץ צו דער האַנט, נאָך איידער
דאָס האַרץ גיט אַ פּיפּס. אַז נישט געדאַכט זאָל זי נאָר ווערן, די בענקשאַפט.
דאָס איז אַ מדבר, וואָס ווייזט דיר גאָלדענע גראָזן; אָבער קיין זאַפט וועסטו
אין זיי נישט שפּירן. האָבן מיר דאָך אַ גרויסן גאָט — דאַרף איך פאָרן היינט
אין איין לאַנד און מאָרגן אין אַ צווייטן. אומעטום ווו איך קום — קען איך
קויפן וואָס איך וויל; אַפילו מענטשן. נאָר ס׳איז אַ פרעמד קויפעניש. דער
רוח ווייסט מיך, וואָס דאָ הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן. דוכט זיך, אַז נאָך
אַלעמען האָט מיר גענומען פעלן דיין אָרעמקייט. איך בין נאָר־וואָס געווען
דאָרט, פון וואַנעט דו ביסט אַוועקגעפאָרן. האָב איך געזען מענטשן, וואָס דו
וועסט זיי קיינמאָל נישט קענען געבן דאָס וואָס איך. פון דיר האָבן זיי בלויז
צורות. וואָס קען עס זיי טרייסטן? וואָס פילן זיי אין דעם? כ׳ווייס נישט.
נאָר עטלעכע האָבן דערמאָנט דיין נאָמען. אויף איין אָרט, אַ צווייטן... אָט
דאָס, זעסטו, האָט מיך ווילד געמאַכט. כ׳ווייס נישט וויאַזוי — אָבער כ׳וויל
קויפן אַזאַ דערמאָנען מיך. פאַרשטייסט כאָטש וואָס איך זאָג? איך יאָג
זיך אַרום נאָך דעם, זינט מיר האָבן זיך געזען אין וואַרשע. יאָג זיך אומזיסט.
דער טייוול ווייסט עס — נאָר כ׳האָב זיך גענומען קויפן ביכער, זשורנאַלן...
כ׳בין דיר נאָכגעגאַנגען, ווו דו ביסט נאָר אַמאָל געוויזן געוואָרן. כ׳ווייס,
וואָס דו וועסט זאָגן: קראַנק, רחמנא־ליצלן. ווען ער איז דאָ מקנא... ס׳וועט
דיר אָבער גאָרנישט העלפן. די רפואה האָב איך זיך אַליין אויסגעזוכט: כ׳מוז
דיר אַליין נאָכאַמאָל זען און טאַקע ממש אָנטאַפּן מיט די אייגענע אויגן דעם
נאַקעטן אמת; אַוועקפאָרן מיט דער טרייסט, אַז דו אַליין האָסט גאָרנישט
דערפון; טאַקע ממש גאָרנישט. וועסט שוין קיינמאָל קיין אייגענעם טיש נישט
האָבן, קיין ליכטיקן שטראַל פון דער זון אויף דיין בעט נישט אויסשפּרייטן...
וועסט זיך אַזוי שאָקלען און שאָקלען אין דער אייגענער מדבר אַריין — און
ווען דיין לעצטער טאָג וועט קומען און די אויגן וועלן זיך עפענען צום גע־
געזעגנען, וועסטו אויסשרייען צום סאַמע חלל: גאָרנישט! איך וואָלט איצט

אויסגעקושט די טונקעלע טרעפּ, וואָס פירן צו דיין שטיבל — ווייל שוין דער ערשטער טריט אויף זיי, האָט מיר אָנגעהויבן צוריקגעבן מיין רו...

— אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס דו האָסט עס מיר נישט געזאָגט אויפן טעלעפאָן. איך בין נישט קיין צדיק און אוודאי בין איך ווייט פון וועלן אָנטאָן אַ נחת־רוח אַזעלכע ווי דו. אָבער ווען איך וויים, אַז דערפאַר ווילסטו מיך זען אין מיין אייגענער דירה — וואָלט איך געוועז צעבראָכן מיין בעט, אונטערגעהאַקט אַ פּיסל פון מיין טיש און אפשר אויך געבאָרגט אַ פּאָר מייז ביי אַ שכן: זאָלן זיי אַרומטאַנצן פאַר דיין כבוד־וועגן... און צוליב וואָס, מיינסטו, וואָלט איך עס געטאָן? בלויז בכדי צו באַווייזן דיר, אַז דו מאַכסט אַ טעות. נישט איך בין די סיבה פון דיין אומרו — נאָר דיין אייגן האַרץ. פאַראַן מיליאָנען בלינדע, וואָס קענען אַפילו פון דיין גראָבן צער נישט וויסן. זיי פּעלט גאָרנישט. דו אָבער האָסט אַמאָל ערגעץ אַריינגעקוקט; און דאָס וואָס דו האָסט איינמאָל געזען — וועט דיך שוין קיינמאָל נישט אָפּלאָזן. דיר וועט שוין קיין בלינדקייט נישט העלפן. איינמאָל אויפגעוועקט די נשמה, וועט זי שוין קיינמאָל מער נישט פאַרזונקען אין שוואַרצן שלאָף. געדענקסט, וואָס מיר האָבן אַמאָל געלערנט פון אַ מוסר־ספר אַרויס? „די נשמה קען קיינמאָל נישט פול ווערן". פאַרוואָס? איז עס אַ משל צו אַ בת־מלכה, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ דאָרפס־פּויער. שטאָפּט ער זי מיט אַלע מאכלים, וואָס זענען זיס צו זיין גומען — און זי פאַלט נאָר אַוועק דערפון אין אַלערליי חולאתן. ער איז טאַקע גאָרנישט שולדיק און מיינט דאָס בעסטע. ער וויל זי פול מאַכן מיט זיך. אָבער אויך זי איז גאָרנישט שולדיק, ווייל דאָס איז שוין דער שטייגער פון אַ בת־מלכה: זי קען דערמיט נישט פול ווערן. זי וועט שוין אייביק מוזן בענקען צו יענעם הויז, ווו איר וויגל איז געשטאַנען. פאַרפאַלן. מיר זענען איינמאָל געלעגן אין אַ גרויסער וויג — און דערפאַר וועלן מיר שוין אייביק בלייבן קראַנק מיט יענער גרויסער בענקשאַפט. די פּויערישע חתונה וועט אונדז קיין רפואה נישט ברענגען. איינמאָל וועט די מחלה רייצן אין אונדז דעם דורשט נאָך כבוד; אַ צווייט מאָל וועט זי אונדז וואַרפן אין דער היץ פון קנאה און אַ דריט מאָל וועט זי אונדז פאַרשמאַכטן די ליפּן מיט גיפט. איז דאָס די בענקשאַפט אויסן? זיכער נישט. מיר ווילן בלויז איר לשון נישט פאַרשטיין. זי מאַנט איינס און מיר גיבן איר עפּעס אַנדערש — דערפאַר שרייט זי ווייטער אין אַלע אונדזערע אברים...

— פאַרפאַלן, זאָגסטו? איז שוין טאַקע קיין רפואה נישטאָ?

— ווער האָט אַזוינס געזאָגט? נישט איך... איך בין צופיל ניכטער. דערפאַר קען איך נישט אָפּלייקענען דעם סטעפּ אַרום מיר. נישט איינמאָל האָב איך אַליין געוואָלט שלאָגן קאָפּ אין וואַנט פאַר יאוש; דערפאַר ווייל

איך האָב אים טאַקע דערזען מיט אַלע שוידערן. איך פיל אָבער, אַז די טרייסט דאַרף איך מיר נישט זוכן ביי אַנדערע. כל זמן יענע בענקשאַפט זיצט אין מיר — איז דער מדבר קיין מדבר נישט. איך מוז האָבן כוח אַליין צו זיין דער בוים און זיך זעצן אונטער מיין אייגענעם שאָטן. דו ווייסט? ס׳איז אַפילו גוט, וואָס דו ביסט געקומען אויפמאָנען דיין חוב. כ׳וועל אים דיר באַצאָלן. דו האָסט דער ערשטער אַריינגעבלאָזן אין מיר דעם טרויער מיט דיין לידל, וואָס האָסט ערגעץ גענומען אויף באָרג. אַ סך יאָרן שפּעטער איז עס מיר קאַפּויער געקומען מיט צער און יסורים. אָבער ס׳האָט געלוינט. ווי איז אונדז אָן יענעם טרויער! ער איז דאָס זאַלץ צו אונדזער ברויט און די קילע האַנט אויף אונדזער צעהיצטן שטערן. ער ווייזט אונדז, ווער עס זיצט אין אונדזערע טיפענישן. אָן אים וואָלטן מיר די אייגענע בת־מלכה נישט דערזען און איר לשון נישט פאַרשטאַנען. פאַר דעם קומט דיר זיכער אַ דאַנק, וואָס מיטן עלף־יעריקן שכל האָב איך נישט פאַרשטאַנען אים צו געבן. איצט אָבער דאַרף איך מער נישט דיין לידל. דאָס לעבן אַליין זינגט עס כסדר אויס מיט די העכסטע טענער. וויל איך דיר עס אומקערן אַביסל געענדערט:

ס׳איז אַן אמת, ס׳איז אַן אמת —
נישטאָ קיין פוסטער טרוים!
דער מדבר האָט אַ פעלד —
אַ זאַנג און אַ בוים...
דער מדבר האָט אַ פעלד —
אַ זאַנג און אַ בוים...

מיר דאַרפן נאָר וויסן, וויאַזוי זיי צו פאַרפלאַנצן קודם־כל אינעם אייגענעם סטעפּ.

ניו־יאָרק, 1954.

אָן וויזיע

א.

מיר האָבן אין לעצטן דור געהאַט אַ סך סיבות צו שלאָגן זיך על חטא. עס האָבן נישט אויסגעפעלט קיין זינד, פאַר וועלכע דאָס האַרץ איז ווערט געווען די קלעפּ. אָבער בעיקר האָבן מיר געדענקט אינעם „חטאתי״ פאַר מעשים וואָס מיר האָבן ג ע ט אָ ן. עס איז אָבער די העכסטע צייט אָוועקצו־שטעלן אין אונדזער רעגיסטער אויך די לאַנגע ריי פון ש ל א ע ש י נ ו ס; פון זאַכן וואָס מיר האָבן נ י ש ט געטאָן און דערמיט פאַרגרעסערט אונדזער הילפלאָזיקייט. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזען, וואָלט איך אויפן ערשטן אָרט אָוועקגעשטעלט אַ נייעם „על חטא״: ש ל א ח ל מ נ ו, וואָס מיר האָבן אויפגעהערט צו חלומען.

מיר זענען ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּראַקטיש פאָלק, וואָס וואָגט נישט מער צו טרוימען און וויל נישט האָבן קיין שייכות צו בטלנותן מכל המינים. אַז מען לעבט יאָרן אין אַמעריקע, אָדער אין אַנדערע תפוצות, קען מען זען וויאַזוי דאָס „פליען אין די הימלען״ איז ביי אונדז געוואָרן אַ מוראַדיקער חסרון. מיר זענען געוואָרן אַ פּיל־מיליאָניקע עדה אָן אַ וויזיע און אָן גייסטיקן פלי. עס אַרט אונדז נישט מער, וואָס אַפילו ביי נשמה־ענינים האָבן מיר מער נישט קיין הימל. דערפאַר זעען מיר אָפּט נישט ווייטער פון אונדזער נאָז.

אמת: מירריידן ווייטער הויכע פראַזן, וואָס אַנדערע האָבן אונדז גע־לאָזט בירושה. אָבער אין אונדזער האַרץ זאָגן מיר זיך אָן צום וויפלטן מאָל: דאָס זענען בלויזע רייד, וואָס געהערן צו דער צערעמאָניע... נעם זיי נישט ערנסט. מיר אימיטירן צופיל די באַרעכנטקייט פון אַנדערע. פאַרגעסן מיר דערביי, אַז ווען נישט די אַמאָליקע פאַנטאַזיאָרן מיט גאָט אין האַרץ — וואָלטן מיר נישט געהאַט אַרום וואָס אַנצושטעלן די רעאַלע מינעס.

עס פעלט אונדז מאַראַלישער פ אַ ר מ ע ס ט, ווייל דאָס איז מחייב צו חלומות; און צווישן די הויכע מויערן פון דער פּראַקטישער וועלט האָבן מיר פאַרגעסן דעם וועג צום שטילן אינדזעלע פון חלום. די הענט שטרעקן זיך נישט מער צו קיין גרויסע זאַכן — דערפאַר צעקריכן אויף די קליינע צווישן

אונדזערע פּראַקטישע פינגער. מיר מוזן זיך בכן נאָכאַמאָל אומקערן צום זכרון פון יענע, וואָס האָבן אָנגעהויבן ווי בטלנים און דאָך פאַרענדיקט ווי נביאים.

ב.

ווער עס האָט אַמאָל טועם געווען דעם טעם פון אמתן שרייבן — ווייסט: עס באַפאַלט אונדז אַמאָל אַ ציענדיק געפיל, אָן גענויע ווערטער. מיר ווייסן טיילמאָל אַליין נישט, וואָס פון דער בענקשאַפט וועט אַרויסקומען — ביז מיר גופא זעען עס נישט אויפן פּאַפּיר. די גאַנצע עבודה פון ג ר ו י ס ן שרייבן איז פול מיטן קינסטלערס אייגענער ד ע ר וו אַ ר ט ו נ ג. דער עכטער שרייבער מוז גאָר־אָפּט א י ב ע ר אַ ש ט וו ע ר ן פון זיך אַליין. ער פילט אָפּטמאָל אַזויווי נאָך איינער, אַן אומגעזעענער, זיצט ביי זיין זייט און פירט אָן מיט זיין פעדער. דערפאַר מוז אַן אמתער קינסטלער טיילמאָל זיך וווּנדערן (און אַפילו שעמען), וואָס מענטשן מיינען, אַז דאָס אַלץ האָט ער אַליין פּלאַנירט און אויסגעטראָגן. אויב ער איז ערלעך מיט זיך אַליין — ווייסט ער: גאַנצע שטיקער פון זיין שאַפן האָט ער גופא כמעט ווי נישט אויסגעוואַרעמט. זיי זענען אַזויווי אָנגעלאָפן בחיפזון און אַריינגעשטורעמט אין זיין מי אַריין. אין „נאָרמאַלע“ שעהן וואָלט ער זיי אפשר נישט בכוח געווען צו פאַרטראַכטן. דאָס גרויסע ווערק וואַקסט טיילמאָל אויס ווי די שיינקייט פון אַ בוים — פון געהיימע זאַפטן, וואָס ריזלען אין באַהאַלטענע טיפענישן. די גאַנצע וועלט איז פול מיט יענער פאַנטאַזיע, מיט יענער שטורעם־וויזיע, וואָס זוכט נאָר אַן אָרט ווו זיך אָנצוהענגען. דער גרויסער קינסטלער איז טיילמאָל די אָפענע פידל, וואָס שפּילט אַרויס דעם ניגון פון זיינע פאַרבאָרגענישן. ער ווערט טיילמאָל באַפאַלן פון אַ שאַפונגס־מאַכט; און זיין מענטשלעכער כוח דריקט זיך גיכער אויס אינעם צוימען די כוואַליע — איידער אינעם געבוירן זי.

דאָ שטעקט אפשר דער חילוק צווישן דורכשניטלעכן שרייבער און דעם גאָט־געבענטשטן קינסטלער. דער פּשוטער פען־אַרבעטער וועט זיך שטענדיק דערקענען אין זיינע שורות. אומעטום שטאַרט צו אים אַרויס זיין אייגן געשטאַלט. ער האָט דערפון ב ל ו י ז הנאה, ווייל ער זעט נאָר דאָס, וואָס ער האָט דאָרט בהקיץ אַריינגעלייגט. דער טיפער מייסטער וועט זיך אָבער מער וו ו נ ד ע ר ן ווי שטאָלצירן: האָב איך עס טאַקע באַוויזן? א י ך ?

ווער עס זעט זיך כסדר אין זיינע געשריבענע שורות, ווי אין אַ שפּיגל — האָט דאָרט בלויז אַריינגעלייגט דאָס גרויע, וואָס באַגלייט אים טאָג און נאַכט. אָבער ווער עס גאַפט אַליין דערפון, וואָס ער דערזעט דאָרט לאחר־המעשה — דער האָט זוכה געווען צו דער העכערער עליה פון שאַפן.

איז דאָס אַ סתירה צו אונדזער כסדרדיקן פאַרלאַנגען, אַז דער מייסטער מיט זיין וואָרט זאָל זיין א י י נ ס? אויבערפלעכלעך זעט עס אַזוי אויס. אָבער למען־האמת איז עס נאָר אַ תביעה צום מייסטער, אַז נאָך דער גרויסער איבעראַשונג מוז ער ווערן אַ געטרייער תלמיד פון זיין אייגענעם רוח־הקודש. דווקא דערפאַר, ווייל ער דערקענט דאָרט נאָך אַ האַנט — מעג ער זיך פאַר־בייגן אין יראת־הכבוד פאַרן אייגענעם וואָרט. ווײַבאַלד אָבער ער זעט נאָר דאָרט אַרויס זיך אַליין — קען ער במילא גרינג־שעצן וואָס דאָרט שטייט: ער ווייסט דען נישט וו ע ר עס האָט עס געזאָגט?

דאָס זעלבע איז חל אויף אמת־גרויסע רעדנער. אָפטמאָל ברענגען זיי אַרויס פון זיך עפּעס אַזוינס — אין טראַנס פון אימפּראָוויזירטן קאָנטאַקט מיטן צוהערער — וואָס אין געוויינטלעכע שעהן זענען זיי דערצו נישט מסוגל. פון וועלכע קוואַלן קומען אַזעלכע חידושים? פונעם באַהאַלטענעם חלום, וואָס נאָר געציילטע שעהן קענען אויפדעקן און אָנשעפּן פון זיי דאָס געהעריקע לשון. דער געוויינטלעכער רעדנער ווייסט אַלעמאָל היינט, וו אָ ס ער וועט זאָגן שפּעטער אָדער מאָרגן. ער האָט שוין לאַנג איינגעשטודירט אַפילו דאָס מינדסטע פּינטעלע און דעם קלענסטן זשעסט. אמת: אויך אַזעלכע האָבן טיילמאָל באַצויבערט מאַסן. אָבער מאַסן־סוגעסטיע איז קיינמאָל נישט די געהעריקע מאָס פאַר גרויסקייט. דאָס מוז בלייבן אַ פייער אָן פלאַם; און יעדער איינער מיט אַ חוש פאַר אמת מוז אַרויספילן דעם ק י נ ס ט ל ע כ ן אָנשטעל. אַזעלכער מוז בלייבן קליין, אַפילו אין די מינוטן פון העכסטן פאַ־טאָס און אָנגעהיצטן טעמפּעראַמענט. דאָס איז קודם דערפאַר, ווייל ער גיט נישט זיך אַליין די געלעגנהייט איבעראַשט צו ווערן.

אָבער דער „נואם בחסד עליון" וועט אַלעמאָל דערשפּירן, וויאַזוי אַ געהיימער כוח מייסטערט זיין מויל; וויאַזוי דער „חסד" באַפאַלט אים אומ־געריכט און בריט מיט אַ ברענענדיקער קויל זיינע ליפּן. דער גרויסער רעד־נער קען אַמאָל האַלטן אַ שלעכטע רעדע, בעת דער קליינער רעדנער וועט אַלעמאָל אַרויסקומען „גוט". דאָס זעלבע קען מען אַפילו אָנמעסטן אויפן גרויסן אַ ק ט י אָ ר, הגם ער האָט שוין לאַנג גרייט זיינע טעקסטן: דער גרויסער קינסטלער לעבט אַלעמאָל איבער אַ נייגעריקן פיבער; און ביי יעדער פאַרשטעלונג ווערט ער פאַרוואַנדלט אין דעם וואָס ער שפּילט — אויף אַן אַ נ ד ע ר אופן. דעם טעקסט גופא קען שוין קיין שום א י נ ס פּ י ר אַ צ י ע נישט ענדערן. אָבער דעם טאָן און אָטעם; די נשמה פון די פאַרטיקע ווערטער קען ער אַלעמאָל אויפסניי באַלעבן אָדער דערהרגענען מיט זיין ציטער. די „פּראַקטישע" זייט פונעם שפּיל האָט ער שוין פאַרחתמעט אין די רייד. אָבער דער „ח ל ו ם" איבער דעם פאַראַנענעם דאָמינירט פאָרט איבער דער דער־

הויבונג אָדער פאַל. אָן דער דאָזיקער וויזיע קען מען בכלל צו קיין גרויס־קייט נישט דערקלעטערן.

דער סך־הכל איז בכן אַ קלאָרער: אויב עמעצער איז דורך זיין שאַפן נישט אַריבערגעוואַקסן זיך אַליין — איז ער בכלל נישט געוואָקסן. דאָס האָבן מודה געווען גאָר אַ סך, וואָס זענען באַשטראַלט געוואָרן פון גאָטס אָטעם. אַפילו אַזאַ ניכטער־מאַטעריאַליסטישער לייב ווי ט ר אָ צ ק י האָט עס מודה געווען, בנוגע אַ צאָל פון זיינע אויפטרייסלענדיקע רעדעס.

דער עכטער קינסטלער איז בכוח צו מאַכן פון זיין „שפיל" אַ וואָרהאַפּ־טיק לעבן, הגם אין נאָרמאַלע שעהן איז ער ווייט פון צו זיין אַ פּרינץ, אָדער בעטלער. ווער קנעט אים איבער אין אַזעלכע מינוטן פון דערהויבונג? בלויז יענער געהיימער כוח, וואָס שפייזט זיך פון זיינע פאַרבאָרגענע וויזיע־רע־זערוון. מיר זעען בכן, אַז דאָס „איבער־ערדישע" איז בכלל נישט קיין אויס־טראַכטעניש פון בטלנים, נאָר עס דאָמינירט גאָר שטאַרק אַפילו אין נאָר־מאַלן לעבן — כל־זמן מיר בלייבן די געניסער פון דער אָדער יענער קונסט.

ג.

דער יידישער געדאַנק בכלל איז טאַקע אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף יענער העכערער אינספּיראַציע, וואָס א י ב ע ר ר אַ ש ט מער ווי זי לאָזט זיך דערקענען. ס'איז אָן אייביק אַנטפלעקן קוואַלן, וואָס אָט־ערשט האָט מען נאָך פון זיי קיין אַנונג נישט געהאַט. נאָך י ע ק ב   א ב י נ ו גייט אַרויס פון זיין פאָטערס הויז ווי אַ געוויינטלעכער מענטש, הגם מיט אַ ברכה אויפן קאָפּ. ערשט אויפן וועג באַפאַלט אים דער חלום פון דער שטייגנדיקער לייטער — און ווען ער כאַפּט זיך אויף, ברענגט ער אַרויס דעם דאָזיקן אייביקן אמת אין עטלעכע ווערטער: א כ ן   י ש   א ד נ י   ב מ ק ו ם   ה ז ה   ו א נ כ י   ל א   י ד ע ת י (בראשית כח)· פאַראַן, הייסט עס, גאָט אויפן דאָזיקן אָרט — און איך האָב נישט געוווּסט.

דאָס אָרט אָן דעם חלום איז אַ געוויינטלעך אָרט. דער מענטש אָנעם חלום — זעט דאָרט גאָרנישט. ערשט ווען עס קומט די ראַפּטומדיקע אַנט־פּלעקונג, זעט דער מענטש   אַ ז   ג אָ ט   א י ז   ד אָ   פ אַ ר אַ ן,   נ אָ ר   ע ר   ה אָ ט   ד ע ר פ ו ן   פ ר י ע ר   נ י ש ט   ג ע ו ו ו ס ט. דאָ האָבן מיר אייגנטלעך דעם ערשטן גרונט־עלעמענט פון ספּעציפישער יידישקייט: איבעראַשנדיקע אינספּיראַציע, נאָך וועלכער דער געבענטשטער פון גאָט דער־קענט נישט זיך אַליין — און זעט זיין אייגן „אָרט" מיט אַנדערע אויגן.

מיטן דאָזיקן מאָטיוו זענען פול כמעט אַלע יידישע ספרים. אויך די גאַנצע און ריינע אמונה אין גאָט איז געבויט אויפן עלעמענט פון בליציק־

איבעראַשנדיקער אַנטפּלעקונג. גלויבן איז קינסטלערישער אמת. אין אַלע נאָרמאַלע שעהן קען אַפילו אַ נביא גופא נישט זיין „איבערצייגט” אין גאָטס פאַראַנענקייט. ערשט ווען עס קומט די שעה פון חסד, דערזעט דער ראוי־געוואָרענער, אַז פריער האָט ער נישט געזען, ווייל ער האָט נישט געוווסט. דאָס יידישע זיין איז בכן געוואָרן אַן אייביקע דראַמע; אַן אייביקער געראַנגל צווישן די געציילטע מינוטן פון איבעראַשטן זען און לאַנגע יאָרן פון „פאַרבאָרגענעם פּנים”. אָבער די מינוטן גרויסקייט האָבן געקענט שפּייזן אַ סך יאָרן פון אַ נאָרמאַל לעבן. שוין כביכל אַליין, לויט אָן אַ שיעור מדרשים, האָט זיך געמאַכט אַ געניטען פּלאַן, וויאַזוי צו באַשאַפן די וועלט — אָבער ווען עס איז געקומען צו די מינוטן פון דער יצירה גופא... האָט ער אימפּראָוויזירט. דאָס אַליין האָט געגעבן דער וועלט דעם עלעמענט פון איבעראַשנדיקן חסד (עולם חסד יבנה) — און חסד מיינט אייגנטלעך אַ געשעעניש, וואָס מ׳דערוואַרט נישט לויטן אויסגערעכנטן דין... ווען איך זוך בכן די סאַמע־קורצסטע דעפיניציע פאַר דער יידישער שליחות — קודם־כל צו זיך אַליין — שטעלט זיך ביי מיר אָפּ אויף זאַץ: דער ייד איז באַשאַפן געוואָרן צו דער ראָלע פון עם וועלט־קינסטלער. דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס ער האָט געקענט „קינסטלעריש” אויסטראָגן זיין עקזיסטענץ קעגן אַלע אונטערגאַנגס־סימנים. דאָס אויך. אָבער בעיקר האָט ער געקענט אויפהיטן זיין גרויסקייט, אַפילו ווען ער איז לאַנגע צייטן פריער און דערנאָך מיט גאָרנישט גרעסער געווען פאַר יעדן אַנדערן בן־אדם אויף דער ערד. דער ייד האָט געקענט מאַכן „קינסטלערישע” און איבעראַשנדיקע הפסקות צווישן איין קליינלעכער תקופה און דער צווייטער. די גרויסע מינוטן פון חסד, אין מיטן, זענען געווען זיינע שומרים.

דאָס האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אין זיין איינגעשטעלטן לעבנס־שטייגער. דער שבת איז געווען זיין „קינסטלערישע” אַנטרינונג פון אַלע טעג וואָך. דאָרט האָט ער באַקומען די „איבעראַשנדיקע” נשמה יתרה פאַר די קומענדיקע זעקס טעג פון גרויער חול. אַזוי איז עס אויך געווען מיטן איינציקן טאָג אין יאָר, פון שבת־שבתון (יום כיפור), וואָס איז געוואָרן די הייליקע אינספּיראַציע־פּאָן פאַרן גאַנצן יאָר פון מענטשלעכער זינד. זיין גאַנץ לעבן האָט דער ייד אַוועקגעשטעלט אויפן גאַנג צו דער דאָזיקער בליציקער פאַרוואַנדלונג. די באַשטימטע טעג זענען נאָר געווען אַן אָנזאָג, אַז עס זענען פאַראַן העכערע און נידעריקע מאָמענטן אין מענטשלעכן זיין. מוז מען אויסנוצן יענעם חסד און ציען פון אים כוח פאַר אַנדערע טעג, וואָס וויקלען זיך אין דער פּראַקטישקייט פון ימי המעשה. ס׳איז אַ מין שעפּן „ידיעה” פאַר טעג אָן חלום, ווען מ׳ווייסט נישט מער.

אויך אין יעדער טאָג באַזונדער איז איבערגעלאָזט געוואָרן אַן אָרט פאַר דער חלום־אַנטפּלעקונג. אויב גאָט איז נישט אין שטורעם, נאָר אין דער שטילקייט — האָט מען אַפילו נאָך די רווישנדיקסטע תפילות זיך געמוזט איינהילן אין אַ שטילער שמונה־עשרה, ווו דאָס אַנטציקטע שווייגן האָט גע־וואַרט אויפן נס פון אַנטפּלעקונג.

און דאָרט ווו די מעדיטירנדיקע וויזיע ווערט געטריבן פון אַלע טירן, ווערט אויך פאַרמאַכט דער טויער פאַר אַביסל גרויסקייט. דאָרט ווו די פּראַק־טישקייט פאַרנעמט דאָס גאַנצע אָרט — ווערט פאַרטריבן דער שבת פון האַרץ און במילא האָט נישט די קינסטלערישע יידישקייט ווו זיך אָנצו־האַלטן... און אַן אַט־דער ספּעציפישער פאָן פון חלום — קען מען היטן די גאַנצע תורה און דאָך אַרויספאַלן פון דער עכט־יידישער קאַטעגאָריע.

ד.

אמת: אויך דער ייד האָט תיכף ביי זיינע ערשטע טריט באַקומען דעם פולן „טעקסט" פון זיין גאַנצער תורה. עס איז אים אָבער באַלד אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז דאָס נעמט ביי אים נישט צו די רעכט פון מעדיטאַציע. אדרבא: ער מוז כסדר געבן זיך אַליין אַ געלעגנהייט אַריבערצווואַקסן די נאָרמאַלע שעהן פון זיין פאַרשטאַנד. ער מוז כסדר גראָבן אויף אַלע זייטן פונעם אָפּ־געשלאָסענעם טעקסט און באַשאַפן קאַנאַלן פאַר זיין קינסטלערישער וויזיע. נאָר אויף אַזאַ שטייגער קען ער אויפכאַפּן יענע נייקייטן פון באַפּאַלערישן (הגם נישט ב אַ פּ ע ל ע ר י ש ן) רוח הקודש, וואָס טויכן אויף ווי אַ בליץ אין זיין רעיון. טאָמער דערשרעקט ער זיך פאַר אַזעלכע חידושים, קומט די טראַדיציע גופא און טרייסט אים: אַלץ וואָס אַ תלמיד ותיק וועט אַמאָל מחדש זיין, איז שוין געגעבן געוואָרן צו משהן מסיני... אויב דאָס איז שוין „געגעבן געוואָרן" — פאַרוואָס־זשע האָט טאַקע משה נישט אַלץ פאַרשריבן? פאַרוואָס האָט ער אונדז טאַקע איבערגעלאָזט די מאַטעריניש פון זוכן? נאָר דאָס אַליין איז געוואָרן אַ טייל פון דער יידישער ברכה: נישט אַרויסצולייגן אַלצדינג אויפן רעאַלן טעלער.

אַן אייגענער וויזיע — וואָלט אַפילו די פּערפעקטסטע תורה געוואָרן אַ קללה. עס וואָלטן זיך אַרומגעדרייט מענטשן מיט אַ זיכערקייט, אַז זיי ווייסן שוין אַלץ — און במילא ווערט דער מוח און די פאַרשטעלונגס־קראַפט אַן איבעריקע זאַך. דערמיט אַליין וואָלט דער ייד אויפגעהערט... צו זיין אַ ייד. מיטן געבן אונדז די ו ו י ז י ע איז אונדז שוין במילא אַלץ געשאָנקען געוואָרן. דורך דער דאָזיקער מתנה אַליין איז שוין אַלץ „געגעבן" געוואָרן ביים באַרג סיני. מען האָט אונדז מוסר געווען די פּאַטענץ פון אייביקן אַנטדעקן; פון

אייביקן מחדש זיין און דאָס אייביקע איבערראַשט ווערן פון זיך אַליין. אַנ־דערש וואָלט די תורה אויסגעשעפּט אונדזער אינטעלעקט במשך פון איין דור און די ווייטערדיקע וואָלטן שוין פאַרזונקען אין מידער מאַנאָטאָנקייט.

אין דער תורה זענען געגעבן געוואָרן די ראַמען פאַרן זיין אַ פאָלק. אָבער דאָס בילד אינעווייניק מוז יעדער דור באַזונדער אויספּולן מיט זיינע געמעלן. יעדער טאָג מוז ב אַ נ י י ע ן די אַלטע תורה. דאָס אַליין איז געווען אַן אָנזאָג אויף אייביקער קינסטלערישקייט; אויף שטענדיקער אַנטדעקערישקייט. דער־מיט אַליין איז שוין געגעבן געוואָרן אַ מעגלעכקייט דעם פאָלק זיך אַריבער־צוהייבן איבער פעסטגעשטעלטע נאָרמאַליטעטן און אַדורכשפּרייזן אַזויפיל דורות מיט נסים. ווייל דער גרעסטער נס איז געווען: די דערלויבעניש אייביק צו אימפּראָוויזירן דאָס אייגענע לעבן. דאָס האָט אויך דערפירט צו כסדרדיקע אַנטפלעקונגען אויפן שטח פון אייגענעם פאָלקס־כאַראַקטער.

אינעם תנ״ך למשל, איז נישט אַנגעצייכנט אָפּן דער כאַראַקטער־שטריך פונעם יידנטום אין דער תלמודישער עפּאָכע. עס איז דאָרט אָבער באַוואָרנט געוואָרן אויף פאַרשיידענע אופנים, אַז די קומענדיקע עפּאָכע זאָל זיך דאָרט ק ע נ ע ן אָפּגעפינען. דאָס זעלבע האָבן די בעלי התלמוד נישט אָנגעצייכנט קיין גענוי בילד פונעם יידנטום אין דער גאונים־תקופה. זיי אַלע ווידער האָבן נישט געקענט פאַרחתמענען אינעם קאָנקרעטן וואָרט דאָס געשטאַלט פונעם מזרח־אייראָפּעאישן ייד. וויאַזוי האָבן זיך אַלע רינגען פאָרט פאַרבונדן? שוין דער ערשטער בליק זאָגט עס אונדז אָן: דורך קינסטלעריש־וויזיאָנערער אי־בערגעשטאַלטונג. דערפאַר מאַכן אַ טעות די אַלע, וואָס שטעלן אַוועק די יידי־שע תורה בלויז אונטער די פליגל פון קאַלטע אַרכיטעקטן.

די גרויסקייט פון יידנטום איז אפשר באַשטאַנען קודם־כל אינעם קענען זיך אַליין „איבערראַשן“ אָן אויפהער. אַלעמאָל זענען מיר עפּאָכעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אומגעריכטן אויפשוווּנג. אַט האָט שוין געהאַלטן ערגעצוו בשפל־המדרגה — און מיטאַמאָל האָט זיך דער דור, אָדער אַ צאָל יחידים, אַ ריס געטאָן צו די הימלען. די גרויסע געשטאַלטער פון פאָלק זענען גאָר אָפט אַריבערגעפלויגן אַלע מעגלעכע גרענעצן פון ענג־אָפּגעשלאָסענע ווערטער. דער כוח פון זייער וויזיע האָט אויך באַוויזן אַריבערצושפּרייזן אַלע סימנים, וואָס באַשטימען ווער עס איז אַ ייד — און האָבן נאָר געהאַט זייער אייזן־פעסטע לאָגיק אין אַ געוויסער צייט.

יידישקייט האָט זיך אַלעמאָל געהאַלטן א י ב ע ר די פלאַכן פון ענגער באַשטימטקייט און נישט איינמאָל האָט זי אַדורכגעבראָכן דער וועלטס קאַלטע ריגלען. נישט איינמאָל האָט דאָס פאָלק געמוזט צונויפנעמען אַלע אָנזאַמ־לונגען און תורות, אַלע איינגעוואָרצלטע שטייגערן און זיי איינפּאַקן אינעם

רוק־זאַק — ווייל עס האָט געמוזט אַריבערטראָגן דעם גאַנצן שווער־פּונקט אין אַן אַנדער וועלט־ווינקל. דאָס האָט מען נאָר געקענט באַווייזן מיט אויסער־געוויינטלעכער וויזיע. מיר זענען געווען אַ קינסטלער־פאָלק מיט אַלע אברים. אויב עס איז טיילמאָל געווען ענג אין די געשריבענע ראַמען — האָט מען אַפילו די תורה גופא צעגלידערט; אויפגעשפּאָלטן יעדעס וואָרט, ווי אַ גע־היימען אַטאָם. ווערטער זענען צעטיילט געוואָרן אויף אותיות, ראשי־תיבות, גימטריאות, נוטריקונס און סתם וואָרט־שפּילן — אַבי פון דאָרט אַרויסצו־ציען נייעם אינהאַלט און פרישן לעבנס־זאַפט. אַ בליק אין די אַלטע ספרים באַווייזט, וויאַזוי דער ייד איז פאַקטיש געווען דער אייביקער אימפּראָוויזאַ־טאָר פון זיינע אינהאַלטן. מיר האָבן אַלעמאָל געלעבט מיטן אַ ק ט ו ע ל ן ט ײ ט ש פ ו ן װ אָ ר ט, מער ווי מיטן חותם פון אַלטקייט אויף די פסוקים. בלויז טרוקענע משכילים, וועלכע האָבן געוואָלט שפּילן די ראָלע פון פאַרפאַנצערטע אַריסטאָקראַטן, האָבן געחוזקט פון דער מגידישער „וואָרט־אַקראָבאַטיק". זיי האָבן נישט געוואָלט באַמערקן די טיפערע סיבה, פאַרוואָס די ריזיקע דרוש־ליטעראַטור איז אַזוי באַליבט געוואָרן ביי צענדליקער דורות. ערשט איצט הייבן מיר אָן באַגרייפן, אַז יענע פאַרשוווּנדענע גאַלעריע פון פאָלקס־מגידים האָט געטראָגן אַ קינסטלערישע שליחות — סיי אין זייער גע־שריבענעם אַריינטייטש און סיי אין זייער א ו י ס ז י נ ג ע ן משל־מליצהדיק די אַלטע פּסוקים. דערמיט האָבן זיי געהאָלפן פאַרזיכערן דעם איבעראַשונגס־מאָמענט אין די אַלט־באַקאַנטע ראַמען. ווען מיר זאָלן כסדר געווען נאָכגיין דער פּראַקטיק — אַפילו אינעם ראַציאָנעל־קילן לערנען די אייגענע מקורות — וואָלטן מיר שוין לאַנג געלעגן צעשפּרייט אויף אַלע היסטאָרישע בתי־קברות, פאַר וועלכע די יידישע געשיכטע גופא איז טיילמאָל געווען די גע־העריקע פּולאַפּקע.

ה.

די שעפערישע וויזיע האָט זיך ביי יידן גאָר אָפט אידענטיפיצירט מיט דער רעאַליטעט, וואָס קומט נ אָ ך איר. דאָס איז געווען סיי אויפן רעליגיעז־קולטורעלן שטח און סיי אויפן פאָלקיש־שטייגערישן. דער תנכישער כלל, אַז „דער גייסט־מענטש איז משוגע", איז דווקא אויסן געווען אַ גוטמוטיק־ליב־לעכן פאַרגלייך — אין וועלכן ס'האָט געשטעקט אָפענע ב אַ װ ו נ ד ע ר ו נ ג. עס האָט געדאַרפט אָנזאָגן לדורות: אויב מען וויל בלייבן ביי אַביסל גייסט, מוז מען אַקצעפּטירן אין לעבן די ליכטיקע משוגעת־וויזיע, וואָס זעט אויס אין ערשטן מאָמענט גאָר אויסטערליש.

ווען נאָר מיר האָבן זיך באַוויזן מיט גרויסע ווערטן — זענען זיי אין

די ערשטע צייטן נישט פאַרשטאַנען געוואָרן. אַ סימן דערצו זענען די אומ־צייליקע מחלוקתן און חרמס אַרום זיי. אָבער מיט געציילטע דורות שפּעטער האָט מען זיך שוין געכאַפּט, אַז זיי האָבן געבראַכט ליכטיקייט פאַר אַלעמען — אַפילו פאַר דער קעגנערישער וועלט. זייער טובת־הנאה איז קודם געווען דערין, וואָס זיי האָבן אויסגעבריטערט די האָריזאָנטן פונעם גאַנצן יידנטום. ווי נאָר דאָס „נייע" איז אויפגעקומען, האָט דער טיפערער לעבנס־אינסטינקט גופא אונטערגעזאָגט: מיר לעבן נאָך אונטערן מזל פון אייגענעם גנאָד! דאָס „פליען אין די הימלען" איז נישט געווען קיין נאַרן זיך אַליין, נאָר אַן אריינ־כאַפּן זיך אין דער באַשערטער „אומנאָרמאַליטעט", וואָס האָט אונדז מיט־באַגלייט אומעטום.

נאָך מער איז עס נייטיק געווען אין עפּאָכעס ווען מיר האָבן זיך געמוזט איבערשאַפן און איבערקנעטן.

אַ פאָלק אין מיטן איבערגאַנג קען גאָר, אַן אַביסל וויזיע, נישט אָפּגיין קיין איין היסטאָרישן טריט. יעדעס מאָל ווען מיר ראַנגלען זיך פאַר אַ גרויסן ציל, זענען מיר אוודאי בבחינת קינסטלער. אין אונדזער צייט למשל שטייען מיר אי פאַרן אויספאָרמען די אייגענע מדינה און אי ביים געבן גע־שטאַלט דעם ניי־יידישן שטייגער. מוזן ביידע האָבן פאַרנעם, פאַרמעסט, קינסטלערישע געוואַגטקייט. אַפילו ווען מיר האָבן שוין גרייט עקזאַקטע פּראָגראַמען און אַ פאַרחתמעטן אור־פּלאַן, מוזן מיר אַלעמאָל אַרויס פון זייע־רע באַגרענעצטע ראַמען. דער רוח הקודש דאַרף האָבן אויף וואָס חל צו זיין — און זיין גרעסטער שטער איז די ניכטערקייט, דער סוחרישער חשבון.

דערפאַר איז דער פּועל־יוצא פון אונדזערע גרויסע פיגורן אָפּטמאָל אי־בערגעשטיגן זייער אייגענעם כוח. דאָס איז געשען פשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן איבערגעלאָזט געגוג אָרט פאַר דער פאָלקס־וויזיע — זי זאָל קענען צוטשעפּען אירע אייגענע פליגל צו זייער געשטאַלט און ווילן. דאָס מינערט גאָרנישט פון זייער גדולה, נאָר פאַרקערט: עס באַווייזט, אַז דאָס פאָלק האָט זיי אָנערקענט פאַרן גרויסן בוים, אין וועלכן מ'מעג אָנהענגען די ציבורדיק־אָנגעזאַמלטע געניאַליטעט. אין אונדזער צייט איז דאָס מסתמא דער שליסל צום סוד פון הערצלס גרויסן צויבער. אַ געשטאַלט וואָס ווערט לעגענדע האָט באַלד לכתחילה צוגעגרייט אין איר פערזענלעכער וואָר די באַזע פאַר לעגענדאַרישקייט.

היינט, למשל, וואַגט שוין קיינער נישט צו זאָגן, אַז דער ציוניזם איז געווען דער חלום פון בטלנים — הגם לכתחילה האָבן אים נישט געפעלט קיין בטלנישע טרעגער. זיין באַזע פון די ערשטע יאָרן איז באמת באַשטאַנען פון

עטלעכע ברעקלעך געשיכטלעכער רעאַליטעט און אַ גרויסער מאָס צעפליגלטער פאַנטאַזיע. אַפילו די דערוויילּ־באַגרענעצטע מדינת ישראל וואָלט געווען אַן איבעראַשונג פאַר אַ טייל פון יענע אור־חלומער וועגן איר. אפשר האָבן זיי אַליין זיך אַזוי ווייט נישט פאַרגעשטעלט איר קאָנקרעטן קערן. אָבער דאָס איז אַ טייל פון דער יידישער כאַראַקטעריסטיק און עס מינערט גאָרנישט פון די ערשטע פיאָנערנס גרויסקייט, נאָר פאַרקערט: עס באַווייזט, אַז זיי זענען אַריינגעוואַקסן אינעם יידישן אור־כוח. אומעטום ווו עס איז פאַראַן עכטע וויזיע, מוז הערשן אומקלאָרקייט בנוגע דעם לעצטן עטאַפּ. דאָס מוז בלייבן פאַר דער געשיכטלעכער בחירה. וואָס מער דער ציוניזם וועט זיך אויסשפרייטן אויף די רעאַליטעטן, אַלץ מער וועט ער מוזן אויסברייטערן די האָריזאָנטן פאַר נייע וויזיעס. בלויז ד אָ ס וועט אים קענען גאַראַנטירן אַ כסדרדיק אי־בערשטייגן די פלענער פונעם ערשטן בעל־החלומות.

דווקא היינט ווערט אונדז מער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער פּאָעט פון ספר ת ה ל י ם האָט אַזוי שטאַרק אַרויסגעהויבן דעם איבעראַשונג־מאָמענט ביים אומקערן זיך קיין ציון. די ווערטער „בשוב השם את שיבת ציון היינו כחולמים" (תהלים קכו) זאָגן אָן אונדז באַצייטנס דעם אייביק־יידישן פּראָ־צעס: ד אָ ס פ י ל ן ז י ך א י ן ח ל ו ם ־ ט ר אַ נ ס, ד ו ו ק א ד אַ ן ו ו ע ן ד י ב ע נ ק ש אַ פ ט צ ו צ י ו ן א י ז ש ו י ן ר ע אַ ל י ז י ר ט ג ע ו ו אָ ר ן — און עס קען זיך שוין פאַרגלוסטן איבער־צוגיין צו פּראַקטישער באַגרענעצטקייט. זיי טראָגן אין זיך אַזאַ דערהויבענעם אמת, וואָס בלויז הערצל וואָלט אים געקענט דערשפירן אינעם חופה־טאָג פון דער מדינה.

דערפאַר איז אַזוי שעדלעך אָפּצוהאַקן די פליגל ביי יידישער וויזיאָנע־רישקייט, גראָד דאַן ווען איין חלום האָט באַוויזן זיינע רעאַלע פאַרבאָרגע־נישן. דאָס פרעדיקן איצט הוילע פּראַקטישקייט מיינט דאָס זעלבע ווי אָפּ־שטעלן דאָס האַרץ ביי דער יידישער היסטאָריע. דאָס דערקענען דעם אייגע־נעם א י ך אין דער טעגלעכער שאַפונג — מיינט נישט קיין שטייגן אַרויף, נאָר דער ערשטער שריט צו אַ באַרג־אַראָפּ. דווקא אין די האָניק־יאָרן פון פּראַקטישער שיבת־ציון טאָר מען נישט אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט די מחנה קליינע רעאַליזאַטאָרן — און פאַרשטויסן אין אויסגעלאַכטן ווינקל יעדן איי־נעם, וואָס ברענגט זיין צושטייער אין אַ נייעם זעקל פאַנטאַזיעס.

מסתמא דערפאַר האָט דער גרעסטער ייד פון אַלע דורות אַזוי שטאַרק געוואָרנט קעגן די וו אָ ס ד ע ר ק ע נ ע ן ז י ך אַ ל י י ן א י ן אַ ל ץ ו ו אָ ס ז י י ט ו ע ן א ו ן ד ע ר ג ר יי כ ן („און דו וועסט זאָגן אין דיין האַרץ: מיין כוח און די מאַכט פון מיין האַנט האָט מיר געשאַפן דאָס

גרויסע פאַרמעגן. זאָלסטו געדענקען גאָט... ווייל ע ר האָט דיר געגעבן כוח צו מאַכן פאַרמעגן...״ דברים ח, יז). דאָס איז נישט אַזוי מחמת קנאה פאַר גאָטס כבוד ווי די מורא:ביים פאַרכליניען זיך מיטן כוח פון דער „אייגענער האַנט״ קען מען פאַרלירן דעם העכערן שוווּנג און די געבענטשטע וויזיע־פליגל, וואָס הייבן אַרויס איבער די אַקטועל־ניכטערנע פעריפעריעס.

די כישוף־קייטן פון קלאַמערן זיך אין רעאַליטעטן צעשטערן נישט־וויניק גוטע מעגלעכקייטן. זיי גיסן אָן דאָס האַרץ מיט ביליקער זאַטקייט; און פאַר אַזאַ פאָלק ווי דאָס יידישע — ביי וועמען וויזיע איז געווען דאָס טעגלעכע ברויט — איז עס דער געפערלעכסטער סם. ווען מען פאַרלירט דעם אָדלער־שוווּנג פון אויג — זעט מען בלויז ה ע נ ט; און מיט זיי אַליין בלייבט מען אָפּט הילפלאָז און פאַרטרויערט. נישט אומזיסט האָט דער תנ״ך אַזוי וווּנדער־לעך־קורץ אויסגעשעפּט דעם גאַנצן יאוש פון אַ חלומלאָזן דור אין צ ו ו י ווערטער: ו מ ע צ ב ו ן י ד י נ ו. דאָרט וווּ מען זעט נאָר די טוערישע הענט און ווייטער גאָרנישט — בליט אויף זיי אַ טרויער און עס קומט אַ קללה אויף דער גאַנצער ערד. דערפון ווערט אַ דור באַפאַלן פון רעזיגנירטער אַפּאַטיע און דער ניכטערנער יאוש פירט צו נאַקעטער הפקר־זינד; צום מבול וואָס פאַרפלייצט מענטש און חיה, הויז און פלאַנץ.

ו.

ערשט נאָך דער ישועה — דאַרף מען האָבן אַ ישועה... די דאָזיקע ווער־טער פון יידישער פאָלקס־חכמה זענען נאָענטע מחותנים מיטן פסוק, וואָס האָט אַרויסגעזוכט דעם חלום שוין נאָך זיין רעאַליזירט ווערן. דאָס מיינט אויף היינטיקן לשון: ערשט נאָכן אויפקומען פון דער מדינה, די היסטאָרישע ישועה פון אונדזער דור, מוז מען ערשט האָבן די ישועה פון קענען חלומען... און יעדער טענדענץ אין דער מדינה גופא, וועגן אויסטאָן זיך פון חלומות, איז במילא אַ געפערלעכע חולאת.

נישט אַנדערש איז עס מיט דער צווייטער ישועה אין אונדזער דור — פון ראַטעווען אַ האַלב יידיש פאָלק אין די טויערן פון אַמעריקע. גראָד דאָ האָט זיך די יידישע „קינסטלערישקייט״ גענומען אָפּשטעלן. ריזיקע מאָסן, וואָס האָבן געטראָגן בערג מיט חלומות אין די מאָגערע אימיגראַנטן־וואַלי־זעס, האָבן זיך דאָ גענומען איינהילן פון קאָפּ ביז די פיס אין טרוקענע חשבונות. בעיקר איז עס ליידער חל אויפן דור פון וועלטלעכע יידן. ווייזן זיי טאַקע אויף טריט און שריט, וואָס מען קען דאָ אַליין... נ י ש ט ב אַ ו וי י ז ן. ווו נאָר עפּעס אַ צוריקגעשטאַנקייט, איז זי נישט קיין פועל־יוצא פון דער אייגענער באַגרענעצטקייט — נאָר אַ קינד פון „נאַטירלעכן פּראָצעס״. דער־

פֿאַר היטן מיר זיך אויס פֿון יעדער מין פּראָיעקט, וואָס איז „איבער די כוחות". קיינער האָט אָבער קיין געדולד נישט אַריינצוטראַכטן זיך אין דער מיסטיק פֿון באַהאַלטענע כוחות, וואָס מען קען אַרויסרופֿן — אויב מען וויל עס טאַקע שאַפֿן. אָבער אָן דער נאַטירלעכער וויזיע פֿון יידנטום — ווערן אַלע דערגרייכונגען קלענער ווי אַ פֿינגער־הוט.

קען זיין, אַז ווער עס וועט רעהאַביליטירן די וויזיע אין אונדזער הייני־טיקן לעבן — וועט אויך באַקומען די גאָלדענע שליסלען צו אונדזער צוקונפֿט.

פּאַריז, 1949.

אני מאמין... במדינת ישראל

א.

אמר רבי אבא בר כהנא: גדולה הסרת טבעת יותר מארבעים ושמונה נביאים... שהתנבאו להן לישראל (מגילה יד, א).

דער מחבר האָט שוין זיכער אָנגעשריבן הונדערטער מאמרים, במשך די עלף יאָר מדינת ישראל, ווו ער האָט אויך אָרויסגעבערענגט די קריטישע זייטן אירע. פאַרוואָס? קודם־כל — דערפאַר וואָס ער האַלט זיך פאַר אירס אַ שותף. פילט ער אויך זיין פערזענלעכע אחריות פאַר יעדער דאָרטיקער עוולה. ער גלויבט אויך, אַז די יינגע מדינה האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס אייביקע וווּנדער־קינד: דאַרף מען איר נישט קוקן כסדר אין מויל אַריין און כאַפּן התפעלות אַפילו פון יעדער נאַרישקייט. דער צוגאַנג צו מדינת ישראל דאַרף איצט זיין אַ געזונטער — ווי צו אַן אייגענער זאַך, וואָס וועט שוין בלייבן אייביק מיט אונדז. זי איז מער נישט קיין גאַסט אין אונדזער יידישן לעבן — וועמען מען דאַרף בלויז אויפנעמען מיטן העפלעכסטן שמייכל פון מאַניער. איר מינדסטער שריט אין אַ קרומער ריכטונג קען חלילה אויסקרומען איר פנים אויף לאַנגע דורות.

דערפאַר אָבער בין איך זיכער, אַז ווען דער רמב״ם זאָל לעבן אין אונ־דזער דור — וואָלט ער צו זיינע דרייצן עיקרים צוגעשריבן נאָך איינעם: אַ נ י מ א מ י ן... ב מ ד י נ ת י ש ר א ל ח י ה ו ק י י מ ת. דאָס וואָלט ביי אים זיכער געווען איינער פון די הויפּט־עיקרים אין דער היינטי־קער יידישקייט. אַ ייד וואָס איז נאָך היינט כופר אין דער באַשטענדיקייט פון מדינת ישראל, איז פונקט ווי אַ כופר אין יידישן קיום בכלל. פאַרלייקענען מדינת ישראל איז אַזויווי אָפּזאָגן זיך אַליין דאָס לעבן. דאָס זענען די קריטישע זייטן פון דער מדינה איז במילא פאַרבונדן מיט אינערלעכן חשבון־הנפש, וואָס יעדער ערלעכער ייד מוז מאַכן.

עס איז אַ ח ו ב, זאָג איך, צו גלויבן אין מדינת ישראל מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה. דערפאַר איז אויך אַ חוב צו זען אַלצדינג, וואָס קען שאָדן־ברענגען יענער יידישער אייביקייט, וואָס האָט זיך דאָרט פאַרוואָרצלט. דאָס מוז אָבער געטאָן ווערן מיט אַזויפיל כוונה, ווי בעת אַ ייד שטעלט זיך מתוודה

זיין פאַר גאָט. אָן דער אינערלעכער אמונה פון העכסטן גראַד — איז אויך די גערעכטע קריטיק אַ לעסטערונג.

דאָס בלויזע טראַכטן פון מדינת ישראל מוז באַגלייט ווערן פון אַן אי־נערלעכן ציטער. אַנטקעגן יעדער געפיל פון תרעומות מוז אָוועקגעשטעלט ווערן די גאַנצע, געשיכטלעכע אַנטוויקלונג, וואָס האָט צו איר געפירט. ערשט דאַן קען מען משיג זיין, אַז זי איז נישט קיין בלויזער צופאַל אָדער עפּיזאָד. דאַן ווערט אונדז אויך קלאָר, אַז דער ריזיקער כוחות־שפּיל — וואָס האָט אויפגעשטעלט מדינת ישראל — טאָר זיך נישט אָפּשטעלן ביי אַביסל דער־גרייכונגען, וואָס אַנדערע פעלקער ווערן שוין לאַנג פון זיי נישט נתפּעל.

אני מאמין... אַז דער גרויסער נס וואָס הייסט מדינה וועט נישט אויס־געלאָשן ווערן דורך אויסערלעכע כוחות און אוודאי נישט דורך אינערלעכער פלאַכקייט. די גייסטער, וואָס האָבן זי אַרויסגערופן פון די נשמה־באַהעלטע־נישן, זענען באין־אופן נישט אויסן געווען אָפּצושפּילן נאָך אַן אַקט פון דער אייביק־יידישער דראַמע און שפּעטער אַראָפּלאָזן די קורטינע. דאָס וועלן אויך נישט באַוויזן יענע כוחות פון ישראל גופא, וואָס זענען מיד געוואָרן פון דער אייגענער גרויסקייט. ווער ער גלויבט נישט, אַז אין מדינת ישראל איז מגולגל געוואָרן די גאַנצע יידישע אייביקייט — דער ווייסט בכלל נישט, וואָס עס מיינט אַזוינס מענטשלעכער גלויבן. זי איז אונדזער גרויסער המשך — און נישט עפּעס אַן אָנהייב; אַזויווי דאָס יידישע פאָלק וואָלט ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן. דערפאַר מוזן מיר זי באַטראַכטן פון אַלע זייטן: וואָס האָט מדינת ישראל געזאָלט ווערן — און דערווייל נאָך נישט געוואָרן? מיט וואָס אַזוינס האָט זי אָנגעצונדן אונדזער יידיש געמיט און פאַרוואָס פילן מיר זיך פּאָרט נישט־לגמרי צופרידן?

אָבער בעת אַזעלכע שאלות נעמען אויפקומען — וואַקסט אַרויס נאָך אַ גרעסערע שאלה און פאַרשאָטנט אַלע אַנדערע: מיט וואָס ביסטו אַזוי זיכער אין דיין אמונה, אַז מדינת ישראל וועט און מוז שוין בלייבן? שאלה גוררת שאלה; און וויבאַלד דו פרעגסט שוין אַזאַ קשיה, קומט באַלד נאָך איינע: מיט וואָס וועסטו פאַרענטפערן די ערשטע הסכמה פון אַזויפיל פעלקער צום שאַפן די מדינה? און פאַרוואָס זענען אַ סך פון זיי תיכף ומיד געוואָרן אַזוי גלייכגילטיק צו איר גורל? ווו שטעקט דאָ די העכערע לאָגיק פון דער יידי־שער געשיכטע — אויב זי האָט טאַקע אַרויסגערופן די מדינה מיט דער גרעס־טער אימפּעט־אַנזאַמלונג אין די נאַציאָנאַלע אינגעווייד?

הא בהא תליא: די דאָזיקע שאלות האָבן אַ בפירושע שייכות צו די פריער־דיקע. ווען מדינת ישראל זאָל נישט געווען שטיין־בלייבן ביי אַזאַ באַרג פון פּאָליטישע און מיליטערישע שוועריקייטן — וואָלט זי אפשר באַלד לכתחילה

געווען אויסגעמיטן אַ ריי אייגענע עוולות. זי וואָלט אפשר פֿון דער ערשטער מינוט אָן זיך אָפּגעגעבן מיט איר גרויסער שליחות; געהאַט מער כוח און געדולד צו מייסטערן אויף אַ מאָראַלישן אופֿן איר אינערלעך לעבן. במילא וואָלט זי נאָכן ערשטן צענדליק יאָר שוין געהאַט מער קלאָרקייט בנוגע איר יידישן חוב. טאָ וואָס איז דער זין פֿונעם גאַנצן פּלאָנטער?

ב.

זינט מדינת ישראל איז אויפֿגעקומען, עד־היום, שטייט זי פֿאַר אייזערנע ווענט. אַ גרויסע צאָל פֿעלקער האָבן טאַקע תיכף־ומיד שלום געמאַכט מיטן פֿ אַ ק ט פֿון איר עקזיסטענץ — אָבער באין אופֿן נאָך נישט אָנערקענט דעם טיפֿערן זין פֿון איר אויפֿקום. דער פּאָליטישער שוים, וואָס זאַמלט זיך כסדר אין די געהיימע שופֿלאָדן פֿון דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע, גיסט זיך אָפּטמאָל אויס אויף איר קאָפּ.

מיר קענען זיך נאָך אַלץ נישט געבן קיין געניטן ענטפֿער: וואָס ווילן זיי אייגנטלעך פֿון אונדז? די קיום־סכּנות און שטענדיקע אינטריגעס קעגן דער יידישער מדינה, האָבן אונדז ווידער אָוועקגעשטעלט פֿאַר דער אַלטער רעטעניש: צי האָט טאַקע די וועלט־פּירערשאַפֿט אַ געוויסן? מוז טאַקע פּאָליטיק אייביק באַגלייט ווערן פֿון נאַקעטער ציניזם און שמאָלן עגאָאיזם? אויב יאָ — טאָ פֿאַרוואָס האָבן מיר זיך אַזוי געריסן צום ווערן אַ פּאָליטיש־אָנערקענטע נאַציע? האָבן מיר דען געדאַרפֿט רייסן קברים און וועקן אַלע אונדזערע זכותים — בכדי צו ווערן נאָך אַ ציניש לענדעלע אינעם פּאָליטישן כאַאָס? אויב מיר דאַרפֿן זיין אַ נאַציע אינעם געאָגראַפֿישן זין — מוז זי פֿירן איר פּאָליטיק, גלייך ווי אַנדערע. און אויב פּאָליטיק מוז מיינען האַרצלאָזיקייט — מוזן מיר דאָך דערציען אויך א ו נ ד ז ע ר ע פּאָליטיקער צו דעם אומפֿאַרמיידלעכן; מוזן דאָך אויך די בעסטע פֿון אונדז פֿאַרוואַרפֿן דאָס האַרץ אין די הרי־חושך... איז דאָס טאַקע געווען דער ציל פֿון אונדזערע חלומות? עס איז גוט באַקאַנט דער אַלטער תירוץ: זיי אַ וואָלף צווישן וועלף. דאָס מיינט: אויב דו מוזסט שטעקן אין דער וועלט־פּאָליטיק — און אַלע אַרום מוזן האַלטן דעם שטעקן פֿון שקר אין דער האַנט — האָסטו קיין רעכט נישט צו זיין דער איינציקער נביא צווישן זיי. אַנדערש וועלן זיי דיך שנעל אויפֿעסן, מיט דיין גאַנצן פֿאָלק צוזאַמען. צי האָט זיך אָבער געלוינט צו חלומען לאַנגע יאָרהונדערטער, אַבי צו דערגרייכן די (זאָל זיין אַרויפֿגעצוווּנגענע) הויט פֿון אַ וואָלף?

און נאָך עפּעס: אויב פּאָליטיק בכלל מיינט בלויז געוויסנלאָזיקייט — גייען מיר דאָך אַנטקעגן, ווילנדיק אָדער נישט, אַ שרעקלעכן תהום. טאָ וואָס

פאַר אַ טעם האָט עס צו קלאַמערן זיך אין אידעאַלן? וואָס טויגן אונדז אַלע פראַזן וועגן העכערער מענטשלעכקייט, אויב די וועלט ווערט ווייטער דיריגירט פון פּאָליטיקער — און ביי זיי מוז אַלעמאָל דאָמינירן דער ענגער אינטערעס? אויב מיר מוזן זיין אַ מדינה ווי אַלע מדינות — מיינט עס דאָך אין פּשוטע ווערטער: זיין אַ קליין וועלפּעלע צווישן גרויסע טיגערן און לייבן... אויב אַזוי איז, אויסער דער מאָראַלישער זייט, אויך פאַראַן אַ פּראַקטישע שאלה: וואָס קענען מיר שוין אויפטאָן, אַפילו ווען מיר זאָלן מסכים זיין צו וועלפּישע נעגל אויף די אייגענע פינגער?

איך ווייס, אַז ביים שטעלן אַזעלכע שאלות מוז מען אַריינפאַלן אין אַ געוויסער פּאַטעטיק, וואָס רירט שוין היינט קיינעם נישט — סיידן דעם געליטענעם. און ווער רעכנט זיך מיט אים? איך שטעל זיי דאָ אָבער נישט אַוועק בלויז דערפאַר ווייל איך וויל נאַאיוו אויסמוסרן „די וועלט“ אין נוסח פון „שעמען זי זיך, הער קאָזאַק“. דאָ גייט מיר גיכער אינעם דערגיין, אין וועלכער וועלט עס קומט אויס צו לעבן דעם היינטיקן דור פון מדינת ישראל.

עס טאָר זיך קיינעם נישט דוכטן, אַז די ברירה איז געלעגן אין אונדזערע הענט; אַז מיר האָבן טאַקע געקענט באַשטימען, אויב עס זאָל געשאַפן ווערן אַ מדינה אין אונדזער צייט — אָדער מען זאָל זי אָפּלייגן אויף בעסערע יאָרן. ווען דאָס זאָל זיין אמת, וואָלט דער גאַנצער ענין פון מדינת ישראל באמת מער נישט געווען ווי אַ מענטשלעכער צופאַל. אַזעלכע געשעענישן קומען אָבער ווי אַ מוז, צו וועלכן עס שטויסן לאַנגע דורות פריער. אַלץ מיטאַמאָל באַשטימט מיט אַ באַפעלערישן כוח: איצט מוז עס געשען. אַפילו יענע הייליקע עקשנים, וואָס האָבן געבראָכן אייזערנע ווענט — אַבי צו דערגרייכן די מדינה — האָבן געפילט איבער זיך די מאַכט פון יידישן גורל. נישט זיי האָבן אויסגעקליבן דעם מדינה־געדאַנק, נאָר דער מדינה־מוז האָט זיי אויסגעקליבן צום ווערן די געזאַלבטע עקשנים. אויך זיי האָבן זיך (אפשר היינטערבאַוווסטזיניק) געוועהט, געראַנגלט — ווי יונה הנביא קעגן גאָט — און געהאַט גענוג ספיקות: אפשר נישט אַצינד? אפשר זענען זיי אַליין גענוג איבעראַשט געוואָרן, ווען דאָס אייביקע קול האָט זיך אין זיי צעשריגן: דווקא יאָ אַצינד! און זיי קענען נאָך עד־היום צו זיך נישט קומען פון יענער איבעראַשונג.

און אויב די מדינה האָט געמוזט באַשאַפן ווערן — מוז זי דערווייל זיין ווי אַלע מדינות. אויך זי מוז זיך פאַרטיידיקן, ווען זי ווערט באַדראָט. דערפאַר מוז זי אויך אַרויסהייבן דעם זעלנער און פּאָליטיקער, ווי די וויכטיקסטע כוחות אינעם צוויי־פראָנטיקן ווידערשטאַנד. ווילנדיק אָדער נישט, מוז זי כסדר חלומען וועגן שווערד־נצחונות און וויאַזוי איבערצוכיטרעווען

דעם ציניש־עגאָאיסטישן קעגנער. אין אַ וועלט פון קאַלט־אויסגערעכנטע הער־צער — איז שווער צו עקזיסטירן ווי אַ מדינה און דאָך וועלן מאַכן פון יעדן אייגענעם בירגער... אַ נביא. די צייט פאַר נביאים איז נאָך נישט געקומען. במילא פאַלן אַוועק, בעל כרחינו, אַ סך פאָדערונגען — וואָס מיר מוזן אַוועק־שטעלן צו אַ יידישער מדינה אין אַ נאָרמאַלער וועלט.

צי איז טאַקע קיין אויסוועג נישט פאַראַן? מיינט עס נישט אַמאָל, אז דאָס עקזיסטירן ווי אַ מדינה וועט אונדז צווינגען צו מאַכן איין מאָראַלישע קאָנצעסיע נאָך דער צווייטער — ביז פון אונדזער גאַנצן חלום וועט ווערן אַ שאָטן? קען מען טאַקע זיין אַ מדינה אין פּראַקטישן זין — און דאָך בלייבן דערהויבן? ווי מערקווירדיק דאָס זאָל נישט אויסקומען, האָבן מיר שוין דע־רויף אַ קלאָרן ענטפער אין אונדזערע אַלט־יידישע אוצרות. ווידער אַמאָל מוז דער מחבר אויסשטעלן אַ וועקסל דעם לייענער: ער בלייבט זיין בעל־חוב, ביז ער וועט עס אים נישט באַווייזן אין אַן אַרבעט וועגן „יידישע ווערטן" בכלל. אָבער איצט קענען מיר נישט אָפּנויגן פון דער טעמע. האָבן מיר דאָס אַלץ נאָר אַרויסגעבערענגט, בכדי צו פאַרשטיין, פאַרוואָס אַ סך פון אונדזערע אידעאַלן זענען נאָך געבליבן בבחינת חלום אין דער פאַרווירקלעכטער מדינה.

ג.

ס'איז אָבער פאַראַן דער אייביק־יידישער „צוריקגעשמועסט": ווי שטאַרק די עטישקייט אין דער הייניטיקער מדינה זאָל אונדז נאָך נישט צופרידנשטעלן — בלייבט אָבער פאַרט איר מאָראַלישער ניוואָ אַן אומגעווייטלע־כער נס. נאָכן איבערלעבן אַזאַ יאָרהונדערט, האָט דער דרך־הטבע מחייב געווען: יעדער ייד מוז איצט זיין אַ הפקר־מענטש און בלויז חלומען פון בקמה־ציין. דערפאַר איז יעדער איידעלער שטריך אין אונדזער לעבן מער וווּנדער ווי לאָגיק.

לאָמיר זיך דערמאָנען: די לעצטע פופציק יאָר האָבן געקענט צעטומלען אַפילו די שענסטע אידעאַליסטן פון אונדזער מחנה. אונדזער גורל ווערט כסדר באַוועגט פון אַ פאַנטאַסטישן קאַשמאַר: מיר באַצאָלן מער נישט מיט קיין יחידישע קרבנות — ווי אין די צייטן פון „אידעאַלע" פאָגראָמען — נאָר מיט גאַנצע פּראָצענטער פון פאָלק. עס איז אַ כסדרדיקער קאַראַ־האָד פון בלוט אין די גרעסטע ציפערן. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה — און תיכף נאָך איר — האָבן מיר פאַרלוירן בערך פיר פּראָצענט פונעם יידישן פאָלק. דערביי האָבן אונדזערע מערדער געגאָסן די אָפענע הילף אויך פון יענע פעלקער, וואָס האָבן אויפגעשריבן דעמאָקראַטיע און פרייהייט אויף זייער

פּאַן. עס האָט אויסגעזען, אַזויווי מיר וואָלטן געווען אויסערן חשבון פון מענטשלעכע אידעאַלן.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן מיר שוין באַצאָלט מיט אַן ערך 35 פּראָצענט פונעם גאַנצן פאָלק פאַר די „טעותים" פון דער פרייער וועלט כלפּי היטלערן. אויב דאָס איז ווייניק — האָט זיך, נאָך פאַרן היטלער־חורבן, אָנגעהויבן דער „ווייסער" פּאָגראָם קעגן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער סך־הכל איז ווידער באַקאַנט: בערך 25 פּראָצענט פון היינטיקן יידנטום איז דאָרט פאַרשטומט געוואָרן און געבליבן אַמפּוטירט פונעם נאַציאָנאַלן קער־פּער. איז דאָס נאָך אַלץ ווייניק? איז דען נישט דער גרעסטער נס אין אונדזער געשיכטע, וואָס מיר זענען נאָך אַלעמען נישט אַריינגעפאַלן אין יאוש; נישט אויפגעגעבן דעם גלויבן אין מענטש און אין זיך אַליין?

האָט נאָך געמוזט קומען דער עפּילאָג: אַ סך טויזנטער פון אונדזער בעסטער יוגנט זענען אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַר דער מדינה. די „וועלט" האָט טאַקע באַשלאָסן אונדז צו געבן זעלבסטשטענדיקייט — אָבער גאָרנישט געטאָן, בכדי צו פאַרהיטן דעם קריג מיט די אַראַבער. אויך די קרבנות זענען געפאַלן אויפן מזבח פון גלייכגילטיקייט, וואָס אַזויפיל פעלקער האָבן אַרויסגעוויזן. איז דאָס נאָך אַלץ ווייניק פאַר איין האַלבן יאָרהונדערט? וואָלט דען נישט געווען נאַטירלעך, אַז אַזאַ פאָלק זאָל פאַרלירן די נערוון, די ציוויליזירטע מאַניערן און די העפלעכע וואָרטעניש אויפן חסד פון אַנדערע?

עס איז מאָדנע: עד־היום זענען פאַראַן יידישע גרופּן, וואָס וואַרפן פאַר דעם ציוניזם זיין געפערלעכע לאָזונג פון „יציאת אייראָפּע". יעדעס מאָל דער־מאָנען זיי אונדז אויפסניי, אַז דער ציוניזם האָט אָנגעוואָרפן אַ פּאַניק אויף די יידן און זיי אַרויסגעשלעפּט פון זייערע אייראָפּעאישע נעסטן. זיי מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז שוין דריי פערטל יאָרהונדערט האָט „אייראָפּע" אונדז סייווי געטריבן פון זיך; אונדז פּשוט אַרויסגעוואָרפן. פריער זענען געקומען די קליי־נע פּאָגראָמען. וויבאַלד דאָס האָט אונדזער געהער נישט אויפגערודערט — איז געקומען דער האַלבער מיליאָן קרבנות במשך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און נאָך איר. און אויב דאָס האָט אונדז נאָך נישט אויסגעלערנט דעם זין פון געשעענישן — זענען געקומען די פרישע זעקס מיליאָן קרבנות פון דער נאַצי־עפּאָכע. און וויבאַלד אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן — איז גע־קומען דער אייזערנער שלאָס איבער דריי מיליאָן סאָוועטישע יידן. הייסט דאָס נישט, אַז די אייראָפּעאישע ערד וויל אונדז מער נישט טראָגן אויף זיך? עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, וואָס נאָך אַלעמען זענען נאָך ביי־אונדז פאַראַן גלויביקע — און זיי מיינען, אַז מען טאָר פון דאָרט קיין ייד נישט „אַרויסשלעפּן". ווי אומגערעכט אַזעלכע גרופּן זאָלן נישט זיין — באַ־

ווייזט עס אָבער, וויאַזוי טייל יידן ווערן נישט פאַרצווייפלט אַפילו נאָך די שוידערלעכסטע געשעענישן.

אגב: איך אַליין געהער צו די, וואָס מאַכן כסדר פאָרווורפן דער יידישער וועלט, פאַרוואָס זי האָט אַזוי שנעל פאַרגעסן אינעם חורבן. נאָר טיילמאָל דוכט זיך מיר אויס, אַז אויך דאָס איז אַ טייל פונעם יידישן נס: ווער ווייסט, אויב מיר וואָלטן נאָך געקענט אָנגיין מיטן וואָכעדיקן לעבן און לגמרי נישט דעמאָראַליזירט ווערן גייסטיק — ווען אָט דער כוח השכחה זאָל אונדז נישט געווען באַוועלטיקן. ביים כסדרדיקן געדענקען מיט דער גאַנצער שאַרפ־קייט, וואָס עס איז מיט אונדז געטאָן געוואָרן — וואָלט דער בלויזער נקמה־געדאַנק אויסגעפּולט אונדזער גאַנצן מוח און די הענט וואָלטן זיך נישט גע־לייגט צו טאָן עפּעס אויף אַ נאָרמאַלן אופן.

איז בכן קיין וווּנדער נישט, וואָס אַ סך יינגעלייט אין מדינת ישראל האָבן פאַרלוירן דעם פולן צוטרוי, סיי צו די מענטשלעכע און סיי צו די יידישע אידעאַלן. עס וואָלט גאָר געווען אומנאָרמאַל, ווען דאָס זאָל נישט געווען פּאַסירן. אָבער דווקא דערפאַר איז אַזוי גרויס דער וווּנדער, וואָס נאָך אַלע גערודעלעכן און אַנטוישונגען האָבן מיר איינגעהאַלטן דעם צלם־האדם; וואָס עד־היום שטייען מיר נישט אויף קיין קלענערער מדרגה פון אַנדערע פעלקער, הגם זיי האָבן לגמרי נישט געליטן — און נישט אין איין פּרט שטייען מיר העכער פאַר אַ ריי בכבודיקע און געזעצטע אומות. אויב מיר זענען, נאָך אַלע נסיונות, נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיין ווילדע — האָבן מיר שוין דערמיט אַליין אויסגעהאַלטן דעם העכסטן עקזאַמען. דאָס גופא באַווייזט, ווי שטאַרק מדינת ישראל קען זיך דערהויבן, ווען זי וועט זיך סוף־כל־סוף באַפרייען פון אַלע אַקטועלע שרעקן.

נאָך אַ ז אַ חשבון שעם איך זיך טיילמאָל צו קריטיקירן אַפילו די ערגס־טע חסרונות סיי אין ישראל און סיי ביי יידן אין אַנדערע לענדער: טאַקע זינדיק — אָבער... וויאַזוי זענען מיר געקומען דערצו? נאָכן בלוטיקן הינטער־גרונט קומען מיר באמת אַרויס אַן א ל י ס ד ע ר ווי י ל ט פאָלק.

ד.

וואָס האָט מדינת ישראל געגעבן דעם פאָלק? קודם־כל האָט זי צוריק־געבערענגט דעם גלויבן אין זיך. זי האָט צעשטערט די לעגענדע, אַז בלויז אַ מ אָ ל זענען מיר מסוגל געווען צו גרויסע זאַכן; אַז בלויז אין אַנדערע דורות האָט אונדזער פאָלקס־כוח געקענט באַשאַפן וווּנדער. דער אויפקום פון דער מדינה האָט באַוויזן, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין י ח ס נ י ש ־ מ י ס ט י ש ע

עפּאָכעס אין דער יידישער געשיכטע. אויך אונדזער דור, וואָס אַלע האָבן אים באַקרעכצט, האָט זיך באַוויזן אַרויסצוהויבן.

די מדינה האָט אויך צעשטערט די לעגענדע וועגן „אַלטע״ פעלקער, וועמען דאָס לאַנגע שפּרייזן איבער געשיכטלעכע וועגן מוז דעגענערירן. דאָס שאַפן פון מדינת ישראל איז פאָרגעקומען מיט אַזאַ ברען און ייִנגן אײפער — אַז אונדזער „אַלטקייט״ איז אַזויווי נעלם געוואָרן פונעם אויג. אמת: נאָך איצט פעלן נישט קיין קילע היסטאָריקער, וואָס באַטראַכטן עס פאַר אַ מי־ראַזש; פאַר אַ „רעוואָלוציע פון פאַרשטיינערטע״. דאָס פאָלק אין צעריבנ־קייט, אין צעשאָטענע שבטים איבער דער וועלט האָט באַוויזן: די פייכטקייט אין זיינע לענדן האָט נאָך נישט אויסגעוועפּט. עס איז דערביי ווייניקער וויכ־טיק, וואָס דער אָדער יענער היסטאָריאָזאָף האָט צו זאָגן. בעיקר איז דאָך די איבעראַשונג צום גוטן ביי אונדז אַליין: אין אַזאַ דור האָבן מיר פאַרט געקענט באַווייזן, ווי ווייט מיר האַלטן נאָך פון אונטערגיין אָן אַ קרעכץ.

נאָך מער וווּנדער איז עס, ווייל די מדינה איז אויפגעקומען נאָך אַזאַ טרעטן אונדז מיט די פיס פון אַלע זייטן. אַפילו אין די לענדער, ווו יידן האָבן נישט געליטן, זענען די עכאָס פון אונדזער חורבן אַריין אין ביינער. אויב עמעצער האָט עס געזאָגט אָפן, אָדער באַהאַלטן די געפילן טיף אינעם האַרץ, האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט אַ באַשטימטער איינדרוק: דאָס איז אַ פאָלק, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן צו זיין הפקר. ווען נישט מדינת ישראל, וואָלטן גאָר אַ סך יידן אַליין אַרונטערגעפאַלן דעם דאָזיקן פסיכאָז. וואָס וואָלט זיי דען געקענט געבן דעם גלויבן, אַז מיר זענען נאָך צו עפּעס פעאיק? און אַפילו אין די גוטע לענדער, וואָלט מען אונדז באַטראַכט מיט רחמנות־אויגן און אַלע־מאָל געוואַרט אויף אונדזער אונטערטעניקן דאַנק: אַ דאַנק פאַרן לאָזן אונדז לעבן אין רו.

מדינת ישראל האָט אויך פאַרהיטן דאָס וועלט־יידנטום פון אַ דעמאָראַ־ליזאַציע אויף גאָר אַן אַנדער שטח, וואָס קיינער דערמאָנט רעכט נישט: אין יעדער צייט נאָך אַ חורבן, זענען יידן אַריינגעפאַלן אין אַ געוויסער פּאַניק. צענדליקער טויזנטער פון זייערע ברידער האָבן געמוזט פאַרלאָזן די טאָלן פון אומקום און אַוועקוואַנדערן אויף אַנדערע ערטער. ווו האָבן זיי געקענט גיין? נאָר דאָרט, ווו עס זענען שוין פאַראַן יידן; און יענע ווידער האָבן זיך גע־שראָקן: וועט די נייע כוואַליע יידן נישט פאַרערגערן אונדזער אייגענעם גורל? נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך באַוויזן צוויי מחנות פון אַנטויש־טע און צעבראָכענע יידן. פון איין זייט האָבן אויפמאַרשירט די רעשטלעך פון די נאַצי־לאַגערן — און פון דער צווייטער זייט האָט זיך באַוויזן די מחנה געראַטעוועטע אין סאָוועט־רוסלאַנד. ב י י ד ע מחנות האָבן געהאַט איין

בשותפותדיקן שטריך: אַנטווישונג אין מענטש און זיינע אידעאַלן. ביידע האָבן געזען דעם מענטש אין זיין נאַקעטער גרויזאַמקייט און במילא איז זיי שווער געווען ווידער צו געפינען דעם וועג צו זיך.

וויפל זענען זיי געווען? אפשר אַ האַלבער מיליאָן און אפשר טאַקע דער גאַנצער מיליאָן. צווישן זיי זענען געווען הונדערטער־טויזנטער צעבראָכענע נשמות; יינגע מענטשן, וואָס האָבן קיין שום דערציאונג נישט געהאַט און זייער איינציקער לערער אינעם צאַרטסטן עלטער איז געווען די בייטש און דער פּחד. וווהין וואָלטן זיי געגאַנגען? ווער וואָלט זיי אַלעמען אַריינגעלאָזט? און צי וואָלטן זיי נישט געשטעלט פאַר אַ שווערן נסיון די יידן פון די פרייע לענדער? ווען זיי בלייבן אויף גאַס באַראַט, וואָלטן זיי זיכער דעגענערירט. די קורצע דערפאַרונג אין די דייטשע פּליטים־לאַגערן האָט געוויזן, וואָס עס האָט פון זיי געקענט ווערן — ווען זיי מוזן שוין דאָרט בלייבן אויף שטענדיק. אַריינלאָזן זיי אין עטלעכע פרייע לענדער? אַפילו ווען יענע רעגירונגען זאָלן געווען מסכים זיין — וואָלט עס געווען אַ שווער פּראָבלעם פאַר די איינגעזעסענע יידן. ווער ווייסט וויפל ביטערניש און אַפילו דעמאָראַליזאַציע דאָס וואָלט אַרויסגערופן. ווער ווייסט צו וועלכע חרפּות מיר וואָלטן דערגאַנגען בכל אופן — שוין נאָכן ווייטיקלעכן בזיון פון אומקום גופא. אָבער מדינת ישראל איז געווען דער גרויסער נס. זי האָט אויפגענומען אַלעמען צו זיך, אין די היימישע חדרים — און דערמיט געראַטעוועט דאָס וועלט־יידנטום פונעם גרעסטן נסיון, פאַר וועלכן עס איז געשטעלט געוואָרן.

אָבער נישט ווייניקער — און אפשר נאָך מער — האָט דער אויפקום פון מדינת ישראל געגעבן דער „וועלט". איך מיין דאָ נישט יענע מליצהדיקע איבערטרייבונגען פון אַ געוויסן מין, נאָר אַ פּשוטן געדאַנק: אויב אַזויפיל פעלקער האָבן געשטימט לטובת דעם שאַפן אַ יידישע מדינה — האָבן זיי קודם כל געטאָן אַ טובה זיך אַליין. כ'מיין דאָ בפירוש נישט הערצלס געדאַנק (וואָס איז מיר פאַרזענלעך עד־היום נישט צום האַרץ, מכמה טעמים), נאָר עפּעס גאָר אַקטועלס:

יעדע רשעות האָט אַ גרענעץ. עס טרעפט אַמאָל, אַז אַפילו דאָס פאַרדאָרבנסטע פאָלק בלייבט שטיין ביי אַ מוראדיקער וואַנט: נאָך איין שריט און עס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאָלעקטיווער חיה. דאַן מוז קומען די גרויסע אימה; דער ווילן צו טאָן עפּעס גרויס־מענטשלעכס, בכדי צו ראַטעווען זיך פון דער אייגענער פאַרפאַלנקייט. אַזאַ מאָמענט איז אויך געווען די תקופה פון נאָכן חורבן. דאָס אויפגעדעקטע בילד פון די גאַז־קאַמערן, פון אַזויפיל רוצחישע מיטהעלפער ביי פאַרשיידענע פעלקער, האָט יעדן ערלעכן מענטש אין דער וועלט געמוזט אויפטרייסלען. יעדער איינער האָט זיך

געמוזט פרעגן: אויב דאָס איז געשען אין מיין דור — וויאַזוי קען איך ווייטער בלייבן אַ מענטש? די הילפלאָזיקייט פון הונדערטער־טויזנטער לעבן־געבליבענע יידן האָט געשריגן ביז צו די הימלען; און נישט איין גרויסע אָדער קליינע מדינה איז געבליבן שטיין פאַר אַ שווערער דילעמע: אַריינלאָזן זיי צו זיך איז קיין חשק נישט געווען — און לאָזן זיי אויף הפקר האָט אויך דאָס לעצטע ברעקל געוויסן נישט דערלאָזט. האָט דער אויפקום פון מדינת ישראל זיי אַליין געראַטעוועט פון אַ שווערערער „פּאַר־לעגנהייט".

ווען זיי, די פאַרשיידענע פעלקער, זאָלן נישט געווען שטימען לטובת אַ יידישער מדינה — וואָלטן זיי גופא מער נישט געקענט אָטעמען פריי אויף גאָטס ערד. דער לעבעדיקער ייד פון אומעטום וואָלט זיי געמאָנט, דערמאָנט אין די שפּורן פון רשעות, וואָס זיי האָבן נאָך אַלץ נישט באַוויזן אָפּצומעקן — און זיי וואָלטן דערפון פשוט דערשטיקט געוואָרן. יעדע קולטור וואָלט דערביי געמוזט באַנקראָטירן און יעדער שיינע פראַזע וואָלט געקלונגען פוסט אין אַ ליידיקן חלל. דערפאַר האָבן נישט מיר געדאַרפט באַדאַנקען זיי פאַר דער טובה, נאָר פאַרקערט: זיי אַלע דאַרפן עד־היום דאַנקבאַר זיין דער ציוניסטי־שער באַוועגונג, וואָס זי האָט אויסגעטראָגן אַ חלום וועגן מדינת ישראל און דערמיט געגעבן זיי אַ פּאַרטיקע געלעגנהייט צו רעהאַביליטירן זייער געוויסן.

דערפאַר בין איך נוטה צום גלויבן, אַז אַפילו דער הויפּט־צענטער פון רשעות, זינט היטלערס מפלה, ווי סאָוועט־רוסלאַנד האָט געמיינט אויפריכטיק, ווען איר פאַרשטייער האָט דערמאָנט דעם יידישן חורבן; האָט אין נאָמען פונעם דאָזיקן חורבן געמאָנט פאַר יידן די געהעריקע הילף, בכדי אויפצו־שטעלן זייער מדינה. איך ווייס זייער גוט וועגן אַלע ציניש׳ע חשבונות, וואָס דאָס סטאַלין־לאַנד האָט דערביי געהאַט. איך וויל זיי אַפילו נישט אָפּפרעגן. אָבער נאָך אַלעמען שטייט פאַר די אויגן דער יידיש־טראַדיציאָנעלער כלל: נישטאָ קיין מענטש אין דער וועלט, אַפילו דער גרעסטער רשע, וואָס ווערט נישט באַפאַלן יעדן טאָג פון הרהורי־תשובה. פאַרוואָס זאָל דאָס אַנדערש זיין מיט טיראַנען? די תשובה־שטימונגען אין דער נאָך־היטלער־וועלט האָבן געמוזט קומען. אַנדערש וואָלט געווען כלו הקיצין און יעדע אומה באַזונדער וואָלט דאַן געמעגט אַוועק אין די וועלדער.

מהאי טעמא, האָט דאָס שאַפן מדינת ישראל געמיינט פאַר זיי די גרעס־טע טובה וואָס יידן האָבן זיי געקענט טאָן. דער געשלאָגענער ייד האָט גאָר זיי געראַטעוועט און זיי אומגעקערט דאָס מענטשלעכע פּינטעלע. מיר זענען נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון אַ געוויסן קאָמפּלעקס. דערפאַר ווערן מיר נאָך

כסדר גערירט, ווען מען דערמאָנט אונדז וועמען מיר זענען אַלץ שולדיק אַ דאַנק. למען האמת אָבער וואָלטן מיר גאָר געדאַרפט מאָנען דעם דאַנק פון די אַנדערע. דאָס האָבן מיר זיי געגעבן אַ געלעגנהייט צו דעמאָנסטרירן זייער טראָפן געוויסן און מענטשלעכקייט.

ה.

פאַרן יידישן פאָלק איז מדינת ישראל א סך מער ווי טרייסט און אויס־גלייך. דאָס ערשטע מאָל, זינט אַזויפיל דורות, האָט עס זיך דערשלאָגן צו אַן אייגן ברעקל דעציזיע, וויאַזוי צו מייסטערן זיך אַליין. דאָס איז דער פּרוווּ־שטיין, אויב מיר זענען נאָך מסוגל אויסצוטראָגן גרויסקייט — און נישט בלויז זי צו באַשאַפן אין אַ געשיכטלעכן בליץ און פאַרגעסן. מדינת ישראל איז בכן נישט קיין קאַלטע ציפער פון צוועלף אָדער פופצן פראָצענט יידן, אָדער נאָך אַ יידישער ישוב ווי אַלע אַנדערע. דאָרט ליגט דער גורל פון דער גאַנצער אומה. אויב חלילה מדינת ישראל זאָל נישט באַווייזן זיך צו דערהאַלטן בכבוד — וועלן אַלע יידן אין דער וועלט נישט קענען באַווייזן דאָס פּנים פאַר זייערע שכנים. אויב עמעצער וויל עס, אָדער ער איז קעגן דעם — וועט שוין קיינעם גאָרנישט העלפן. די וועלט האָט אידענטיפיצירט דאָס היינטיקע יידנטום מיט דער מדינה. איר כבוד וועט בכן זיין דער יידישער כבוד און אירע דורכפאַלן וועלן זיך אָפּרופן אויפן גוטן נאָמען פון יעדער ייד.

צוליב דעם גופא האָט די מדינה איבערגענומען נישט בלויז די געשיכטע פון אירע אייגענע בירגער, נאָר די אַקטועלע געשיכטע פון גאַנצן פאָלק. עס איז בכן אויך פאַרשטענדלעך, וואָס יידן אומעטום האָבן עס פשוט דער־שפּירט מיט זייער לעבנס־אינסטינקט. טיילמאָל רופט עס אַרויס אַ געוויסן אומווילן: ווען מען זאָל אָוועקנעמען די ישראל־טעטיקייט פון יידן אין אַ צאָל לענדער, וואָלט זייער לעבן אויסגעזען פּוסט און ליידיק. אויף אַנדערע שטחים האָבן זיי ווייניק וואָס צו באַווייזן. אָבער דווקא די דאָזיקע אויסגעפּולטקייט מיט ישראל לערנט אונדז, אַז דאָס פאָלק האָט דאָ דערשפּירט זיין גורלדיקע אָפּהענגיקייט פון דער מדינהס קיום.

אויך די וועלט־פעלקער וועלן נאָך נישט איינמאָל געשטעלט ווערן פאַר אַ געוויסנס־פּראָגע. דאָס שאַפן מדינת ישראל האָט אויך זיי רעהאַביליטירט אין אַ געוויסער מאָס. אָבער שפּעטער האָבן זיי עס אַליין פאַרגעסן אויף אַ מערקווירדיקן אופן. פון צייט צו צייט בלייבט מדינת ישראל אַזויווי איזאָ־לירט; גלייך ווי איר עקזיסטענץ וואָלט נאָך ביז איצט נישט אָנערקענט גע־וואָרן. אויב דאָס קען מעגלעך זיין — איז אַ גרויסער ספק, צי עמעצער

קען נאָך פון אַ וועלט־טריבונע נעמען דאָס וואָרט י ו ש ר אין מויל אַריין. וויאַזוי קען מען באַקעמפן דעם באַרבאַריזם פון אַנדערע, אויב מען שטעלט אַליין אין סכנה די לעצטע האָפענונג פון אַזאַ פאָלק?

אַ סך ביישפּילן פון פריערדיקע יאָרן האָבן שוין באַוויזן, אַז דאָס איז נישט מער ווי גלייכגילטיקייט כלפּי זיך אַליין. דאָס קאַפּיטל היטלער ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה — און דער אויפשטאַנד פון דער אַראַבישער וועלט אין די אָרעמס פונעם קאָמוניזם — וואָרענען ווידער מיט די ווערטער פון אונדזער אוראַלטן פּאָעט:

אוּן ווייס און זע, אַז אויך איבער דיר וועט עס פאַרביי;
וועסט טרינקען פון גיפטיקן בעכער...

אָבער נישט אַלעמאָל ווערט אַזאַ קול געהערט. ערגעצוווּ גיט נאָך אַ ציטער דאָס פינטעלע געוויסן; וואַכן נאָך הערצער מיט טרייסט און שרעק — מען קען אָבער נישט זאָגן, אַז דער גורל פון דער מדינה איז טאַקע אַלעמען שטאַרק נוגע. איז דאָס אַלץ נאָר אַ צופאַל? איז דאָ נישט פאַראַן עפּעס פון גוטן, יידישן גורל, וואָס היט אונדז אויס פאַר אַ ווייטערדיקן דורכפאַל? ווי שטאַרק איך האַלט זיך ווייט פון מיסטיק, דוכט זיך מיר אָבער מיט קלאָרער לאָגיק: אַ ר יי ר ע ו ת א ו י ף פ אַ ר ש יי ד ע נ ע ש ט ח י ם, ב ש יי כ ו ת מ י ט מ ד י נ ת י ש ר א ל, ז ע נ ע ן א ו נ ד ז ל ט ו ב ה. מיר וועלן עס פּרווון דערקלערן.

ו.

וואָס וואָלט געווען, ווען אַלצדינג קומט אונדז אָן לייכט און מדינת ישראל האָט נישט קיין שום שוועריקייטן? דער ערשטער אינסטינקט זאָגט אונדז: מ י ר וו אָ ל ט ן ג ע וו ע ן ג ל י ק ל ע ך. צי איז עס אָבער אַזוי? אייגנטלעך איז עס גיכער אַן ענין פון געפיל, איידער פון שכל־הישר. ווען איך קום צום אויספיר: ד ע ר ג אַ נ צ ע ר כ אַ אָ ס אַ ר ו ם ד ע ר מ ד י נ ה וו ע ט א ו נ ד ז ה י ס ט אָ ר י ש מ ע ר ש ט אַ ר ק ן וו י אָ פ ש וו אַ כ ן. לאָמיר עס קודם אָפּטייטשן מיט אַ משל — געהערט פון אַן אַלטן מוסרניק אויפן פּסוק „ווע׳מען (גאָט) האָט ליב — שטראָפט ער״:

משל למה הדבר דומה? צו אַ גרויסן מאָלער, וואָס האָט ליב געהאַט צו זען די וועלט פאַר זיין לייוונט אויפן שפּיץ פון אַ פעלדז. אין אַ בלוטיק־שקיעהדיקן פאַרנאַכט איז ער אַרויף צום סאַמע־שפּיץ, באַטראַכט די פייער־דיקע זון און אַריינגעפאַנגען איר גאַנצן כישוף אין זיינע פאַרבן. ווען ער האָט שוין געהאַט אָנגעוואָרפן דאָס בילד, האָט ער געמאַכט עטלעכע שריט

אויף צוריק, בכדי צו באַטראַכטן זיין שאַפונג אויף אַ שטיקל דיסטאַנץ. האָט ער אַזוי געמאַכט איין שריט אויף צוריק נאָכן צווייטן — און גאַפנדיק אויפן בילד האָט ער נישט באַמערקט, אַז ער שטייט שוין מיטן רוקן ביים סאַמע־תהום. נאָך עטלעכע שריט — און ער פאַלט אַראָפּ אין כף־הקלע אַריין פון גרויס עקסטאַז. זיינס אַ חבר, וואָס איז געשטאַנען אין באַהעלטעניש, האָט עס דערזען און באַנומען די גרויסע סכנה. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? שרייען? וועט יענער, אין זיין פאַרכישופטקייט מיט זיך אַליין, עס נישט הערן. טאָמער־יאָ, קען ער פון צעטומלטער שרעק לויפן צום תהום אַנשטאָט זיך ראַטעווען. דערפאַר האָט יענער אַ שליידער געטאָן דעם מאָלערס פּינזל צום פּאַרטיקן בילד און דאָרט געמאַכט אַ ריזיקן פלעק. דער קינסטלער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק — און געראַטעוועט געוואָרן...

איך שרעק זיך לגמרי נישט פאַרן פאַרוואורף, אַז דאָ באַנוץ איך זיך מיט אַ מגידישער טרייסט — ווייל דאָס משל דערמאָנט מיך אין גאָר אַ סך אַקטועלע אַקצענטן. דאָס מעכטיקע בילד פון אונדזער פאָלקס־שאַפונג — מדינת ישראל — האָט אונדז געבערענגט נישט בלויז דערהויבונג און טרייסט, נאָר אויך אַן עקזאַלטירטע שיכרות. מיר האָבן אַנגעהויבן צופיל גלויבן אין דער פולער דערגרייכונג פון אַלע אונדזערע חלומות. ווי יענער קינסטלער, האָבן מיר געגומען באַטראַכטן אונדזער וווּנדער־בילד מיט אַ התלהבות, וואָס שטעלט זיך מיטן פּנים צום ווערק און מיטן רוקן צום תהום. דער וווּנדערלעכער וועג צום איבעראַשנדיקן נצחון האָט אין טייל קרייזן אַרויסגערופן די זיכערקייט, אַז זיי דאַרפן מער נישט דעם יידישן וועלט־טייל פאַר אַ שותף. אין אַנדערע טיילן פון פאָלק איז געבוירן געוואָרן אַ מידע אַפּאַטיע: ענדלעך איז פאַרזיכערט געוואָרן דער קיום פון פאָלק און מ׳דאַרף זיך מער נישט אָנשטרענגען. סיי די ביטולדיקע אָפּגעריסנקייט פון דעם אַנדערן טייל יידן און פון אַנדערע דורות; און סיי דאָס וועלן איינדרימלען אינעם שויס פון דערגרייכטער זעט — האָבן געפירט צו איין שריט נאָכן צווייטן אויף צוריק, נענטער צום תהום. דער באַוווסטזיין, אַז אָט־באַלד איז שוין „דאָס בילד פאַרטיק" האָט אין זיך געטראָגן אַ מוראדיקע סכנה פאַר אונדזער אייביקייט.

איז אפשר מעגלעך, אַז דער מעכטיקער „שליידער מיטן פּענדזל", וואָס די אַקטועלע צייט מאַכט כסדר אויף אונדזער בילד — ווערט גאָר בעל־כרחו געלענקט פון אַ געהיימער אָבער טרייער האַנט, וואָס אונדזער געשיכטע האָט פאַר אונדז באַשטעלט. עס וועלן נאָך זיכער קומען העלערע צייטן, ווען מיר וועלן עס קענען אָפּשאַצן מיט אַ רואיקער געמיט. דער תהום אויף פאַרשיידענע שטחים, וואָס האָט זיך פאַר אונדז אויפגעדעקט אַרום מדינת ישראל, האָט אפשר באַוואָרנט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל באמת נישט געשפאָלטן

ווערן אין צוויי מחנות. דאָס מוזן אָנקומען צום יידישן וועלט־פאָלק נאָך הילף האָט אָנגעהאַלטן אַ געוויסע פאַרשטענדעניש אין ישראל צום וועלט־יידנטום; און ביי יידן אין דער וועלט האָט דאָס געוויסן כסדר געמוזט וואַכן מיט שטרענגן זכרון אין דער ריכטונג פון מדינת ישראל.

וואָס וואָלט געווען, ווען ביידע דאַרפן זיך קעגנזייטיק נישט צוציען? ווען די מדינה דאַרף לגמרי נישט האָבן די הילף פון וועלט־יידנטום — און די יידן פון דער גאַנצער וועלט דאַרפן נישט באַאומרואיקט ווערן כסדר וועגן גורל פון מדינת ישראל, וואָס איז אויך זייער פרעסטיזש־גורל? עס איז שווער צו זאָגן נביאות. אָבער געוויסע סימנים באַווייזן, אַז עס וואָלט געווען גאָר שלעכט פון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט. אָבער אַזוי — האָט אפילו דער פאַר־ביטערטער ביטול־ייד פון מדינת ישראל און אַפילו דער פאַרפירטער פון די געשוואָלענע ליטעראַריזמען מיט כנענישער הויט — געמוזט דערזען, אַז דער איינציקער און געטרייסטער שותף זיינער בלייבט נאָך אַלץ דער ווייטער ייד פון די גלות־לענדער. דערפאַר מוז ער אים זען אויך להבא מיט אַנדערע אויגן... און אויך דער אָפּגעפרעמדטער ייד פון אומעטום קען זיך מער נישט פילן פאַטאַל־באַרואיקט. דורך אַלערליי קאַנאַלן האָט ער דערזען, אַז אויב מדינת ישראל זאָל פאַרלירן איר אָנזען ביי די פעלקער — וועט אויך ער מער נישט קענען לעבן צווישן זיי. די צייט פון סכנות און שוועריקייטן האָט בכן געהאָלפן קאָרעגירן אַ סך געפערלעכע שטריכן און שטאַרקער געמאַכט די אחדות צווישן ביידע חלקים פון יידישן פאָלק. דאָס איז אָבער נישט דער איינציקער פונקט פון ליכט, וואָס דרינגט אַרויס דווקא פונעם שווערן שמיר איבער אונדזער גרויס בילד. מיר וועלן דערמאָנען נאָך עטלעכע:

ז.

אין אַ נויט פון אַ גאַנץ פאָלק — שטרענגט עס זיך גיכער אָן און רופט אַרויס אין זיך אַ סך באַהאַלטענע כוחות. ווער ווייסט, אויב מיר וואָלטן נישט אַטראָפירט געוואָרן לגמרי — ווען פון אַלע זייטן וועלט קומט צו אונדז הילף אומבאַגרענעצט. אָבער דאָס בלייבן איינער־אַליין אויף אַזויפיל שטחים, האָט געוועקט די אייגענע עקשנות, דעם אייגענעם שטאָלץ — און אפשר זענען מיר צוליב דעם דערגאַנגען אַ סך ווייטער, ווי בעת אַלץ זאָל אונדז געווען דער־לאַנגט ווערן אויף אַ טעלערל.

עס זענען פאַראַן אַ סך יידן, וואָס זעען נאָך היינט אַ גרויסע טראַגעדיע דעריין, וואָס סאָוועט־רוסלאַנד שטייט אונדז כסדר אין וועג. פאַר אוב־

דזערע יאָרן איז עס זיכער אַן אומגליק. עס קען אָבער זיין, אַז די יידישע געשיכטע וועט עס באַטראַכטן פאַר אונדזער גרויס מזל. ווער עס דערמאָנט זיך מיט וויפל ענטוזיאַזם טייל פון אונדז — אַפילו האַרבע אַנטי־קאָמוניסטן — האָבן אויפגענומען די ערשטע רעדעס פון קאָמוניסטישע פאָרשטייער לטובת דעם שאַפן די מדינה... וועט עס אפשר פאַרשטיין. עס איז מעגלעך, אַז דאָ איז אונדז באַשערט געווען אויסצומיידן איינעם פון די געפערלעכסטע נסיונות. וואָס וואָלט למשל געווען, ווען סאָוועט־רוסלאַנד באַגייט ווייטער אַלע אירע פאַרברעכנס — אָבער זי שטיצט דערביי מדינת ישראל מיטן גאַנצן כוח? שוין נאָך אַ פּאָר שאַבלאָנע רעדעס, זענען צענדליקער טויזנטער פון אונדז אַריינגעפאַלן אין דאַנקבאַרער עקזאַלטאַציע. עד־היום זענען די שפּורן פון יענער „דאַנקבאַרקייט" שטעקן געבליבן ווי אַ ווונד אין יידישן פאָלקס־קערפּער — אויך אין מדינת ישראל גופא. טאָ וואָס וואָלט שוין געווען, ווען די קאָמוניסטישע גרויל־מאַכט שפּאָסט מיט אונדז — און בלייבט די איינציקע, וואָס העלפט אונדז אין די איינזאַמ־סטע מאָמענטן? צי וואָלטן מיר דאַן געהאַט דעם מאָראַלישן כוח צו פּראָ־טעסטירן קעגן אירע רציחות אויף אַנדערע אָפּשניטן? וואָלטן מיר חלילה נישט פאַרשטומט געוואָרן און געבליבן פאַראייביקט אין דער געשיכטע, ווי דאָס שוואַכע פאָלק וואָס האָט געבויגן דעם קאָפּ? איך בין זיכער, אַז צום דאָזיקן רעזשים פון אומגליק וועט אַמאָל נעמען אַ סוף — און שפּעטערדיקע דורות וועלן במילא מיט אים מאַכן דעם געהעריקן חשבון. צי וואָלט אָבער אונדזער מאָראַלישע קאָנטע דאַן געבליבן ריין?

עס איז שווער צו מעדיטירן אויף דער דאָזיקער טעמע. אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר: פּונקט ווי מיר באַטראַכטן היינט די סאָוועטישע קעגנערשאַפט פאַר אַ גרויס אומגליק — וועט זי אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פאַר־שריבן ווערן ווי אַ נאַציאָנאַל גליק. עס וועט פון אַלע געשיכטלעכע בלע־טער אַרויסלויכטן מיט שטאָלץ, אַז דער דאָזיקער רוצחישער סיסטעם האָט געלייגט אַלערליי שטיינער אויף אונדזערע וועגן; אַז ער האָט אונדז נישט געקענט פאַרטראָגן אויף גאָטס ערד; אַז מיר האָבן אַלעמאָל געהאַט די מעג־לעכקייט צו זאָגן וועגן אים דעם גאַנצן אמת — און אַפילו נישט געהאַט פאַרוואָס אים דאַנקבאַר צו זיין און... שווייגן.

מיר קענען זיך אויך קוים פאָרשטעלן, וואָס עס וואָלט פאַר אונדז גע־מיינט סאָוועטישע פריינטשאַפט אין אונדזערע טעג: ווער ווייסט וויפל פון אונדזערע יינגע און אַלטע עס וואָלטן דערפון מיטגעריסן געוואָרן; זיך פאַר־וואַנדלט אין הייסע אָנהענגער פון אַזאַ רעזשים און במילא פאַרלוירן דעם אמת־היסטאָרישן פּרצוף פון יידישע גלידער. היינט איז אונדז ביטער דערפון

— און מיר וואָלטן נאָך אַלע חשבונות בעסער געוואָלט פריינטשאַפט ווי שנאה — אָבער דער קומענדיקער היסטאָריקער פון אַ געשטאַרקטער מדינה, וועט אפשר ביי דעם קאַפּיטל אָוועקשטעלן מיט פרייד דעם אַלטן פסוק פון תהלים: איך לויב דיך גאָט, וואָס דו האָסט אויף מיר געצערנט...

עפּעס דערפון טרייסט מיך אויך בשייכות מיט אַ צווייטן אומגליק פון דער יידישער מדינה: דאָס נישט קענען דערגרייכן קיין שלום מיט די אַראַבער. זיכער טוט עס אונדז ווי און מיר וואָלטן דעם שלום געוואָלט דערגרייכן מיט אַלע כוחות. אָבער וואָס קענען מיר וויסן וועגן די העכערע כוונות פון יידישן גורל? ווער ווייסט, וועלכע נסיונות מיר מיידן אויס?

עס קען זיין, אַז דאָס נישט־דערגרייכן דעם שלום שוין איצט איז היסטאָריש גאָר פאַר אונדזער טובה־וועגן. עס איז מעגלעך, אַז ביים איצטיקן צושטאַנד — פון זיין אַ מוראדיקער געמיש פון צענדליקער שבטים און עדות — וואָלט אַ נאָרמאַלער קאָנטאַקט מיט אונדזערע צאָלרייכע שכנים אונדז מער שאָדן געברענגט ווי געהאָלפן.

אַז דאָס וואָלט געשטאַרקט די „כנענישע” אָדער „סעמיטישע” באַוועגונגען — איז אפשר איבעריק צוצוגעבן. מען קען זיך אָבער נישט פאָרשטעלן וויפל צוויבער אַן אָפן־פאַנטאַסטישע וועלט בשכנות וואָלט אויסגעאייבט אויף גאָר אַ סך יידן. סוף־כל־סוף איז כמעט די העלפט בירגער פון דער מדינה דערצויגן געוואָרן אויף דער אַראַבישער שפּראַך; און אויך אַ סך אַנדערע וואָלטן אפשר מיטגעריסן געוואָרן מיט דער אַרומיקער מערהייט אויף אַ סך שטחים. ווער ווייסט, פון וויפל לעוואַנטינישע שטריכן מיר זענען אויסגעהיטן געוואָרן דווקא צוליב דער דאָזיקער, געפערלעכער צרה. אפשר האָט אונדז די געשיכטע באַשערט אַ שלום מיט די אַראַבער ערשט דאַן, ווען דאָס ישראל־פאָלק וועט מער נישט זיין אַזוי לויז צונויפגעבונדן און במילא גיכער קענעןביישטיין אַזאַ נסיון?

איך וויל דאָ באַין אופן נישט אידעאַליזירן — אָדער גאָר באַרעכטיקן — די פּאָליטישע יסורים פון מדינת ישראל. אָבער וויבאַלד מיר האָבן זיי סייווי נישט געקענט אויסמיידן — איז אפשר אַלץ לטובה פאַר דער צוקונפט? אונדזערע פּאַרצייטישע חכמים האָבן זיך נישט געשראָקן צו דערציילן, אַז דאָס וואָס דער מלך אחשורוש האָט אַוועקגעגעבן זיין רינג צו המנען — צו דער גרעסטער סכנה פאַרן לעבן פון אַלע יידן — האָט אונדזער פאָלק מער טובה געטאָן ווי אַלע נביאים. רופט זיך אָפּ עפּעס פון יענעם געדאַנק אויך פאַר

אונדזער צייט, מיט היילונג, טרייסט און פאַרגעפּיל. ווער ווייסט, אויב מיר וואָלטן זיך געקענט דערהאַלטן ביים הייַנטיקן טאָג בלויז מיט דער מאַכט פון אונדזערע אידעאַליסטישע נביאותן. זענען אפשר די „אַראָפּגענומענע רינגען" פון פאַרשיידענע זייטן די וואַכזאַמע אויגן פון אונדזער אייביקייט, נאָך איי־דער מיר דערהערן די קולות פון די „אַכט און פערציק נביאים"? ווער ווייסט...

ח.

...אחר כך אמר הכוזרי בלבו: אשאל פרס וישמעאל, כי אחד משני המעשים הוא הנרצה מאין ספק. אבל היהודים, די לי במה שהוא נראה משפלותם ומיעוטם, ושהכול מואסים אותם (ספר הכוזרי לר׳ יהודה הלוי, מאמר ראשון, ד).

מדינת ישראל איז אין אונדזערע יאָרן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער קרוין־טעמע פון דער יידישער פעדער. איך האָב אָבער מורא, אַז דאָס טאָג־טעגלעכע אַרומנעמען זיך מיט דערווירקלעכקייט האָט היפּש פאַרשטויסן דעם אייביקייט־מאָטיוו פון זיינע טיפערע וואָרצלען. וואָס שייך מדינת ישראל פאַרלירן מיר ביסלעכווייז דאָס אייגענע לשון פון די טיפענישן. דער געשיכט־לעכער מאָמענט האָט אונדז ביסלעכווייז אַריינגעצויגן אין אַ נעץ פון פאַר־טיקע שאַבלאָנען, ווי צאַפּלדיק־הייס זיי זאָלן נישט האָבן געווען בעתן געבוירן ווערן. מיר אָפּערירן מיט זיי אַזויפיל, ביז די מחשבה מיטן האַרץ דאַרפן זיך מער נישט אָנשטרענגען. מיר אָטעמען מיט גרייט־פּרעפּאַרירטע ווערטער, וואָס מען קען שוין באַקומען אין יעדער פּראָפּאַגאַנדיסטיש צוקערוואַרג־געוועלבל. טיילמאָל מוזן מיר עס — ביים טאָג־טעגלעכן אַפּעלירן און וועקן, הגם דער אייגענער וואָרט־אוצר איז שוין מיד און אויסגעשעפּט.

מען קען נישט זאָגן, אַז קיינער באַמערקט נישט די סכנה פון באַנאַלי־זאַציע. אין אַ סך ציוניסטישע שריפטן הערט זיך כסדר אַ בענקשאַפט נאָך יענעם „נייעם און גרויסן וואָרט", וואָס זאָל געהערן צום ריטם פון אונדזער תקופה. עס זעט אָבער אויס, אַז נאָך אַלע זוכענישן בלייבט ווייטער גערעכט דער גרויסער זינגער פון פאָלק ישראל, וואָס האָט ביים דור פון „ציוניסטי־שער פאַרווירקלעכונג" צוגענומען דאָס לשון און ביי אים נאָר געלאָזט די שטימונג. אין זיינע ווערטער (תהלים קכו):

בשוב השם את שיבת ציון היינו כחולמים. אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רינה. אז יאמרו בגויים: הגדיל השם לעשות עם אלה... היינו שמחים... הזורעים בדמעה ברינה יקצורו. הלוך ילך ובכה נושא משך הזרע. בא יבא ברינה נושא אלומותיו.

ווי פאַרחלומט שטייען די ערשטע דערזעער פון דער גאולה־ווירקלעכקייט.

איז דעם גרויסן באַזינגער נישט מעגלעך צו דערהערן די ווערטער, וואָס זיי ברענגען פון זיך אַרויס. זייער ראָל אין דער דראַמע ענדיקט זיך מיטן זיין אויסגעלייזט. דער בעל התהלים קען נאָר שילדערן זייערע רעאַקציעס און צושטאַנד: ווי אין חלום... אַ פול מויל געלעכטער, געזאַנג און געוויין. אויב עמעצער קען דאָ עפּעס זאָגן ביי אַזאַ געלעגנהייט — זענען עס די אַנדערע פעלקער, וועלכע זענען נישט אַזוי איבערגעלאָדן מיט קיין עמאָציעס. זיי קענען קוקן אויף דער געשעעניש מער אָביעקטיוו און דער אָטעם פאַרהאַקט זיך ביי זיי נישט פון צופיל גערירטקייט. און כאַראַקטע־ריסטיש איז, וואָס יענע דערזעען נאָר איין זאַך אינעם פּראָצעס פון אומקער קיין ציון: גאָט האָט גרויס געטאָן מיט די דאָזיקע... אונדזער קליינקייט איז געוואָרן אַזאַ נאַטירלעכער טייל פונעם אַלגעמיינעם בילד, אַז דאָס ער־שטע באַמערקן זיי, וויאַזוי מיר ווערן גרעסער מיטן אומקער צו זיך.

איז אָבער אונדזער דור נישט באַשערט געווען צו לעבן, כאָטש די ער־שטע יאָרן, מיטן בלויזן געפיל פון ווישן די פריידיקע טרערן; מיט דער שטומער איבערגעפולטקייט פון פריילעך־זינגעוודיקן געלעכטער און געוויין. אויך די אַנדערע פעלקער, וועמען דער תנ״ך־דיכטער האָט אַמאָל געגעבן דאָס וואָרט, האָבן עס נישט דערזאָגט. האָט דער אייגענער קוואַל פון ווערטער זיך געמוזט צעעפענען און מיר שווימען צווישן די כוואַליעס פון הייס־אָנגעיאָגטע מאמרים, וואָס קילן זיך באַלד אָפּ אין די אייזיקע כמאַרעס פון טאָג. דערפאַר קענען מיר זיך נאָר אָפּפרישן מיט יענע אַלטע מקורות, וואָס זענען צוגע־פּאַסט צו דער היינטיקער מדינת ישראל — און קיינער האָט זיי נאָך נישט אויסגעזוכט פון זייערע באַהעלטענישן.

ט.

העכער טויזנט יאָר מעגן אונדז אָפּטיילן פון יענעם לעגענדאַרן כאַזאַרן־קעניג — אָבער זיין אמת איז מיט גאַרנישט קלענער געוואָרן: ביי קיין אָרע־מאַן פרעגט מען נישט קיין דעה. אַפילו ווען אים באַפאַלט אַ גייסטיקע אומרו וועגן זיין גלויבן — און ער מוז שוין פרעגן ביי אַנדערע אַן עצה — וועט ער בלויז גיין צו פרס און ישמעאל. דעם יידישן אמת שליסט ער אויס פונעם פלאַן זיינעם: „איך האָב געגנוג צו זען זייער שפלות, זייער קליינקייט און וואָס אַלע פאַרמיאוסן זיי״. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ טיפן זוכער פון אמת, וואָס זוכט זיין תיקון פון גאַנצן האַרץ. אָבער אויך אויף אים ווירקט זיך אויס די באַציאונג פון אַנדערע צו אַ באַשטימט פאָלק: אויב אַלע פאַר־מיאוסן טאַקע די יידן — איז נישטאָ וואָס צו פרעגן ביי זיי. דער יידישער אמת איז קיין אמת נישט, נאָך איידער מען הערט אים אויס. וועגן דעם גע־

שלאָגענעם איז גענוג צו הערן וואָס אַנדערע זאָגן. דאָס מיינט: זייער געשיכ־טע ליגט ביי אַנדערע אין מויל.

דער קערן־פונקט פון דער יידישער רעוואָלוציע אין אונדזער צייט, קען באַצייכנט ווערן גאָר בקיצור: מיר האָבן באַקומען אונדזער געשיכטע אין דער אייגענער האַנט. מיר קענען אויך זאָגן אונדזער אמת מיטן אייגענעם מויל. ווען די מאַכטלאָזע שפלות גייט אַוועק — וועלן אונדז לכל־הפחות הערן יענע אויפריכטיקע זוכער פונעם טיפערן אמת. ביז איצט האָבן מיר געמוזט לאָזן טאָן די געשיכטע וואָס איר ווילגעפעלט. אויב מען שליסט אויס פון כלל אונדזער אַליין־געשאַפענע און גייסטיקע וועלט — זענען מיר געווען ביי די באַוואָפנטע געזעלן פון דער וועלט־געשיכטע אין דער האַנט כחומר ביד היוצר. אונדזער מאַטעריעל־קאַפריזנע גורל האָט זינט דורות זיך געפירט באַהעמיש — און ערשט אין אונדזער דור האָט ער באַקומען אַ ראַם פון פאָלקס־דיסציפלין. דאָס איז אפשר דער הויפּט־סימן פון דער מדינה־עפּאָכע: מיר פאַרמען אַליין דאָס לעבן.

אין מיטן ים פון עכטן און קינסטלעכן פּאַטאָס, הייבט זיך אַרויס אונ־דזער ישראל־עפּאָכע דערמיט, וואָס סיי דער יידישער יחיד און סיי דער יידי־שער ציבור פאַרמאָגן עפּעס אייגנס — פון וועלכן קיינער קען זיי נישט אַרויסוואַרפן, סיידן מען זאָל חלילה פאַרניכטן דאָס גאַנצע פאָלק. דאָס ערשטע מאָל אין אַזויפיל יאָרהונדערטער האָט דער „אָרעמאַן פון דער וועלט" (וואָס דווקא דערפאַר האָט מען אים געמאַכט פאַרן שיילאָקישן געלט־זאַק פון דער ערד) באַקומען אַ באַדן, וווּ ער קען זיך טעאָרעטיש אויסלעבן וויאַזוי ער וויל נאָר אַליין. דאָס ערשטע מאָל פאַרמאָגט דאָס גאַנצע פאָלק עפּעס בשותפותדיקס, נישט בלויז אין מלכות־גייסט נאָר אויך אין מלכות־הרעאַ־ליזם. פונקט ווי אין דער עולם הבא פון דער משנה, האָט דאָ טעאָרעטיש יעדער ייד אַ גלייכן חלק. וויפל מען זאָל דעם געדאַנק נישט באַנאַליזירן — איז ער נאָך אַלץ בכוח צו פאַרשיכורן דאָס געמיט: ווו און ווען אַ ייד זאָל נישט וועלן אָדער מוזן — קען ער זיך אויפהייבן און קומען... צו זיך. דערביי פרעגט נישט קיינער און דאַרף נישט פרעגן, אויב יענער האָט עפּעס געטאָן דערצו, אַז דאָס זאָל אַזוי זיין. פּאַקטיש קען יעדער איינער ייד קומען און אויפמאָנען אַ ירושה וואָס אַנדערע דורות האָבן פאַר אים געלאָזט.

דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזויפיל דורות זענען יידישע עמאָציעס אויסגעז־טוישט געוואָרן אויף יידישערווירקלעכקייט. יעדער איינער בצלם־ייד קען קומען, אויב ער וויל עס נאָר — און איינקאַסירן אין רעאַלע מטבעות דעם זיידנס אַ קרעכץ ביי אַ חלבן חצות־ליכטל מיט הונדערט יאָר צוריק. די דאָ־זיקע דערגרייכונג ווערט מיט גאָרנישט געמינערט דערפון, וואָס נישט אַלע

ווילן אָדער קענען אויפמאַנען די ירושה. דאָס זעלבע איז אויך פאַרקערט: נאָך קיינמאָל אין אונדזער געשיכטע האָט אַ ייד נישט געקענט נעמען קיין שטיקער פון זיין רעאַליטעט, אַפילו פּאַפּירענע באַנקנאָטן, און זיי פאַרוואַנד־לען אין הייליק־יידישער עמאַציע. פון מאַטעריאַליזם קען ווערן אַ שטיק יידישע עולם הבא אויף אונדזער זינדיקער ערד.

טעאָרעטיש קען זיך איצט דאָס יידישע פאָלק איבערבויען און איבער־קנעטן וויאַזוי ער וויל נאָר אַליין. די בחירה איז אין די אייגענע הענט. די באַקומענע זעלבסטשטענדיקייט איז מיט גאָרנישט שולדיק, אויב אירע פּאָק־טישע, אָדער פּאָטענציעלע, געניסער זענען דערוויייל נישט בכוח אויסצונוצן אירע מעגלעכקייטן. למען האמת איז די ברכה פון מדינהשאַפט אָפן פאַר אַלע־מען — אַפילו פאַר אירע שאַרפסטע קעגנער. נישט געווען נאָך קיין געלעגנ־הייטן פאַר אַזויפיל יידישע עקספּערימענטן, ווי אויפן שטח פון דער אייגע־נער מדינה. פון די נטורי קרתא ביז צום „בונד" — האָט יעדער אַלע אויטאָ־נאָמע שאַנסן. נישטאָ קיין איין ריכטונג אין יידנטום, וואָס זאָל דאָרט נישט קענען פרווון אויסשפּילן אירע חלומות. דאָס אַליין איז אַ פאַנטאַסטישע דער־גרייכונג — אַפילו פאַר די קעגנער פון מדינת ישראל אין דער יידישער וועלט. שוין בלויז דערפאַר איז יעדער איינער רייכער געוואָרן מיט אַזאַ מין אוצר, וואָס קיין שום רעוואָלוציע אין דער וועלט האָט עס אים נישט געקענט געבן. ווידער די זעלבע מעשה: עס איז נאָר אָפּהענגיק וויפל כוח מען איז דאָרט גרייט צו אינוועסטירן. דאָס אַליין איז שוין אַ רייכקייט, צוליב וועלכער מען וועט נישט בלויז פרעגן „ביי פּרס און ישמעאל", נאָר אויך ביי אונדז.

י.

און דאָך — איז נאָך שווער צו אַקצעפּטירן די פראַזן וועגן „פאַרווירק־לעכטן חלום". דוכט זיך, אַז קיינער האָט נאָך נישט דעפינירט גענוי, וואָס עס איז אַזוינס פ א ר ו י ר ק ל ע כ ו נ ג. מיינט דאָס: זען פאַר די אויגן די ראָם, אין וועלכער מען ק ע ן אַריינשטעלן וואָס מען וויל נאָר אַליין? אָדער מיינט עס: זען אין דער פולער וואָר, אַלץ וואָס מען האָט אַרומגעטראָגן אין דער וויזיע? ביי אַ פאַרווירקלעכטן ווונטש דאַרף מען זיך בלויז אָנשטרענ־גען צו דערהאַלטן דאָס דערגרייכטע, בעת אין אַ פאַרווירקלעכטער ראָם האָט מען נאָך גאָר אַ סך אַרבעט ביים אויסמייסטערן דאָס בילד.

מיר דוכט זיך, אַז מיט מדינת ישראל האָבן מיר דערגרייכט די ר אָ ם. וויבאַלד דאָס איז איינעם צו־וויניק — מעג ער געדענקען: אויב עס האַנדלט זיך אינעם פאַרווירקלעכן אַ וויזיע, איז נאָך אפשר אַזאַ קאָלעקטיווע פאַר־ווירקלעכונג אויף דער וועלט נישט געווען. טאָמער אָבער מיינט עס נאָר די־

רעאַלע קאָנטורן פון אַ וויזיאָנערער פאָרשטעלונג — טאָר מען בכלל נישט מזווג זיין דאָס וואָרט פאַרווירקלעכונג מיטן באַגריף „חלום". פאַרווירקלעכט קענען נאָר ווערן יענע שטרעבונגען, וואָס זענען נאָנט צו דער ערד און צום לעבן. „חלום" איז שוין אַן איבער־ערדישער צושטאַנד, וועלכן מען קען גאָר אין לעבן נישט איינשפּאַנען.

אין דער גייסטיקער וועלט קען בכלל קיין יום שכולו טוב נישט עקזיס־טירן — ווייל גייסט מיינט שטימונג, ציטערדיקע וויבראַציע פון געפיל; פון היינט טרויער און מאָרגן אינערלעך גליק — און פאַרקערט. יעדער אמתער חלום ליגט פאַראַנקערט אין די טונקעלע אָדער העלע ספערן פון גייסט. במילא איז דער חלום מער בעל־כרחודיקער צושטאַנד (אַפילו ווען ער איז זיס) איידער פרייוויליקע פאָרשטעלונג. דער חלום האָט מער מאַכט איבערן מענטש ווי דער מענטש איבערן חלום. קען מען קיין חלום בכלל נישט פיקסירן דורך מענטשלעכע הענט.

חלום איז די שיכרות פון נישט־געלעבטע ווירקלעכקייטן — און במילא קען ער נישט מגולגל ווערן אַפילו אין די אידעאַלסטע וואָרן. ער איז דער נישט־דערטראַכטער לעכץ, וואָס צעשפּאַרט אַלע ראַמען און שווימט אין דער גרענעצלאָזער אוממעגלעכקייט. אַפילו ווען דער חלום זאָל זיך טיילמאָל לאָזן דיסציפּלינירן אין אַנונגען — וועט ער אַלץ בלייבן שטעקן אין די שפּירונגען פון דער נשמהס הינטערקוליסן. מסתמא דערפאַר זענען געווען — און ס'וועלן אייביק זיין — האַרבע טענות צו יעדער מין פאַרווירקלעכונג.

אויב מען וויל באמת זען, וויאַזוי חלומות גייען אָנגעטאָן אין מלבוש־ים פון אַ מענטשלעך לעבן, דאַרף מען נאָר וואַרטן אויף משיחס צייטן; אויף יענעם אחרית הימים, וואָס אונדזער שענסטע ספרים זענען זיי געווידמעט. אויב עס זאָל טאָקע מעגלעך זיין אַ פאַרווירקלעכטער אידעאַל בידי אדם — וואָלט אפשר אונדזער גאַנצע קולטור אונטערגעגאַנגען. מיר וואָלטן מער אונדזערע נביאישע ספרים נישט באַדאַרפט — און אָן זיי וואָלט דאָס שענסטע לעבן געווען אָן אַ הינטערגרונט. זיי וואָלטן געוואָרן צו־וואָכעדיק — און וואָס וואָלטן מיר שוין געקענט צוטראַכטן אַזוינס, וואָס זיי האָבן נישט צוגעטראַכט? וואָס וואָלט געמאַכט הייליק אונדזער שטרעבן? טאָרן מיר נישט אַריינשלעפּן דעם חלום־באַגריף אין אונדזער מדינה־טערמינאָלאָגיע, ווייל דערמיט נעמען מיר צו ביי יעדן העכערן באַגריף זיין צעפליגלטן זין. סיידן מיר האָבן באמת באַשלאָסן אָרעמער צו ווערן און פאַרלירן איינע פון אונדזערע שענסטע ווי־זיעס — די משיחישע.

דאָס מיינט אָבער נישט, אַז די פאַרווירקלעכונג פון אַ שטרעבונג מוז פאַקטיש אויך ווערן איר פאַרגופונג; איר פאַרפלייצונג ביז דער

סאַמע־גרעבסטער הילע פון הוילן חומר. די הגשמה — אַ באַגריף וואָס שמעקט מיט גראָבן גשם — איז דווקא געפּרעדיקט געוואָרן דורכן איידלסטן טאָן פון ציוניזם. דאָס איז גיכער געווען אַ מאָראַלישער טערמין איידער אַ מאַטעריעלער. ביים אויסבויען די מדינה האָט אַפילו אַרבעט און גשמיות פון ערדישן אָטעם געשמעקט מיט דת העבודה; מיט אַ מיסטיש־רעלי־גיעזן צערעמאָניאַל פון באַהעפטונג. אַנדערש וואָלט די נשמה פון יענעם דור גישט דערהויבן געוואָרן, ביים שפּרייזן צו דער שטייניקער ערד. מדינת ישראל איז בכן געווען אַ גייסטיקער פּראָצעס דורך פיזישע מאַניפעסטאַציעס.

אָבער די צייטן, אין וועלכע דער ציוניזם האָט זוכה געווען צו זען פאַר־קערפּערט זיינע ראשי פּרקים פון אַ מדינה, זענען נישט געווען קיין אידעאַלע. דער גאַנג קיין ציון איז פאָרגעקומען אין דער עפּאָכע פון מענטשלעכער שקיעה — און אפשר טאַקע דערפאַר איז ער פאָרגעקומען. שיבת ציון האָט געמוזט ברענגען צו די מדינה־ברעגן הונדערטער טויזנטער יידן מיט וווּנדן און אַפילו שטערונגען אין דער נשמה. דערפאַר האָט זיך געמוזט ענדערן דאָס גאַנצע געשטאַלט, סיי פון די איינגעפלאַנצטע און סיי פון די בשורה־טרעגער. עס זענען געקומען נייע מענטשן און אויך די אַלטע האָבן זיך דערזען אויף אַן אַנדער אופן אין דער נייערווירקלעכקייט.

שוין די ליכטיקע ווערסיע פון יידנטום — חסידות — האָט פאַרשטאַנען: בעת מען וואַרפט זיך אין טייך, בכדי צו ראַטעווען אַ מענטש, קען מען דערביי גישט טראַכטן פון קיין שיינע מאַניערן. מען באַוועגט מיט אַלע אברים וויאַזוי עס לאָזט זיך. מעגן אַזעלכע תנועות זיין שיין אָדער מיאוס ביי מענטשן אין די אויגן. ווער קלערט דערפון? אַבי מען שלעפּט יענעם אַרויס פון תהום! אין אַזעלכע מאָמענטן איז אויך נישט שייך צו פרעגן אויפן גייסטיקן פּאַס־פּאָרט, סיי ביי דעם וואָס מען ראַטעוועט און סיי ביי דעם, וואָס איז גרייט צו וואַרפן זיך אין טייך. די אַלע וואָס קרומען מיט די נעז אויף דער אָדער יענער פאָרם פון ראַטעווען — און זוכן בלויז שיינע מאַניערן ביי מדינת ישראל — האָבן זיכער פאַרלוירן די מאָראַלישע מאָס פון קריטיש־רעטערישע מאָמענטן.

אינעם פּראָצעס פון ראַטעווען האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אַלערליי עלע־מענטן — און נישט אַלעמאָל האָט מען געקענט מאַכן דעם עטישן אָדער עס־טעטישן אַנאַליז פון יעדער שריט. נאָך מער: ביים דאַרפן כסדר פיזיש ראַ־טעווען גאַנצע מחנות זענען צו דעם מער געפּאַסט געווען האַלב־ברוטאַלע, הגם גוטהאַרציקע, טיפּן — איידער אויסגעאיידלטע מוחות, וואָס קענען נישט די האַרטע וועלט פון דער נאָענט... דער וועג צו רעאַליזאַציע האָט נישט נאָר געפירט איבער לידער און פאַרחלומטע ביכער, נאָר דורך כסדרדיקער מלחמה.

עס איז ווייניק געווען דער אויסגעטרוימטער וועג, אויף וועלכן מען פאַר־פלאַנצט בלומען אין דער מדבר און דערמיט באַזיגט מען זי.

זיכער האָט געקענט און געמעגט זיין אַנדערש. אָבער דאָס איז שוין נישט געווען אונדזער שולד. די וועלט האָט נישט זוכה געווען צו געבן אונדז די מדינה מיט ריינע הענט. מיר האָבן זיך כסדר געמוזט ראַטעווען, פיזיש און גייסטיק; שלעפּן יידישע האַלעוועשקעס פון אַלע פייערן. נסים האָבן גע־דאַרפט געשען, אינערלעכע נסים אין יעדנס האַרץ, בכדי מען זאָל נישט צו־זאַמענברעכן. האָבן געמוזט קומען מאַראַלישע קרבנות — און דער סך־הכל פון די געראַטעוועטע גופא האָט געוויזן, אַז אַלץ איז פּאַרט כדאַי געווען.

די מוסר־ליטעראַטור ווייסט צו טייטשן דעם באַגריף „מסירת־נפש" אויף אַן אָריגינעלן שטייגער: ביי יעדער אַקט פון קידוש־השם קומט פּאַקטיש נאָר פאַר אַ מ ס י ר ת ה ג ו ף. מען גיט אַוועק דעם קערפּער צום שייטער, בכדי די נשמה זאָל בלייבן ריין. דער אמתער פּראָצעס פון מסירת נפש איז ערשט דאַן, ווען מען איז אויך ג ר י י ט אַ וו ע ק צ ו ג ע ב ן אַ ט י י ל פ ו ן ד ע ר' א י י ג ע נ ע ר נ ש מ ה פ אַ ר ג אָ ט ס וו ע ג ן ; פון אַרונ־טערלאָזן זיך פון דער אייגענער מדרגה, אַבי עפּעס צו ראַטעווען. מיטן אויפ־קום פון מדינת ישראל איז טאַקע פאָרגעקומען אַזאַ מין ריזיקער אַקט פון עכטער מסירת נפש — דערפאַר, ווייל אינעם פּראָצעס פון ראַטעווען האָט מען אָפט פּשוט מפקיר געווען נישט איין חלק פונעם אידעאַלס נשמה.

עס זענען געקומען אַ סך מאָמענטן, בעת וועלכע מען האָט זיך כמעט ווי דערווייטערט פון די בראשית־אידעאַלן. אָבער די' דערווייטערונג האָט פּאַקטיש אויסגעברייטערט דעם וועג פאַר זייער אומקער. אויב מען איז טיילמאָל דער־גאַנגען, אין געראַנגל פאַר אַ פעסטער ישראל, ביז צו הוילן גוף אָדער אַפילו ביז אינסטינקט — איז אין טייל פאַלן געווען אַ סיבה: נישט אַלעמאָל האָבן די אידעאַלן געקענט אויסטראָגן די צייט־באַפעלן אויף זייערע צאַרטע פליי־צעס. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די מדינה איז נישט אויפגעקומען מיטן בלויזן כוח פון שיינעם וואָרט — ווי מיר האָבן אַמאָל געחלומט — נאָר דורך פאַר־גאָסן בלוט.

יא.

אמר החבר: אני רואה, שאתה מגנה אותנו בדלות ומסכנות ובהם היו מתפארים גדולי האומות האלו... אם כן ערכנו מקרבת האלקים קרוב יותר ממה שאם היתה לנו גדולה בעולם הזה.

אמר הכוזרי: כן הוא, אילו היתה כניעתכם ברצון. אבל היא בהכרח וכאשר תמצא ידכם תהרוגו אויבכם.

אמר החבר: מצאת מקום חרפתי, מלך כוזר! כן הוא. אילו היה

רובנו מקבל מהדלות כניעה לאלקים ובעבור תורתו... ואילו היינו סובלים הגלות הזה והדלות הזה לשם אלקים כראוי, היינו לפאר הדור..
(ספר הכוזרי, מאמר ראשון, קיג־קטו).

אויב עס האָט געשוועבט איבער דער וועלט אַ חלום פון אחרית הימים, ווען „איין פאָלק צום צווייטן וועט נישט הייבן קיין שווערד" — איז ער אַרויסגערופן געוואָרן דורך די יידישע נביאים. און אויב עמיצער האָט געקענט אַריינפאַלן אין יאוש — ווייל די מענטשלעכע געשיכטע איז פול מיט מלחמות — און האַלטן, אַז אַזאַ פאָלק אָן אַ שווערד איז נישט בנמצא, האָט ער געהאַט פאַר זיך אַ לעבעדיקן ביישפּיל.

אַ סך הונדערטער יאָרן האָט זיך אין דער מענטשהייט געפונען אַזאַ מין פאָלקישער קערן פון אחרית־הימים׳דיקער וויזיע. ווען דער יידישער לערער האָט זיך באַוויזן פאַרן כאַזאַרישן קעניג, האָט ער זיך גרויס־געהאַלטן דער־מיט, בעת דער וועלטלעכער קעניג האָט לכתחילה זיך נישט געוואָלט חברן מיטן יידישן פאָלק — צוליב דער יידישער אָרעמקייט — באַווייזט אים דער יידישער אויפקלערער: אויך די רעליגיעס, וואָס קאָנקורירן מיטן יידנטום האָבן פּאַקטיש אַרויסגעשטעלט די הייליקע אָרעמקייט ווי אַ שטאַלצע פאָן. דאָס קריסטנטום, פאַראַדירט אויפן פּאַפּיר מיט צאַרטע אָרעמקייט־לעגענדעס און מיטן דערלייזערס יסורים; אויך די מוזולמענער האָבן, ביז צום מעכטיק ווערן, אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער די אָרעמע נביאים. אָבער שפּעטער זע־נען ביידע פאַרכאַפּט געוואָרן פונעם לוקסוס־צויבער, סיי אין זייערע רעאַלע גאָט־פּאַלאַצן און סיי אין זייערע פאַנטאַזיעס. בלויז יידנטום — הגם עס האָט אָנגעהויבן אַרומרינגלען גאָט מיט גאָלד תיכף ביים ווערן אַ פאָלק — איז ווייטער געבליבן נאָנט צום גאָט פון „דלות און אָרעמקייט".

אין משך פון אַ סך דורות האָט דאָס יידישע פאָלק סימבאָליזירט צוויי העכסטע אידעאַלן: דאָס איז געווען אַ פאָלק, וואָס איז אַלעמאָל געמאָרדעט געוואָרן און אַליין קיינעם נישט געהרגעט; אַן אומה, וואָס איז געווען דער קרבן פון שווערד אָבער נישט איר דינער. יידישע יחידים, וואָס זענען טייל־מאָל דערגאַנגען צו דער ציפער פון הונדערטער טויזנטער אָדער גאָר מיליאָ־נען (ווי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה), האָבן מיט אַ סך טריישאַפט גע־דינט אין אַנדערע אַרמייען. טייל פון אונדזערע אַפּאָלאָגעטן האָבן נישט איין מאָל אַרויסגעהויבן דעם דאָזיקן פאַקט, בכדי צו שיצן זיך קעגן שנאהדיקע בלבולים — אַז מיר זענען אַ פאָלק פון פחדנים. דאָס מורא האָבן פאַר דער שווערד און הריגות — איז גאָר געוואָרן אַ שאַנד־פלעק אין דער משפחה פון קריסטלעכע פעלקער, הגם זיי האָבן כסדר געקניט פאַרן באַרוועסן ליידער און מילדן פאַרגעבער. דאָס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מיר אַליין האָבן

זיך געמוזט אַלעמאָל פּאַרענטפערן און באַווייזן, אַז אויך מיר קענען האַלטן אַ שווערד. אָבער ביז דער לעצטער צייט האָט דאָס יידישע פאָלק נישט גע־טראָגן די גוטע אָדער שלעכטע ביקס אינעם נאָמען פון אייגענעם פאָלק.

בכל אופן האָט דאָס יידנטום ביז דער מאָדערנער צייט נישט געזוכט די רייכע גרויסקייט פון מאַכט, נאָר די אָרעמע ריינקייט פון הכנעה. דאָס האָט געקענט דינען פאַר אַ ביישפיל אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אויסגעבויט גאַנצע פילאָזאָפיעס וועגן „קריג ווי אַ מוז־דערשיינונג אין דער מענטשלעכער נאַטור". אויב דאָס יידנטום האָט געקענט אַדורכשפּרייזן בערך 17 יאָרהונ־דערטער אָן אַ נאַציאָנאַלער שווערד אין דער האַנט — האָט מען געקענט גלויבן, אַז דער „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה" קען זיין אַ טייל פון דער רעאַל־מענטשלעכער פּסיכאָלאָגיע.

דאָס זעלבע איז געווען מיטן צווייטן וועלט־אידעאַל, וואָס אויך אים האָט די קריסטלעכע וועלט טעאָרעטיש אַרויסגעהויבן: די ריינע אָרעמקייט; דאָס נישט מיטגעריסן ווערן מיטן טריפהנעם גאָלד־לוקסוס, וואָס פאַרשיכורט און נעמט צו דעם ריינעם געדאַנק.ביידע אידעאַלן זענען געפּרעדיקט געוואָרן פון יידישע קעגנער — אָבער געבליבן רעאַל זענען זיי גאָר אינעם לעבעדיקן יידנטום. ווען אָבער זענען ביידע זאַכן אַ שטאָלץ? ווען מען קען באַקומען די שווערד אין דער האַנט — און מ'וואַרפט זי אָפּ; ווען מ'קען דערגרייכן די זאַטע און דעמאָראַליזירנדיקע רייכקייט — און מ'וויל בעסער בלייבן אָרעם און ריין. דאָס האָט פאַרשטאַנען דווקא דער פרעמדער כאַזאַרן־מלך, איידער ער איז אַריבער צום יידנטום — און אויך דער יידישער חכם האָט עס אים מודה געווען. אויב מ'איז שוואַך און אָרעם נאָר ווייל מ'האָט קיין ברירה נישט — איז נישטאָ מיט וואָס צו שטאָלצירן.

מדינת ישראל — ווי אַן עמבריאָן אין דער וויזיע פון די ערשטע טרוי־מער — האָט געדאַרפט באַווייזן ביידע זאַכן אויף אַ פרידלעכן אופן. מיר האָבן געזאָלט בלייבן אָן מאַכט, כאָטש מיר האָבן הערשאַפט; און מיר האָבן געדאַרפט ווערן „אַ מערהייט וואָס נעמט פונעם דלות די הכנעה צו גאָט און פאַר זיין תורה־וועגן... צו ווערן די צירונג פון דור" — לויט ר' יהודה הלויס אידעאַל.

אונדזער גרויזאַמע צייט האָט אונדז אָבער באַשערט צוויי ריקצוגן אויף ביידע שטחים. אין וואַרשעווער געטאָ און אין די יידיש־פּאַרטיזאַנישע וואַלד־אָפּטיילונגען האָט פּאַקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן דער יידישער סימבאָל פון אחרית הימים. די וועלט האָט דאָן רעכט נישט באַמערקט, וויאַזוי די שווערד איז אַרויסגעצוואונגען געוואָרן פונעם חיהשן שונא אויפן יידישן נאָמען. איך ווייס נישט וויפל מענטשן עס האָבן אין יענע קאַשמאַר־יאָרן אָנ־

געצונדן אַ טרויער־ליכטל נאָכן לעצטן זכר פונעם גרויס־נביאישן חלום. מען דאַרף היינט קיינעם נישט דערציילן, ווער עס איז דערין שולדיק געווען און פאַרוואָס די שווערד אין יידישע הענט איז הייליק געוואָרן. מיר אַליין האָבן, נאָך דער גאַנצער באַנגיקייט, געמוזט שטאָלץ ווערן דערפון. איז מער נישט געבליבן קיין איין פאָלק אויף גאָטס ערד, וואָס זיין נאַציאָנאַלע האַנט האָט די שווערד נישט באַרירט.

מען דאַרף אויך קיינעם נישט דערציילן, פאַרוואָס יידישע בחורים האָבן אין דער מלחמה־צייט געהייליקט די ביקס פון דער יידישער בריגאַדע; און פאַרוואָס די יינגע פיאָנערן אויף דער גאולה־ערד האָבן געמוזט לייגן זייער לעבן און האָפענונג אויפן געווער אין דער האַנט. נישט מיר, נאָר די וועלט האָט דערפירט צום האַרבסטן פּאַראַדאָקס: דווקא דער אומקער פון יידישן פאָלק צום לאַנד און קלימאַט פון אונדזערע נביאים — האָט געמוזט פירן צום איבערברעכן איינע פון די שענסטע, נביאישע וויזיעס. עס איז אַפילו געוואָרן אַלעמען פאַרשטענדלעך, צוליב וואָס מיר זענען זיך אַזוי משמח מיטן וווּנדער פון אונדזער באַוואָפנטן אָרעם.

מיר דוכט זיך אַפילו, אַז סיי די ספּעציעלע באַוווּנדערונג פאַרן אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און פאַרטיזאַנער — וואָס אונדזער נישט־יידי־שע מיט־וועלט ווייזט אַרויס — און סיי דאָס שפּעטערדיקע אַפּלאָדירן די ישראל־נצחונות, האָט אַ טיף־פּסיכאָלאָגישן הינטערגרונט. דאָ איז געקומען צום אויסדרוק יענער טריאומף, וואָס נאָך דער כאַזאַרישער מלך האָט אַ־ם פאַרויסגעזאָגט. אויב עמעצער האָט זיך פריער אַביסל געשעמט מיטן קריסט־לעכן האַרמאַט, וואָס דעראָבערט און זיגט; אויב דאָס געוויסן האָט זיך אַמאָל פאַרקוקט אויפן געווערלאָזן רמז פון יידן — איז געקומען די טרייסט: דאָס איז ביי זיי נישט צוליב אַנטשלאָסענעם אידעאַל, נאָר פון בלויזער שוואַכקייט. זאָלן זיי נאָר באַקומען געווער אין האַנט — וועלן אויך זיי הרגענען. בעת די נצחונות פון מדינת ישראל, איז די וועלט־באַוווּנדערונג אפשר געווען אויס־געמישט מיט אַ הינטערבאַוווּסטזיניקן גליק־געפיל: אַ האַ ! ענדלעך האָבן אויך „די קינדער פון נביאים" גענומען דאָס כלי־זיין אין האַנט און זיך אויס־געגלייכט מיט אונדז!

איך האָב אַפילו אַ שטיקל חשד, אַז די פאַרשיידענע אויפטרייסלונגען פונעם וועלט־געוויסן אין די לעצטע יאָרן — ווען יידישע כוחות זענען באַ־גאַנגען מאָרדן אין דיר־יאַסין, קיביאַ אָדער כפר קאַסעם — האָבן אויך גע־האַט דעם זעלבן, פּסיכאָלאָגישן יסוד. די געשרייען האָבן נישט אַזוי־ווייט געמיינט דעם מאָראַלישן יושר (ווייל ווער פון די שרייער איז נישט באַגאַנגען קיין צאָלרייכע מאָרדן, ווען זיי האָבן געדאַרפט עפּעס דעראָבערן?), ווי דאָס

אַנזאָגן מיט שמחה דעם אייגענעם געוויסן — וואָס האָט געוווּנדיקט זינט די גאַז־קאַמערן: זעט וויאַזוי יענע געפּייניקטע פון אַמאָל באַגייען זיך מיט זייער געווער!... דאָס זעלבע וואָלט מען געקענט זאָגן וועגן אַ רייַ יידישע מדינה־קעגנער, וואָס האָבן נישט באַוויזן צו דערגרייכן די מאָראַלישע הויך פון די מדינה־שעפער ביים העלפן דעם פאָלק: נישט אַזוי די עטישע ריינקייט פון בלוט האָט זיי געפּייניקט, נאָר דאָס קנאה־געפיל האָט זיי געהייסן שרייען מיט די לעצטע כוחות וועגן ישראלס געווער־ירידה. מען דאַרף אפשר דערמאָנען, אַז אַ סך פון זיי גופא האָבן געבענטשט די שווערד פון מאָרז׳, ווען זי איז געלעגן אין אַנדערע הענט. אפשר ליגט דאָ אויך דער פסיכאָלאָגישער שליסל צום היפּער־אויסגעשריגענעם רעש אַרום די אַראַבישע פּליטים: נישט אַזוי די זאָרג פאַר די היימלאָזע האָט זיך דאָ אויסגעווירקט (ווייל ווער פון די שרייער האָט נישט צוגעקוקט גלייכגילטיק, וויאַזוי אומגליקלעכע פּליטים האָבן זיך געוואַלגערט איבער אַלע ימים?), ווי דאָס אָנזאָגן אַ טרייסט דעם אייגענעם געוויסן: זע נאָר, וויאַזוי אויך די אייביק־געטריבענע האָבן איצט אַליין געטריבן מענטשן פון זייער היים!

פונקט ווי דער מלך פון די כוזרים האָט געוואָלט קלענער מאַכן די יידישע אומבאַפלעקטקייט און אויסגערופן: אייער הכנעה איז אַ געצוווּנגענע! אַזוי איז דאָס געבליבן ביי אַלע נאָכגייער זיינע — וואָס האָבן זיין ביישפּיל נישט געפאָלגט און נישט איבערגעגאַנגען צום יידנטום. דאָס ווילן זיי דורכן פאַקט מדינת ישראל מאַכן אַ רעוויזיע אויף דער גאַנצער אומבאַפלעקטקייט פון יידן איבער אַזויפיל דורות. אין היינטיקן דור קענען מיר זיך נישט פאַרשעמען דערפון — ווי עס האָט זיך דאָן געשעמט דער יידישער לערער — ווייל מיר האָבן די פולע גערעכטיקייט ביים איבערגיין צו דער „געלעגנהייט פון דער שווערד״. אָבער דאָס מינדערט גאָרנישט פונעם פאַקט גופא: יענע „מתנה״, וואָס מיר האָבן מיט טויזנטער יאָרן צוריק אַוועקגעשענקט עשיון — איז ווידער אַדרעסירט געוואָרן צו אונדז. זי האָט געמוזט שטעקן אין די הענט פון אונדזערע איידלסטע און יינגסטע במשך פון אַ צענדליק יאָר און מער. די צאַרטסטע נשמות פון פאָלק מוזן נאָך עד היום האַלטן די ביקס אין דער האַנט, לערנען אירע סודות און צערטלען זי, ווי די וויבטיקסטע תורה צו באַשיצן לעבנס... דער יידישער מאַרך, וואָס איז באַשטימט צו גייסטיקער גאונות און אידעאַליסטישן צויבער, האָט געמוזט אַריינשטעקן די שווערד אין האַנט. ווי נאָר מיר לאָזן זי אַרויס — זענען מיר פאַרלוירן.

דאָס ווייסן זיכער אַלע תרעומות־האָבער אויף דער מדינה, פאַרוואָס זי האָט נישט באַוויזן דעם מאַקסימום דערהויבנקייט — צו וועלכער זי איז מחוייב געווען, לויט אַלע חשבונות. וויפל מיר האָבן זיך נישט געגרייט צו

באַשאַפן תיכף־ומיד דעם גייסטיקן רענעסאַנס — איז אָבער פאַרט נייטיק געווען צו שמידן קודם־כל דעם פיזישן פּאַנצער. דאַרף מען זיכער געדענקען, אַז מדינת ישראל האָט נאָך דאָס גרויסע וואָרט פונעם יידישן געפיל און גייסט נישט דערזאָגט. אָבער דווקא דער אָפּנויג אין דער שווערדס זייט אַריין האָט אונדז געגעבן מער מעגלעכקייטן צו ווערן דאָס וואָס מיר מוזן און קענען להבא: אומקערער צום אידעאַל פון אחרית הימים.

יב.

איך וויל דערמיט נישט פאַרענטפערן אַלע טענות וועגן דעם וואָס קומט פאָר אין דער מדינה. אָבער ביי די בעלי־טענה קומט אָפט צום אויסדרוק אַ צו־האַרבע אַנטוישונג; גלייך ווי מען וואָלט געקענט פּראָדוצירן גאונות אין אַ מאַקסימום מאָראַלישקייט אויף באַשטעלונג — ביי אַ ל ע אומשטענדן און אין דער קורצסטער צייט. טיילמאָל הערן מיר טענות, אַזויווי מיר וואָלטן געווען לכתחילה געהאַט אַ גענויע סכעמע פאַר דער מדינה; אַזוי ווי דער פּלאַן איז אַלעמאָל געווען פיקס און קלאָר — נאָר די מנהיגים זענען געווען צו־שוואַך אים אַדורכצופירן.

מען מוז אָבער זיין אַן אפיקורס אין דער עקזיסטענץ פון אַזאַ סכעמע — סיידן מען נעמט אין באַטראַכט אַ ריי ליכטיקע חלומות און אוטאָפּיעס. קיין פאַרטיקער שולחן־ערוך — פון מאָראַליש־גייסטיקן כאַראַקטער — פאַר אַזאַ באַשאַף ווי אַ יידישע מדינה האָבן מיר נישט געהאַט. גיכער האָבן מיר זיך פאַרלאָזט אויף דער אינטואיציע פון „זעלבסטפאַרשטענדעכקייט”. אַפילו אין דער מחנה פון טרוימער זענען געווען פאַרשיידענע שפּליטערונגען. די פּיס האָבן געשפּרייזט און די הענט האָבן געטראָגן ציגל צום ציל — אָבער וועגן א י ם ג ו פ א האָט יעדער מוח געהאַט אַן אַנדער פאַרשטעלונג. טייל האָבן בעיקר געוואָלט זען די עקאָנאָמישע רעהאַביליטאַציע פונעם יידישן פאָלק און דורך דעם דערהאַלטן די גייסטיקע גלייכוואָג. אַנדערע ווידער האָבן בעיקר געוואָלט זען אונדזער פּאָליטישע גלייכקייט. „געזונטע עקאָנאָמיק” אָדער „אַ פּלאַץ אויף דער פעלקער־אַרענע” זענען טאַקע געווען ממשותדיקע אידעאַלן — אָבער קיין פאַרטיק בילד פון אינערלעכן מדינה־לעבן האָבן זיי נישט גע־שאַפן.

אַפילו יענע מחנה, וואָס האָט אינעם ערשטן גאולה־פּאַראַגראַף אַריינ־געשריבן די יידישע נשמה־באַנייאונג — האָט זיך קיין קאָנקרעט בילד, וואָס זאָל קענען אָנגענומען ווערן פון גאַנצן פאָלק, נישט געשאַפן. אַלע חלומות, אויב מיר ווילן עס צוגעבן אָדער נישט, האָבן געוואַרט אויפן פ אַ ק ט גופא: אַז עס וועט שוין זיין די מדינה, וועט מען ערשט וויסן וויאַזוי צו געשטאַלטן

זי. לאָמיר נאָר האַלטן דערביי. אפשר איז דאָ געקומען צום אויסדרוק אַ געז־זונטער רעאַליזם, הגם דער ציוניזם האָט געלעבט מיט ראָמאַנטיק.

דאָס בילד פון יידישן לעבן אויף אייגענער ערד האָט על פי רוב געמוזט ווערן געשילדערט מיט סענטימענטאַל־רירנדיקער זיסקייט — על פי נוסח אברהם מאפו. די קליינע און גרויסע פרטים פון טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן גאָרנישט געקענט אויסגעאַרבעט ווערן. טאַקע דערפאַר האָבן מיר אַזויפיל צו טאָן מיט זיי אין דער תקופה פון פאַרווירקלעכונג.

למען האמת, וואָלט דער פריערדיקער ציוניזם סיידוי נישט געקענט שאַפן אַזאַ מין קאָנקרעט בילד — ווייל דאָס יידישע לעבן האָט זיך כסדר געהאַלטן אין ענדערן, יעדער געניוער פלאַן וואָלט במילא געמוזט בטל ווערן. ציוניזם האָט נאָר געקענט שאַפן — די ראַם, אין וועלכן מ׳זאָל אַריינשטעלן דאָס בילד, ווען די צייט וועט קומען.

ערב דער מדינה־גרינדונג זענען אירע מנהיגים געשטאַנען פנים אל פנים מיט אַ ניי פאָלק, וואָס די צייט האָט נאָר־וואָס איבערגעפורעמט. סיי די מזרח־אייראָפעאישע צרות פון טויט און סיי די רוסישע פאַרשטומונג — פון דער שלעכטער זייט — און סיי דער וווקס פון אַמעריקאַנער יידנטום, פון דער גוטער זייט, האָבן פאַרענדערט דאָס פנים פון פאָלק. דער ציוניזם האָט טאַקע געמאַכט דעם ווייט־זעענדיקסטן פראָגנאָז בנוגע דעם גורל פון אַ סך גלות־לענדער — אָבער ער איז דערמיט נאָר אויסן געווען צו וואָרענען לעבעדיקע יידן אין די קלאַסישע גלותן. מיט דער גאַנצער האַרבקייט פון זיין אַנאַליז, האָט ער נישט געוואָגט צו צייכענען קיין פלענער פאַר אַ יידנטום שוין נאָך אַזאַ אומקום. סיידוי האָט מען אים פאַרשריגן ווי בייזע שוואַרץ־זעערי — האָט נאָך געפעלט צום רומל דאָס אַוועקשטעלן זיך אין מיטן אַ לעבעדיק יידנטום און שמידן פלענער פאַר אַ יידיש פאָלק נאָכן אויסגעקוילעט ווערן...

דער ציוניזם האָט בכן נישט געקענט פלאַנירן וועגן דריי דערשיינונגען פון דער נייער צייט: א) וועגן אַ פאָלק נאָך אַזאַ שחיטה. ב) וועגן אַ טייל יידישע תפוצות, וואָס אין זייער באַוווסטזיין קען נישט אַריינדרינגען דער פאַטעטישער פראָגנאָז וועגן קלאַסישן גלות. ג) דאָס רעאַלע בילד פון אַ שויןפאַראַנענער מדינה. שפּעטער איז אָבער געקומען דער מעכטיק־צעפּייניקטער שטראָם, וואָס די ציוניסטישע באַזע האָט אים געמוזט אויפנעמען. האָט נישט איין אויסגעבענקטער אידעאַל געמוזט אָפּגעלייגט ווערן אויף בעסערע צייטן. דער בראשית האָט זיך געמוזט אָנהייבן נאָך אַ מוראדיקן סוף — און אַפילו זיך לאָזן דיקטירן פון אים. איינע פון די מוטיקסטע דערגרייכונגען, וואָס מדינת ישראל האָט באַוויזן, איז טאַקע געווען: וואָס זי האָט זיך נישט גע־

לאָזט פירן פון דאָגמעס, נאָר געלאָזט דאָמינירן דעם פאַרצווייפלטן שטראָם. די כוואַליע פון מעפּילים, פון געראַטעוועטע שאריתן און אַפילו היסטעריעס האָבן איבערגעיאָגט אַלע פּראָגראַמען. די מדינה האָט זיי נישט געפּרוווט אַריינפּאַסן אין קאַלטע פּאַראַגראַפן, נאָר אויסגעברייטערט איר ראַם לויט די נויטן. דאָס איז געווען — און איז עד־היום — אַ ריזיקאַלישער שריט. אָבער לאָזן די מאַסן יידן אין זייערע פּחדים איז נאָך ריזיקאַלישער. האָט דער יידישער גורל געגעבן דעם טאָן.

ביז היינט זענען פאַראַן חכמים ונבונים, וואָס ציילן מיט קילער ניכטער־קייט יעדן פּרינציפּ, וואָס איז דערביי געפאַלן ווי אַ צייטווייליקער קרבן. זיי שטעלן זיך אָבער נישט פאַר, וואָס עס וואָלט געוואָרן פון מיליאָנען יידן — ווען די מדינה זאָל נישט געווען בייגן דעם קאָפּ פאַר די קאַטאַסטראָפע־כוואַליעס. אַזויפיל יידן מיט צעשמעטערטע גלויבנס און פאַרוואונדיקטע פּערזענ־לעכקייטן וואָלטן זיך ערגעצוו געמוזט אַהינטאָן. ווער וואָלט דעם שטראָם אַקומולירט? אין אַנדערע ישובים — אָן דער היילנדיקער ווירקונג פון נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע, וואָס די מדינה האָט זיי געגעבן — וואָלט זי־כער געקומען צו שעדלעכע אויפרייצן און אויפרייסן. די ייִנגע מדינה האָט דאָ געשאַרט הייסע קוילן דירעקט פון היטלערס קאַלכאויוונס און סטאַלינס טייגעס. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די אימפּראָוויזאַציע האָט גובר געווען איבער יעדן פּלאַן.

און נאָך עפּעס: טעאָרעטיש האָט דער ציוניזם געהאַט אַ לאַנגן חלום וועגן אַ פולן קיבוץ גלויות. דאָס האָט געמיינט: יידן פון אַלע וועלט־ווינ־קעלעך. דער דמיון האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט ביי די בלויזע צוויי ווערטער. מיט וויייניקע אויסנאַמען האָט די פרע־מדינהשע ליטעראַטור פון ציוניזם כמעט נישט געטראַכט, צו וואָס אַזוינס אַזאַ קיבוץ־גלויות איז מחייב; וויאַזוי דער ייד פון ווייטן אינדיע וועט ווערן איינס מיטן ייד פון פּוילן אָדער ענגלאַנד. דאָס אַלץ האָט מען געלאָזט פאַר דער השגחה עליונה פון די רעאַלע צייטן. אין דעם רוב פון קלאַסיש־ציוניסטישע ווערק איז דער בליק נאָר אָנגעשטעלט געוואָרן אויפן ייד פון די מאָדערנע ציוויליזאַציעס. דאָס ספּעציפישע פּנים פון די מזרח־עדהס האָט מען נישט דערזען. אינעם באַגריף פון קיבוץ־גלויות איז טאַקע איינגעשלאָסן געוואָרן די געפּאַקטע עולים־שיף פון אַדען און מאַראָקאָ, אָדער פון תימן און איראַק. אָבער אַלע פּראָגראַמאַטישע אַנאַליזן האָבן בלויז געזען דעם אייראָפּעאישן ייד אין אַלע זיינע גלגולים. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די מדינה איז געבליבן שטיין פאַר התחייבותן, וואָס דער ציוניזם האָט זיי נישט געקענט פאָרויסזען. דאָס איז נאָר איין ביישפּיל, וויאַזוי די מדינה איז געשטעלט געוואָרן פאַר די שווערסטע אימפּראָוויזאַציעס אין דער גע־

שיכטע. נישט אַלץ האָט זי געקענט מייסטערן. אָבער וויפל זי האָט באַוויזן, דאָס האָט דעמאָנסטרירט יענע אינסטינקטיווע געניאַליטעט — וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פאָרט באַוויזן איינצוהאַלטן, שוין נאָכן אַדורכמאַכן אַזאַ בעסטיאַל־דעמאָראַליזירנדיקע צייט. קיינער וועט דעם דאָזיקן נס פון ציוניסטישן הויז נישט קענען אַוועקרויבן.

יג.

בלויז ביי אַזעלכע מאָמענטן האָבן מיר טיילווייז און — לאָמיר האָפן, אַז צייטווייליק — געקענט פאַרלירן דאָס גליק פון ריינער אָרעמקייט, וואָס יענע אבות פון אַרבעטער־ציוניזם האָבן אַרויסגעהויבן. וואָס מיינט עס? זייער פשוט: ווילנדיק אָדער נישט, איז די אָפיציעלע פירערשאַפט פון דער מדינה טיילמאָל אַרונטערגעפאַלן דער מאַגישער סוגעסטיע פון געלט.

בכדי איינצוהאַלטן דעם ניוואָ פון פאַרטיידיקונגס־כוח; בכדי צו קענען באַזעצן די גרעסטעוועטע און בכדי צו בויען נייע ישובים — האָט מען געדאַרפט האָבן די געהעריקע מיטלען. דערפאַר האָט מען געמוזט אָנקומען צו די בעלי־המאה, אַז זיי זאָלן פרייוויליק שטיצן. האָט מען זיי ביסלעכווייז געמוזט אַרויפבעטן צו דער מזרח־וואַנט, רעכענען זיך מיט זייער געשמאַק און — לאָמיר עס אָפן צוגעבן — אַפילו וואולגאַריזירן די אויפקלערונג. דער אידעאַלער אַרבעטער־עלעמענט, וואָס האָט אין די שאַפנדיקע הענט געזען דעם העכסטן אויסדרוק פון יידישער פרייהייט, האָט מיטאַמאָל דערזען וויאַזוי זיין חשיבות ווערט אַראָפּגעגנידערט; וויאַזוי די אַקציעס פונעם גרויסן בעל־יכולת שטייגן אויף די נאַציאָנאַלע האָריזאָנטן. דאָס האָט דערפירט נישט צו ווייניק אינערלעכע אויפברויזן און אַנטוישונגען — וועגן וועלכע מען וואָלט געקענט אָנפולן גאַנצע ביכער.

די מדינה, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען נאַציאָנאַלן שטאָלץ פון העכסטן גראַד, האָט זיך אָפט געמוזט אַראָפּבייגן צו יעדן איינעם, וואָס קען געבן אַ גראָבע מטבע. דערפאַר האָט דער גייסט־מענטש מיט ליידיקע הענט טיילמאָל געמוזט פאַרזען ווערן — אויב נישט פאַרגעסן ווערן לגמרי. דאָס האָט געמוזט אויסניכטערן גאַנצע שיכטן פון יוגנט; זיי שטויסן צום זוכן מאַטעריאַליסטישע קאַריערעס; אַרויסהייבן דעם חומר איבערן רוח.

יענע הייליקע אָרעמקייט — וואָס איז באַזונגען געוואָרן פון ר׳ יהודה הלוי ביז א. ד. גאָרדאָן — האָט אָנגעהויבן פאַרלירן איר אידעאַליסטישן גלאַנץ. אינעם שווערן געראַנגל פאַרן דערהאַלטן די מדינה האָבן מיר אויך געמוזט אויסשטעלן אויף יעדער גוט וואָרט אין דער וועלט־עפנטלעכקייט —

און במילא ווייטער קוקן מיט גרויס פורכט „זיין מאַיעסטעט, דעם גוי״ אין מויל אַריין — הגם אַמאָל האָט דער ציוניזם דאָס איראָניש באַטראַכט ווי אַ גלות־דערשיינונג. אומצייליקע שטריכן, וואָס דער אוטאָפּישער ציוניזם האָט אָפּגעוואָרפן, זענען ווידער קאַפּויער געקומען אין אַ נייעם גלגול. אַזוי למשל האָבן מיר אייביק געקוקט קרום אויפן אַסימילאַטאָריש־זאַטן טיפּ, הגם ער באַוויליקט אונדז אַמאָל צו שענקען אַ שמייכל. אָבער אין מדינת ישראל האָט מען טיילמאָל געמוזט אויפנעמען מיט פּאַראַד האַלבע משומדים, אויסגע־דאַרטע נשמות און סתם־פּוסטע באַרימטקייטן אין דער וועלט פון ביליקער פּאַרוויילונג — בלויז דערפאַר ווייל מען האָט ביי זיי געוואָלט אַרויסרופן אַ מינוט פון הילפס־גרייטקייט...

אָבער הינטער די אַלע קאָנצעסיעס איז פּאַרט שטיין געבליבן דער גרוי־סער ציל; די שווער־וואָגיקע אויפגאַבע פון ראַטעווען, צוליב וועלכער מען האָט געמוזט איינגיין אויף מסירת נפש איז פריער־דערמאָנטן זין: אָפּ־זאָגן זיך פון שטיקער ציוניסטיש־באַוווסטזיניקער נשמה. דאָס זענען נאָך אַלץ עטאַפּן פון ערב־ווערן דאָס וואָס מען דאַרף צו זיין.

עס איז אָבער אומבאַדינגט נייטיק, אַז ביי אַלע טויערן פון דער מדינה זאָלן שטיין אייביקע נישט־פאַרגעסער, וועלכע זאָלן דערמאָנען און וואָרענען: מיר פאַרשטייען טאַקע אַלצדינג — אָבער מיר ווילן נישט פאַרגעסן: דאָס זענען נאָר צייטווייליקע דערשיינונגען. ביי דער ערשטער געלעגנהייט מוזן מיר זיך באַפרייען פון זיי און אומקערן זיך אַהין, ווו מיר מוזן געהערן.

יד.

פאַר יענע דערמאָנער מוז אויך קלאָר ווערן: די גרויסקייט פון מדינת ישראל וועט קיינמאָל נישט קומען צום אויסדרוק אין וועלטלעכע מאָסן. אַפילו ווען מיר זאָלן נישט מוזן שטיין כסדר מיט דער שווערד אין האַנט — וואָלט סיי די עקאָנאָמישע, סיי די פּאָליטישע און סיי די גייסטיקע רעהאַביליטאַציע נאָך געמוזט דויערן לאַנגע יאָרן. נישט אַזוי שנעל קענען מיר ווערן אַזאַ גרויס פאָלק אין פּראַקטישן זין, ווי עס זענען אַ ריי פעלקער. הגם אויך זיי זענען אָן ספּעציעלן אָנזען אויף דער וועלט־אַרענע.

עס קלינגען דערפאַר נאַאיוו אַ ריי געשרייען — פון היימישע עקסטרע־מיסטן און פאַרשיכורטע — אַז מדינת ישראל מוז בעיקר דערגרייכן איר „געהעריק אָרט אויף דער פּאָליטישער אַרענע״. אויב עס גייט אין שטח, ווער שמועסט נאָך וועגן דער צאָל תושבים, זענען מיר נאָר בכוח איינצופלאַנצן אין זיך אַליין די נייטיקע מאָס שטאָלץ מיטן דערגרייכטן. מיר וועלן אָבער באַין אופן נישט קענען דערמיט אימפּאָנירן יענע זייטיקע, וואָס וועלן אונדז

מעסטן מיט אַנדערע מאָכטן. אויב מיר זאָלן זיך בלויז קאָנצענטרירן אויף פיזישער גרויסקייט — ווי דעם אייביקן הויפּט־ציל — איז עס נאָך זיכער אַ ווייטער און שווערער וועג. אַפילו אונדזער חלום וועגן ווערן די „פירנדיקע גרויסמאָכט פון מיטעלן מזרח" איז נאָך ווייט פון פּראַקטישער רעאַליזאַציע. ווי אויסגעשולט און דערהויבן אונדזער אַרמיי זאָל נישט זיין — און לאָמיר האָפן, אַז זי וועט אַלץ בעסער ווערן — קענען מיר נישט דערמיט אַרויסשטעלן מדינת ישראל ווי דעם אידעאַל פון דורות. דאָס זענען אַלץ באַרעכטיקטע נויט־צילן, אָבער נישט קיין העכערע פענער. ישראלס פּרעסטיזש, ווי דאָס גרויסע פאָלק פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וועט דורך אַזעלכע אַמביציעס נישט דערגרייכן דעם הויכפּונקט. מיר קענען זיך דערמיט העכסטנס פאַרפאַנצערן קעגן איינגעשלונגען ווערן פון די נאָענטע שכנים.

די צייט פון גיגאַנטישע וועלט־בלאָקן, אַרמייען פון צענדליקער מיליאַנען, פאַנטאַסטישע געווערן, ריזיקער אינדוסטריאַליזאַציע און טעכנישע וווּנדער־גולמס — וועט אונדז אַלעמאָל לאָזן שטיין אין ווינקל. אַלע רייד וועגן אַ מיליטעריש־שטאַרקער און פעסט־באַוואָפנטער מדינת ישראל קענען זיך נאָר באַגרענעצן צו דער מוראדיקער נויט און לעוואַנטינישע מאָסן. אָבער פאַר דער אייגענער געשיכטע מוזן מיר זיך קאָנצענטרירן בלויז אויף יענעם שטח, ווו מיר האָבן באמת שאַנסן גרויס צו ווערן און אימפּאָנירן.

דער דאָזיקער שטח, ווו אַ יידישע מדינה קען זיך אַרויסהייבן פון איר נומערישער צאָל און געאָגראַפישער שמאָלקייט, ליגט נאָך אַלץ אין די ספערן פון גייסט און עטישער העכערקייט. עס וועט אונדז גאָרנישט העלפן, ווייל דעם שטח פון פיזישער גרויסקייט האָבן מיר שוין לאַנג פאַרשפּילט. אונדזער גורל איז אַ גייסטיקער. דערויף האָבן געאַרבעט אונדזערע יאָרהונדערטער, אונדזער דורותדיקער אינטעלעקט און אונדזער באַשערטקייט.

זיכער איז אונדזער יאָרהונדערט ווייט פון אַזעלכע אויפגאַבן. אָבער ער מוז זיך דערנענטערן צום איבערברוך. אין די נאָענטסטע יאָרן, אָדער יאָרצענדליקער, וועט די וועלט — אַפילו דורך „כולו חייב" — מוזן דערגרייכן צו דער לעצטער סטאַציע. ביסלעכווייז הייבן אָן די אַרמייען צו ווערן איבעריק און וויבאַלד די וועלט וועט נישט אַריינגעטריבן ווערן אין שגעון — וועלן אויך די מלחמות מוזן פאַרגעסן ווערן. יעדער לייזונג צווישן פאָלק און פאָלק וועט מוזן פירן צו מענטשלעכע קאַטעגאָריעס. דווקא די רשעותדיקסטע מאָרד־מכשירים וועלן דערפירן צו דער מידקייט פון שרעק — און נאָך יענער מידקייט קען די יידישע מדינה האָבן איר גרויסן שאַנס. אויב עס זאָל זיך האַנדלען אין אַ פרידלעכן פאַרמעסט צווישן קולטורן — קען זי ווערן אַן אָנגעזעענער צד אַפילו צווישן גרויסע פעלקער.

אמת: דערווייל איז גייסט נישט קיין געהויבענע מטבע אויפן וועלט־מאַרק. אָבער עס גייט דערצו, אַז ער זאָל ווערן דער איינציקער כוח, וואָס קען באַרויִקן די צעשרויפטע וועלט. וויפל מדינת ישראל קען זיך דערווייל נישט אָפּגעבן מיט גייסטיקער פּאַרטיפונג — מוז זי עס אָבער באַטראַכטן ווי אַ נויטווענדיקייט פאַר דער נישט־ווייטער צוקונפט. אַן אייגענער צענטער פון יידישן פאָלק אויף אייגענער ערד קען בפירוש אַרויסשטעלן און פּראָקלאַמירן אייביקע יידישקייט ווי אַ וו ע ל ט ־ א י ד י י ע, וואָס איז בכוח צו ברענגען טרייסט און לייטזעליקייט פאַר הונדערטער מיליאָנען. אַ גוט־פאַרמולירטע און סיסטעמאַטיזירטע פילאָזאָפיע פון יידנטום קען ווערן אַ גרויסער פאַקטאָר צווישן די וועלט־קולטורן. וואָלט מען אפשר שוין איצט גענדאַרפט סובלימירן אַפילו די „אַגרעסיע״־חלומות אין ד ע ר ריכטונג.

אַ סך פעלקער, אָדער גרויסע טיילן פון זיי, וועלן זיך סוף־כל־סוף מוזן אומקערן צום שווערדלאָזן חלום פון אַ ריין לעבן: צו מאָראַלישע עמאָציעס און באַגריפן, וואָס שטייען אויף יענער זייט פון ברוטאַלן כוח. ד אָ קען זיי שוין דאָס יידישע פאָלק בפירוש דינען ווי אַ מוסטער און לערער, אין זכות פון אונדזערע דערפאַרונגען. מדינת ישראל קען דאָ אַרויסוואַקסן צום גרויסן סימבאָל.

שוין איצט, אַ צענדליק יאָר נאָכן געשאַפן ווערן, ציען זיך צו איר אַ סך הונדערטער פאַרבענקטע נשמות פון דער נישט־יידישער וועלט. דער נס האָט אויף זיי ש ו י ן געווירקט. מיר האָבן אָבער דערווייל פאַרגעסן אויסצופאָרשן געענוי: וו ע ל כ ע ר ש ט ר י ך א ו נ ד ז ע ר ע ר האָ ט ז י י א י מ פּ אָ נ י ר ט? דאָס וואָלט אונדז אפשר געוויזן, אין וו אָ ס אונדזער כח באַשטייט און וואָס מיר דאַרפן אין זיך נאָך שטאַרקער אַנטוויקלען.

אני מאמין... אַז מדינת ישראל וועט איבערלעבן אַלע סכנות פון אונדזער נאַקעטער כוח־עפּאָכע. פּונקט אַזוי גלייב איך באמונה שלימה, אַז די אַלע חסרונות פון דער מאַטעריאַליסטישער צייט — און פון אירע טעגלעכע נויטן — וועלן פון איר אַראָפּפאַלן ווי טרוקענע שאָלן. איך בין אויך זיכער, אַז פון דעם גרויסן אוצר יידישקייט קענען מיר אויסגראָבן אַזאַ ליכטיקן סוד פאַר דער גאַנצער וועלט, וואָס קען פאַרברידערן מיט אונדזער מאַרך און חלום צענדליקער מיליאָנען. מיר דאַרפן באַצייטנס אָנהייבן אַריינטראַכטן א י ן זיך מער ווי קוקן א ו י ס ע ר זיך. דערמיט וועט זיך עפענען די צווייטע תקופה פון מדינת ישראל — די מענטשלעך־יידישע און גערלדיק־אייביקע.

ניו־יאָרק, 9־1954.

אינהאַלט

אַ וואָרט צום לייענער — 5

דאָס היסטאָרישע ייִדנטום ערב אַ נייעם נוסח — 7

וויכוח אין דער פינצטער — 61

ייִדישע תשובה — 85

דוד הראובני אין מאָסקווע — 127

אַ דערשראָקענער נביא אַנטלויפט פאַר גאָט — 157

שומרים פאַר ווערטער — 189

ביימער אין דער מדבר — 213

אָן אַ וויזיע — 225

אני מאמין... במדינת ישראל — 237

ביז איצט־דערשינענע ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

צו אייך ברידער און שוועסטער באַפרייטע — ניו־יאָרק, 1945.

אין אַ פרעמדן דור (לידער און פּאָעמען) — פּאַריז, 1947.

מײדאַנעק — פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס איירעס, 1947.

די ערשטע ליבע פון קאָפּל מאטש (ראָמאַן) — פּאַריז, 1948.

אין די פאַבריקן פון טויט — פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום, ב"א, 1948.

ווערק צע (צוויי בענדער) — פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", ב"א, 1950.

גורלות (צוויי בענדער) — פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", ב"א, 1952.

געאָרעמט מיטן ווינט (צוויי בענדער) — פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", ב"א, 1955.

אינדזלען אויף דער ערד (נאָוועלן) — ניו־יאָרק, 1957.

נרות שדכבו — תל־אביב, 1948.

פאַרלאַג
פּועלי ציון-התאחדות

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים.
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל
7. ד"ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. י. לעשטשינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום
9. מ. גראָס־צימערמאַן — יידן צווישן יידן
10. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
11. רחלס לידער
12. מענדל מאַן — די גאַס פון בליענדיקע מאַנדלען
13. אריה לעאָן קובאָווי — וואָרצלען און פליגלען
14. שלמה סיימאַן — אין די טעג פון די ערשטע נביאים
15. יוסף ווייץ — זכרונות
16. אפרים אויערבאַך — גילדענע שקיעה
17. מרדכי שטריגלער — שמועסן מיט דער צייט

אין שפּאַניש:

Marie Syrkin: Al Servicio de una Causa
Ab. N. Polak: Así se forjó el Estado de Israel

אין גיכן דערשיינט:

18. יצחק יאַנאַסאָוויטש — פּנימער הינטער מאַסקווע
19. יעקב גלאַטשטיין — אין תוך גענומען (דריטער באַנד)
20. זלמן שזר — ליכטיקע פּערזענלעכקייטן

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

•

SHMUESN MIT DER TZAIT

•

Copyright by
M. STRIGLER
New York

Hecho el depósito que marca la ley 11.723

Buenos Aires

Editado por
Poale Sion Hitajdut

Departamento
Ediciones "**KIUM**"

M. STRIGLER

COLOQUIOS CON EL TIEMPO

(ENSAYOS)

BUENOS AIRES

1959

Este libro se terminó de imprimir
el día 5 de agosto de 1959, en los
Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN S.R.L.,
calle Corrientes 1976 - Buenos Aires.